STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09939

DI KULTURGESHIKHTE

Ph. Krantz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דיא אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק.

דיא קולטורגעשיכטע

דער מענש און זיין אַרבייט

זייט ער האָט זיך בעוויזען אויף דער ערד
ביז אונזער צייט.

צוזאַמענגעשטעלט נאָך פיעלע וויסענשאַפטליכע ווערק איבער דעם
לעבען און פיהרונגען פון מענשען אין אַלע צייטען און לענדער.
מיט פיעלע ערקלערענדע צייכנונגען.

— פון —

פיליפ קראַנץ

דריטער באַנד.

פינפטע אויפלאַגע.

ארויסגעגעבען פון
א. מ. יעוואַלענקאָ, ניו יאָרק.

Copyright by the International Library Publishing Co., 1903.

דריטער באנד.

גייסטיגע קולטור:

שפּראַכען, שריפטען, רעליגיאָנען.

אינהאלטס פערצייכניס.

קאַפּיטעל		זייטע
1	דיא מענשליכע שפּראַך־פעהיגקייט	3
2	דיא ענטוויקלונג פון שפּראַכען	14
3	פערשידענהייט פון שפּראַכען	26
4	אינדאָ־אייראָפּעאישע שפּראַכען	44
5	סעמיטישע שפּראַכען	64
6	חאַמיטישע שפּראַכען	76
7	ראַסען און שפּראַכען	86
8	דער אָנפאַנג פון שריפטען	96
9	דיא ענטוויקלונג פון היעראָגליפישע שריפטען	111
10	דער פיניקישער אַלפאַבעט און זיין פערשפּרייטונג	125
11	צאָהלען און מאָסען	141
12	דיא ענטשטעהונג פון א גלויבען אין גייסטער	149
13	דער נאַטירליכער פונדאַמענט פון רעליגיאָנען	163
14	דער גייסטער־קולט און זיינע ערשטע פאָרמען	175
15	גייסטער, געטער און גאָטעסדיענסט	192
16	קאַניבאַליזמוס און מענשליכע קרבנות	208
17	כפּרות און ערלייזונגען	231
18	דיא פערגעטערונג פון ווערטער און צאָהלען	250
19	פעטישען און סימבאָלען	272
20	מכשפים און כהנים	300
21	מיטהאָלאָגיע	318
	אַלפאַבעטישער אָנצייגער	345

ערשטער קאפיטעל.

דיא מענשליכע שפראך־פעהיגקייט.

געשרייען און זילבען־קלאנגען. — דיא ארטיקולירטע שפראך. — מארך־קראנקהייטען. — דער צענטער פון דער ארטיקולירטער שפראך. — דיא נאטירליכע פעהיגקייט און דיא קונסט צו ריידען. — דיא באבע־מעשה וועגען פרעה פסא־מעטיך. — דער אנפאנג פון ארטיקולירטע שפראכען. — מענשענארטיגע בע־שעפעניסען.

עס איז שווער צו זאגען, צו וואס דער מענש וואלט דערגרייכט מיט אלע זיינע גייסטיגע פעהיגקייטען, ווען ער וואלט ניט בעזעסען דיא פעהיגקייט אויסצודריקען זיינע גדאנקען מיט געוויסע ווערטער. מען מעג זאגען, אז דער אמת'ער אנפאנג פון מענשען איז נאר גע־ווען, ווען זיי האבען זיך אויסגעלערנט וויא עס איז צוזאמען צוריידען זיך דורך בעשטימטע קלאנגען. מיט קיין זאך אונטערשיידעט זיך ניט דער מענש אזוי פיעל פון אלע חיות, וויא מיט זיין ספעציעלע פע־היגקייט ארויס צו ריידען אזעלכע קלאנגען, פון וועלכע דיא פערשיע־דענע שפראכען ווערען צוזאמענגעשטעלט.

חיות דריקען אויך אויס זייערע געפיהלען און אבזיכטען דורך געוויסע קלאנגען, אבער וויא פיעל פערשיעדענע קלאנגען זיי זאלען ניט קענען אויסשרייען, קענען זיי דאך אויף קיין פאל ניט ארויסריידען דעם מינדעסטען ווארט פון א מענשליכע שפראך. זיי לאזען ארויס געשרייען נאך דיא נאטור פון זייערע העלזער און ארגאנען, אבער

צערגלידערן דיזע געשרייען אויף זילבען איז גאַנץ אונמעגליך ניט נאר פאַר זיי אליין, זאָנדערן אפילו פאַר מענשען. אונזערע אייגענע אויסגעשרייען קענען מיר אויך ניט ארטיקולירען, דאס הייסט אויסשפּרעכען אין זילבען אדער בעזונדערע קלאַנגען וויא מיר טוען עס מיט אונזערע ווערטער. דיא קלאַנגען, וועלכע מיר בענוצען אין אונזער שפּראַך, זיינען גאַנץ אַנדערע וויא דיא קלאַנגען, וועלכע רייסען זיך ארויס פון אונזערע העלזער, ווען מיר דריקען אויס פריידע, טרויער, צאָרן, שרעק, געלעכטער א. ז. וו. מיר פערצייכענען אפילו מיט בוכשטאַבען דיזע הילכיגע אויסדריקע פון אונזערע געפיהלען, וויא צום ביישפּיעל אונזער געלעכטער, מיט דיא זילבען „כאַ, כאַ, כאַ“, „כע, כע, כע“, „כי, כי, כי“, אבער דיזע זילבּען זיינען בלויז צייכענס פון אונזער לאַכען, דעם נאַטירליכען קלאַנג פון אונזער געלעכטער געבען זיי ניט איבער און קענען אויך ניט איבערגעבען. מיר פערציי־כענען אויך געוויסע אויסגעשרייען פון חיות מיט געוויסע זילבען; אָבער ווען מיר וואָלטען מיט אונזערע אייגענע אויערען ניט געהערט דיזע אויסגעשרייען, וואָלטען מיר זיך גאר ניט געקענט פאָרשטעלען נאך דיזע צייכענס, וויא דיא חיות שרייען אין דער ווירקליכקייט.

וויא געזאָגט, דיא בעשטימטע אויסגעשרייען פון יעדער חיה קען מען גאר ניט צערגלידערן אויף זילבען אָדער ארטיקולירען מיט ווערטער. דיא קלאַנגען, וועלכע מיר געברויכען אין אונזערע שפּראַ־כען, זיינען אַזעלכע, וואס קיין חיה קען ניט ארויסריידען. אויס־נאַהמען זיינען נאר אייניגע סאָרטען פייגלעך, בעזאָנדערס פּאַפּוגאַיען; אבער יעדערער וויים, אַז זיי קענען בלויז נאָכמאַכען אונזערע קלאַנגען, ווען מען לערנט זיי עס א געוויסע צייט, און אַז זיי פערשטייען גאָר ניט דיא בעדייטונג פון דיא ווערטער, וועלכע זיי ווידערהאָלען אָהן אויפ־הער. דיא פּאַפּוגאַיען פעהלט דיא דענקונגס־קראַפט צו בענוצען זיך מיט זייער קוריעזע פעהיגקייט אויסצושפּרעכען ווערטער. ווען אַפּעז וואָלטען געקענט אויסלערנען אויסצוריידען ווערטער, וואָלטען זיי שוין אויך געקענט פערשטיין אביסעל זייער בעדייטונג. קורץ, וויא דאַרווין זאָגט אין זיין ווערק איבער דעם אורשפּרונג פון מענשען: „דיא אַרטיקולירטע (צערגלידערטע, זילבענאַרטיגע) שפּראַך איז א ספּעציעלע

פעהיגקייט פון מענשען, הגם זיי קענען אויך, וויא אנדערע חיות, אויסדריקען זייערע אבזיכטען דורך ניט־ארטיקולירטע (וואס מען קען ניט אויסדריקען מיט זילבען־קלאַנגען) געשרייען, דורך זשעסטען און דורך דיא בעוועגונגען פון דיא מוסקולען פון דיא געזיכטען.״

ווען אייגענטליך מענשליכע בעשעפּעניסען האָבען געקראָגען דיא פעהיגקייט צו אַן ארטיקולירטע שפּראַך, וויסען מיר ניט און מיר וועלען עס וואהרשיינליך קיין מאָל ניט דערגיין אויף ריכטיג. אפילו דיא סאָרטען אַפּען, וויא אָראַנג־אוטאַנגען, שימפּאַנזע און גאָרילאַס, וואס זיינען יעצט דיא נעכסטע בעשעפּעניסען צום מענשען, בעזיצען ניט דעם מינדעסטען אָנפאַנג פון דיזער פעהיגקייט. געלעהרטע האָבען לאַנג געזוכט צו געפינען דעם ספּעציעלען אָרגאַן, וועלכער ערלויבט אַ מענשען צו אונטערשיידען זיך פון אלע חיות דורך זיין שפּראַך־פעהיגקייט; אבער זיי האבען עס ניט געפונען. מיר קענען זיך דאָ ניט אריינלאזען אין אנאַטאָמישע נאַכפאָרשונגען וועגען דעם קערפּערגעבוי פון מענשען און אַפּען; מיר וועלען נור איבערגעבען דעם רעזולטאַט פון דיזע נאַכפאָרשונגען, אַז ניט אין דעם האלז, ניט אין דעם מויל און אפילו ניט אין דעם מאַרך פון מענשען האָט מען ביז יעצט ענטדעקט דעם ספּעציעלען אָרגאַן, וועלכער גיט נאָר דעם מענשען דיא מעגליכקייט צו בענוצען זיך מיט אַן ארטיקולירטע שפּראַך. אין דיזער הינזיכט עקזיסטירט אַ גרעסערער אונטערשיעד צווישען דיא נידעריגערע און העכערע סאָרטען אפען, וויא צווישען דיא מענשען און דיא העכסטע סאָרטען אַפּען.

דער פאַקט, אַז אפילו דיא ווילדעסטע מענשען קענען זיך שוין וויא עס איז צוזאַמענריידען, צייגט אָבער, אַז זיי מוזען דאָך בעזיצען אַ געוויסען אָרגאַן דערצו. אין וועלכען טהייל פון קערפּער געפינט ער זיך? דערויף גיט אונז נאר אַן אנטוואָרט א גרינדליכע אונטערזוכונג פון געוויסע גייסטיגע קראַנקהייטען. אַנדערס קענען מיר דערווײלע גאר ניט דערגיין וועגען דיזען פונקט. דיזע קראַנקהייטען טראָגען אין דער מעדיצינישער וויסענשאַפט דעם נאָמען אַפאַזיא (aphasia). זיי בעשטעהען אין דעם, וואס מען פערלירט מעהר אָדער וועניגער דיא פעהיגקייט צו ריידען, וואס מען בלייבט אָהן לשון. אין

מאַנכע פעלע ווערט א מענש אונפעהיג אויסצודריקען געדאַנקען, אין אַנדערע פעלע קען ער זיך ניט דערמאָנען געוויסע ווערטער. דער ערגסטער פאַל איז, ווען איין מענש פערשטעהט ניט וואס מען רעדט אָדער מען שרייבט צו איהם און קען אליין ניט אויסריידען אַ וואָרט. דאס איז פיעל ערגער וויא אַ געבאָרענער טויב־שטומער, דען אַ טויב־שטומער איז נור שטום, ווייל ער איז טויב. ער קען ניט ריידען, ווייל ער קען גאר ניט הערען. אז דאס איז אזוי, בעווייזען דיא פאַקטען, דאס מען לערנט אוים געבאָרענע טויב־שטומע אויסצוריידען ווערטער, הגם זיי הערען גאר ניט וואס זיי זאָגען. דיא פעהיגקייט צו בעגריי־פען דעם זינען פון ווערטער, זיי צו קאָמבינירען און אויסצושפּרעכען בעזיצען זיי אַלזאָ אַקוראַט וויא אַלע מענשען וואס קענען הערען וואָס זיי ריידען. אַ טויב־שטומער קען געגליכען ווערען צו אַ מענשען וואס זיינע פיס זיינען געבונדען. ביידע בעזיצען דיא נאַטירליכע פעהיגקייטען צו בעוועגען זייערע אָרגאַנען, נאר ביי דעם טויב־שטומען איז געבונדען דער געהער און דער געבונדענער קען גלייך אָנהייבען צו גיין וויא נור מען לאזט איהם פריי.

גאַנץ אַנדערש איז עס אָבער מיט איינעם, וואס ליידעט פון אַפאַזיאַ. ביי אַזעלכען ליגט דער פעהלער אין מאַרך, אין רעכטען צענטער פון דער פעהיגקייט צו דער אַרטיקולירטער שפּראַך. פיעלע געלעהרטע, און בעזאָנדערס דער בעריהמטער פראַנצויזישער אַנטראָ־פּאָלאָג בראָקאַ, האָבען ספּעציעל נאָכגעפאָרשט דעם מאַרך פון אַזעלכע, וואס האָבען געליטען פון אַפאַזיאַ. דער שלום צו וועלכען זיי זיינען געקומען איז, אַז דיא אורזאַכע פון דיזער קראַנקהייט ליגט כמעט שטענדיג אין אַ פערלעצונג פון אַ געוויסען טהייל אין דער לינקער העלפט פון מאַרך. דיא פעהיגקייט צו ריידען הייגגט אויך אָפּ פון דער רעכטער העלפט מאַרך, אָבער וויינינער וויא פון דער לינקער העלפט. דאַרום טרעפט עס, אַז דיא וואס האָבען אַ פערלעצונג אין דער רעכטער העלפט פערלירען נאַך ניט אין גאַנצען דיא פעהיגקייט צו ריידען.

געלעהרטע האָבען אויך אויסגעפונען, אַז דיא טהיילען פון דער לינקער העלפט מאַרך ענטוויקלען זיך ביי קינדער שנעלער, וויא דיא טהיילען פון דער רעכטער העלפט מאַרך, און אַזוי וויא דיא לינקע

העלפט מארך בעהערשט גראדע דיא בעוועגונגען פון דער רעכטער העלפט קערפער, זאָ געפינען מיר דאָ ציגלייך אַן ערקלערונג, ווארום מענשען בענוצען זיך גראדע מיט דער רעכטער האנט מעהר וויא מיט דער לינקער. א קינד כאפט זיך געוויינליך אָן מיט דער רעכטער האנט, ווייל זיין לינקער מארך ווערט פריהער ענטוויקעלט וויא דער רעכטער מארך. פון דעם דארפען מיר שוין שליסען, אז ביי דיא לינקע איז גראדע פער־קעהרט מעהר ענטוויקעלט דיא רעכטע העלפט מארך, וויא דיא לינקע העלפט, און אזוי איז עס טאקע. אין דער ווירקליכקייט זיינען אלזאָ דיא רעכטע אזעלכע וואס זיינען לינקע אין זייער מארך, און פאר־קעהרט, דיא לינקע זיינען אזעלכע, וואָס זיינען רעכטע אין זייער מארך.

מיר וועלען דאָ איבערגעבען אייניגע פון בראָקא׳ס ערקלערונגען וועגען דיזען זעהר וויכטיגען און אינטערעסאנטען ענין:

„פון אלע זאכען וואס מיר מוזען אויסלערנען, שרייבט ער, איז וואהרשיינליך דיא ארטיקולירטע שפראך דיא שווערסטע זאך. אונזערע אנדערע פעהיגקייטען, אונזערע אנדערע האנדלונגען און בעוועגונגען עקזיסטירען מעהר אָדער ווייניגער ביי חיות. אבער הגם חיות האָבען זיכער אידעען און הגם זיי וויסען וויא זיך צו מאכען פערשטענדליך דורך א ווירקליכע שפראך, זיינען זיי אבער דאָך ניט אין שטאנד צו געברויכען אן ארטיקולירטע שפראך. אָט דיזע שווערע און קאָמפליצירטע זאך מוז עס א קינד אויסלערנען אין זיינע ערשטע יאָהרען, און עס דערגרייכט דערצו ענדליך נאך לאנגע פראָבעס און נאך א זעהר פערשידענע ארבייט פון מארך. דיזע ארבייט מוז עס א קינד דורכמאכען גראדע ארום דער צייט, ווען זיין לינקע העלפט מארך שטייגט איבער אין ענטוויקלונג דיא רעכטע העלפט. דארום קענען מיר אננעהמען, אז דיא פריהצייטיגערע און ענטוויקעלטערע העלפט פון מארך וועט גיכער וויא דיא רעכטע העלפט אין שטאנד זיין צו לייסטען און אויסצופיהרען דיא גלייכצייטיגע גייסטיגע און מוסקולנע בעוועגונגען, דורך וועלכע עס קומט ארויס אן ארטיקולירטע שפראך.

„אזוי ווערען מיר עס צוגעוואָהנט פון קינדווייז אָן צו ריידען דורך דיא ווירקונג פון לינקען מארך, און דיזע געוואָהנהייט ווערט אזא טהייל פון אונזער נאטור, אז ווען מיר קענען זיך ניט בענוצען

מיט דער לינקער העלפט מאַרך, פערלירען מיר דיא פעהיגקייט אויסצודריקען אונזערע געדאַנקען מיט ווערטער. דאס הייסט פון דעסטוועגען ניט, אַז דיא לינקע העלפט מאַרך איז דער אויסשליסליבער אָרט פון דער אַלגעמיינער שפּראַך־פעהיגקייט, וועלכע בעשטייט אין אַ בעשטימטער פערבינדונג פון אַ געדאַנק מיט אַ צייכען. דאס הייסט אויך ניט, אַז דיא לינקע העלפט מאַרך איז דער צענטער פון דער ספּעציעלער פעהיגקייט צו אַן אַרטיקולירטער שפּראַך, וועלכע פעהיגקייט בעשטייט אין אַ פערבינדונג פון אַ געדאַנק מיט אַ זילבענאַרטיגען וואָרט. דיא רעכטע העלפט מאַרך האָט אייגענטליך אַזאַ ווירקונג אויף דיזע ספּעציעלע פעהיגקייט וויא דיא לינקע העלפט. און דער בעווייז דערצו איז, אַז אַ מענש וואס קריגט אַפאַזיא דורך אַ טיעפע און פערשפּרייטעטע פערלעצונג פון דער לינקער העלפט מאַרך, פערלירט נאר דיא פעהיגקייט אַליין איבערצוגעבען דיא אַרטיקולירטע קלאַנגען פון דער שפּראַך. ער פערשטעהט אָבער נאָך וואס מען רעט צו איהם, און דאס בעדייטעט אַז ער געדיינקט נאָך דיא בעציהונגען צווישען געדאַנקען און ווערטער.

„מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז דיא פעהיגקייט צו בעגרייפען דיזע בעציהונגען געהערט צו ביידע העלפטען מאַרך גלייך, און דאַרום קען איין העלפט דינען אַנשטאָט דיא אַנדערע אין פאַל פון אַ קראַנקהייט; אָבער דיא פעהיגקייט אויסצודריקען דורך בעשטימטע בעוועגונגען ווערטער, וואס זייער אויסשפּראַך ווערט נאָר ערוואָרבען נאָך אַ זעהר לאַנגע געוואָהנהייט, געהערט בלויז, וויא עס ווייזט אויס, צו איין העלפט און כמעט שטענדיג צו דער לינקער העלפט מאַרך. און גראַדע אַזוי וויא עס זיינען דאָ מענשען, ביי וועלכע דיא רעכטע העלפט מאַרך רופט גראַדע אַרויס אַ נאַטירליכע שטאַרקערע בעוועגונג פון דער לינקער האַנט, אַזוי קען עס אויך טרעפען, אַז דיא אָנגעצייגטע פעהיגקייט צו אַן אַרטיקולירטע שפּראַך ווערט ביי אייניגע מענשען גראַדע ענטוויקעלט אין דער רעכטער העלפט מאַרך. אַזעלכע **מענשען וועלען זיין רעכטע אין בעצוג אויף דיא בעוועגונגען פון דער שפּראַך, וויא עס זיינען דאָ לינקע אין בעצוג אויף דיא בעוועגונגען פון דער האַנט, אָבער ביידע וועלען זיין רעכטע נאָך זייער מאַרך.**

„דיא עקזיסטענץ פון א קליינע צאָהל מענשען, וואָס זיינען אויסנאַהמען מיט זייער פעהיגקייט צו ריידען דורך דיא ווירקונג פון דער רעכטער העלפט מארך, קען אונז גאַנץ גוט ערקלערן דיא אויסנאַהמס פעלע, ווען אפאזיא איז גראַדע דער רעזולטאַט פון א פערלעצונג אין דער רעכטער העלפט מאַרך.

„דערפון פאָלגט אויך, אז ווען דער טהייל פון לינקען מאַרך, וועלכער איז געוויינליך דער הויפט־פונקט פון דער אַרטיקולירטער שפּראַך, ווערט ביי אימעצען זיין אטראָפּירט (אָבגעשוואַכט, אָבגע־שטאָרבען) פון געבורט אָן, ווערט אזעלכער זיך אויסלערנען ריידען און ווערט קענען ריידען מיט דער הילפע פון דעם עהנליכען טהייל מאַרך אין דער רעכטער העלפט, אזוי וויא א קינד וואָס ווערט געבאָרען אָדער בלייבט אָהן א רעכטע האַנט, בעדיענט זיך עבענ־זאָ פלינק מיט זיין לינקער האַנט, וויא אַנדערע מיט זייער רעכטער האַנט.“

עס איז נאָך אבער ניט גענוג צו בעזיצען דיא נייטיגע אָרגאַ־נען צום ריידען, אום זיי גלייך אויסצונוצען אין אַן אַרטיקולירטע שפּראַך. מען מוז נאָך זעהר לאַנג מאַכען א סך איבונגען, אום דיזע אָרגאַנען זאָלען אַלע ווירקען וויא געהעריג און פאָלגען אונזער ווילען. דיא אויספיהרונג פון דער מענשליכער פעהיגקייט צו אַן אַרטיקולירטער שפּראַך איז א קונסט. א קינד פּלוידערט און רעט אַרויס ניט קלאָרע ווערטער א לאַנגע צייט, איידער עס קריעגט דיא געוואָהנהייט צו ברייננען אין דער נייטיגער בעוועגונג זיין מאַרך און מוסקולען אזוי, אז עס זאָל קענען ריידען וויא דיא דערוואַקסענע אַרום איהם. דאָס הייסט אַלזאָ, אז דיא פעהיגקייט צום ריידען איז א נאַטירליכע, אבער דיא אָנווענדונג פון דיזער פעהיגקייט איז א קינסטליכע. ווען נור איינער פון דיא אָרגאַנען, וואָס זיינען נייטיג צום ריידען, איז ניט אין דער ריכטיגער אָרדנונג, דאַן איז שוין דיא שפּראַך ניט קלאָר און ניט דייטליך.

נעהמענדיג אין אַנבעטראַכט דיזע וויסענשאַפטליכע נאָכפאָר־שונגען וועלען מיר פערשטיין, וויא קינדיש און לעכערליך עס איז דיא מעשה פון הערדאָטוס, דעם פאָטער פון דער געשיכטע, וועגען

דעם פּרעה פּסאַמעטיך. ער דערציילט נעמליך, אז דיזען הערשער פון מצרים האָט זיך אַמאָל פערגלוסט צו וויסען וועלכע שפּראַך איז דיא עלטסטע. אום דאָס צו דערגיין האָט ער איבערגעגעבען צוויי נייגע־באָרענע קינדער צו אַ פּאַסטוך מיט דעם בעפעהל צו האַלטען זיי גאַנץ אָפּגעזונדערט פון מענשען, אז זיי זאָלען קיין מענשליכע שטימע ניט הערען. ווען זיי זיינען אָבער אַלט געוואָרען צוויי יאָהר, זיינען זיי צו־געלאָפען צום פּאַסטוך אויסשרייענדיג אַלץ אַ געוויסען וואָרט. פּסאַמע־טיך האָט דאַן געהייסען נאַכפאָרשען, פון וואַנען דיזער וואָרט שטאַמט און וואס ער בעדייטעט. דיזער נאַכפאָרשונג האָט בעוויזען, אז דער וואָרט קומט פון דער פריגישער שפּראַך און בעדייטעט „ברויט". און דער־פון האָט פּסאַמעטיך געשלאָסען, אז דיא שפּראַך און אָפּשטאַמונג פון דיא עגיפּטער איז אַ שפּעטערע וויא פון דיא פריגיער.

עהנליכע באָבע־מעשות דערציילט מען וועגען אַנדערע אַמאָליגע הערשער, וועלכע האָבען געוואָלט דערגיין דעם אורשפּרונג פון שפּראַ־כען דורך לאָזען אויפהאָדעווען ניי־געבאָרענע קינדער אין דער שטרענג־סטער איינזאַמקייט. ווען אפילו מענשען וואָלטען געקענט אזוי לייכט אָנפאַנגען צו ריידען, וויא זיי קענען שרייען, וואָלט עס אויך גאַנץ אונמעגליך געוועזען פאַר צוויי אָפּגעזונדערטע קינדער, וועלכע האָבען קיין מאָל ניט געהערט אַ מענשליכע שפּראַך, אויסצוטראַכטען געוויסע ווערטער צו בעצייכנען זאַכען און זיך פערשטענדיג צו מאַכען דורך דיזע ווערטער. שוין אָבגעזעהען פון דעם אויבענגעזאָגטען וועגען דיא אַרטיקולירטע שפּראַך, איז עס פון ערשטען בליק קלאָר, אז דיא ערשטע מענשען האָבען נאָר לאַנגזאַם געקענט צוזאַמענריידען זיך דורך בעשטימטע ווערטער צו בעצייכענען בעשטימטע זאַכען. זיי האָבען געמוזט וויא עס איז אָפּ מאַ כען צו געברויכען אַ געוויסען קלאַנג פאַר אַ גטוויסע זאַך. ניט נאַר איז דער געברויך פון אַן אַרטיקולירטע שפּראַך אַ קונסט, צו וועלכער מען דערגרייכט נאַך לאַנגע פּראַקטיקע פון קינדווייז אָן, זאָנדערן דיזע קונסט ווערט ערשט מעגליך, ווען מענשען פערבינדען זיך אין גרופּען, דאָס הייסט ווען זיי פיהרען אַ געזעלשאַפטליכען לעבען אין אירגענד וועלכער פאָרמע. דאס איז אזוי זעלבסטפערשטענדליך, אז עס איז גאָר איבעריג אויף דעם זיך ווייטער אָפּצושטעלען.

און עס קען אויך קיין שום צווייפעל ניט זיין, אז דער מענש איז ניט געווען דיא ערשטע בעשעפענים אויף דער ערד מיט אַ פעהיגקייט צו אַן אַרטיקולירטע שפּראַך. מיר ווייסען שוין, אז אין דער נאַטור איז אַלעס ביסלעכווייז ענטוויקעלט געוואָרען און ווערט אויך אַלץ ווייטער ביסלעכווייז ענטוויקעלט; אז דיא נאַטור שפּרינגט ניט איבער גלייךְ פון איין מדרגה אין אַן אַנדערע; אז עס זיינען דאָ און עס מוזען זיין מיטעלע פערבינדונגס־רינגען. קורץ, מיר זיינען שוין בעקאַנט מיט דער עוואָלוציאָנס־לעהרע. דיא גאַנצע קולטור־געשיכטע איז פון אָנפאַנג ביז צו ענדע אַן אונבעשטרייטבאַרער בעוויז, וויא ווייט דיזע לעהרע איז ריכטיג אין אַלע מענשליכע אויפטואונגען און פיהרונגען. זאָלען מיר דען זאָגען, אז גראַדע וועגען דיא פעהיגקייט צו אַן אַרטיקו־לירטע שפּראַך האָט דיא נאַטור געמאַכט אַן אויסנאַהמע, דערלאַנגענ־דיג אַ שפּרונג און אָפּשיידענדיג מיט איין קלאַפּ דיא מענשען פון אַלע אַנדערע בעשעפעניסען? מיר האָבען קיין שום גרונד ניט אזוי צו זאָגען. ווארום זאָל גראַדע אין דיזען פאַל זיין דיא אויסנאַהמע?

פאַרקעהרט, גראַדע אין בעצוג אויף דער שפּראַך־פעהיגקייט האָט דיא ענטוויקלונג געמוזט זיין זעהר אַ לאַנגזאַמע, דען דיזע פעהיגקייט היינגט אָפּ, וויא מיר האָבען עס שוין געזעהען, פון אַ צוזאַמענווירקונג פון פיעלע אָרגאַנען און ספּעציעל פון געוויסע טהיילען מארךְ, וועלכער בעשטייט פון דיא דעליקאַטעסטע מאַטעריען אין אונזער אָרגאַניזם און וועלכער איז אזוי פערשיעדענאַרטיג אויסגעדרייט און אויסגעקנייצט. ווען מיר זאָלען אָננעהמען, אז איין בעשטימטער גליעד קען אונטער זעהר גינסטיגע בעדינגונגען דורכמאַכען אַ גאַנץ שנעלע ענטוויקלונג, קענען מיר דאס שוין אויף קיין פאַל ניט צולאָזען וועגען עטליכע אָרגאַנען צוזאַמען, סיידען מיר זאָלען אָנהייבען צו גלויבען אין וואונדער, וואס עס איז יעדענפאַלס גאר ניט וויסענשאַפטליך.

וויא קומט עס אָבער דאָךְ, אז יעצט גיבט עס קיין אַנדער חיה אויסער דעם מענשען, וואס זאָל פעהיג זיין צו אַן אַרטיקולירטע שפּראַך? דיא אַנטוואָרט אויף דיזע פראַגע איז גאַנץ איינפאַך: דיא בעשעפעניסען וואס האָבען אין דער עוואָלוציאָנס־קייט פון דער אָר־גאַנישער וועלט (פלאַנצען און חיות) פערנומען דיא מיטעלסטע

רינגען צווישען דיא יעצטיגע אפען און דיא יעצטיגע מענשען, זיינען פערשוואונדען געוואָרען.

אין אָנפאנג פון דיזער קולטורגעשיכטע האָבען מיר שוין אָנגעצייגט אויף דיא פערשיעדענע ענדערונגען, וועלכע דיא ערד אליין האט דורכגעמאכט אין פערלויף פון מיליאָנען יאָהרען, און אויף דעם, דאס פיעלע סאָרטען פלאַנצען און חיות זיינען פערשוואונדען געוואָרען און דאס עס האָבען אויך אמאָל עקזיסטירט געוויסע מענשענארטיגע בעשעפעניסען, וועלכע זיינען געשטאַנען העכער פאר דיא העכסטע יעצטיגע סאָרטען אפען און נידריגער פאר דיא ווילדעסטע פון דיא יעצטיגע מענשען. מיר וועלען דאָ נאר אָנווייזען אויף איין ענטדעקונג. אין געוויסע קאלכיגע שיכטען לעבען דעם אָרט באָס (Beauce) אין פראנקרייך האָט מען געפונען אָפגעהאַקטע און אָפגעשארפטע שטיקלעך קרעמען. דיא געאָלאָגיע און פאַלעאָנטאָלאָגיע בעווייזען, אז אין דער צייט ווען דיזע שיכטען זיינען אָפגעלייגט געוואָרען, האָט נאך דער מענש ניט עקזיסטירט און אז זייט דער צייט האָבען זיך חיות דריי מאָל געביטען אויף דער ערד. אין דיא זעלבע שיכטען, וואו מען האָט אויסגעגראָבען דיא שטיקלעך אָפגעהאַקטע קרעמען־שטיינדלעך, געפינען זיך ביינער פון אזעלכע סאָרטען חיות, וואס עקזיסטירען שוין מעהר ניט און וואס פון זיי האָבען זיך עס ביסלעכוויין ענטוויקעלט אונזערע יעצטיגע סאָרטען חיות. דיא אָפגעהאַקטע שטיקלעך קרעמען האָבען דארום ניט געקענט זיין דיא ארבייט פון מענשען, זאָנדערן פון געוויסע מענשענארטיגע בעשעפעניסען. דאס זיינען געווען דיא געצייג פון דיזע בעשעפעניסען. קיין אַנדער חיה אויסער אזעלכע, וואס זיינען געשטאַנען העכער פאר אונזערע יעצטיגע אפען, האָט נאטירליך ניט געקענט פאַלען אויפ'ן שכל צו מאכען געצייג פון הארטע שטיקלעך שטיין. מען קען דארום אויך אננעהמען, אז דיזע בעשעפעניסען האָבען שוין געהאט דעם שכל, וואס איז נייטיג וויינינגסטענס פאר אן אָנפאַנג פון א שפּראך מיט געווויסע זילבען־קלאַנגען. אזוי גוט וויא חיות האָבען זיך זייט יענער צייט דריי מאָל געביטען, דערנעהענטערענדיג זיך אַלץ מעהר צו אונזערע יעצטיגע חיות, אזוי האָט עס אויך געקענט פּאַסירען מיט דיא

מענשענאַרטיגע בעשעפּעניסען, וועלכע האָבען זיך אַלץ מעהר דער־נעהענטערט אין זייער פיזישער און גייסטיגער ענטוויקלונג צו די יעצטיגע מענשען. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז די שפּראַך־פעהיגקייט איז געווען א טהייל פון דיזע ענטוויקלונגען פון מענשענ־אַרטיגע בעשעפּעניסען. עס איז ניטאָ קיין שום גרונד צו דיינקען אז דאס איז ניט אזוי געווען.

נאר ווען מען זאָל, טראָץ אַלע דיזע בעווייזע און וויסענשאַפט־ליכע בעטראַכטונגען, דאָך לייקענען, אז נאָך לאַנג איידער דער מענש האָט זיך בעוויזען אויף דער ערד, זיינען שוין געווען מענשענאַרטיגע בעשעפּעניסען, וואס האָבען פיעל־ווינציג בעזעסען די פעהיגקייט צו אַן ארטיקולירטע שפּראַך, קען מען שוין אויף קיין פאל ניט לייקענען דעם פאַקט, אז די מענשליכע שפּראַכען האָבען זיך אַלץ מעהר ענטוויקעלט און זיינען דורכגעגאַנגען געוויסע שטופען. גרינדליכע נאַכ־פאָרשונגען פון אַלע בעקאַנטע מענשליכע שפּראַכען בעווייזען אונבע־שטרייטבאר זייער שטענדיגע עוואָלוציאָן.

דיזע נאַכפאָרשונגען וועלען מיר איבערגעבען אין די נעכסטע קאַפּיטלעך.

צווייטער קאַפּיטעל.

דיא ענטוויקלונג פון שפּראַכען.

דיא גרויסע צאָהל פון שפּראַכען. —דיא אָרימקייט פון דיא שפּראַכען פון ווילדע.— געשריי-צייכענס פון דיא ערשטע מענשען, —אורשפּרינגליכע שפּראַכען. —מאָנאָסילאַבישע, אַגגלוטינירטע און פלעקסירטע שפּראַכען.—דער גרונדפּונקט פון דער ליגגוויסטיק

איבער טויזענד שפּראַכען ווערען נאָך יעצט געברויכט אויף דער ערד. פריהער איז דיא צאָהל פון שפּראַכען וואהרשיינליך געווען א גרעסערע, דען אין דיא היסטאָרישע צייטען זיינען פיעלע פעלקער מיט בעזונדערע שפּראַכען צוזאַמענגעשמאָלצען געוואָרען אין גרויסע נאַציאָנען מיט איין שפּראַך. וועגען דיזע צוזאַמענשמעלצונגען האָבען מיר בעשטימטע געשיכטליכע בעווייזע.

דיזע אַלע שפּראַכען קלינגען אזוי פערשיעדען, דאָס פון ערשטען בליק קען מען מיינען, אז זיי זיינען אלע מאָל געווען אזוי פערשיעדען און אז קיינע פון זיי האָט גאר קיין שייכות ניט מיט דיא איבריגע. אויך קען מען מיינען, אז זיי זיינען ענטשטאַנען גאַנץ צופעליג, אז זיי זיינען געשאַפען געוואָרען פון דער פאַנטאַזיע. עטליכע מענשען, קען מען זיך דיינקען, האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען און האָבען אָפּ־געמאַכט צווישען זיך, אז אזא חיה זאָל מען רופען לייב, אן אַנ־דערע—לעמפּערט, א דריטע—טיגער, א פערטע—בער א. ז. וו., און אזוי איז עס געבליבען אויף דור דורות. אויף אזא ארט קען מען

זעהר לייכט ענטשיידען א פראגע, אויף וועלכע געלעהרטע האָבען זיך לאנג געבראָכען דיא קעפּ; אָבער דאס וועט נאר זיין א זעהר לעבערליכע בויך־סברה. אין דער וויסענשאפט מאכט מען קיינע בעהויפּטונגען, וועלבע מען זאָל גאָר ניט קענען בעווייזען אָדער וועלבע זאָלען קיין שום ראיעלען גרונד ניט האָבען.

ווען מען דרינגט אריין טיעפער אין דיא פערשיעדענע שפּראכען, ווען מען שטודירט זייערע קלאַנגען, ווערטער און דיא צוזאמענשטעלונג פון ווערטער אין פראזען, געפינט מען אויס זעהר גרויסע און מערק־ווירדיגע עהנליכקייטען צווישען פיעלע פון זיי, עהנליכקייטען, וועלבע ציינען אונבעשטרייטבאר אויף איין געמיינשאפטליכע אָפּשטאמונג און וועלבע זיינען א גרויסע הילפע אין דער קולטור־געשיכטע. זאָ, צום ביישפּיעל, האָט מען דורך אזעלכע שפּראך־פאָרשונגען אויסגעפונען, אז דיא אינדוסען זיינען לייבליכע קרובים פון דיא גריכען, רוימער, דייטשען, סלאווען א. ז. וו., און אז דיזע אלע פעלקער זיינען אמאָל געווען איין שטאם מיט איין געמיינשאפטליכע שפּראך. דורך קיינע אנדערע נאכפאָרשונגען וואָלטען מיר עס קיינמאָל ניט געקענט דער־גיין, דען עס זיינען קיינע אנדערע בעווייזע פערבליבען. נאר וועגען דיא נאָהענטע פערוואנדשאפט פון אלע אייראָפּעאישע פעלקער וועלען מיר נאָך האָבען צו ריידען אין א בעזונדערן קאפּיטעל. דאָ וועלען מיר ספּעציעל נאָכזוכען וויא אזוי שפּראכען זיינען אויפגעקומען.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז דיא שפּראכען פון ווילדע האָבען ניט אזוי פיעל ווערטער און זיינען ניט אין אלגעמיינען אזוי ענטוויקעלט, וויא דיא שפּראכען פון קולטור־פעלקער. דיא אונטער־שיעדע זיינען אָבער אזוי גרויס, אז דאס אליין צייגט שוין אויף א זעהר לאנגזאמע אויסארבייטונג פון שפּראכען. וואס ווילדער א שטאם איז, אלץ מעהר מוז ער געברויכען זשעסטען און תנועות, אום אויס־צודריקען זיינע אָרימע געדאנקען.

דיא שפּראך פון דיא וועדדאכען בעשטייט פון עטליכע ווער־טער, אום אויסצודריקען דיא געוויינליכסטע זאכען פון זייער טאָג־טעגליכען לעבען. אין דער שפּראך פון דיא טאסמאניער, וועלכע זיינען שוין יעצט אין גאנצען אויסגעשטאָרבען אונטער דער הערשאפט

פון דיא ענגלענדער, זיינען ניט געווען קיינע אדיעקטיוון (ווערטער אויסצודריקען א מעלה אָדער א צייכען פון א זאך). א מעלה פון א זאך האָבען זיי נאר נעקענט בעשטימען דורך א פערגלייך מיט אן אנדער זאך. זיי האָבען ניט געהאט א וואָרט צו בעצייכנען א „בוים“. דיא אויסטראליער, וועלכע זיינען עהנליך צו דיא טאסמאניער, האָבען ניט ווערטער צו בעצייכנען דיא בעגריפע: „גערעכטיגקייט, פערברעכען, פעהלער“ א. ז. וו. דיא שפראך פון דיא בושמענען איז אזוי אָרעם, אז זיי קענען זיך ניט צוזאמענריידען אין דער פינסטער, דען זיי מוזען זעהר פיעל מאכען מיט דיא הענט און געברייכען פערשיעדענע אנדערע זשעסטען. דיא ווערטער „געוויססען“, „שכל“ א.ז.וו. פעהלען אין דער שפראך פון דיא בעטשואנער שטאמען (אין זיד אפריקא). אין דער שפראך פון דיא פולען (נעגער שטאמען אין צענטראל-אפריקא) איז ניטאָ קיין מענליכער און קיין ווייבליכער געשלעכט. אלע זאכען פערטהיילען זיי אויף מענשליכע און טהירישע. דיא איינגעבאָרענע פון בראזיליען האָבען ניט ווערטער אויסצודריקען דיא בעגריפע: „פארב, געשלעכט, שטאם, שכל“. אין דיא מייסטע אינדיאנער שפראכען פעהלען ווערטער צו בעצייכנען „צייט, רוים, מאטעריע“. אפילו דיא מאלאיער האָבען ניט א וואָרט צו בעצייכנען „פארב“. דיא פעלקער פון אינדיען, וואס ווערען גערופען מיט דעם אלגעמיינען נאָמען דראווידען, האָבען ניט ווערטער פיר דיא בעגריפע „גאָט, נשמה, ווילען“. אזעלכע ביישפילע קען מען ברייגגען גאנצע פעק.

נאָך אָרימער איז דיא שפראך פון ווילדע אין צעהלען, ווייל דערביי מוז מען נאָך מעהר אָנווענדען דעם שכל. דיא ווערדאכען בעזיצען גאָר קיין פעהיגקייט צו צעהלען און האָבען קיין איינציגען צעהלונגס-וואָרט. דיא טאסמאניער האָבען שוין געקענט צעהלען „איינס“ און „צוויי“. וואס עס איז געווען מעהר וויא צוויי האָבען זיי גערופען „פיעל“. ווען זיי פלעגען ווען זאָגען פינף, פלעגען זיי אויפהייבען דיא הענט ביז צום קאָפּ. זיי האָבען שוין געהאט א פאָרשטעלונג וועגען דיא צאָהל פינף, אָבער האָבען נאָך ניט געהאט א וואָרט דערצו. דיא אויסטראליער האָבען אויך צוויי צעהלונגס-ווערטער, אבער זיי קענען שוין פערבינדען דיזע ווערטער ביז דיא צאָהל זעקס. ווען זיי ווילען

זאגען פינף, געברויכען זיי דעם ווארט „האנט". צעהן הייסט אויף זייער שפּראך „צוויי הענט". דיא איינגעבארענע אויף דעם אינזעל ניי־קאלע־דאָניען געברויכען אויך דיא זעלבע רעכנונג ביז צעהן. ווען זיי דארפען ווייטער צעהלען, הייבען זיי אָן פון דאס ניי צו רעכענען ביז פינף, נאכהער ציהען זיי אויס איין פוס, אָנצייגענדיג אויף דיא פינף פינגער פון דער פוס. ווען זיי דערגרייכען ביז צוואנציג, זאָגען זיי „איין מענש", דאס הייסט אלע פינגער פון דיא הענט און פון דיא פיס. זייערע העכסטע מאטעמאטיקער קענען אויף אזא ארט דערגרייכען ביז 200 און זאָגאר 300, אָבער ווייטער ווערען זיי שוין צומישט און גע־ברויכען דעם אויסדרוק „מעהר איז שוין קיין זאמד נימאָ". דיא בושמענען האָבען אויך בלויז צוויי צעהלונגס־ווערטער, נאָר זיי לייגען דיזע ווערטער צוזאמען אין זייערע ווייטערע רעכנונגען אזוי: צוויי און איינס, צוויי און צוויי, צוויי און צוויי און איינס, און אזוי ווייטער. דיא קאפרען זיינען אויך ניט קיין גרעסערע מאטעמאטיקער וויא דיא בושמענען. דיא זולוסען בעצייכנען דיא צאָהל זעקס אזוי: „נעהמען דעם גרויסען פינגער פון דער אנדער האנט". דיא מייסטע פעלקער פון זיד־אמעריקא האָבען אויך ניט מעהר צעהלונגס־ווערטער וויא פאר איינס און צוויי. ווייטערע רעכענונגען מאכען זיי מיט זייערע פינגער. ווענען א צאָהל מעהר וויא פיער זאָגען דיא גוואראנען „אונ־צעהלבאר". דיא אביפּאָנען זאָגען „דיא פינגער פון איין עמו (אזא חיה)" צו בעצייכנען 4, „דיא פינגער פון איין האנט" צו בעצייכנען 5, „דיא פינגער פון דיא הענט און פיס" צו בעצייכנען 20. פיעלע אינדיאנער מוזען אויפהייבען זייערע הענט און פיס, ווען עס קומט זיי אויס צו רעכענען. אנשטאָט צוואנציג זאָגען זיי געוויינליך „איין מענש".

אין אלגעמיינעם מאכען אלע ווילדע פעלקער זייערע רעכנונגען נאך זייערע פינגער, און דערפון שטאמט עס דיא דעצימאלע [צעהנדליגע] סיסטעם פון רעכנונג ביי דיא מייסטע ציוויליזירטע פעלקער, וויא מיר וועלען עס זעהן אין א ווייטערען קאפּיטעל.

נאר דיא ערשטע מענשען זיינען נאטירליך געשטאנען פיעל נידעריגער פאר דיא יעצטיגע ווילדעסטע מענשען אין אלע הינ־זיכטען, און פאלגליך אויך אין זייער שפּראך. ווער עס האָט ניט

אָנגעפאנגען צו ארטיקולירען, דיא מענשען אָדער מענשענארטיגע בעשעפעניסען, דאָס מאכט אין דיזען פאל ניט אויס. מיר האָבען שוין וועגען דעם גערעדט אין פאָריגען קאפיטעל און מיר וועלען זיך מעהר ניט צוריק קעהרען צו דיזער פראגע, וויא אינטערעסאנט און וויכטיג זיא איז ניט. עס איז יעדענפאלס זיכער, אז דיא גאָר ערשטע שפּראך איז געוועזען מעהר עהנליך צו א געשריי פון חיות, וויא צו אַן ארטיקולירטען לשון. אָנווענדענדיג אַלץ מעהר זייער שכל צו מאכען וואס אויסדריקליכער און פערשידענער זייערע געשרייען, האָבען זיי אויך אַלץ בעסער געקענט זיך פערשטענדיג מאכען אין פאל פון נויט. אויך יעצט מאכען מיר אינסטינקטיוו געוויסע בעוועגונגען און אויסגעשרייען אין געוויסע פעלע. מיר אונטערשיידען גלייך, וועלכע געשריי דריקט אויס שמערץ, כעס, פערצווייפלונג, פריידע א. ז. וו. מיר דערקענען אויך נאָך א בליק, א פינטעל מיט דיא אויגען, א קרים, א שמייכעל, א מאך מיט דער האנט, א קנייטש מיט דיא פּלייצעס א. ז. וו. וואס איינער פיהלט און מיינט אויסצודריקען. דאס זיינען אַלץ געוועזען צייכענס פאר דיא ערשטע מענשען זיך צוזאמענצוריידען. מיר האָבען שוין געזעהן, אז דיא בושמענען קענען זיך ניט פערשטענדיג מאכען אין דער פינסטער. אונטער דיא ערשטע מענשען איז דאס זיכער נאך מעהר געוועזען דער פאל. זייערע בעגעהרען און בעדירפניסע זיינען געוועזען ריין טהירישע און מיט עטליכע צייכענס האָט מען געקענט אויסדריקען דיזע בעגעהרען. ווען דיא מענשענארטיגע בעשעפעניסען אָדער דיא מענשען זעלבסט האָבען זיך ארומגעשלעפט איבער פעלדער און וועלדער, אין סטאדעס אָדער אין קליינע פאמיליען־גרופען, זוכענדיג נאר שפּייז און א זיכערן נאכטלעגער —אין דער צייט האָט זייער גאנצע שפּראך געקענט בעשטיין נאָר פון עטליכע געשרייען צו געבען צו וויסען וועגען א געפאהר, וועגען גוטע שפּייז, וועגען אַן אונגעוויינליכע פאסירונג א. ז. וו. נאָך יעצט ווען איינער בלאָנדזעט אין א וואלד, הייבט ער אָן צו שרייען, טאָמער וועט זיך אימעצער אָפּרופען אויף זיינע קולות. דיזער געשריי האָט א בעשטימטען אויסדרוק. נאָך א געשריי פון דער ווייטענס קענען מיר דערקענען, אויב דער שרייער שרעקט זיך אָדער פרייהט זיך. **אפילו**

חיות דערשפּירען דעם אויסדרוק פון א געשריי מיט זייער אינסטינקט.
דיא ערשטע מענשען האָבען דורך אזעלכע אויסרופען געקענט אויס־דריקען אלעס, וואָס עס איז זיי אָם נייטיגסטען געווען צו וויסען און צו דערגיין. וויא שוין בעמערקט, זיינען אייניגע פון דיזע אויסרופען פער־בליבען אין אלע שפּראַך און ווערען אין דיא גראַמאַטיקעס בעצייכענט אלס אויסרופס־ווערטער, וויא צום ביישפּיעל: אָך! ווייה! אַה! אָה! א. ז. וו.

ביסלעכווייז אָבער, וואָס מעהר דיא ערשטע מענשען האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען אָדער פערבונדען, איז זיי אלץ נייטיגער גע־וואָרען דייטליכער זיך אויסצודריקען און איבערצוגעבען זייערע געדאַנקען און פערלאַנגען. געבענדיג צו וויסען וועגען א געפאַהר, האָט מען שוין אויך געוועלט צוגלייך אָנדייטען וואָס פאר א געפאַהר עס איז, פון וואַנען זיא קומט, וויא מען קען אָדער מען דאַרף איהר אָם בעסטען אויסמיידען אָדער בעקעמפּפען. אָנצייגענדיג אז אין א געוויסען אָרט איז דאָ גענוג שפּייז, אָדער אז מען קען פאַנגען א חיה, האָט מען אויך געוועלט אָדער בעדאַרפט ערקלערען, וואָס פאר א סאָרט שפּייז אָדער חיה דאָס איז. ווען איינער האָט אויסגעפונען א זיכערן נאַכטלעגער און געוועלט איבערגעבען דיא אנדערע, אז זיי זאָלען אהין אריבערציהען, האָט ער בעדאַרפט געברויכען געוויסע קלאַנגען און צייכענס, אום זיך פערשטענדיג צו מאַכען. דאָס זעלבע איז נאַטירליך געווען אין אנדערע פעלע, וועלכע האָבען זיך אלץ פערמעהרט מיט דער צייט. ווען דיא ערשטע מענשען האָבען געוועלט בעשטימען, וועלכע חיה איז אין דער נאָהענט, האָבען זיי העכסט וואַהרשיינליך געזוכט נאַכצומאַכען איהר געשריי אָדער איהרע בע־וועגונגען. מען האָט זיך אָנפאַנגס געסטאַרעט נאַכצומאַכען דיא געשרייען פון פערשיעדענע חיות אזוי ריכטיג, וויא נאָר מעגליך, אָבער ביסלעכווייז האָט מען זיי אנגעפאַנגען צו מאַכען וואָס איינפאַכער און לייכטער און זיי אויסצודריקען דורך אַרטיקולירטע קלאַנגען.

דאָ האָט שוין אויך דער צופאַל געשפּילט א גרויסע ראָלע. גראַדע האָט איינער דערלאַנגט א געוויסען געשריי ביי א געוויסען פאַל און אנדערע האָבען עס נאָכגעטאָן ביי אן עהנליכען פאַל.

אויף אזא ארט האָט שוין געקענט ענטשטיין און עס איז אויך ענטשטאַנען א בעשטימטער וואָרט צו בעצייכנען א בעשטימטע זאַך. אזוי וויא מיר ווייסען ניט זיכער, וואו עס איז געווען דיא וויגעלע פון דער מענשהייט, קענען מיר אויך ניט וויסען אין וועלכען אָרט מענשען האָבען אָנגעפאַנגען צו ריידען. דיא מענשענאַרטיגע בעשעפּעניסען, פון וועלכע מענשען האָבען זיך ענטוויקעלט ווער ווייסט נאָך וויא פיעל יאָהרען, זיינען געווים ניט פערבליבען שטענדיג אויף איין פּונקט און האָבען זיך צושפּרייט אזוי ווייט, וויא דער קלימאַט און דיא שפּייזמיטעל האָבען עס זיי ערלויבט. עס איז דאַרום זעהר וואַהרשיינליך, אז דער אָנפאַנג פון אַן אַרטיקולירטע שפּראַך איז געמאַכט געוואָרען אונגעפעהר אין דער זעלבער צייט פון עטליכע אָפּגעזונדערטע גרופּען מענשענאַרטיגע בעשעפּעניסען אָדער מענשען אין דער גינסטיגסטער פּאַר זיי געגענד. דאס הייסט מיט אנדערע ווערטער, אז איין איינציגע אורשפּרונגליכע שפּראַך איז וואַהרשיינליך קיין מאָל ניט געווען. גיכער דארף מען אָננעהמען, אז עס זיינען כמעט גלייכצייטיג אויפגעקומען עטליכע שפּראַכען. נאַר אָנפאַנגס, ווען מען האָט זיך נאַר בענוצט מיט געוויסע אויסגעשרייען און מיט נאָכמאַכונגען פון דיא קלאַנגען, וועלכע מען קען הערען אין וועלדער, זיינען דיזע שפּראַכען נאַטירליכערווייזע געווען עהנליך. נאַר וואס שפּעטער, ווען מען האָט ביסלעכווייז גענומען צערגלידערן דיזע געשרייען אין מעהר אָדער וועניגער קלאָרע זילבען־קלאַנגען, אלץ וועניגער עהנליכקייט האָבען זיי געקראָגען. וויא שוין בעמערקט, האָט אויך דער צופאַל גענומען שפּילען א גרויסע ראָלע אין דער צוזאַמענשטעלונג פון אַרטיקולירטע קלאַנגען, זאָ דאס דורך דעם זיינען דיא אויסדריקע און ווערטער אלץ פערשידענער געוואָרען.

יעדענפאַלס, וויא און וואו דיא אורשפּרינגליכע מענשליכע שפּראַכען זיינען ניט ענטשטאַנען, קען קיין צווייפעל ניט זיין, אז זיי זיינען צוערשט בעשטאַנען פון איינזילביגע ווערטער. אין דער לינגוויסטיק אָדער וויסענשאַפט איבער שפּראַכען איז יעצט פעסטגעשטעלט, אז דיא איינפאַכסטע און דיא ערשטע פאָרמע פון אַרטיקולירטע שפּראַכען איז דיא איינזילביגע, וואו ווערטער ענ־

דערן זיך גאר ניט און ווערען צוגעשטעלט איינע צו דיא אנדערע אין א געוויסע אָרדנונג, וועלכע ווערט אלץ פעסטער בעשטימט מיט דער צייט. יעדער וואָרט איז א וואָרצעל, א שרש, וועלכער פערבלייבט אימער דער זעלבער און האט א זעהר אלגעמיינע בעדייטונג. אזעלכע ווערטער צייגען ניט אָן דיא פערזאָן, דיא צאָהל, דיא צייט און איר־גענד וועלכע גראמאטיקאלישע פאָרמען. דיא פראזען ווערען צוזאַ־מענגעשטעלט דורך א צוזעצונג פון איין וואָרצעל־וואָרט צום אנדערן.

עס פערשטייט זיך, אז אָנפאנגס האָט עס גאר אנדערש ניט געקענט זיין, דען פאר דיא וויניגע געדאנקען וואס מען האָט געהאַט אויסצודריקען, זיינען פאָלקאָם גענוג געוועזן קורצע קלאנגען, וועלכע האבען בעצייכענט דיא געברויכליכסטע און געוויינליכסטע זאכען. דיא גראמאטיקאלישע פאָרמען צו בעשטימען געשלעכטען, צאָהלען, פערזאָנען, צייטען א. ז. וו. האבען נאר געקענט אויסגעארבייט ווערען מיט דער צייט, ווען מענשען זיינען אלץ מעהר ענטוויקעלט געוואָרען גייסטיג און ווען זיי האבען שוין געוועלט דייטליכער און שענער זיך אויסדריקען. פון דיא געשרייען זיינען איבערגעבליבען געוויסע קורצע קלאנגען, וועלכע זיינען געוועזן דער פונדאמענט פון יעדע ארטיקולירטע שפראך. אלע אזעלכע שפראכען הייסען מאָנאָסילאבישע (איינ־זילביגע) אָדער איזאָלירענדע (אָפזונדערנדע).

דיא צווייטע פאָרמע פון שפראכען הייסט אגגלוטינאציאָן, וואס עס בעדייטעט צוזאמענקלעפונג. דיזער נאמען קומט דערפון, וואס דיא איינזילביגע וואָרצלען פון דיא ערשטע שפראכען ווערן ביסלעכוויז צוזאמענגעצויגען, זאָ צו זאָגען, צוזאמענגעקלעפט. אייניגע פון דיזע וואָרצלען פערלירען דערביי זייער פריהערן קלאנג און בעדיי־טונג און ווערען נאר הילפסווערטער. דער הויפטוואָרט, דאס הייסט דער וואָרצעל, וועלכער דריקט אויס דיא גרונדבעדייטונג פון א גע־דאנקען, בלייבט אלץ אונפערענדערט, נאר צו איהם ווערן צוגעטשע־פעט ווערטער, זילבען אָדער איינצעלנע בוכשטאבען, וועלכע דיענען צו בעצייכנען דיא בעציהונגען צווישען זאכען. דיא ווערטער ווערען אויף אזא אופן זעהר לאנג און דריקען אויס גאנצע פראזען. דיא צוזעצונגען צום וואָרצעל־וואָרט קענען זיין אין אָנפאנג און דאן ווערן

זיי גערופען פרעפיקסען, אָדער צום סוף און דאַן הייסען זיי סופיקסען. דער אַלגעמיינער נאָמען פאַר אַזעלכע צוזעצונגען איז אַפיקסען.

עס זיינען דאָ זעהר פיעל אַגגלוטינירטע שפּראַכען און זיי זיינען זעהר פערשיעדען אין זייערע וואָרצלען און אין זייער צוזאַמענשטעלונג; נאַר אַלע האָבען זיי פון דעסטוועגען דיא עהנליכקייט צו דיא מאָנאָסילאַבישע שפּראַכען, דאס זייערע וואָרצלען זעלבסט בלייבען אונפערענדערט אונטער אַלע ענדערונגען פון דיא אַפיקסען, וועלכע זיינען מעהר אָדער וועניגער פערקירצטע און, זאָ צו זאגען, איינגעשלונגענע וואָרצלען.

הגם מיר וועלען אין נעכסטען קאַפּיטעל נעהענטער בעטראַכטען געוויסע שפּראַכען אלס מוסטער פון דיא פערשיעדענע פאָרמען, וועלכע שפּראַכען האָבען געהאט אין זייער ענטוויקלונג, וועלען מיר דאָ ברייננגען א פּאָר ביישפּיעלען, אום דער לעזער זאָל בעסער פערשטיין, וואס עס הייסט אַן אַגגלוטינירטע שפּראַך. דיא שפּראַך פון דיא אונגאַרען אָדער מאַגיאַרען איז אַן אַגגלוטינירטע, וועלכע געהערט צו איין גרופּע מיט דער טערקישער און פיננער, וויא מיר וועלען עס שפּעטער זעהן. דער וואָרט kértëk פון דער אונגאַרישע שפּראַך בעדייטעט: „איהר בעט“ איז דאָ דער וואָרצעל און tëk איז דיא ענדע־צוזעצונג, אָדער סופיקס, וואס דריקט אויס דיא בעציהונג צו דער פּערזאָן, אריינזעצענדיג אין מיטען דיא זילבע né, דאס הייסט אויסשפּרעכענדיג — kérnétëk, קריגט שוין דער וואָרט דיא בעדייטונג: „איהר זאָלט בעטען“. דער וואָרצעל־וואָרט zár בעדייטעט „פערמאַכען“. ווען מען זאָגט zàrhat הייסט עס „ער מעג צומאַכען“; ווען מען זאָגט zárogat הייסט עס: „ער פערמאַכט אָפט“; ווען מען זאָגט zárogathat הייסט עס: „ער קען אָפט פערמאַכען“; ווען מען זאָגט záratgathat הייסט עס: „ער קען אָפט לאָזען פערמאַכען“. דער וואָרצער zár בלייבט ביי דיזע אַלע ענדע־צוזעצונגען אונפערענדערט, און יעדעד פון דיזע אַגגלוטינירטע ווערטער דריקט אויס א גאַנצע פראַזע,

דיא דריטע פאָרמע פון שפּראַכען ווערט בעצייכענט מיט דעם נאמען פלעקסיאָן. דאס זיינען שפּראַכען, וואו דיא וואָרצעל־ווערטער זעלבסט ענדערן זיך אָדער, וויא מען זאָגט אין דער לינגוויסטיק,

בייגען זיך (דער וואָרט פלעקסיאָן בעדייטעט: בייגונג), אום אויסצו־דריקען דיא בעציהונג פון ווערטער און געדאנקען אין א פראזע. אין דיא מאָנאָסילאבישע שפּראכען בלייבט דער וואָרצעל־וואָרט, וויא שוין בעמערקט, אימער דער זעלבער אונטער אלע אומשטענדען. דיא פראזען ווערען צוזאמענגעזעצט דורך אַן איינפאכע צושטעלונג פון איין שרש צום אנדערן. ווען מיר ווילען בעצייכענען דיא וואָרצעל־ווערטער מיט דעם בוכשטאב ש, וועט דיא פאָרמע פון א מאָנאָסילאבישע שפּראך זיין ש+ש+ש א. ז. וו. אין דיא אגגלוטינירטע שפּראכען ווערען שוין צום אונפערענדערטען שרש־וואָרט צוגעצויגען פערשידענע צוזעצונגען, וועלכע מאכען א לאנגען וואָרט, וואס דריקט אויס א גאנצע פראזע. דיא פאָרמע פון אזעלכע שפּראכען איז א שרש־מיט איינע אָדער מעהרערע צוזעצונגען אין אָנפאנג, אין מיטען אָדער צום סוף. דיא פלעקסיאָן־שפּראכען האָבען אויך פערשידענע צוזעצונגען צו דיא שרש־ווערטער, אָבער דיזע ווערטער בייטען אויך זייערע וואָקאלען, וויא צום ביישפּיעל: באנק—ביינק, מאַן—מענ־ער, הויז—הייז־ער, ברעכען— גע־בראָכען, שפּרינגען— גע־שפּרונגען, שיינקען— גע־שאָנקען א. ז. וו. ניט אלע וואָרצעל־ווערטער ענדערן אזוי אין פלעקסיאָן־שפּראכען זייערע וואָקאלען, אבער דיזע אַרט אויסצודריקען דיא בעציהונגען ווערט אין זיי פיעל געברויכט.

צו פלעקסיאָן־שפּראכען זיינען דערגאנגען גראדע דיא ציוויליזירטעסטע פעלקער: דיא סעמיטען און אַריער. דיא לינגוויסטיק בעווייזט, אז דיזע שפּראכען זיינען אין אָנפאנג אויך געווען איינזיל־ביגע, נאכהער זיינען זיי געוואָרען אגגלוטינירטע און ביסלעכווייז האָבען זיי זיך גענומען בייגען, אום לייכטער, קירצער און אויך שעהנער אויסצודריקען געדאנקען און דיא בעציהונגען פון ווערטער. דיא פלעקסיאָן־פאָרמע ווערט גערעכענט אין איז טאקע א העכערע פאָרמע פון שפּראכען, נאר פון דעסטוועגען דארף מען ניט דיינקען, אז א פאָלק וואס בענוצט זיך מיט א מאָנאָסילאבישע אָדער אגגלוטינירטע שפּראך שטייט צוליעב דעם אליין אויף א נידעריגער קולטור־שטופע וויא א פאָלק מיט א פלעקסיאָן־שפּראך. דיא כינעזער, וואס זייער שפּראך איז א מוסטער פון מאָנאָסילאבישע שפּראכען, שטייען

געווים ניט נידעריגער פאר דיא אינדוסען מיט זייער פלעקסיאָן־שפּראַך.

יעדענפאַלס ווערען אלע שפּראַכען צוטהיילט נאך דיא דריי אָנגעצייגטע לינגוויסטישע פאָרמען. וואס פאר א שפּראַך מען זאל ניט נאכפאָרשען, וועט מען באלד קענען בעשטימען, אויב זיא איז א מאָנאָסילאבישע, אגגלוטינירטע אָדער א פלעקסירטע. דאס איז דער הויפּטפּונקט פון דער לינגוויסטיק און ער העלפט זעהר פיעל אין דער אונטערזוכונג וועגען דיא צוזאַמענשטעלונג און דיא רעגעלען פון יעדער שפּראַך. דיא אונגעהייערע פערשידענהייט אין ווערטער שטערט אייגענטליך גאַנץ ווייניג צו סאָרטירען דיא שפּראַכען און צו בעשטימען, צו וועלכער פאָרמע און גרופּע זיי געהערען. דיא לינגוויסטיק איז אפילו א גאַנץ יונגע וויסענשאַפט, אָבער זיא האָט שוין געמאַכט ריזיגע פאָרטשריטע און האָט שוין ענטדעקט וועגען דיא פארצייטיגע מענשען פיעלע זאַכען, פון וועלכע מיר וואָלטען אַנדערס קיין אהנונג ניט געהאַט.

פון דיזע אלגעמיינע בעטראַכטונגען ווילען מיר יעצט איבערגיין צו איינצעלהייטען וועגען עטליכע כאראַקטעריסטישע שפּראַכען, אום צו זעהען וויא שפּראַכען זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען. מיר מיינען דאָ ניט נאַטירליך איבערצוגעבען אזעלכע לינגוויסטישע נאַכפאָרשונגען, וואס האָבען נאר אַן אינטערעס פאר שפּראַך־קענערס. דאס וואָלט אונז אָפּגעפיהרט זעהר ווייט פון אונזער ענין. מיר האָבען דאָ, וויא אין אלע אבטהיילונגען פון דער קולטורגעשיכטע, אין אויג נאָר דיא עוואָלוציאָן, דיא שטופענווייזע ענטוויקלונג פון א נידעריגען צושטאַנד אין העכערן. מיר ווילען נאָר בריינגען פון דער לינגוויסטיק דיא נויטווענדיגסטע פּונקטען פיר אונזער צוועק.

אין בעצוג אויף שפּראַכען טרעפען מיר זיך דאָ צוזאַמען מיט ספּעציעלע שוויריגקייטען, וועלכע קומען דערפון, וואס אונזער זשאַרגאָן האָט קיין אָנגענומענע גראַמאַטיקע און קיינע בעשטימטע גראַמאַטיקאַלישע נעמען. נאַטירליך מען קען אָנשרייבען א גראַמאַטיק פון זשאַרגאָן; אָבער ביז יעצט האָט עס נאָך קיינער ניט געטאָן. יעדענפאַלס וואָלט עס אונז גאַנץ ווייניג געהאָלפען, ווען אימעצער וואָלט

צוזאמענגעשטעלט אזא גראמאטיקע, דען דערמיט וואָלט ער נאך נאטירליך ניט געבראכט אלע זשארגאָן־שפּרעכענדע איהר אָנצו־נעהמען און צו לערנען. וואס מען זאָל ניט זאָגען וועגען אונזער אָרימען זשארגאָן, נאר א שול־שפּראך איז ער קיין מאָל ניט געוועזן. קיינעם פאַלט גאָר ניט איין צו שטודירען זיינע רעגעלען און ענדערונגען. יעדערער ליינט אוים און שרייבט וויא ער דיינקט אם בעסטען. עס איז נאך ביז יעצט ניטאָ אזא אויטאָריטעט, אז אנדערע זאָלען איהם פאָלגען. דיא העברעאישע שפּראך האָט א פעסטע און שטרענגע אויטאָריטעט אין דער ביבעל, און דארום לערנט מען איהר גראמאטיקע און מען מוז איהר אויך לערנען, אום ריכטיג צו שרייבען. פאַר אונזער מאַמע־לשון איז אָבער קיין מוז ניטאָ, איהר קענט זאָגען און שרייבען: „דער פערד, דיא פערד, דאס פערד“ — אלעס איז רעכט. קיינער וועט אייך ניט האלטען פאַר אַן עם הארץ, ווען איהר וועט זאָגען, צום ביישפּיעל, „איך בין געשלאָפען“, אָדער „איך האָב געשלאָפען“, ווען איהר וועט שרייבען „מען האָט איהם געזעהען“ אָדער „מי האָט עם געזייהן“ און ז. וו. פּרובירט אָבער אויסלייגען א לשון קדש וואָרט מיט א פעהלער אָדער אָנשרייבען א לשון קדש פראזע ניט על פי דקדוק, וועט מען אייך ערקלערן פאַר אַן עם הארץ.

מיר וועלען דארום זיך בענוצען מיט דיא נעמען און בעשטי־מונגען פון דער העברעאישער און דייטשער גראמאַטיקעס וויא ווייט דאס וועט זיך לאָזען און מיר וועלען געבען אזעלכע ערקלערונגען, אז דער וואס האָט איבערהויפּט קיין גראמאַטיקע ניט געלערענט, זאָל אויך קענען פערשטיין וואס מיר ווילען זאָגען.

דריטער קאַפּיטעל.

פערשידענהייט פון שפּראַכען.

אַלגעמיינער כאַראַקטער פון דער כינעזישער שפּראַך.—פולע און פוסטע ווערטער.— דיא מאָנאָסילאַבישע שפּראַכען פון אינדאָ־כינאַ און טיבעט. —דער כאַזיאַ־דיאַלעקט און דער אַנפאנג פון אַגגלוטינאַציאָן. — איינִיגע אַגגלוטינירטע שפּראַכען: האָטטענטאָטישע, באַנטו, אויסטראַלישע, מאַלעאָ־פּאָלינעזישע, יאַפּאַנעזישע, דראַווידישע, אוראַלאָ־אַלטאַאישע.—דיא וואָקאַלישע האַרמאָניע פון דיא אוראַלאָ־אַלטאַאישע שפּראַכען. — סעמיטישע און חאַמיטישע שפּראַכען.— דיא צווייגען פון דיא שפּראַכען מיט פלעקסיאָנען.— וויכטיגע שפּראַכען פיר לינגוויסטען. — דיא פערשידענהייט פון סעמיטישע און אינדאָ־אייראָפּעאישע שפּראַכען אין זייער אורשפּרונג און אין זייערע וואָרצלען און פלעקסיאָנען.

דיא רייִנסטע מאָנאָסילאַבישע שפּראַך איז יעצט דיא כינעזישע. ווארום זיא האָט זיך גראַדע אם וויינִיגסטען געענדערט, איז א פראַגע וועלכע עס איז זעהר שווער צו ערקלערען. עס איז מעגליך, דאס אזוי וויא דיא כינעזער האַלטען זיך איבערהויפּט פעסט אָן אַלטע זאַכען און מנהגים, האָבען זיי אויך זיך געסטאַרעט ניט צו בייטען זייער אוראַלטע שפּראַך. עס זיינען דאָך מיט דער צייט ענטשטאַנען דיאַלעקטען אין פערשידענע געגענדען פון דער כינעזישער אימפּעריע. עס זיינען יעצט דאָ דריי הויפּט־דיאַלעקטען פון דער כינעזישער שפּראַך: דער אָפיציעלער אָדער מאַנדאַרינען־דיאַלעקט, דער דיאַלעקט פון קאַנטאָן און דער דיאַלעקט פון פוקיאַן. דגם זיי האָבען אלע איין

אָפּשטאַמונג, אונטערשיידען זיי זיך אַזוי ווייט, אַז אַ כינעזער פון דיא נאָרד־פּראָווינצען קען ניט פערשטיין אַ כינעזער פון דיא זיד־פּראָווינצען, און פערקעהרט.

נאַר אַלע טראָגען זיי דעם זעלבען כאַראַקטער, דאס זיי ווערען צוזאַמענגעשטעלט פון איינזילביגע וואָרצעל־ווערטער אָהן שום ענדע־רונג אויסער דעם פּלאַץ, וועלכען זיי פערנעהמען אין אַ פראַזע. זאָ, צום ביישפּיעל, דיא כינעזישע פראַזע: „קאָו טשי שי דזשין ססע" בעדייטעט בוכשטעבליך: „הונט, חזיר, עסען, מענש, שפּייז." אָבער נאָך דיא אָרדנונג פון דיזע ווערטער פערשטייט דער כינעזער, אַז דאס מיינט: „הינט און חזרים עסען דיא שפּייז פון מענשען." פון דיזען ביישפּיעל אַליין קען מען שוין פערשטיין, וויא שווער עס איז פאַר אַ פרעמדען צו לערנען אַזאַ שפּראַך, שוין אָפּגעזעהן דערפון, וואס זיא האָט אייגענטהימליכע קלאַנגען און וואס דיא בעדייטונג פון זעהר פיעל ווערטער העננט אָפּ פון אַ העכערען אָדער נידעריגערן, פון אַ לענגערן אָדער קירצערן קלאַנג.

געוועינליך האָבען דיא כינעזישע וואָרצעל־ווערטער פיעלע בע־דייטונגען. צום ביישפּיעל, דער וואָרצעל־וואָרט טאַאָ האָט ביז 10 בעדייטונגען: דערגרייכען, צודעקען, פיהרען, וועג, פלאַג א. ז. וו. דער וואָרצעל־וואָרט לו בעדייטעט: פערדרייהען, שמיעדען, וואָגען, וועג, עדעלשטיין א. ז. וו. ווען אַ כינעזער זאָל וועלען איבערגעבען דעם געדאַנקען וועגען אַ וועג און געברויכען דערצו נאָר איינעם פון דיזע צוויי ווערטער, וועט מען איהם ניט קענען פערשטיין ריכטיג; ווען ער זאָל אָבער אויסריידען ביידע ווערטער צוזאַמען, וועט מען שוין וויסען, אַז ער מיינט צו זאָגען: וועג, דען ביידע טרעפען זיך צוזאַמען אין דיזער בעדייטונג. אַזוי טוען טאַקע דיא כינעזער אין זייער שפּראַך: פו הייסט פאָטער, מו—מוטער, צוזאַמען הייסען שוין ביידע ווערטער: עלטערן. יואַן הייסט ערוויטערט, קין—נאָהענט. ביידע ווערטער צוזאַמען דריקען שוין אויס דעם בעגריף פון שטרעקע, ווייטקייט. אין אַלע אַזעלכע פערבינדונגען ווערט אַ וואָרט ניט פערענדערט דורך דעם אַנדערן, עס איז נאָר אַ צוזאַמענשטעלונג פון ווערטער, וואס האָבען אונגעפעהר דיא זעלבע

בעדייטונג, אום ריכטיגער און דייטליכער אויסצודריקען א געדאנקען.

דיא כינעזישע שפּראַך האט דארום קיין גראַמאַטיק, אויסער סינטאַקסיס, ד. ה. רעגעלען וויא צוזאַמענצושטעלען פראַזען. דיא ווערטער האָבען קיינע פון דיא פאָרמען און בייגונגען, מיט וועלכע דיא פלעקסירטע שפּראַכען זיינען מייסטענס אזוי רייך. אום אויסצודריקען דעם געשלעכט געברויכען דיא כינעזער געוויסע ווערטער. צום ביישפּיעל: נאַן הייסט זכר, ניו—נקבה. ווען מען זעצט צו צום וואָרט טסע דעם וואָרט נאַן הייסט עס זוהן, ווען מען זעצט צו צו דעם זעלבען וואָרט טסע דעם וואָרט ניו הייסט עס טאָכטער. ניורדזשין הייסט ווייב. פיר דיא בעצייכנונג פון דעם געשלעכט פון חיות געברויכען דיא כינעזער אנדערע ווערטער, אָבער דער מיטעל דאס אויסצודריקען איז דער זעלבער. דעם זעלבען מיטעל געברויכט מען איבריגענס אין פיעלע אגגלוטינירטע און אויך אין מאָדערנע פלעקסירטע שפּראַכען. זאָ, צום ביישפּיעל, געברויכט מען אויך אין דער ענגלישער שפּראַך דיא ווערטער she [זיא] און he [ער] צו בעצייכנען דעם געשלעכט פון מאַנכע חיות: he-goat הייסט א באָק, she-goat הייסט א ציג.

יחיד און רבים דערקענט מען אין דער כינעזישער שפּראַך מייסטענס דורך דיא צוזאַמענשטעלונג פון דער פראַזע. מאַנכעס מאָל געברויכט מען אלס צייכען פון מעהרצאהל א וואָרט וואס בעדייטעט: א סך. דיא בייגונגען פון נאַמענס־ווערטער, וואס מען רופט אין דער דייטשער גראַמאַטיק פאַלל און אין דער העברעאישער גראַמאַטיק יחס [אויף רוסיש הייסט עס падежъ און אויף ענגליש case], ווערן אין דער כינעזישער שפּראַך איבערגעגעבען דורך דעם פּלאַטץ פון דיא ווערטער אין א פראַזע אדער דורך בעשטימטע צוגעשטעלטע ווערטלעך. אויף דיא זעלבע ארט דריקט מען אויס דיא פערגלייכען פון אדיעקטיוון [שם התאר אין לשון קדש] און טהיילווייז אויך דיא בייגונגען פון צייטווערטער [נטית הפעל]. דיא פערגאַנגענע אָדער צוקונפטיגע צייט קומט אָפט אויס צו דערגיין אין דער כינעזישער שפּראַך נור דורך דעם אלגעמיינעם זינען פון דער פראַזע.

איבערהויפּט קען מען זאָגען, דאָס אין דער כינעזישער שפּראַך גיבט עס קיינע בעזונדערע וואָרצעל־ווערטער צו בעצייכנען נאָמענס־ווערטער און צייטווערטער. נאָר דורך דעם זינען פון דער פראַזע דערקענט מען וואו דער חמור שטייט. דיא ספּעציעלע גראַמאַטיקאַלישע בעדייטונג פון א וואָרט היינגט מייסטענס אָפּ פון זיין פּלאַץ אין דער פּראַזע. צום ביישפּיעל, דער וואָרט נ ג אַ ן בעדייטעט צוגלייך: „רוהע, אפּרוהען זיך, גענניסען רוהע, פּאַמעלעך“; דער וואָרט ט אַ בעדייטעט צוגלייך: „גרויסער, גרויסקייט, גרויס, פערגרעסערן“ א. ז. וו. דיא פּאָזיציאָן פון ווערטער איז דארום א זעהר שטרענג רעגולירטע אין דער כינעזישער שפּראַך. דען זאָנסט וואָלט מען גאר ניט פערשטיין וואס מען וויל זאָגען.

מיט דער צייט אָבער האָבען געוויסע וואָרצעל־ווערטער, וועלכע מען האָט אליין עפּטער גענומען געברויכען צו בעצייכנען געוויסע בעציהונגען צווישען ווערטער, פערלאָרען זייער פריהערע בעדייטונג און זיינען געוואָרען הילפּס־ווערטער: דיא זעלבע ענדערונג אין דער בעדייטונג פון געוויסע וואָרצעל־ווערטער איז פּאָרגעקומען ביסלעכווייז אין אלע שפּראַכען, נאָר געוויינליך זיינען זיי צוזאַמענגעשמאָלצען געוואָרען מיט דיא הויפּט־ווערטער, וויא דאס איז בעזאָנדערס דער פּאַל אין אגגלוטינירטע שפּראַכען. אין דער כינעזישער שפּראַך זיינען אבער דיא הילפּס־ווערטער פערבליבען גאַנץ אָפּגעזונדערט פון דיא הויפּט־ווערטער. דיא כינעזישע שפּראַך־לעהרער צוטהיילען דארום זייערע ווערטער אין פ ו ל ע און פּ ו ס ט ע. פולע ווערטער הייסען אזעלכע, וואס האבען אנגעהאלטען זייער גאַנצע בעדייטונג און וואס ביי איבערזעצונגען מוז מען זיי איבערגעבען מיט נאָמענסווערטער און צייטווערטער, דיא הויפּט־טהיילען (חלקי הדבור) פון יעדער שפּראַך. פּוסטע ווערטער הייסען אזעלכע, וואס זייער אייגענע בעדייטונג איז פערדונקעלט אָדער אין גאַנצען פערלאָרען געגאַנגען, נאָר וואס זיינען פערבליבען אין דער שפּראַך, אום קלאָרער און גענויער צו בעשטימען דעם געדאַנקען וואס דיא פולע ווערטער דארפען אויסדריקען אין א פּראַזע. דאס הייסט, אז דיזע פּוסטע ווערטער דיענען אזוי וויא דיא טהיילען פון דער שפּראַכע, וואס מיר רופען אין אונזערע גראַמאַטי־

קעם אדווערבען (תאר הפעל, נעמליך: אונפערענדערטע ווערטער, צו מאָדיפיצירען צייטווערטער אָדער אדיעקטיווען), פּרעפּאָזיציאָנען (מלת היחס), אָדער בינדעווערטער (מלת הקשור).

וואס אָנבעלאַנגט צו דער פאָנעטיק (דאס הייסט צו דיא קלאַנגען פון א שפּראַך) פון דער בינעזישער שפּראַך, איז זיא גאר ניט אזוי פערשידענאַרטיג און רייך, וויא מען קען עס מיינען, ווען מען הערט בינעזער ריידען. דיא וואָקאַלען ווערן אָפט אויסגע־שפּראָכען אונטערן נאָז. נאָך עפטער ווערן צוויי וואָקאַלען צוזאמען געצויגען אין איין קלאַנג. אזעלכע דאָפּעלטע קלאַנגען ווערן גערופען אין גראַמאַטיקעס דיפטאָנגען און עקזיסטירען געוויינליך אין אלע שפּראַכען. דער טאָן פון דיא וואָקאַלען, און אזוי וויא דיא בינע־זישע ווערטער זיינען איינזילביגע, הייסט עס אויך דער טאָן פון דיא ווערטער זעלבסט שפּיעלט א זעהר גרויסע ראָלע צו פערשטיין זייער בעדייטונג. אין אלע בינעזישע דיאַלעקטען פעהלט דיא קאָנסאָנאַנטע (מיטלויט) ר אין גאנצען. אין דעם מאנדארינען־דיאלעקט פעהלען אפילו דיא קאָנסאָנאַנטען ג, ד און ב. דער אלפאַבעט פון דער בינעזישער שפּראַך איז אלזאָ גאר ניט א לאַנגער, נאר דיא בינעזער האבען אָנגענומען דיא ערגסטע און אונבעקוועמליכסטע ארט שרייבען וואס מען קען זיך נאר פאָרשטעלען. וויא מיר וועלען עס זעהען, ווען מיר וועלען ריידען איבער דיא ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון שריפטען, פערצייכענען דיא בינעזער ניט איינצעלנע בוכשטאבען, זאָנדערן גאַנצען. זילבע דאס האט זיי געפיהרט אָנצונעהמען א מאסע צייכענס. אין אַלגעמיינען דערגרייכט דיא צאהל פון בינעזישע שריפט־צייכענס ביז 50 טויזענד.

נאָך א ספּעציעלער פונקט פון דער בינעזישער שפּראַך איז דיזער, וואס אלע ווערטער הייבען זיך אָן מיט א קאָנסאָנאַנטע און ענדיגען זיך מיט א וואָקאַל. עס איז נאר דאָ איין וואָרט, וואס איז אָן אויסנאַהמע פון דיזער רעגעל, נעמליך. דער וואָרט איל, וואס ענדיגט זיך מיט א קאָנסאָנאַנטע און בעדייטעט „צוויי“ און „אָן אויער“.

ווען מען גיט איבער מיט לאטיינישע בוכשטאבען בינעזישע ווערטער טרעפט מען אָפט ביין ענד דיא בוכשטאבען ng. צוםביישפּיעל,

דער נאָמען פון דעם גרעסטען כינעזישען שטאַאטסמאַן פון אונזער צייט ווערט געשריבען: לי הונג טשאַנג. אין אמת'ן אָבער זיינען נאָר דיזע ענדע־קאָנסאָנאַנטען נג א צייכען, אז דיא וואָקאַלען ווערען אויסגעשפּראָכען אונטערן נאָז. דיא כינעזישע הויפּטשטאָט שרייבען מיר: פּעקין אָדער פּעקינג; אָבער דיא כינעזער דריקען נאָר אויס דעם וואָקאַל i אַזוי אונטערן נאָז, אַז ער קלינגט וויא נאָך איהם וואָלטען געפאָלגט דיא בוכשטאַבען ng.

צום זידען פון כינא, אויף דעם אינדאָ־כינעזישען האַלבאינזעל, זיינען פערשפּרייטעט מאָנאָסילאַבישע שפּראַכען, וועלכע האָבען א זעהר גרויסע עהנליכקייט צו דער כינעזישער אין בעצוג אויף דער צוזאַמענשטעלונג פון ווערטער. דיזע שפּראַכען זיינען: דיא אַנאַמיטישע, דיא סיאַמעזער, דיא בירמאַנער און דיא טיבעטאַנער. דיא וואָרצעל־ווערטער און דיא פאָנעטיק פון דער אַנאַמיטישער שפּראַך זיינען אבער גאַנץ אַנדערע, וויא דיא כינעזישע. דאס צייגט, אַז זיא איז א גאַנץ בעזונדערע שפּראַך. דיא אַנאַמיטער האָבען נאָר איבערגענומען ביי דיא כינעזער זייער שריפט און פיעלע ווערטער. דיא סיאַמעזער שפּראַך האט פיעלע דיאַלעקטען און א זעהר רייכע פאָנעטיק. זיא האט נעמליך א סך קאָנסאָנאַנטען, וואס מען רעט ארויס מיט דעם גאָרגעל (מוצאות מהגרון) און מיט דיא ציינער (מוצאות מהשנים). איהר שריפט איז פון אינדישער אָפּשטאַמונג. דיא בירמאַנער שפּראַך איז אויך צוזאַמענגעשטעלט פון איינזילביגע ווערטער, נאָר אין איהר קען מען שוין בעמערקען אַן אָנפאַנג פון אָפּשטאַמונגס־ווערטער. דורך דיא צוזעצונג פון דעם וואָקאַל „אַ" ווערט דיא בעדייטונג פון וואָרצעל־ווערטער געענדערט. צום ביישפּיעל, דער וואָרט „קאַונה" בעדייטעט גוט, זיין גוט א. ז. וו. ווען מען זאָגט אָבער „אַ־קאַונה", הייסט עס שוין גוטסקייט. אין דער טיבעטאַנער שפּראַך איז שוין דאָ אַן אָנהויב פון אַגגלוטינאַציאָן. דיא ווערטער זיינען נאָך איינזילביגע קלאַנגען מיט פערשידענע בעדייטונגען און זיי ווערן אויך צוטהיילט אין פולע און פוסטע. דיא פוסטע ווערטער ווערן אבער אָפּט אַזוי צוזאַמענגעצויגען אדער צוזאַמענגעקלעפּט מיט דיא פולע, אַז עס ווערן שוין דערפון ריכטיגע צווייזילביגע ווערטער. דיזע שפּראַך

האט איבערגענומען א געוויסע צאהל אינדישע ווערטער דורך דעם איינפלוס פון דיא בודדיסטישע מיסיאָנערען, וועלכע האָבען איבערזעצט דיא הייליגע סאַנסקריטישע ביכער. דיא טיבעטאַנער שריפט איז נאך דעם מוסטער פון דיא אינדישע.

אונטער דיא פיעלע שפּראַכען און דיאַלעקטען וואס ווערען געשפּראָכען אין טיבעט און אין אינדראָ־כינאַ איז פאר דיא שפּראַך־נאַכ־פאָרשער בעזאָנדערס אינטערעסאַנט דער זאָ־געננאַנטער כ א ז י א ־ ד י א ל ע ק ט. אונגעפעהר א 200 טויזענד מענשען בענוצען זיך מיט דיזען דיאַלעקט, וועלכער האט קיינע שריפטען. לינגוויסטען שטודירען אָבער דיזען דיאַלעקט, ווייל ער צייגט אָן, וויא אזוי מאָנאָסילאַבישע שפּראַכען זיינען ביסלעכווייז איבערגעגאַנגען אין אַגגלוטינירטע. ער געפינט זיך גראַדע אין אָן איבערגאַנגס־צייט. דיא איינזילביגע וואָרצעל־ווערטער ענדערן זיך ניט, וויא געוויינליך אין א מאָנאָסילאַבישע שפּראַך. אום צו בעצייכנען דעם געשלעכט געברויכט מען אין דעם כאַזיאַ־דיאַלעקט דיא ווערטער או (ער) און קאָ (זיא). צום ביישפּיעל: א ו־ב ר י ו (מאָן), ק א־ב ר י ו (פרוי), א ו־ק ו ן (זוהן), ק א־ק ו ן (טאָכטער), א. ז. וו. עס זיינען שוין אָבער דאָ ווערטער וואס זייערע וואָרצלען קלעפּען זיך צוזאַמען מיט פוסטע ווערטער אין דער פאָרמע פון צוזעצונגען, מייסטענס פּרעפיקסען. צום ביישפּיעל, דער וואָרט ז ש י נ ג הייסט א זאַך, און ער ווערט געברויכט צו בעצייכנען פיעלע נאַמענסווערטער אויף דיעזע אַרט: ב א ם (עסען), ז ש י נ ג־ב א ם (שפּייז); מ ו ט (דיינקען), ז ש י נ ג־מ ו ט (געדאַנקען) א. ז. וו. אנדערע ווערטער ווערען צוזאַמענגעשמאָלצען דורך דיא צוזעצונגען פון דיא ווערטער נ אָ נ ג, ב א, ק אָ, א. ז. וו.

אָנפאַנגס זיינען דיא צוזאַמענגעקלעפּטע ווערטער צווייזילביגע, וויא אין דעם כאַזיאַ־דיאַלעקט און אנדערע אזעלכע, וואו מען בעמערקט שוין דיא פאָרמע פון אַגגלוטינאַציאָן. נאר וואס ווייטער אויף דיזען וועג, ווערן צוזאַמענגעקלעפּט אלץ מעהר פריהערע איינזילביגע וואָרצלען און עס בילדען זיך פיעל־זילביגע אָדער פּאָלי־סילאַבישע ווערטער, וואס דריקען אויס גאַנצע פראַזען. מאַנכע וואָרצעל־ווערטער פערלירען דערביי ניט נאר זייער פריהערן זינען, זאָנדערן אויך זייער פריהערע

אויסשפראכע. עס פעהלען אָפט אין זיי וואָקאלען אָדער קאָנסאָ־גאנטען אָדער ביידע צוזאמען. אמאָל בלייבט נאר פון א פריהערן וואָרצעל־וואָרט איין בוכשטאב, וועלבער ציהט זיך צוזאמען אָדער, וויא מען זאָגט, ווערט צוזאמענגעקלעפּט מיט דעם פולען וואָרצעל־וואָרט, וואס דריקט אוים דעם הויפּט־געדאנקען און בלייבט אונ־פערענדערט. דיזע צוזעצונגען פערלידען אין גאנצען זייער אונאבהענ־גיגקייט אין פערנעהמען אין אן אגגלוטינירטען וואָרט א פּלאַץ אין אָנפאנג, צום סוף אדער אויך אין מיטען, נאך דעם כאראקטער פון דער שפּראך. דיא געדאנקען ווערן בעשטימט און דיא בעציהונגען צווישען זאכען ווערן אויסגעדריקט דורך דיזע פערשידענע צוזעצונגען. בייגונגען פון נאמענסווערטער (נטית השם) און פון צייטווערטער (נטית הפעל) קומען נאך ניט פאָר אין אגגלוטינירטע שפּראכען.

דיא מייסטע שפּראכען זיינען נאך ביז יעצט פערבליבען אין דער אגגלוטינירטער פאָרמע. אלע איינגעבאָרענע פון אמעריקא, פון אויסטראַליען, פון אפריקא, וויא אויך פון א געוויסען טהייל אין אזיען און פון עטליכע ערטער אין אייראָפּא געברויכען אגגלוטינירטע שפּראכען. מייסטענטהיילס האָבען זיי קיין שום שייכות ניט איינע מיט דיא אנדערע אין זייערע וואָרצלען, קלאנגען און אפילו אין דער ארט און וויזע פון דער צוזאמענשטעלונג און צוזאמענקלעפּונג. זייער עהנליכקייט איז בלויז אין דער פאָרמע פון אגגלוטינאציאָן. פיעלע געלעהרטע שפּראך־קענערס האָבען געזוכט צו ענטדעקען איין אָפּ־שטאמונג פון אגגלוטינירטע שפּראכען דורך פערגלייכען זייערע וואָרצלען און דיא צוזאמענקלעפּונגען, אבער דאס איז געווען ארויסגעוואָרפענע ארבייט. דאס האט נאר בעשטעטיגט דיא מיינונג פון פיעלע גרויסע לינגוויסטען, אז גלייך וויא מענשען אָדער מענשענארטיגע בעשעפעני־סען האבען זיך גענומען בענוצען מיט זייער פעהיגקייט צו ארטיקולירטע קלאנגען, זיינען שוין ענטשטאנען פערשיעדענע שפּראכען ביי פערשיעדענע גרופּען.

מיר קענען זיך ניט אָפּשטעלען אפילו אויף אן אויסרעכענונג פון אלע אגגלוטינירטע שפּראכען. יעדע פון זיי האט נאטירליך איהרע אייגענטהימליכקייטען, דאס וואס מען רופט: כאראקטער פון א

שפּראַך. זיי אונטערשיידען זיך אויך זעהר פיעל אין זייער פאָנעטיק, דאס הייסט אין דיא וואָקאַלען, דיפטאָנגען און קאָנסאָנאַנטען. דיא האָטענטאָטען, צום ביישפּיעל, וואס האָבען א גאנץ אייגענאַרטיגע און, וויא עס שיינט, זעלבסטשטענדיגע שפּראַך, געברויכען נאָך אויסער אלע געוויינליכע קאָנסאָנאַנטען עטליכע ספּעציעלע, בעזאָנדערס 4 סוויסצענדע קאָנסאָנאַנטען, וואס מען רופט געוויינליך קנאַקענדע און וואָס עס איז זעהר שווער נאָכצומאַכען. דיזע קלאַנגען זיינען אזוי כאַראַק־טעריסטיש, אז נאָך זיי קען מען גלייך דערקענען אלע האָטענטאָטישע דיאַלעקטען. דיא שכנים פון דיא האָטענטאָטען, דיא נידערשלאָגענע בושמענען, האָבען נאָך ביז 7 ספּעציעלע קנאַקענדע קלאַנגען. נאָר זייערע שפּראַכען זיינען פון דעסטוועגען גאַנץ פערשיעדען אין אלע אנדערע הינזיכטען.

דיא שפּראַכען פון דיא איינגעבאָרענע אין א העלפט פון גאַנץ אפריקא ביז אביסיניען צום נאָרד האָבען אלע דיא אייגענטהימליכ־קייט, וואס זייערע ווערטער ווערן צוזאַמענגעקלעפּט דורך צוזעצונגען אין אָנפאַנג פון דיא וואָרצעל־ווערטער, אָבער ניט צום סוף. דיזע שפּראַכען טראָגען אין דער לינגוויסטיק דעם אַלגעמיינעם נאָמען באַנטו. דיא פּרעפיקסען פון דיא באַנטו־שפּראַכען קלינגען עהנליך און בעצייכענען געוויינליך איינצאָהל און מעהרצאָהל. אייגענטליך קען מען דיזע שפּראַכען רעכענען פאַר דיאַלעקטען פון איין אמאָליגע גע־מיינשאַפטליכע שפּראַך.

דיא שפּראַכען פון דיא אויסטראַליען זיינען גראַדע דער היפּוך פון דיא באַנטו־שפּראַכען אין דער בעציהונג, דאס דיא צוזעצונגען צו דיא וואָרצעל־ווערטער קומען גראַדע צום ענדע. דאס אליין צייגט שוין, אז אלע אויסטראַליער שפּראַכען האָבען איין אָפּשטאַמונג. דיא פאָנעטיק פון דיא אויסטראַליער שפּראַכען איז א גאַנץ איינפאַכע. עס פעהלען זאָגאַר מאַנכע פון דיא געוויינליכסטע קאָנסאָנאַנטען, וויא ב, ג, ד.

אַלע שפּראַכען פון דער מאַלאַיער ראַסע, וויא אויך פון פיעלע איינגעבאָרענע שטאַמען אויף דיא אינזלען פון גרויסען אָקעאַן (פּאָ־לינעזיען), זיינען אגגלוטינירטע. זיי טראָגען אין דער לינגוויסטיק דעם

אלגעמיינען נאָמען מאלאיאָ־פּאָלינעזישע און האָבען איין אָפּשטאמונג. צוזאמען בילדען זיי א גאַנץ בעזונדערע שפּראַך־גרופּע. דיא מאלאיער אין זיד־אזיען האָבען פיעלעס איבערגענומען ביי דיא אינדוסען און מוסולמאנער, ספּעציעל אין זייער ליטעראטור. א טהייל פון דיא מאלאיער שטאמען בענוצען זיך מיט דעם אראבישען אלפאַ־בעט און א טהייל, אונטער זיי אויך דיא טאגאלען פון דיא פיליפּינער אינזלען, בענוצען זיך מיט א פערענדערטען אלטען אלפאבעט פון דיא אינדוסען.

דיא יאפּאנעזער שפּראַך איז איינע פון דיא גאַנץ אָפּגעזונדערטע אגגלוטינירטע שפּראכען. מען האט לאנג געזוכט צו פערבינדען איהר מיט איינע פון דיא מאָנגאָלישע שפּראבען, ספּעציעל מיט דער כינע־זישער; אָבער מען האט גאר ניט בעשטימטעס געפונען. דיא בילדונג פון ווערטער אין דער יאפּאנעזער שפּראַך צייגט קלאָר אויף איהר אגגלוטינירטע פאָרמע. דיא וואָרצלען ענדערן זיך ניט און דיא ווערטער בייגען זיך ניט. דיא בעציהונגען ווערן אויסגעדריקט דורך צוזעצונגען, וועלכע האָבען פערלאָרען זייער אמאָליגע וואָרצעל־בעדייטונג. צום ביישפּיעל: דער וואָרט „היטאָנאָ“ הייסט מענש, „היטאָדאָ“ — מיט דעם מענש, „היטאָטאטסינאַ“ — דיא מענשען, „היטאָטאטסידע“ — מיט דיא מענשען. זייער שריפט האָבען דיא יאפּאנעזער איבערגע־נומען ביי דיא כינעזער, אָבער זיי האָבען איהר זעהר פעראיינפאכט. דיא צייכענס זיינען דאָך פערבליבען ניט פיר איינציגע בוכשטאבען, זאָנדערן פאר גאנצע זילבען, געמליך קאָנסאָנאנטע מיט א וואָקאַל וויא צום ביישפּיעל; קאַ, קי, קאָ, א. ז. וו. יעצט האָט דיא יאפּאנעזער שפּראַך 72 אזעלכע צייכענס, נאר עס וועט וואהרשיינליך ניט לאנג דויערן ביז דיא יאפּאנעזער וועלען ענדליך אָננעהמען דעם לאטיינישען אלפאבעט.

אין צענטראַל אינדיען ווערן געשפּראָכען אגגלוטינירטע שפּראַ־כען וואס טראָגען דעם אלגעמיינען נאָמען דראווידישע. זייער פאָנעטיק איז א צימליך רייכע, און דיא ווערטער ווערן געבילדעט דורך צוזעצונגען צום סוף און אין מיטען. מיר וועלען נאר ברייננען איין וואָרט צו צייגען וויא אזוי דיא אגגלוטינאציאָן גייט אָן אין דיזע

שפּראַכען. „סאַרנדאַיקקו“ בעדייטעט אין איינעם פון דיא דראַווידישע דיאַלעקטען: „צו דיר וואס האט זיך דערנעהענטערט“. דיזער וואָרט צוגליעדערט זיך אזוי: ס אַ ר—דערגרייכען, דערנעהענטערן זיך, ג— איז אַן אויפאָנישע צוזעצונג (דאס הייסט עס זאָל בעסער קלינגען), ד—איז א צייכען פון דער פערגאַנגענער צייט, אַ י— דו, דיר, ק— אויפאָנישע צוזעצונג, ק ו—צו.

דיא אַגגלוטינירטע שפּראַכען, וואס ווערן נאך געברויכט אין אויראָפּאַ, געהערען אלע צו דער זאָ־גענאַנטער א ו ר אַ ל אָ־אַ ל ט אַ י ש ע ר גרופּע, מיט אויסנאהמע פון דער שפּראַך פון דיא ב אַ ס ק ע ן (אונגעפעהר א האלבער מיליאָן מענשען וואס וואָהנען אין דיא פּירענעער בערג אויף דעם גרענעץ פון פראַנקרייך און שפּאַניען), וועלכע שטעהט גאַנץ אָפּגעזונדערט פון אלע אנדערע און איז פערבליבען פון דיא אמאָליגע שפּראַכען אין שפּאַניען. צו דיזער גרויסער און אינטערעסאַנטער גרופּע געהערן פאָלגענדע שפּראַכען: טערקישע, אונגאַרישע, פינישע, סאַמאָיעדישע, מאָנגאָלישע א. ז. וו. זיי האָבען אלע דיא מערקווירדיגע אייגענשאַפט, וועלכע ווערט אין דער לינגוויסטיק גערופען „וואָקאַלישע האַרמאָניע“ און וועלכע בעשטייט אין דעם, דאס דיא וואָקאַלען פון דיא צוזעצונגס־ווערטער ווערען אין אלגעמיינען געענדערט לויט נאכדעם, וויא דיא וואָקאַלען פון דיא וואָרצעל־ווערטער קלינגען. מיר וועלען דאָ בריינגען א פּאָר ביישפּיעלען, אום קלאָרער צו מאכען וואס דיא וואָקאַלישע האַרמאָניע בעדייטעט: „מאַק“ איז אין דער טערקישער שפּראַך א צייכען פון דער אינפיניטיווער (אונבעשטימטער) פאָרמע פון צייטווערטער, מען זאָגט אָבער ניט „סעוורמאַק“, זאָנדערן „ס ע וו מ ע ק“ (ליעבען); „יאַזמאַק“ (שרייבען) בלייבט אונפערענדערט, ווייל „יאַז“ האָט דעם זעלבען וואָקאַל וואס „מאַק“. „נעק“ איז א צוזעצונג, וואס בעדייטעט: צו; מיט דעם וואָרט „האַלאַל“ (טויט) זאגט מען אָבער „האַלאַל נאַ ק“ (צום טויט). דער צייכען פון מעהרצאָהל אין דער טערקישער שפּראַך איז „לאַר“ אדער “לער“. ווען א וואָרט ענדיגט זיך מיט א (a), מוז מען צושטעלען „לאַר“, וויא „אָדאַ“ (צימער), „אָדאַלאַר“ (צימערן), „אָדאַדאַ“ (אין דעם צימער), „אָדאַלאַרדאַ“ (אין דיא צימערן).

דיא אונגארישע שפּראך און בעזאָנדערס דיא פינישע שפּראך, גענאנט סואָמי, היטען אויך זעהר שטארק אָפּ דיא וואָקאלישע הארמאָניע; אבער אין אַנדערע צווייגען פון דיא אוראלאָ־אלטאאישע שפּראכען זיינען דאָ געוויסע אויסנאהמען. דיא טערקישע שפּראך היט אזוי שטארק אָפּ דיא וואָקאלישע הארמאָניע, אז אפילו דיא אראבישע און פּערסישע ווערטער, וועלכע זיא האט ביסלעכווייז איבערגענומען צוזאמען מיט דעם אראבישען אלפאבעט, ווערען צו־ליעב דעם געענדערט אין זייערע וואָקאלען. דיא אונגארישע און פינישע שפּראכען געהערען צו איין צווייג, אָבוואָהל זיי זיינען אין פערלויף פון דיא היסטאָרישע צייטען געוועזן גאנץ אָפּגעזונדערט. דאס האט מען אויסגעפונען דורך דיא לינגוויסטישע נאכפאָרשונגען פון אונזער צייט. דיזער צווייג פון דיא אוראלאָ־אלטאאישע שפּראכען ווערט גערופען אוגראָ־פינישער. צו איהם געהערען אויך דיא שפּראכען פון דיא עסטען (אין ליפלאנד), פון דיא ליווען (אין קורלאנד), פון דיא לאפּאָנען (אין לאפּלאנד), פון דיא וואָטיאַקען און אָסטיאַקען (אין נאָרד פון רוסלאנד און סיביר). דיא שפּראכען פון דיא אָסטיאקען און פון דיא מאדיארען זיינען בעזאָנדערס עהנליך. זיי טראָגען דעם געמיינשאַפטליכען נאָמען: אוגרישע שפּראכען. דיזע עהנליכקייט צייגט קלאָר, צו וועלכען שטאם דיא מאדיארען אָדער דיא אונגארן האבען געהערט און פון וואנען זיי האבען זיך אריינגעריסען אין צענטראל אייראָפּא.

דיא אגגלוטינאציאָן פון דער אונגארישער שפּראך קומט געוויינליך פאָר דורך סופיקסען, דאס הייסט דורך צוזעצונגען צום ענדע פון אונפערענדערטען וואָרצעל־וואָרט. א קליינע צאָהל ווערטער מיט פּרעפיקסען זיינען ענטשטאנען, רעכענט מען, אונטער דעם איינפלוס פון דיא אינדאָ־אייראָפּעאישע שפּראכען. דער אקסענט (בעטאָנונג) אין דער אונגארישער וויא אויך אין דער פינישער שפּראך אָדער סואָמי בלייבט שטענדיג אויף דער ערשטער זילבע, וועלכע איז אויך געוויינליך דער וואָרצעל־וואָרט. דיא ענדערונגען פון צייט־ווערטער זיינען זעהר פערשיעדען אין דער אונגארישער שפּראך. דיא בעצייכ־נונגען פון פּערזאָנען, צאָהלען א. ז. וו. ווערען צוזאמענגעקלעפּט מיט

דיא וואָרצעל־ווערטער, וויא צום ביישפיעל: וואר (ער ווארט), ווארריא (ער ווארט אויף איהם), ווארריאק (זיי ווארטען אויף איהם) א. ז. וו. אין דיזע צוזאמענקלעפּונגען איז „ק“ דער צייכען פון מעהרצאָהל און „יא“ בעדייטעט: איהם. מיר האבען שוין אייבען געבראכט א פּאָר אנדערע ביישפּיעלע, וויא דיא ווערטער און קלאנגען פון דער אונגארישער שפּראך ווערען צוזאמענגעשטעלט און צוזאמענגעקלעפּט, און מיר וועלען זיך דאָ מעהר אויף דעם ניט אָפּשטעלען. מיר דיינקען אויך, אז דער לעזער האט שוין א בעגריף פון אגגלוטינירטע שפּראכען אין אלגעמיינען, און מיר וועלען דאָרום יעצט איבערגיין צו א קורצע בעטראכטונג פון דער דריטער און העכערער פאָרמע פון שפּראכען, נעמליך: שפּראכען מיט פלעקסיאָן.

וואס פלעקסיאָן הייסט, איז שוין אין אלגעמיינען ערקלערט געוועןָ. אויך איז שוין אָנגעצייגט געוועןָ אז אזעלכע שפּראכען זיינען דיא סעמיטישע און אינדאָ־אייראָפּעאישע. צו דעם גרויסען צווייג פון סעמיטישע שפּראכען ווערען צוגערעכענט דיא זאָ־גענאנטע חאמיטישע, צו וועלכע עס געהערט אויך דיא אלט־עגיפּטישע שפּראך. אבער דיא אונטערשיעדען זיינען אזוי גרויס, אז עס איז בעסער און צוועקמעסיגער צו בעטראכטען דיא חאמיטישע שפּראכען בעזונדער. דיא גרעסטע לינגוויסטען אנערקענען דיא פערוואנדטשאפט פון דיא סעמיטישע און חאמיטישע שפּראכען און גיבען צו, אז אמאָל האבען ביידע ראסען געהאט איין געמיינשאפטליכע שפּראך; אבער דיזע ראסען האָבען זיך זעהר פריה אָפּגעזונדערט, זאָ דאס דיא וויטערע ענטוויקלונג פון זייערע שפּראכען איז געשעהען אויף גאנץ אנדערע וועגען. אין דער צייט ווען דיא סעמיטען און חאמיטען האבען זיך צוטהיילט, איז זייער געמיינשאפטליכע שפּראך יעדענפאלס בעשטאנען פון א זעהר קליינע צאָהל ווערטער צו בעצייכנען דיא געוויינליכסטע און נויטווענדיגסטע זאכען.

דיא פלעקסיאָן־שפּראכען ווערען דארום פערטהיילט אין דריי גרויסע צווייגען: סעמיטישע, חאמיטישע און אינדאָ־אייראָפּעאישע. יעדע פון דיזע צווייגען ווערט צוטהיילט אין קלענערע.

מיר וועלען דאָ איבערגעבען דיא פערטהיילונג נאך דעם בוך „ליננ־וויסטיק“ פון דעם פראנצויזישען געלעהרטען אבעל האָוועלאק:

ערשטער צווייג—סעמיטישע שפּראַכען:

ערשטע גרופּע—אַראַמעאָ־אַסיריש: 1. כאַלדעיש און סיריאַק. 2. אַסיריש.

צווייטע גרופּע—כנען־שפּראַכען: 1. העברעאיש. 2. פעניקיש.

דריטע גרופּע—אַראַביש: 1. אַראַביש. 2. דיא שפּראַכען אין אַביסיניען און אין זידליכע אַראַביען.

צווייטער צווייג—חאַמיטישע שפּראַכען:

ערשטע גרופּע—עניפּטיש.
צווייטע גרופּע—ליביש.
דריטע גרופּע—עטהיאָפּיש.

דריטער צווייג—אינדאָ־אוראָפּעאישע שפּראַכען:

ערשטע גרופּע—אינדיש: 1. סאַנסקריט. 2. נייע אינדישע שפּראַכען. 3. ציגיינער־דיאַלעקט.

צווייטע גרופּע—איראַנישע: 1. זענד. 2. פערסיש. 3. אַר־מעניש. 4. פּאַרסיש. 5. קורדיש, אפגאַניש, אָסעטיש א. ז. וו.

דריטע גרופּע—גריכיש.

פיערטע גרופּע—לאַטייניש: 1. אלטע לאַטיינישע שפּראַכען. 2. נייע ראָמאַנישע שפּראַכען.

פינפטע גרופּע—סעלטיש.

זעקסטע גרופּע—גערמאַניש: 1. גאָטהיש. 2. סקאַנדינאַוויש. 3. פּלאַט־דייטש. 4. הויך־דייטש.

זיעבעטע גרופּע—סלאַוויש: רוסיש, פּויליש, בעהמיש, סערביש, בולגאַריש א. ז. וו.

אכטע גרופּע—לעטטיש: 1. ליטוויש. 2. לעטטיש. 3. אלט־פּרייסיש.

ניט אלע פון דיזע שפּראַכען האָבען דיא זעלבע בעדייטונג

אפילו פאר לינגוויסטען. פאר געוויינליכע מענשען האבען נאטירליך א בעדייטונג דיא שפראכען, וואס ווערן געשפראָכען פון גרויסע ציוויליזירטע נאציאָנען. קיינער וועט געוויס ניט לערנען דיא ליטווישע אָדער ציגיינער שפראך מיט דעם זעלבען צוועק, , וואס ער לערנט דיא ענגלישע, פראנצויזישע אָדער דייטשע שפראכען. פאר דעם לינגוויסט אבער זיינען אָפט העכסט אינטערעסאנט און וויכטיג גראדע אזעלכע שפראכען וואס האָבען קיין שום פראקטישען ווערטה ניט, ווייל דורך זיי קען מען דערגיין דעם אורשפרונג פון אנדערע שפראכען און איבערהויפּט פיעלע פערבאָרגענע זאכען פון דיא אוראלטע צייטען. מאנכע אַלטע שפּראכען, וויא דיא עגיפּטישע, העברעאישע, אסירישע, סאנסקריטישע א. ז. וו. האבען דיא גרעסטע בעדייטונג ניט נאר פאר דעם לינגוויסט, זאָנדערן אויך פאר דעם קולטורגעשיכטליכען נאכפאָרשער.

אין בעצוג אויף דיא אורשפרונגליכע אַלגעמיינע שפראך פון דיא אריער פעלקער שפּיעלט, צום ביישפּיעל, דיא פערוואָרפענע און אונבעקאנטע ליטווישע שפראך א גרעסערע ראָלע וויא דיא מייסטע אנדערע פערבליבענע אינדאָ־אויראָפּעאישע שפראכען, ווייל זיא איז גראדע פערבליבען ריינער און האט זיך שטרענגער געהאלטען אָן דיא ערשטע פונדאמענטאלע רעגעלען. דיא ליטווישע שפראך האָט דארום זעהר פיעל געהאָלפען דיא לינגוויסטען אין זייערע טיעפע און העכסט אינטערעסאנטע נאכפאָרשונגען וועגען דעם אורשפרונג פון אלע אינדאָ־אויראָפּעאישע שפראכען. איבערהויפּט קען מען זאָגען, אז גראדע דיא פעלקער וואס לעבען אָפּגעזונדערט, פערוואָרפען אין אזעלכע ערטער, וואו עס איז שווער צו צוקומען, און וואס האבען דארום וועניג פערקעהר מיט אנדערע פעלקער—אזעלכע פעלקער האלטען לענגער און בעסער אָן דיא אַלטע פאָרמען און וואָרצלען פון דער אורשפרונגליכער שפראך. אזוי, צום ביישפּיעל, האַלטען דיא לינגוויסטען אראביש פאר א ריינערע סעמיטישע שפראך וויא העברעאיש, ווייל דיא פעניקיער, אידען און איבערהויפּט דיא כנענים האבען זיך פריהער אָנגעפאנגען צוזאמענצומישען מיט אנדערע פעלקער וויא זייערע ברידער, וועלכע זיינען פערבליבען אין אראביען אָפּגעזונדערט ביז

דער מאהאמעטאניזמוס האט זיי ארויסגערופען אויף דער פֿאָרדער־סצענע פון דער וועלטגעשיכטע.

דיא פראגע, אויב אלע פלעקסיאָן־שפּראכען און ספּעציעל דיא סעמיטישע און אינדאָ־אייראָפּעאישע האבען איין אָפּשטאמונג, איז נאך ביז יעצט ניט בעשטימט. נאך לאנגע גריבלערייען און ויכוחים זיינען פיעלע בעוואוסטע לינגוויסטען געקומען צום שלום, אזביידע וויכטיגסטע צווייגען פון דיא פלעקסיאָן שפּראכען, דיא סעמיטישע און אינדאָ־אייראָפּעאישע, זיינען ענטשטאנען בעזונדער און האבען זיך ווייטער אויך זעלבסטשטענדיג ענטוויקעלט. „מען מוז זיך, שרייבט דער וועלט־בעריהמטער פראנצויזישער געלעהרטער ערנעסט רענאן, אָפּזאגען פון זוכען א פערבינדונג צווישען דיא גראמאטי־קאלישע סיסטעמען פון דיא סעמיטישע און אינדאָ־אייראָפּעאישע שפּראכען. דאס זיינען צוויי גאנץ בעזונדערע און אבזאָלוט אָפּגע־טהיילטע שעפּפונגען.“

דיא ארט און וויזע, וויא דיא פלעקסיאָן געהט אָן אין סעמי־טישע און אינדאָ־אייראָפּעאישע שפּראכען, איז גאנץ פערשיעדען און צייגט אויף א גרינדליכען אונטערשיעד גלייך פון אָנפאנג, וויא דיזע שפּראכען האבען זיך געבילדעט. אין איינצעלהייטען וועגען דיזע אינטער־שיעדע קענען מיר זיך דאָ ניט אריינלאָזען, ניט בלויז וויל מיר שרייבען דאך ניט א לינגוויסטיק, זאָנדערן אויך וויל אין זשארגאָן פעהלען דיא נויי־טיגע דערצו גראמאטיקאלישע און לינגוויסטישע נעמען. מיר וועלען דאָ דארום אָנצייגען אויף א פּאָר פון דיא וויכטיגסטע אונטערשיעדע.

דיא וואָרצעל־ווערטער פון אלע סעמיטישע שפּראכען בעשטייען פון דריי קאָנסאָנאנטען. צום ביישפּיעל אין דער העברעאישער שפּראך: דבר (ריידען), כתב (שרייבען), שמר (היטען) א. ז. וו. אין דיא אינדאָ־אייראָפּעאישע שפּראכען קענען זיין וואָרצעל־ווערטער אפילו פון איין וואָקאל אדער פון איין וואָקאל מיט איין קאָנסאָנאנטע, וויא צום ביישפּיעל: י (i)—געהען, סו (su)—בעגיסען. לינגוויסטען דיינקען, אז דיא סעמיטישע וואָרצעל־ווערטער פון דריי קאָנסאָנאנטען זיינען ענטשטאנען פון איינפאכערע פאָרמען, וועלכע זיינען ביסלעכוויז אגגלוטינירט געוואָרען; אָבער יעדענפאלס זיינען זיי דער צייכען פון

אלע סעמיטישע שפּראַכען. דאס איז אזוי וויט געגאַנגען, אז דיא וואָרצעל־ווערטער האָבען איבערהויבט קיין שטענדיגען בעשטימטען קלאַנג ניט געהאט אין דיא סעמיטישע שפּראַכען. דיא וואָקאַלען האָבען זיך געביטען צווישען יעדע פון דיא דריי קאָנסאָנאַנטען. דער אַלגעמיינער זינען פון דעם וואָרצעל־וואָרט איז געווען אויסגעדריקט דורך זיינע דריי קאָנסאָנאַנטען, און דיא וואָקאַלען מיט וועלכע מען האט זיי פערבונדען, האָבען נור אויסגעדריקט דיא בעציהונגען צווישען זאַכען. דאַרום איז עס ביי דיא סעמיטען ענטשטאַנען דיא זעהר אונבע־קוועמע אַרט שרייבען דורך קאָנסאָנאַנטען אליין. דיא וואָקאַלען האט מען שוין בעדאַרפט טרעפען נאכ׳ן זינען פון דער פּראַזע. צום ביישפּיעל אין העברעאיש: קְטֹל, קָטַל, קְטֹל, קְטַל. עהנליכע ענדערונגען קומען פאָר אין דער אראַבישער שפּראַך.

דיא סעמיטישע שפּראַכען זיינען אין אלגעמיינען פיעל מעהר פלעקסירטע וויא דיא אינדאָ־אויראָפּעאישע. סעמיטישע וואָרצעל־ווערטער קענען געענדערט ווערען דורך אלע וואָקאַלען, וועלכע מאָ־דיפיצירען זייער זינען. דיא אינדאָ־אויראָפּעאישע שפּראַכען האלטען געוויינליך אָן איין וואָקאַל, וועלכער איז דער פונדאַמענט פון דעם וואָרצעל. דאס קען איבערינענס גערעכענט ווערען פאר א רעזולטאַט פון דער סעמיטישער סיסטעם פון דריי קאָנסאָנאַנטען. אזוי וויא דער זינען פון סעמיטישע ווערטער איז געווען צוגעבונדען צו דיא קאָנסאָנאַנטען, האט מען געביטען דיא וואָקאַלען, וויא עס האָט זיך געלאָזען, אום איבערצוגעבען דעם אונטערשיעד פון נאָמענסווער־טער און צייטווערטער און דיא בנינים פון דיא צייטווערטער. אין דיא אינדאָ־אויראָפּעאישע שפּראַכען איז אבער דער זינען פון א וואָרצעל־וואָרט אויך געווען צוגעבונדען וועניגסטענס צו איין גרונד־וואָקאַל, פון וועלכען דער גאַנצער וואָרט איז ניט זעלטען בעשטאַנען. דאַרום האט מען שוין דיזען וואָקאַל בעדאַרפט אָנהאַלטען ביי אלע ביי־גונגען.

נאָך א זעהר וויכטיגער אונטערשיעד צווישען דיאביידע סיס־טעמען פון פלעקסירטע שפּראַכען איז דיזער, דאס דיא סעמיטישע שפּראַכען האבען געהאט דריי פּעלע (נטית השם) און צוויי צייטען,

וועהרענד דיא אינדאָ־אויראָפּעאישע שפּראַכען האבען געהאט אַכט פּערע און וויינינגסטענס זעקס צייטען. דיא ביינונגען פון א סעמיטישען צייטוואָרט זיינען איבערהויפּט גאַנץ אנדערס וויא דיא ביינונגען פון א׳ן אינדאָ־אויראָפּעאישען צייטוואָרט. צום ביישפּיעל, אין דעם סעמיטישען צייטוואָרט ווערט אונטערשיידעט דער מענליכער און ווייבליכער געשלעכט אין דער דריטער פּערזאָן, וויא „קאַטאַלאַ״ (ער האט געטויטעט), „קאַטאַלאַט״ (זיא האט געטויטעט). אין דיא אינדאָ־אויראָפּעאישע שפּראַכען מאַכט מען ניט אזא אונטערשיעד.

ווענען דיא סעמיטישע שפּראַכען, ספּעציעל דיא העברעאישע און אַראַבישע, אויך וועגען וויינינגסטינס איין חאַמיטישע שפּראַך, נעמליך דיא: עגיפּטישע, וועלען מיר נאָך האבען צו ריידען אין בעזונדערע קאַפּיטלען. יעצט וועלען מיר וואַרפען א קורצען איבערבליק אויף דיא אינדאָ־אויראָפּעאישע שפּראַכען.

פיערטער קאַפּיטעל.

אינדאָ־אויראָפּעאישע שפּראַכען.

דיא ענטדעקונג פון סאַנסקריט. — דיא הויפּט פּונקטען פון דער אלגע־מיינער אינדאָ־אויראָפּעאישער שפּראַך. — דיא וויכטיגקייט פון סאַנסקריט.—דיא ענדערונג און פאָרמען פון סאַנסקריט. — דיא פערשיעדענע נאָהענטקייט פון דיא אינדאַ־אויראָפּעאישע שפּראַך־צווייגען צו זייער אורשפּרונגליכער שפּראַך. — אינדישע דיאַלעקטען און דער ציגיינער דיאַלעקט.—דיא איראַנישע שפּראַכען.— דיא ענטדעקונג פון זענד און פון דער אַלט־פּערסישער שפּראַך. — וויא מען איז דערגאנגען צו לעזען דיא קונעאָפאָרמישע שריפטען. — דיא עהנליכקייט פון אלע אויראָפּעאישע שפּראַכען. — דיא פערבליבענע סעלטישע און לעטטישע שפּראַכען.—דיא ענדערונג פון דיא אלטע גראַמאַטיקאַלישע פאָרמען און דיא ענטשטעהונג פון אַנאַליטישע שפּראַכען. — זשאַרגאָן אלס ביישפּיעל פון אן אַנאַליטישע שפּראַך.—דיא רוסישע און ענגלישע גראַמאַטיקעס.—לאַטייניש און דיא נייע ראָמאַנישע שפּראַכען.

איהר וויכטיגסטען גרונדשטיין האט דיא לינגוויסטיק געלייגט, ווען זיא האט בעוויזען, אז אלע אינדאָ־אויראָפּעאישע שפּראכען, וועלכע זיינען אויסגערעכענט אין פאָריגען קאַפּיטעל, שטאַמען פון איינע, וועלכע איז געשפּראָכען געוואָרען ווער ווייסט מיט וויא פיעל טויזענ־דער יאהרען צוריק ערגעץ אין צענטראַל־אזיען. דורך דיזע ענטדעקונג האט דיא לינגוויסטיק זיך ניט נאר פערדיענט דעם נאמען וויסענ־שאַפט, זאָנדערן האט אויך געלייסטעט דעם גרעסטען דיענסט דער קולטורגעשיכטע, וויא דאס איז שוין אָנגעציינט געווען אין אנדערע ערטער פון דיזער קולטור געשיכטע.

עס פערשטייט זיך, אז דערצו איז מען ניט געקומען מיט איין מאָל, נאר נאך זעהר לאנגע און טיעפע נאכפאָרשונגען. בעזאָנדערס האט דאָ געהאָלפען דיא ענטדעקונג פון סאנסקריט, דיא הייליגע שפראך פון דיא אלטע אינדוסען. אויף דיא עהנליכקייט פון דיזער שפראך מיט זיין מוטערשפראך האט נאך אנגעצייגט אן איטאליענער האנדעלסמאן מיט דעם נאמען פיליפּאָ סאססעטי אין 1585. אין א בריף צו זיינעם א פריינד האט ער אויסגערעכענט אייניגע עהנליכע ווערטער. אין 1767 האט דער פראנצויזישער מיסיאָנער קעידדו (Cœrdoux) מיטגעטהיילט זיינע נאכפאָרשונגען וועגען דיא עהנליכקייט פון לאטיינישע און גריכישע ווערטער מיט סאנסקריטישע ווערטער. צוואנציג יאהר שפעטער האט דער ענגלענדער וו. דזשאָנס פעסטגעשטעלט דיא פערוואנדשאפט פון סאנסקריט מיט אייראָפּעאישע שפראכען.

„דיא עהנליכקייט פון סאנסקריט צו גריכיש און לאטייניש איז אזוי גרויס, אי אין דיא וואָרצעל ווערטער אי אין דיא גראמאטיקאלישע פאָרמען, האט ער געשריבען, אז דאס קען ניט זיין בלויז א צופאל. יעדער שפראך־קענער וועט מוזען צוגעבען, אז דיזע דריי שפראכען זיינען פון איין אָפּשטאמונג, ווען ער וועט זיי נאכפאָרשען. עס זיינען דאָ גרינדע אָנצונעהמען, אז דיא גאָטהישע און דיא סעלטישע שפראכען האָבען דעם זעלבען אורשפרונג וואס סאנסקריט. מען קען אויך צוזעצען, אז צו דער זעלבער שפראך־גרופּע געהערט אלט־פערסיש.“

נאכדעם האָבען פיעלע בעריהמטע שפראך־קענערס, וויא באָפּפּ, שלייכער, שאווע (Chavée) און אנדערע ניט נאר בעוויזען דיא עהנליכקייט. פון אלע שפראכען, וועלכע מען בעצייכענט געוויינליך אונטער דעם נאמען אינדאָ־אייראָפּעאישע שפראכען, זאָנדערן האָבען אויך צוזאמענגעשטעלט דיא אלגעמיינע רעגעלן פון דער אורשפרונגליכער שפראך, וועלכע איז אמאָל געשפראָכען געוואָרן אין צענטראל־אזיען. נאך שלייכער׳ס פערגלייכענדע גראמאטיק פון דיא אינדאָ־גערמאנישע שפראכען, וועלכע איז אנערקענט פון אלע לינגוויסטען, האט דיא געמיינשאפטליכע שפראך פון דיא אינדאָ־

אויראָפּעער אָדער אַריער (דער וואָרט שטאַמט פון דעם וואס די אַלטע אינדוסען און פּערסען האבען זיך אליין גערופען אַריאַס, וואס עס בעדייטעט אַדעלע) געהאט אַכט פעלע און דריי צאָהלען (איינצאָהל, מעהרצאָהל און דאָפּעל־צאָהל, וויא אויך אין העברעאיש און אין אנדערע סעמיטישע שפּראַכען) פיר נאַמענסווערטער און זעקס צייטען פיר צייטווערטער. די בייגונגען פון ווערטער זיינען געוויינליך געווען דורך סופיקסען. די פאָנעטיק איז געווען רייך אין קלאַנגען, וואס מען רעט ארויס מיט דער הילפּע פון האַלז און נאָז. אויף ווייטערע איינצעלהייטען, וועלכע ווערן אָנגעגעבען אין ספּעציעלע ביכער, קענען מיר זיך דאָ ניט אָפּשטעלען. פיר אונז זיינען גענוג די אָנגעצייגטע עטליכע הויפּט פּונקטען פון דיזער אוראַלטער פלעקסירטער שפּראַך.

לינגוויסטען האבען ווייטער אויסגעפונען, אז וואס עלטער עס איז א צווייג פון דער אַלגעמיינער אינדאָ־אויראָפּעאישער שפּראַך, אַלץ נעהענטער זיינען זיינע וואָרצלען, פאָרמען און קלאַנגען צו דיזער מוטערשפּראַך. איינע פון אזעלכע אַלטע שפּראַכען איז סאַנסקריט, און דאַרום איז זיא אזוי וויכטיג און אינטערעסאַנט פיר אַלע לינגוויסטען. דעם נאָמען סאַנסקריט האט די הייליגע שפּראַך פון די אַלטע אינדוסען געקראָגען, ווייל זיא איז געווען די ליטעראַטור־שפּראַך און האט אָנגעהאַלטען די אַלטע פאָרמען, וועלכע מען האט ביסלעכוויז פערלאָזען און געענדערט אין דער פאָלקס־שפּראַך. סאַנסקריט קומט פון דעם אַלט־אינדישען וואָרט „סאַנסקרטאַ“, וואס בעדייטעט: פאָלקאָמען, אויסגעצייכענט. דיזען נאָמען האָבען די אַלטע אינדוסען געברויכט אין געגענזאַץ צו זייער פאָלקס־שפּראַך, וועלכע זיי האָבען גערופען „פּראַקרטאַ“ (דיזער וואָרט בעדייטעט: נאַטירליך). די פאָלקס־שפּראַך איז מיט דער צייט געוואָרען אזוי פערשיעדען פון סאַנסקריט, דאס נאר געלעהרטע בראַמינען האָבען געקענט פערשטיין וואס עס איז געשריבען אין די הייליגע ביכער. עס זיינען אויך ענטשטאַנען פיעלע דיאַלעקטען, און די יעצטיגע שפּראַכען פון די אמת'ע אינדוסען זיינען זייער פאָרטזעצונג.

די זעלבע שפּראַך־ענדערונגען אדער, ריכטיגער, צוטהיילונגען

פון דער ערשטער אלגעמיינער שפראך אין דיאלעקטען זיינען פאר־געקומען ביי אלע פעלקער. נאך ביז היינט צו טאג איז דא א גרויסער אונטערשיעד צווישען דיא ליטעראטור־שפראך און דיא פאלקס־שפראך אפילו אין דיא ציוויליזירטעסטע לענדער, וואו יעדער אדער יעדען־פאלס דיא מעהרצאהל קען שוין לעזען און שרייבען. אין דיא פאר־צייטיגע יאהרען, ווען לעזען און שרייבען האבען נאר געקענט דיא כהנים און דיא העכסטע אריסטאקראטען, האט זיך דיא פאלקסשפראך זעהר שנעל ערווייטערט פון דער געשריבענער. וויא מיר װעלען עס זעהען שפעטער, ווען מיר וועלען בעטראכטען נעהענטער דיא סעמיטישע שפראכען, איז דיא הייליגע שפראך פון דיא אידען, וויא מיר געפינען איהר אין דער ביבעל, ארוים פון געברויך נאך אין דיא צייטען פון דיא מלכים. דאס אידישע פאלק האט ביסלעכווייז אליין מעהר בע־נוצט איינעם פון דיא כאלדעאישע דיאלעקטען: אראמעאיש.

סאנסקריט איז טאקע געווען א שווערע און קאמפליצירטע שפראך פיר דעם געוויינליכען געברויך צוליעב זיינע פיעלע גראמא־טיקאלישע פארמען. דיא הייליגע שפראך פון דיא אלטע אינדופען האט אנגעהאלטען דיא קאמפליצירטע גראמאטיקאלישע פארמען פון דער אלגעמיינער אינדא־אויראפעאישער שפראך. דיא נטית השם און נטית הפעל זיינען פערבליבען כמעט וויא אמאל. אין זיין פאנעטיק איז דער סאנסקריט געווען פיעל רייכער וויא דיא אור־שפראך. ער איז בעזאנדערס רייך געווען אין קאנסאנאנטען. דער צוזאמענקלאנג פון דיא וואקאלען מיט דיא קאנסאנאנטען אין סאנסקריט איז א זעהר קאמפליצירטער און מען האט פיעל געמוזט פראקטיצירען, אום ריכטיג אויסצושפרעכען דיא ווערטער.

אנפאנגס, ווען אויראפעאישע געלעהרטע האבען גענומען נאכ־פארשען דעם סאנסקריט פון דיא פערבליבענע הייליגע ביכער, וועלכע טראגען דעם אלגעמיינעם נאמען וועדא, האט מען געמיינט אז פון איהם שטאמען עס דיא אויראפעאישע שפראכען. ביי וויטערע און גרינדליכערע נאכפארשונגען האט מען אבער אויסגעפונען, אז ער איז נאר א צווייג פון דער אינדא־אויראפעאישער שפראך, אזוי וויא גריכיש, לאטייניש און דיא אנדערע אויסגערעכענטע צווייגען. ער

האט נאר בעסער און ריינער אָנגעהאלטען געוויסע פאָרמען פון דער געמיינשאפטליכער שפּראך פון דיא אריער, וויא דיא איבּריגע צווייגען. דערפאר זיינען אנדערע צווייגען, בעזאָנדערס דער לעטטישער, נעהענטער צו דער געמיינשאפטליכער שפראך אין אנדערע בעציהונגען, וויא דער סאנסקריט. איינינע פון דיזע צווייגען זיינען נעהענטער צו דער געמיינשאפטליכער שפראך אין זייערע וואָרצעל־ווערטער, אנדערע אין זייער פאָנעטיק, דריטע אין זייערע גראמאטיקאלישע פאָרמען, פיערטע אין זייערע צוזעצונגען א. ז. וו. פערגלייכענדיג זיי איינע מיט דיא אנדערע איז מען עס נעמליך דערגאנגען צו דער אורשפּרונגליכער אינדאָ־אייראָפּעאישער שפראך. ווארום איין צווייג האט אָנגעהאלטען ריינער איין טהייל פון דער אורשפרונגליכער שפראך, אן אנדערע —אן אנדער טהייל, איז שווער צו ערקלערן. נאר אזוי איז עס. דאס זעהט מען גלייך, ווען מען שטודירט א פערגלייכענדע גראמאטיק פון אלע ביז יעצט בעקאנטע אינדאָ־אייראָפּעאישע שפּראכען.

דיא גריכישע, לאטיינישע, סעלטישע און אלע אנדערע צווייגען זיינען אזוי זעלבסטשטענדיג און אונאבהענגיג אויסגעוואקסען אויף דעם בוים פון דער אורשפרונגליכער שפראך, וויא דער סאנסקריט. יעדער פון דיזע צווייגען האט מיט דער צייט געלאזט ארויסשפּראָצען פון זיך מעהר אדער וויינינער אנדערע, וויא מיר האבען עס געזעהען אין דער ליסטע אין פאָריגען קאפּיטעל. דער אינדישער צווייג איז גראדע זעהר רייך אין פיעלע דיאלעקטען, וועלכע שטאמען ניט, וויא שוין בעמערקט, פון סאנסקריט, נאר פון דיא אלטע פאָלקסשפּראכען, גענאנט פּ ר א ק ר י ט. ביז 150 מיליאָן מענשען בענוצען זיך יעצט אין דעם נאָרד־טהייל פון אינדיען מיט דיזע פּראקריט־דיאלעקטען, וועלכע זיינען מיט דער צייט פיעל פעראיינפאכט געוואָרען אין זייערע גראמאטיקאלישע פאָרמען, וויא דאס איז דער פאל מיט אלע נייע אייראָפּעאישע שפּראכען און ספּעציעל מיט דער ענגלישער.

איינער פון דיא ניי־אינדישע דיאלעקטען איז דער ציגיינער־דיאלעקט. ער איז אבער זעהר א פערדאָרבענער פּראקריט, ווייל דיא ציגיינער האבען אין זייערע וואנדערונגען דורך פערשיעדענע לענדער איבערגענומען ווערטער פון פיעלע אנדערע שפּראכען. דער פונדא־

מענט פון דעם ציגיינער־דיאַלעקט איז אבער אָהן שום צווייפעל אן אינדישער. מען קען עס לייכט איינזעהען, ווען מען פערגלייכט דיזען דיאַלעקט מיט אנדערע, וועלכע ווערן געשפּראָכען אין אינדיען. ווען דיא ציגיינער האָבען אנגעפאנגען צו וואַנדערן איבער אַזיען און אייראָפּאַ, ווייס מען ניט גענוי. אין אייראָפּאַ זיינען זיי וואהרשיינליך אריינגעקומען ניט פריהער פאר דעם צוועלפטען יאהרהונדערט. דורך דיא פּיעלע פרעמדע ווערטער אין זייער שפּראַך האט מען פּרובירט אויסצוגעפינען דורך וואס פאר לענדער דיא ציגיינער האבען אריבערגעוואַנדערט פון זייער אַלטע היים אין אינדיען, אָן וועלכע זיי האבען אין גאַנצען פערגעסען, נאַך אייראָפּאַ. איינינע פערסישע און ארמענישע ווערטער צייגען אז זיי האָבען אמאָל געוואַנדערט אין דיא לענדער, וואו דיזע שפּראַכען זיינען געברויכט געוועז. אַלע ציגיינער, אין וועלכע אייראָפּעאישע לענדער זיי זאָלען יעצט ניט ארומוואַנדערן, געברויכען אין זייער שפּראַך געוויסע גריכישע ווערטער, וואס מען קען אָננעהמען פאר א בעוויז, אז ווען זיי זיינען אריין אין אייראָפּאַ, האבען זיי זיך צוערשט אָבגעשטעלט אין אן אָרט, וואו מען האט געשפּראָכען גריכיש. פון גריכענלאַנד זיינען זיי אריבער נאַך רומעניען, אונגאַרן, בעהמען און מאָראַוויען א. ז. וו. צולעצט זיינען זיי הפּנים אָנגעקומען אין שפּאַניען, דעם וויטעסטען אָרט פון אייראָפּאַ נאַך זיד־וועסט.

דעם מאַרשרוט פון דיא ציגיינער אויס אַזיען דורך גאַנץ אייראָפּאַ, וויא איבערהויפּט דיא ענטדעקונג וועגען זייער אָפּשטאַמונג פון אינדיען—דאס האט מען נאר געקענט דערגיין דורך א נאַכפאָרשונג פון זייער שפּראַך, דען זיי האבען קיינע מאָנומענטען און שריפטען ניט איבערגעלאָזען און אליין געדענקען זיי עס אויך ניט. דאָ האָבען מיר איינעם פון דיא בעווייזע, וויא אַזוי דיא לינגוויסטיק גיט אונז דיא מעגליכקייט צו דערגיין פערבאָרגענע זאַכען און פּאַססירונגען, געהיימניסע פון גרוי־אַלטע צייטען.

דיא נעכסטע פערוואַנדשאַפט מיט סאַנסקריט האבען דיא איראַנישע שפּראַכען, ספּעציעל אַלט־פּערסיש און זענד. דיא אינדישע און איראַנישע שטאַמען זיינען אויך פערבליבען פערהעלטניסמעסיג

נאָהענטע שכנים, דען אינדיען איז נאר אָבגעטהיילט פון פערסיען דורך דיא הימאלאיער בערג.

אין דעם איראנישען צווייג האט מען נאך ניט געפונען אזא שפראך וואס זאל פערנעהמען דעם זעלבען פּלאץ וויא סאנסקריט אין דעם אינדישען צווייג. דיא עלטעסטע שפּראכען שיינען צו זיין זענד און אלט־פּערסיש. מען רעכענט, אז זענד איז געשפּראָ־כען געוואָרען אין דעם מזרח־טהייל פון איראן (פּרס ומדי) און אלט־פּערסיש אין דעם מערב־טהייל פון איראן. זענד איז דיא שפּראך, אין וועלכער דיא הייליגע ביכער פון דער אלטער פּערסישער רעליגיאָן זיינען געשריבען. דיזע ביכער טראָגען דעם אלגעמיינעם נאמען אווענסטא און ווערן צוגעשריבען צו א געוויסען זאָראָאסטר. ווענען דיא רעליגיעזע לעהרע, וועלכע ווערט אויסגעדריקט אין דיזע ביכער און וועלכע האט נאך יעצט אויף אנהענגער אין אזיען, וועלען מיר ריידען אין דיא קאפּיטלעך איבער רעליגיאָנען. דאָ וועלען מיר נאר בעמערקען, אז דיזע ביכער האבען א זעהר גרויסע וויכטיגקייט פאר דיא לינגוויסטיק, פאר דיא געשיכטע פון רעליגיאָנען און פאר דיא קולטורגעשיכטע אין אלגעמיינען.

ערשט אם ענדע פון 18־טען יאהרהונדערט האט מען אין אייראָפּא זיך דערוואוסט פון דער זענד שפּראך. א יונגער פראנצויז מיט דעם נאמען אנקעטיל־דיופּעררראָן (Anquetil-Duperron) איז אוועקגעפאָהרען נאך אינדיען אלס איינפאכער סאָלדאט, דען אנדערש האט ער ניט געקענט אויספיהרען זיין פּלאן צו מאכען א רייזע אין אזיען און אויסלערנען סאנסקריט. דאס לעצטע איז אבער איהם ניט געלונגען און נאך א לאנגע רייזע צו פוס דורך אינדיען איז ער אנגעקומען אין א געגענד, וואו עס איז נאך פערבליבען דער זאָראָ־אסטרישער גלויבען. דאָרט האט ער געוואוינט דעם צוטרויען פון דיא פּריסטער און האט ערלערנט דיא שפּראך פון דיא הייליגע ביכער אווענסטא. אין 1762 יאהר איז ער געקומען צוריק נאך פראנק־רייך אזוי אָרים וויא ער איז אוועקגעפאָהרען. ער האט אבער מיטגעבראכט אן אוצר פאר דיא וויסענשאפט, נעמליך א 100 מא־נוסקריפּטען אין דער זענד־שפּראך. פערציג יאהר שפּעטער איז ער

געשטארבען אין ארמוטה, אבער זיין נאמען וועט אויף עוויג בלייבען פערצייכענט אין דער געשיכטע. מאנכע מאנוסקריפטען האט ער אליין איבערזעצט נאך דיא ערקלערונגען וואס דיא זאראאסטרישע פריעסטער האבען איהם געגעבען. נאר זיין איבערזעצונג איז ניט געוועזען גענוג ריכטיג. זיא האט אבער נאטירליך געהאלפען געלעהרטע שפראך־קענערס צו ערלערנען זענד בעססער וויא דיא זאראאסטרישע פריעסטער זעלבסט. אן אנדער פראנצויז מיט דעם נאמען בורנוף (Burnouf), וועלכער האט אויך גרינדליך ערלערענט דיא פערסישע שפראך, האט אנגעשריבען דיא ריכטיגע גראמאטיק פון זענד, און יעצט האבען געלעהרטע קיין שוועריגקייט צו לעזען אלע פערבליבענע זענד־שריפטען. מען האט זאגאר אויסגעפונען, אין וועלכע דיאלעקטען איינינע פון דיזע ביכער זיינען געשריבען.

דיזע שפראך האט אנגעהאלטען פיעל ריינער דיא פאנעטיק פון דיא אלגעמיינע אינדא־איוראפעישע שפראך וויא דער סאנסקריט. איהר נאהענטקייט צו דער אלט־פערסישער שפראך ווארפט זיך אין דיא אויגען ביי דעם ערשטען בליק. דער אלפאבעט פון זענד איז א גאנץ אנדערער וויא פון סאנסקריט. זיין אפשטאמונג איז זיכער א סעמיטישע און ער ווערט אויך געשריבען פון רעכטס צו לינקס. וואהר־שיינליך האבען דיא זענדען עס איבער גענומען ביי זייערע סעמיטישע שכנים דיא אסיריער אדער ביי דיא אקקאדיער.

דיא קונעאפארמישע שריפטען, פון וועלכע עס וועט זיי דיא רייד שפעטער, זיינען יעדענפאלס געברויכט געוועזען פון דיא ארי־ער פערסען וויא פון דיא סעמיטען אסירייער. אין דיא חורבות פון דיא אמאליגע פערסישע פאלאצען האט מען געפונען אויסגעקריצטע שריפטען, וועלכע געלעהרטע זיינען דערגאנגען וויא צו לעזען נאך לאנגע מא־טערניסען. דער ערשטער וואס האט געגעבען דעם שליסעל צו דיזע שריפטען איז געוועזען דער דייטשער געלעהרטער גראטעפענד אין אנפאנג פון 19־טען יאהרהונדערט (1802). דיזע פיילענארטיגע אויפ־שריפטען זיינען אין דריי קאלאנעס אדער רייהען. וויא מיר ווייסען עס יעצט, איז דיא אויפשריפט אין יעדער קאלאנע אין אן אנדער שפראך: דיא ערשטע אין פערסיש, דיא צווייטע אין א שפראך וואס איהר

כאראקטער איז נאך ניט גענוי בעשטימט און וואס איז הפנים גע־שפראָכען געווארן אין מדי, און דיא דריטע אין אסיריש.

גראָטעפענד האט גענומען נאכפאָרשען דיא אויפשריפטען אין דער ערשטער קאָלאָנע. ער איז דערביי געפאלען אויף דעם פאָלגענ־דען איינפאכען געדאנק: אין דיזע אויפשריפטען, האט ער צו זיך געזאָגט, זיינען געוויס פערצייכענט וויכטיגע פאסירונגען, זאָנסט וואָלט מען נאטירליך ניט פערלאָרען אזוי פיעל צייט און מיהע זיי אויסצו־קריצען. וועלכע פאסירונגען זיינען דאן גערעכענט געוואָרען פאר דיא וויכטיגסטע? העכסט וואהרשיינליך דיא נעמען און מעשים פון דיא קעניגע. צייכענס מיט דער בעדייטונג „קעניג" דארפען זיך אלזאָ טרעפען עפטער וויא אנדערע.

גראָטעפענד האט דארום גענומען נאכזוכען אזעלכע צייכענס אין דיא קונעאָפאָרמישע אדער פייל־ענארטיגע שריפטען. ער האט שליסליך אויסגעקליבען א געוויסע גרופע צייכענס, צו וועלכע ער האט צוגעשריבען דיא בעדייטונג „קעניג". ווייטער האט ער בעמערקט, אז דיזע צייכענס ווערן אָפט נאָכגעפאָלגט פון בעשטימטע אנדערע. נאך זיין מיינונג איז אויסגעקומען, אז זיי בעדייטען „קעניג פון קעניגע". דיא צייכענס פאר דיזע גרופע האבען אלזאָ נאר געקענט זיין נע־מען פון דיא קעניגע. דיא ווידערהאָלונג פון דיא זעלבע צייכענס האט איהם געפיהרט זיי צו לעזען אזוי: „א געוויסער נאָמען, קעניג פון קעניגע, זוהן פון א געוויסען קעניג".

אָט דיזע סברות פון גראָטעפענד האבען עס געלייגט דעם אָנ־פאנג צו קענען לעזען דיא קונעאָפאָרמישע שריפטען. גראָטעפענד האט קיין טעות געהאט אין זיינע רעכנונגען. דיזע אויפשריפטען האבען געהערט צו דיא קעניגע פון דער־זאָגענאנטער אכעמענ־דישער דינאסטיע, וועלכע האט אָנגעפאנגען צו הערשען אין פערסיען ארום 600 יאהר פאר דיא קריסטליכע צייטרעכנונג און איז אונטער־געגאנגען נאך דעם זיעג פון אלעקסאנדער מוקדון איבער דאריוס דעם דריטען.

דאס האט מען בעשטימט דורך געשיכטליכע אין ארכעאלאָגישע אונטערזוכונגען מיט א קורצע צייט פריהער איידער גראָטעפענד האט

ענטדעקט דעם שליסעל צו דיזע אויפשריפטען. אויס דער געשיכטע פון פרס, וויא זיא איז מייסטענס געשילדערט פון גריכישע שרייבערס, וויים מען, אז דיא זאָ־גענאנטע אכעמעניִדישע דינאַסטיע איז געגרינדעט געוואָרען פון היסטאַספּעס און אז זיינע נאַכפאָלגער זיינען געוועזן דאַריוס און קסערקסעס. נאַכפאָרשענדיג דיא צייכענס, וועלכע ער האט פערטייטשט „קעניג", „קעניג פון קעניגע", האט גראָטעפענד בעמערקט, אז נאָך איין נאמען זיינען ניט געשטאַנען דיא צייכענס „קעניג פון קעניגע". ער האט דאַרום אנגענומען, אז דיזער נאמען מוז זיין: היסטאַספּעס, ווייל היסטאַספּעס איז געוועזן דער גרינדער פון א דינאַסטיע און האט פאָלגליך ניט געקענט זיין א „קעניג פון קעניגע". אזוי וויא דיא נעמען פון דיא נאַכפאָלגער פון היסטאַספּעס זיינען געוועזן בעקאַנט, האט גראָטעפענד נאָך געוויסע סמנים אנגענומען, אז אויף איין שטיין, וואו עס זיינען געוועזן אויסגעקריצט דיא צייכענס „קעניג פון קעניגע" געפינט זיך דער נאמען דאַריוס און אויף אן אנדערען — קסערקסעס. נאָך זיינע רעכנונגען איז אויסגעקומען, אז דיא נעמען האבען ניט געקענט זיין קירוס (כרש) און קאַמביזעס (א זוהן און טראָנפאָלגער פון קירוס), ווייל זיי וואָלטען דאָך געמוזט זיך אנפאַנגען מיט דעם זעלבען צייכען פאר דעם בוכשטאַב „ק". אויך האָבען דיא נעמען ניט געקענט זיין קירוס און ארטאַקסערקסעס, ווייל זיי זיינען ניט פון גלייכע לענג.

קורץ, אויף דעם גרונד פון אזעלכע בעטראַכטונגען איז גראָטעפענד געקומען צום שלוס, אז דיא נעמען אויף דיא שטיינער, וועלכע ער האט נאַכגעפאָרשט, האבען נאר געקענט זיין: היסטאַספּעס, דאַריוס און קסערקסעס. דאָ האט שוין אלזאָ גראָטעפענט געהאט ניט בלויז צייכענס, וועלכע ער האט פערטייטשט נאָך זיין שכל, אבער נאָך ניט געוואוסט זייער ריכטיגען קלאַנג אין דער אלט־פערסישער שפראַך, זאָנדערן צייכענס, וועלכע האבען פאָרגעשטעלט בעוואוסטע קלאַנגען. אויב זיין רעכנונג וועגען דיא נעמען פון דיא דריי פערסישע הערשער איז נאר געוועזן א ריכטיגע, האט מען שוין אויך געקענט בעשטימען, וועלכער צייכען האט, צום ביישפּיעל,

פאַרגעשטעלט דעם קלאַנג „ה" אין דעם וואָרט היסטאַספּעס, דעם קלאַנג ק אין דעם וואָרט קסערקסעס א. ז. וו. און געפינענדיג דיא זעלבע צייכענס אין אנדערע ווערטער, האט מען שוין געמעגט אָננעהמען, אז מען דאַרף זיי לעזען אזוי און ניט אנדערס. דאָ האט מען אַלזאָ געהאט צו טאָן מיט עטליכע בעשטימטע פאָנעטישע צייכענס, דורך וועלבע מען האָט ביסלעכווייז געקענט דערגיין אנדערע, נאַטירליכע נאָך לאַנגע מאַטערניסען, אונגעפעהר אזוי וויא מען דערגייט צו לעזען שיפרירטע בריף.

אז גראָטעפענד האט ריכטיג געטראָפען, איז אויך בעוויזען געוואָרען דורך א וואזע מיט א היעראָגליפישע און קונעאָפאָרמישע שריפט, וועלכע בעצייכנען ביידע איין וואָרט, נעמליך: „קסערקסעס".

וויא איינפאַך דיא סברות און בעטראַכטונגען פון גראָטעפענד זאָלען אונז ניט שיינען, האבען זיי דאָך געפיהרט צו איינע פון דיא גרעסטע ענטדעקונגען אין א יאהרהונדערט, וועלכער איז אזוי רייך געוועזען מיט דיא וואונדערבאַרסטע ערפינדונגען און ענטדעקונגען. אויף דיא אַבעמענדישע אויפשריפטען זיינען נאָר דאָ אונגעפעהר 400 ווערטער, דארונטער אַ סך אייגען־נעמען, אָבער דאס איז גענוג געוועזען פאַר געלעהרטע שפּראַך־קענערס צוזאַמענצושטעלען א גראַמאַטיק פון דער אַלטער פּערסישער שפּראַך און צו צייגען, וויא ווייט זיא איז ענהליך צו דער זענד־שפּראַך און צו סאַנסקריט. א גאַנץ נייע וועלט איז אויפגעקומען פון אונטער דיא חורבות פון דיא אַמאָליגע קעניגליכע פּאַלאַצען אין בבל, אשור אין פרס דורך דיא ענטדעקונג וויא צו לעזען דיא קונעאָפאָרמישע שריפטען, וועלכע זיינען נאָך אין דיא בּיז־היסטאָרישע צייטען געברויכט געוועזען אין וועסט־אַזיען און אפילו אין מצרים. דורך זיי האָט מען ניט נאָר געפונען דריי אָפּגעשטאָרבענע שפּראַכען פון דער גרעסטער בעדייטונג פיר דיא געשיכטע, זאָנדערן מען האָט זיך אויף דערוואוסט פון גאַנץ אַלטע פעלקער, וועלכע האבען געשפּילט א זעהר גרויסע ראָלע אין דער באַביבלאָניש־אַסירישער ציוויליזאַציאָן.

אויף דיא אנדערע שפּראַכען פון דעם איראַנישען צווייג, וויא אַרמעניש, פּאַרסיש א. ז. וו. וועלען מיר זיך ניט אָפּשטעלען, דען

זיי האבען קיין ספעציעלען אינטערעס פיר דיא קולטורגעשיכטע. וועגען דיא צווייגען פון דער אלגעמיינער אינדא־אייראפעישער שפראך, וועלכע האבען זיך צושפרייט איבער גאנץ אייראפא און אמעריקא, נעמליך: גריכיש, לאטייניש, דייטש און סלאוויש, וועלען מיר נאר בעמערקען, אז זייער נאהענטע פערוואנדשאפט איז שוין לאנג בעוויזען געווארען. יעדערער וואס האט נאר געלערענט עטליכע אייראפעאישע שפראכען קען דאס אליין איינזעהען. דיא עהנליכקייט פון לאטייניש צו גריכיש איז אזוי גרויס, דאס אייניגע שפראך־קענערס האבען זאגאר בעהויפטעט, אז לאטייניש שטאמט פון גריכיש, אבער ווען מען האט צוזאמענגעשטעלט א פערגלייכענדע גראמאטיקע פון אלע אינדא־אייראפעאישע שפראכען, האט מען געמוזט צוגעבען, אז גריכיש און לאטייניש זיינען צוויי בעזונדערע צווייגען. גריכיש איז פיעל נעהענטער צום סאנסקריט און צו דיא איראנישע שפראכען, וויא צו לאטייניש. דאגעגען איז לאטייניש נעהענטער צום סעלטישען צוייג וויא גריכיש.

וואס אנבעלאנגט צו דעם סעלטישען צווייג, וועלכער איז אמאל געוועזן פערשפרייטעט איבער א גרויסען טהייל פון וועסט־אייראפא (פראנקרייך, שפאניען, נארד־איטאליען, אירלאנד, ענגלאנד און סקאטלאנד), איז ער כמעט אין גאנצען ארויסגעשטויסען געווארען פון דיא לאטיינישע און גערמאנישע שפראכען. וויא פיעל מען ווייס דורך דיא אלטע סעלטישע שפראכען דורך אויפשריפטען און מאנכע מאנוסקריפטען, זיינען זיי אין געוויסע הינזיכטען געוועזען עהנליך צו דיא גערמאנישע און אין אנדערע הינזיכטען צו דיא לאטיינישע שפראכען. אין אייניגע ערטער רעט מען נאך ביז היינט סעלטישע דיאלעקטען, נעמליך אין אירלאנד (דיא צאהל אירלענדער וואס געברויכען זייער אלטע סעלטישע שפראך ווערט אלץ קלענער, דיא ענגלישע שפראך פערנעהמט איהר פלאץ; יעצט ריידען אירלענדיש אונגעפעהר 800 טויזענד מענשען), אין סקאטלאנד (דער זא־גענאנטער ערס; ווערט געשפראכען פון אונגעפעהר 300 טויזענד סקאטלענדער), אין זיד־וועסט פון ענגלאנד (דער זא־גענאנטער וועלש; ווערט געשפראכען פון אונגעפעהר א מיליאן מענשען) און אין אייניגע דעפארטאמענטען פון

פראַנקרייך (דער זאָ־גענאַנטער ברעטאָן; ווערט געשפּראָכען פון איבער אַ מיליאָן מענשען). דיזע אלע דיאַלעקטען וועלען זיך ניט לאַנג האַלטען און וועלען אין גאַנצען ארויסגעשטופּט ווערען דורך דיא גליקליכערע שפּראַכען, נעמליך פראַנצויזיש און ענגליש.

דעם זעלבען שיקזאַל וועט אויך האבען דער לעטטישער צווייג, וועלכער איז אזוי אינטערעסאַנט פאר לינגוויסטען, ווייל ער האט עד היום בעסער אָנגעהאַלטען דיא פאָרמען און דיא פאָנעטיק פון דער געמיינשאַפטליכער אינדאָ־אייראָפּעאישער שפּראַך וויא אלע אַנדערע אייראָפּעאישע צווייגען. דאס קומט דערפון וואס דיא לעטטישע שטאַמען האָבען געלעבט מעהר אָפּגעזונדערט וויא דיא אַנדערע פעלקער אין אייראָפּא. איין לעטטישע שפּראַך, דיא אַלט־פּרייסישע, איז פערשוואונדען נאָך מיט אַ יאָהר 200 צוריק. דייטש האָט פערנומען איהר פּלאַץ. ליטוועש פערשווינדעט אויך אַלץ מעהר אין אָסט־פּרייסען. עס ווערט נאר יעצט געשפּראָכען אין עטליכע קליינע דערפער ארום מעמעל און טילזיט פון אַ 150 טויזענד מענשען. אין רוסלאַנד האַלט זיך ליטוועש אַ ביסעל פעסטער, אבער געוויס ניט אויף לאַנג. עס ווערט יעצט מייסטענס געשפּראָכען אין קאָוונער גובערניע און אין טהיילען פון ווילנער און גראָדנער גובערניעס פון אונגעפעהר א מיליאָן און 300 טויזענד מענשען. ליטוועש האט פריהער אָבגעטראָטען פּלאַץ צו פּויליש און יעצט ווערט עס אַלץ מעהר ארויסגעשטופּט פון רוסיש.

צום נאָרד פון דעם בעשרענקטען אָרט, וואו ליטוועש האַלט זיך נאָך אָן אין דיא דערפער, ווערט געשפּראָכען לעטטיש פון אונגעפעהר א מיליאָן מענשען. דיא לעטטען געפינען זיך יעצט אין נאָרד פון קורלאַנד, אין זידען פון ליפלאַנד און אין וועסט פון וויטעבסקער גובערניע. ליטוועש און לעטטיש זיינען זעהר נאָהענטע שפּראַכען און האָבען כמעט דיא זעלבע גראַמאַטיקע, נאָר ליטוועש האָט דאָך ריינער און בעסער אָנגעהאַלטען דיא פאָרמען און דעם כאַראַקטער פון דער אַלגעמיינער אינדאָ־אייראָפּעישער שפּראַך וויא לעטטיש. ליטוועש האט אויך אַ ליטעראַטור, .ווערענד לעטטיש האָט קיין אַנדער ליטעראַטור געהאַט אויסער אַ געוויסע צאָהל פאָלקסליעדער. לינגוויסטען

בענוצען זיך בעזאָנדערס מיט דיא שירים פון דעם ליטווישען פּאָעט דאנאליציאוס, וועלכער האָט געלעבט אין 18־טען יאָהרהונדערט, אום צו ערלערנען דיזע שפּראַך, וועלכע איז בעזאָנדערס מערקווירדיג דערמיט, וואס זיא האט זיך אם וויינינגסטען געענדערט און שטעהט נעהענטער צו דער אלגעמיינער אינדאָ־אויראָפּעאישער שפּראַך, וויא אלע אנדערע אויראָפּעאישע שפּראַכען.

כמעט אלע פון דיא ערשטע אינדאָ־אויראָפּעאישע צווייגען האָבען זיך זעהר געענדערט מיט דער צייט. דיזע ענדערונג האָט זיך איבעראל מעהר אדער וויניגער ארויסגעוויזען אויף דעם זעלבען שטייגער, נעמליך אין אלין א וויטערע אָפּוויכונג פון דיא אלטע פאָרמען פון נטית השם און פון נטית הפעל. דיא מייסטע נייע אינדאָ־אויראָפּעאישע שפּראַכען, וויא ניי־פּערסיש, ניי־גריכיש, ניי־לאַטייניש א. ז. וו. האבען כמעט אין גאנצען פערלאָרען דיא צוזעצונגען, וועלכע האבען אין זייערע מוטער־שפּראַכען בעצייכענט דיא בייגונגען פין דיא נאַמענס־ווערטער, דעם יחס. דיא אלגעמיינע אינדאָ־אויראָפּעאישע שפּראַך האָט געהאט גאנצע אַכט פּעללע און דריי צאהלען (איינצאָהל, מעהר־צאָהל און דאָפּעלצאָהל), וויא דאס איז שוין בעמערקט געוועזן. אלע איהרע ערשטע צווייגען האבען דערפון עפּעס פערלאָרען. אום דער לעזער וואס האט קיין גראַמאטיקע געלערנט זאל פערשטיין, וואס מיר ווילען דאָ זאָגען, וועלען מיר ברייגען א ביישפּיעל פון דעם אורשפּרונג־ליכען אינדאָ־אויראָפּעאישען נטית השם. לאמיר נעהמען דעם וואָרט avis (א שעפּס). זיינע אַכט פעלע זיינען געוועזן אזוי: נאָמינאַטיוו (יחס השם) — avis, געניטיוו (יחס שממנו) — avay-as, דאַטיוו (יחס שאליו) — avay-ai, אקקוזאַטיוו (קלאַגעפאַל) — avi-m, לאָקאַטיוו (צו בעצייכנען פּלאַץ) — avay-i, אבלאַטיוו (צו בעצייכנען אָפּזונדערונג) avay-at, ערשטער אינסטרומענטאַלער (אין דער רוסישער שפּראַך איז ער פערבליבען און הייסט טוואָריטעלני פּאדעזש) — avy-a, צווייטער אינסטרומענטאַלער — avi-bhi.

דיא גריכישע אין לאַטיינישע שפּראַכען, וועלכע זיינען נאך זעהר רייך געוועזן אין פעללע (יחס), האָבען איינינע פון דיזע פאָרמען פערלאָרען, אבער ניט דיא זעלבע. אין דער לאַטיינישער שפּראַך איז נאך

פֿערבליבען דער אַבלאַטיוו, אין דער גריכישער פֿעהלט ער. דערפֿאַר איז אין גריכיש פֿערבליבען דער אַלטער לאָקאַטיוו. אין גריכיש איז אויך פֿערבליבען אַ דאָפּעלצאָהל, אין לאַטייניש איז זיא שוין אין גאַנצען פֿערשוואונדען. צוזאַמענקלייבענדיג דיא פֿערבליבענע פֿאָרמען פֿון בייגונגען פֿון נאָמענסווערטער און צייטווערטער האבען לינגוויסטען געקענט צוזאַמענשטעלען דיא פֿאָרמען פֿון דער אורשפּרונגליכער אינדאָ־אייראָפּעאישער שפּראַך. אין דעם בעשטייט דיא אַרבייט פֿון דער פֿערגלייכענדע גראַמאַטיקע.

אין פֿיעלע נייע שפּראַכען זיינען דיזע אַלע אַלטע פֿאָרמען פֿון נטית השם אין גאַנצען פֿערשוואונדען. מען דריקט זיי אויס מיט ווערטלעך, וואס בעצייכנען דיא בעציהונגען און וואס מען רופֿט אין גראַמאַטיקעס פּרעפּאָזיציאָנען (אין דייטש: פֿאָרוואָרט, אין רוסיש: פּרעדלאָג, אין לשון קודש: מלת היחס), וויא צום ביישפּיעל: צו, אויף, פֿון, נאָך, מיט א. ז. וו. אין דער רוסישער שפּראַך זיינען פֿערבליבען זעקס פֿעלע, אין דער דייטשער פֿיער, אין דער ענגלישער בלויז איינער, נעמליך: דער געניטיווער, וועלכער ווערט בעצייכענט דורך דיא צוזעצונג פֿון דעם בוכשטאַב s מיט אַן אַפּאָסטראָף ('), וויא צום ביישפּיעל: the father's hat (דעם פֿאָטער'ס הוט). אבער אויך דיזען יחס גיט מען איבער דורך דיא פּרעפּאָזיציאָן of (פֿון) אזוי: the hat of the father (דיא הוט פֿון דעם פֿאָטער). אין דער נײַ־פּערסישער שפּראַך, אין דיא יעצטיגע אינדישע שפּראַכען, אין אַלע נײַ־לאַטיינישע אָדער ראָמאַנישע שפּראַכען, וויא פֿראַנצויזיש, שפּאַניש, איטאַליעניש א. ז. וו. זיינען אויך דיא אַלטע פֿאָרמען פֿון יחס אָפּגעפֿאַלען, און דיא בעציהונגען ווערן בעשטימט דורך פּרעפּאָזיציאָנען. דאס זעלבע איז אויך פֿאָרגעקומען אין דיא סעמיטישע שפּראַכען, וועלכע האָבען פֿון אָנהויב אָן געהאַט בלויז דריי פֿעלע. אין דער אַראַבישער פֿאָלקס־שפּראַך געברויכט מען ניט דיא דריי פֿעלע, וועלכע זיינען נאָך פֿערבליבען אין דער ליטעראַרישער שפּראַך.

קורץ, אַלע נייע שפּראַכען זיינען אויף דיזער אַרט פּ ע ר א י י נ־ פ אַ כ ט געוואָרען. זיי זיינען געוואָרען, וויא מען רופֿט עס אין דער לינגוויסטיק, אַ נ אַ ל י ט י ש ע שפּראַכען, דאס הייסט: אַנשטאָט דיא פֿריהערע קאָמפּליצירטע פֿאָרמען פֿון יחס געברויכט מען פּרעפּאָזיציאָנען,

אָדער מען דריקט דאס זעלבע אויס דורך דעם פּלאַץ פון דעם נאָמענסוואָרט אין דער פראַזע.

אין נטית הפּעל איז אויך דאס זעלבע פאָרגעקומען. פיעלע שפּראַכען האבען אויפגעהערט צו געברויכען דיא פאָרמען, וועלכע האָבען בעצייכענט דיא פערשיעדענע צייטען. אַנדערע האָבען פער־קלענערט דיא צאָהל פון דיא צייטען. דיא צייטען האט מען גענומען אויסדריקען דורך הילפס־צייטווערטער, מייסטענס: דורך האָבען און זיין. אין דער ענגלישער שפּראַך זיינען אפילו פערבליבען זעקס צייטען, אבער דיא צייטווערטער זעלבסט ענדערן זיך גאַנץ ווייניג. מאַנכע צייטווערטער בלייבען אין גאַנצען אונפערענדערט. זייערע צייטען דערקענט מען דורך דעם זינען פון דער גאַנצער פראַזע.

אונזער זשאַרגאָן איז אויך אַן אַנאַליטישע שפּראַך, דען ער האָט פערוואָרפען דיא גראַמאַטיקאַלישע פאָרמען פון דער דייטשער שפּראַך. מיר האָבען שוין קיין נטית השם, וויא אין דייטש. מיר זאָגען ניט, צום ביישפּיעל „דעם טישעס" צו בעצייכנען דעם געניטיוו, מיר געברויכען אַנשטאָט דעם אַן אַנאַליטישען וואָרט, נעמליך: פון. אין זשאַרגאָן מאַכט עס קיין אונטערשיעד צו געברויכען דעם דאַטיוו [dem] אַנשטאָט דעם אקוזאַטיוו (den) און פערקעהרט. עס מאַכט ניט אויס, ווען מיר געברויכען איהם אַנ־שטאָט איהן. אין זשארגאָן זאָגען מיר, צום ביישפּיעל: איך האָב איהם געזעהען. אין דייטש איז עס א גראָבער גרייז, מען מוז זאָגען: „איך האבע איהן געזעהען". מיר געברויכען נאָך דיא פערקירצטע פאָרמע פון דעם דייטשען דאַטיוו „עם". פון זעקס דייטשע צייטען זיינען אין זשארגאָן נאר פערבליבען דריי: א געגענווערטיגע, איין פערגאַנגענע, איין צוקינפטיגע. דיא פערגאַנגענע צייט אין מאַמע־לשון איז שטענדיג א צוזאַמענגעשטעלטע מיט דער הילפע פון דיא געגענווערטיגע צייטען פון דיא הילפס־צייטווערטער האָבען און זיין. צום ביישפּיעל: איך האָב געשריבען, איך בין עגגאַנ־גען. אין איינפאַכען זשארגאָן געברויכען מיר קיין מאָל ניט דיא אַנדערע צוויי דייטשע פאָרמען פון פערגאַנגענע צייט: איך שריעב, איך האטטע געשריעבען, איך גינג, איך וואר געגאַנגען. כמעט דיא

גאנצע דייטשע גראמאטיקע איז אזוי פערוואָרפען געוואָרען אין זשאר־גאָן. גראדע אזוי איז דיא זעהר קאָמפּליצירטע לאטיינישע גראמאטיקע פערוואָרפען געוואָרען אין דיא יעצטיגע ראָמאנישע שפּראכען, וועלכע זיינען געוואָרען אנאליטישע. פון אלע אויראָפּעאישע שפּראכען איז דיא ענגלישע אם מייסטען אנאליטיש.

עס שיינט זעהר זאָנדערבאר, דאס גראדע מיט דער וויטערער ענטוויקלונג פון דיא ציוויליזירטעסטע פעלקער זיינען זייערע שפּראכען געווארן אלץ איינפאכער אין בעצוג אויף דיא פאָרמען פון נאמענס־ווערטער און צייטווערטער. דיא בעדייסטאָרישע פאָרפאטערס פון אלע סעמיטישע און אריער פעלקער האבען זיך גראדע בענוצט מיט פיעל קאמפּליצירטערע און פאָלקאָמענערע שפּראַך־פאָרמען וויא מיר יעצט. דיא בעציהונגען, וועלכע מיר בעשטימען יעצט דורך פּרע־פּאָזיציאָנען, האבען זיי אויסגעדריקט דורך דיא בייגונגען פון נאמענס־ווערטער זעלבסט. דיא געשלעכטען האבען זיי אויך בעצייכענט דורך געוויסע צוזעצונגען. זיי האבען אונטערשיידעט דאָפּעלצאָהל פון מעהרצאָהל. אום דאס אלעס איבערצוגעבען דורך דיא ענדונגען און בייגונגען פון דיא ווערטער האָט מען געמוזט אָנווענדען א גרויסע דיינקונגס־קראפט. דיא צאָהל פון דיא ווערטער איז געווען קליין, אלץ קלענער וואס פריהער צוריק, דען אָנפאנגס האט מען נאר בע־צייכענט דיא געוויינליכעסטע זאכען און אויסגעדריקט דיא אלגעמיינסטע געדאנקען, וויא מיר ווייסען עס שוין; אבער דערפאר זיינען דיזע ווערטער זעהר רייך געווען אין פאָרמען, און בייגונגען.

דיא נייע שפּראכען זיינען געבליבען אָהן דיזע פיינהייטען און אָהן דעם גרעסטען צאָהל אלטע פאָרמען. בעדייטעט עס אָבער א ריקשריט? זאָלען מיר זאָגען, אז גראדע אין בעצוג אויף זייערע שפּראכען זיינען דיא מענשען געגאַנגען צוריק אנשטאָט צו גיין פאָר־ווערטס וויא אין אלע אנדערע זאכען? מיר דיינקען אז ניט.

אין דער געוויינליכער שפּראך איז זעהר שווער געווען צו גע־ברויכען דיא אלטע פאָרמען, וויא, צום ביישפּיעל, דיא אכט פעלע פון דער אלגעמיינער אינדאָ־אויראָפּעאישער שפּראך. פעלקער האָבען זיך אלץ מעהר צוזאמענגעטראָפען און זיך צוזאמענגעמישט, איבערגעהמענדיג

איינע ביי דיא אנדערע געוויסע ווערטער און אויסדריקע. דערביי איז דיא אויסשפּראך פון דיזע ווערטער נאַטירליכערווייזע געביטען געוואָרען, דען דעם ריכטיגען אַקצענט פון א שפּראך קריגט מען נאר, ווען מען רעט איהר פון קינדהייט אן. מיר געפינען דארום דעם זעלבען וואָרט גאנץ אנדערש אויסגערעדט אין פערשיעדענע שפּראַכען.

ווייטער האָט מען איינגעזעהען, אז מען קען אויסדריקען דיא בייגונגען פון ווערטער דורך פּרעפּאָזיציאָנען, און מען האָט זיי אַלץ מעהר גענומען געברויכען, ווייל דאָס איז געוועזען לייכטער וויא נאכצוּ־דענקען, וועלכען יחס מען דארף בענוצען אין דיזער אָדער אַן אנדער פּראַזע. מען קען עבענזאָ פיין אויסדריקען געדאנקען מיט דער הילפע פון פּרעפּאָזיציאָנען, וויא דורך דיא בייגונגען פון דיא נאָמענסווערטער זעלבסט. יעדערער, וואס האט געלערענט, צום ביישפּיעל, דיא רוסישע און ענגלישע שפּראַכען, ווייס גאנץ גוט וויא לייכטער עס איז אויס־צולערנען דיא ענגלישע גראמאטיקע אלס דיא רוסישע. איידער מען קריכט ארויס פון דיא פערשיעדענע ענדונגען און נטית השם פון דיא רוסישע נאָמענסווערטער, קען מען בעקענט ווערען מיט דער גאנצער ענגלישער גראַמאַטיקע. אין דער ענגלישער שפּראך ווערט א נאָמענסוואָרט אפילו ניט געענדערט, ווען מען געברויכט איהם אַלס א צייטוואָרט; ווען מען שטעלט צו דעם ארטיקעל the (און דיזער אַרטיקעל בעדייטעט צוגלייך: דער, דיא, דאס) צו א וואָרט, איז עס א נאָמענסוואָרט; ווען מען שטעלט אָבער צו דיא פּרעפּאָזי־ציאָן to צו דעם זעלבען וואָרט, איז עס שוין א צייטוואָרט, וויא צום ביישפּיעל: the table (דער טיש), to table (אויפ'ן טיש לייגען), the shield (דער פּאַנציר), to shield (בעשיצען), the taste (דער געשמאַק), to taste (פערזוכען דעם געשמאַק) א. ז. וו. אין דער רוסישער שפּראך האָבען דיא נאָמענסווערטער און צייטווערטער בע־זונדערע ענדונגען, און מען דארף לאַנג לערנען זייערע בייגונגען, אום צו קענען ריידען גראַמאַטיקאַליש. אין דער ענגלישער שפּראך האָט מען אין דיזער הינזיכט קיינע שוויריגקייטען, ווייל זיא איז אנאַליטיש.

הייסט עס אָבער, אז אין דער ענגלישער שפּראך קען מען ניט אזוי פיין און עדעל אויסדריקען געדאנקען וויא אין דער רוסישער

שפראך? **עס איז גאר לעכערליך צו שטעלען אזא פראגע.** יעדערער ווייס, אז דיא ענגלישע ליטעראטור איז איינע פון דיא רייכסטע, בעסטע און שענסטע אין דער וועלט.

דיא נייע ראמאנישע שפראכען האבען געוויס גאר ניט פערלארען אין זייער מעגליכקייט אויסצודריקען דיא פיינסטע און זינרייכסטע געדאנקען אהן דיא פיעלע פארמען פון זייער לאטיינישע מוטערשפראך. מיר קענען זיך דא ניט ארייגלאזען אין איינצעלהייטען, וויא אזוי דיזע פארמען זיינען פערווארפען געווארען אין דיא פראנצויזישע און איטאליענישע שפראכען. פאר אונז איז גענוג צו וויסען, אז דיא לינגוויסטיק ערקלערט עס אויף א גאנץ נאטירליכען וועג. דיא פארמען פון דער לאטיינישער שפראך, וועלכע זיינען געברויכט געוועזען אין דער ליטעראַרישער שפראך און וועלכע מיר לערנען אויס דיא פערבליבענע שריפטען — דיזע פארמען האט מען שוין ביסלעכווייז אויפגעהערט צו געברויכען אין דער פאלקסשפראך נאך ווען דיא רוימישע אימפעריע איז געוועזען אין פולען גלאנץ. עס זיינען מיט דער צייט ענטשטאנען עטליכע דיאלעקטען, וויא דאס איז געוויינליך דער פאל מיט אלע שפראכען. אין יעדער ליטעראטור פערבלייבען אפט ווערטער, וועלכע מען הערט אויף צו געברויכען אין דער פאלקסשפראך. מען רופט זיי פעראלטעטע ווערטער. דאגעגען קומען שטענדיג אריין אין געברויך ווערטער, וועלכע ווערען געשאפען אין גאנצען פון דאס נייע אדער קריגען א גאנץ נייע בעדייטונג. ביסלעכווייז בענוצט מען זיך מיט זיי אויך אין דער ליטעראטור. שפראכען ענדערן זיך אזוי שטענדיג איבעראל, נאר ביי דיזע ענדערונגען ווערן אלץ מעהר פערבייגען אדער פערווארפען דיא אלטע פארמען. ווען מיר זאגען נייע ווערטער ווערן יעצט געשאפען, מיינען מיר ניט דיא ווערטער, וואס געלעהרטע שטעלען צוזאמען פון גריכיש אדער לאטייניש אין זייערע וויסענשאפטען, אום צו בעצייכנען נייע זאכען אדער בעסער און קירצער אויסצודריקען א געדאנקען. מיר מיינען דיא ווערטער וואס ענטשטייען אין דעם פאלק זעלבסט, קיינער ווייס אפט ניט ווען און וויא אזוי, און וואס ווערן נאכהער אויך אנגענומען אין דער ליטעראטור. ניט אלע נייע פאלקס-ווערטלעך האבען דעם זעלבען

מזל, דיא מייסטע ווערן שנעל פערגעסען, אום אָפּצוטרעטען פּלאַץ פיר אנדערע. אמאָל ווערט אלגעמיין אָנגענומען א ווערטעל פון א גנב'שען לשון, פון א סאָלדאטסקען לשון, פון א פּראָווינץ לשון א. ז. וו.

אין דיא צייטען, ווען דיא נייע ראָמאנישע שפּראכען זיינען ענטשטאנען, איז דיא רוימישע אימפּעריע געוועזן אונגעהייער גרויס. ניט נאר האָט מען ניט געשפּראָכען, וויא מען האָט געשריבען, אוי ניט נאָר האָט מען אלץ מעהר פערוואָרפען דיא פערשיעדענע פאָרמען פון נטית השם און נטית הפּעל, וועלכע פערנעהמען דעם גרעסטען טהייל פון דער לאטיינישער גראמאטיקע, זאָנדערן אין פערשיעדענע פּראָווינצען זיינען אויסגעארבייט געוואָרען פערשיעדענע דיאלעקטען. אין דיא פּראָווינצען, וואו רוימישע סאָלדאטען האבען זיך בעזעצט אלס קאָלאָניסטען צווישען פעלקער מיט אנדערע שפּראכען, וויא דאס איז דער פאַל געוועזן אין פראנקרייך, שפּאניען און רומעניען, זיינען נאך דיא לאטיינישע דיאלעקטען צוזאמענגעמישט געוואָרן מיט דיא שפּראכען פון דיא איינגעבאָרענע. פון אזעלכע דיאלעקטען, אין וועלכע דיא אלטע פאָרמען פון דער לאטיינישער שפּראך זיינען שוין זעהר פעראיינפאכט אדער אָפּגעשאפט געוואָרן, זיינען עס ארויסגעקומען דיא פראנצויזישע, שפּאנישע, איטאליענישע און רומענישע שפּראכען.

פינפטער קאַפּיטעל.

סעמיטישע שפּראַכען.

דיא גרויסע עהנליכקייט און דיא גרופּען פון דער סעמיטישער שפּראַך־פאַמיליע. —דיא ערשטע שטאַמען פון בבל און אשור.—דיא אַסירישע שפּראַך.—דיא אַראַמעאישע שפּראַך און איהר שנעלע פערשפּרייטונג איבער ווערסט־אַזיען. — אַראַמעאיש אין ארץ ישראל. — דיא כנענים און זייער שפּראַך. — פעניקיש און העברעאיש. — דיא דריי פּעריאָדען פון דער העברעאישער שפּראַך. — דיא אַלטע אויסשפּראַך פון לשון קודש. — אַראַביש און הימאַריטיש.

אין דעם דריטען קאַפּיטעל האָבען מיר שוין אָנגעציינט אויף דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון דיא סעמיטישע שפּראַכען, וויא וויט ער אונטערשיידעט זיך פון דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון דיא אינדאָ־אויראָפּעאישע שפּראַכען. דער אונטערשיעד אין זייערע וואָרצעל־ווערטער, אין זייערע גראַמאַטיקאַלישע פאָרמען און אין דער אַרט און וויזע פון דער פלעקסיאָן איז אזוי גרויס, אז מען מוז אָננעהמען, דאס דיזע צוויי הויפּט־אָפּטהיילונגען פון פלעקסירטע שפּראַכען זיינען זעלבסטשטענדיג ענטשטאַנען און האָבען זיך גאַנץ אונאַבהענגיג ענטוויקעלט. פּראָבעס צו געפינען פערבינדונגען צווישען זיי האָבען צו גאָר נישט געפיהרט.

מיר וועלען זיך יעצט ניט צוריקקעהרען צו דיזע אַלגעמיינע בעטראַכטונגען נאר וועלען זאָגען עטליכע ווערטער וועגען דיא הויפּט־גרופּען פון דער סעמיטישער שפּראַך־פאַמיליע.

לײדער האָט מען נאָך ביז יעצט ניט צוזאמענגעשטעלט אזא פערגלײכענדע גראמאַטיקע פון אַלע סעמיטישע שפּראַכען, וױא מען האָט עס געטהאָן מיט דיא אינדאָ־אײראָפּעאישע שפּראַכען. אײניגע געלעהרטע האָבען פּרובירט אױסצואַרבײטען אזא גראמאַטיקע, װעלכע איז פון דער גרעסטער װיכטיגקײט פיר דיא לינגװיסטיק, אבער פּיעלע פּונקטען זײנען נאָך דונקעל און װערען אָפּגעשטריטען. מען װײס דארום ניט גענוי, װעלכע פון דיא סעמיטישע צװײגען איז נעהענטער צו דיא אורשפּרונגליכע שפּראַך, אױב, צום בײשפּיעל, דיא אַסירישע אָדער אַראַבישע שפּראַך האט בעסער אָנגעהאַלטען דיא אַלטע פאָר־מען. נאר דערפאר אונטערשײדען זיך דיא סעמיטישע שפּראַכען אײנע פון דיא אַנדערע פיעל װײניגער װיא דיא אינדאָ־אײראָפּעאישע. בעזאָנדערס װײניג האָבען זיך געענדערט דיא סעמיטישע װאָרצעל־װערטער, װאס עס קומט װאהרשײנליך פון זײער דרײ־קאָנסאָנאַנטען פּאָרמע, אױף װעלכעס איז שױן אָנגעצײגט געװען. נאר אפילו דיא אַלטע גראַמאַטיקאַלישע פאָרמען פון נטית השם און פון נטית הפּעל האָבען זיך װײניג געענדערט, װיא װײט זײ זײנען איבערהױפּט פער־בליבען אין דיא פאָלקס־שפּראַכען, װעלכע זײנען אױך אַלץ מעהר אַנאַליטיש געװאָרען. לינגװיסטען רעכענען, אז דיא אורשפּרונגליכע סעמיטישע שפּראַך האט געהאט ביז 13 בנינים פון צײטװערטער. פון זײ איז אבער פערבליבען אין לשון קודש 5, אין אַראַמעאיש 6, אין אַראַביש 9. נאר דאס װאס עס איז פערבליבען, האט אָנגע־האַלטען דיא אַלטע פאָרמען. אין אַלגעמײנען קען מען זאָגען, אז דיא סעמיטישע שפּראַכען שטײען אזױ נאָהענט אײנע צו דיא אַנדערע, װיא דיא שפּראַכען פון אײן אינדאָ־אײראָפּעאישען צװײג, צום בײ־שפּיעל: װיא רוסיש, פּױליש, סערביש א. ז. װ.

װען דיא אורשפּרונגליכע סעמיטישע שפּראַך איז ענטשטאַנען, װײס מען ניט. דער בעריהמטער לינגװיסט שראַדער דענקט, אז איהר הײמאַטה איז געװען ערגעץ אין אַראַביען. אײן טהײל האט זיך אָפּגעריסען צום נאָרד און פערנומען דעם װעסטליכען טהײל פון אזיען, דער אַנדערער איז פערבליבען אין אַראַביען און האט זיך בים־לעבװײז צושפּרײט אין מזרח־זײט פון אַפריקא און אױך אין אַביסיניען.

עס זיינען אזוי ארויסגעקומען צוויי הויפט־גרופען פון סעמיטישע שפראכען, וועלכע האָבען זיך בעזונדער ענטוויקעלט. דיא שפראכען פון דער נאָרד־גרופע זיינען: דיא אראמעאישע, אסירישע, העברעאישע און פעניקישע. דיא שפראכען פון דער זיד־גרופע זיינען דיא פערשיעדענע אראבישע דיאלעקטען. נאר דיא נאָרד־שפראכען ווערן נאך צוטהיילט אין צוויי קלענערע גרופען: דיא אראמעיש־אסירישע און דיא קאנאאניטישע (כנען).

נאך לאנגע שטרייטען האָבען ליגגוויסטען ענדליך אנערקענט, אז דיא אסירישע שפראך איז א סעמיטישע. מען האט איהר פון אָנפאנג בעטראכטעט אלס איינע פון דיא אוראלאָ־אלטאאישע שפראכען; אָבער יעצט קען שוין מעהר קיין צווייפעל ניט זיין אין איהר סעמיטישען כאראקטער. דיזע שטרייטען האָבען געפיהרט צו א גרינדליכע נאכפאָרשונג פון דער אסירישער שפראך, וועלכע איז אויך פון גרויסען אינטערעס פיר דיא געשיכטע פון יענע צייטען, זייט מען האט שוין אָנגעפאנגען צו בענוצען זיך מיט דיא קונעאָפאָרמישע אָדער פיילענארטיגע שריפטען. וויא נאר מען איז דערגאנגען צו לעזען דיזע שווערע שריפטען, האט מען אויסגעפונען, אז דיא צייכענס פון דער דריטער קאָלאָנע אויף דיא אכעמענידישע שטיינער, וועגען וועלכע עס איז שוין גערעט געוועזען אין פאָריגען קאפיטעל, האבען איבערגעגעבען געוויסע פאסירונגען אין דער אסירישער שפראך.

דיא אכעמענידישע אויפשריפטען אין דריי שפראכען צייגען, אז נאך אין דיא היסטאָרישע צייטען האט מען אין פערסיען געמוזט אָפיציעל אנערקענען דריי הויפט־שפראכען פון לאנד, נעמליך: אן אינדאָ־אויראָפעאישע (דיא אלט־פערסישע אויף דער ערשטער קאָלאָנע), אן אוראלאָ־אלטאאישע (דיא זאָ־גענאנטע סומעריש־אקקאדישע אויף דער צווייטער קאָלאָנע) און א סעמיטישע (דיא אסירישע אויף דער דריטער קאָלאָנע). דאס שטימט אויך מיט אלע נאכפאָרשונגען וועגען בבל, אשור, פרס ומדי אין בעצוג אויף דיא פעלקער, וועלכע האָבען זיך דאָרט בעזעצט אין דיא ביז־היסטאָרישע צייטען און וועלכע האבען אין געוויסע צייטען בעהערשט איינע דיא אנדערע.

ווען בבל און אשור זיינען אויפגעטראָטען אלס **גרויסע מלוכות,** איז זעהר הויפטשפּראַך געווען אַ סעמיטישע. אין בבל האט מען געשפּראָכען כאַלדעאיש און אין אשור—אַסיריש. אבער פריהער, רעכענט מען, האבען דאָרטען, ספּעציעל און בבל, געהערשט אוראַלאַ-אַלטאַאישע שטאַמען, וועלכע ווערן אויך גערופען טוראַנישע. אין דער ביבעל ווערט איינער פון דיזע טוראַנישע שטאַמען דערמאָנט אונטער דעם נאַמען אכד און דערפון קומט דער נאמען אקקאַדיאַ, מיט וועלכען מען בעצייכענט אַ טהייל פון בבל און אשור. מען רעכענט, אז דיא אַקקאַדיער זיינען געווען דיא ערשטע צו געברויכען דיא קונעאָפאָרמישע שריפטען און אז דיא סעמיטישע שטאַמען, וועלכע האבען זיך אהין אריינגעריסען און זיינען מיט דער צייט געוואָרען דיא הערשער, האבען ביי זיי איבערגענומען דיזע שריפטען וויא אויך פיעלע אַנדערע קונסטען. דער איינפלוס פון דיא סעמיטען איז געווארן אזוי גרויס אין בבל, אז דיא אַקקאַדיער זעלבסט האבען איבערגענומען דיא שפּראַך פון דיא זיעגערס. אבער אין דיא אַלע לענדער, וועלכע דיא פערסען האָבען שפּעטער בעהערשט, זיינען נאך פערבליבען פעלקער מיט אראַלאָ-אַלטאַאישע שפּראַכען, ספּעציעל אין דיא נאָרד-טהיילען לעבען דעם בארג עלאַם (ביבליש: עילם).

אין דיא אויראָפּעאישע מוזעאומס זיינען יעצט דאָ אַ סך אַסירישע אויפשריפטען און מען געפינט אין אמאָליגען אשור אַ סך מאָנומענטען מיט אויסגעקריצטע אַסירישע אויפשריפטען. מען האָט דארום געקענט צוזאמענשטעלען אן אַסירישע גראַמאַטיקע, בעזאָנדערס נאך דיא וויכטיגע נאַכפאָרשונגען פון דעם בעריהמטען אידיש-פראַנצויזישען געלעהרטען אָפּפּערט, וועלכער ווערט גערעכענט פאַר דעם גרינדער פון אַסיריאָלאָגיע.

אין אַסיריש ווערט אָנגעהאַלטען דיא ענדונג פון דער אורשפּרונגליכער סעמיטישער שפּראַך צו בעצייכנען דעם ווייבליכען געשלעכט, נעמליך: „אַט". צום ביישפּיעל: סאַר (העברעאיש: שר)—קעניג, סאַראַט—קעניגין. מאנכעסמאָל ווערט אויך צוגעשטעלט: „יט". צום ביישפּיעל: אילו—גאָט, אילאַט אדער איליט—געטין. ראַבו—גרויי-

סער, ראביט—גרויסע. דער צייכען פון מעהרצאָהל אין אסיריש פיר ווערטער פון מענליכען געשלעכט איז: „י״ (אין אראמעאיש: ין, אין לשון קודש ; ים). צום ביישפיעל: יום (טאָג), יומי (טעג). אין אסיריש איז אויך פערבליבען דער אורשפּרונגליכער יחס וויא אין אראַ־ביש. דיא עהנליכקייט פון אסיריש מיט אלע סעמיטישע שפּראַכען צייגט זיך אויך ארויס אין דיא נטית הפּעל און אין דיא פערבינדונגען פון פּראָנאָמען (תחת השם) מיט צייטווערטער און נאָמענסווערטער. צום ביישפּיעל: ביטיא (מיין הויז), סומיא (מיין נאָמען), סומקא (דיין נאָמען) א. ז. וו. דיא דאָפּעל־צאָהל פון דער אלגעמיינער סעמיטישער שפּראַך קומט שוין זעהר זעלטען פאָר אין דער אסירישער שפּראַך.

מען רעכענט, אז אסיריש איז נאך געשפּראָכען געוואָרען ביז דעם אָנפאנג פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג ; אָבער ביסלעכווייז איז עס ארויסגעשטופּט געוואָרען פון אראמעאיש, וואס איז געוואָרען דיא פאָלקס־שפּראַך פון דיא סעמיטען אין וועסט־אזיען ביז דיא אראבען האָבען זיך אהין אריינגעריסען אין דיא צייטען פון מאהאָמעד׳ס נאכפאָלגער און האבען איינגעפיהרט זייער שפּראַך.

אראמעיש האָט אויך, וויא בעוואוסט, ארויסגעשטויסען דיא אלטע העברעאישע שפּראך צווישען דיא אידען אין פּאלעסטינע. עס זיינען געווען צוויי אראמעישע דיאלעקטען: איינער אין בבל און אויך אין אשור און דער אנדערער אין סיריען (ארם) און אין מעסאָפּאָטאמיען (ארם נהרים). דער ערשטער ווערט גערופען אין דער לינגוויסטיק כאלדעיש, דער צווייטער: סיריאק.ביידע דיאלעקטען זיינען אבער געווען זעהר עהנליך. דער אונטערשיעד איז מייסטענס געווען אין דעם אקצענט. אין אלגעמיינען איז אראמעאיש דיא שפּראַך, וואָס מען רופט אין זשארגאָן : תרגום־לשון. דיא ריכטיגע בעדייטונג פון דעם וואָרט תרגום איז: איבערזעצונג, נאר אזוי וויא דיא ערשטע איבערזעצונגען פון דיא אידישע הייליגע שריפטען זיינען געמאכט געוואָרען אין כאלדעיש, איז דער נאָמען פאר דיזען דיאלעקט פערבליבען תרגום.

ווען דיא אידען זיינען אוועקגעפיהרט געוואָרען קיין בבל, האָבען זיי שנעל איבערגענומען דעם כאלדעישען דיאלעקט. נאכהער האָבען

זיי איהם מיטגעבראכט קיין ארץ ישראל. דאן האט מען שוין אין ארץ ישראל ניט גערעט דיא שפראך פון דער ביבעל, נאר כאלדע־איש, דיא פאלקס־שפראך פון וועסט־אזיען. אבער נאך פריהער האבען שוין אידען, וויינינגסטענס דיא העכערע קלאסען, געקענט ריי־דען כאלדעאיש, וויא עס איז צו זעהען פון דעם פסוק כ"ו, מלכים ב, י"ח, וואו אליקום בן חלקיהו און דיא אנדערע אידישע פער־טרעטער בעטען רבשקה, איינעם פון דיא גענעראלען פון מלך אשור, אז ער זאל צו זיי ריידען אראמעאיש, דען זיי פערשטייען עס (דבר נא אל עבדיך ארמית כי שמעים אנחנו ואל תדבר עמנו יהודית באזני העם אשר על החמה).

אראמעיש האט זיך אזוי וויט פערשפרייט אויף דיא ערטער פון אנדערע סעמיטישע שפראכען, וויל דיזער דיאלעקט האט פריה־צייטיג פערווארפען פיעלע אלטע פארמען פון דער אלגעמיינער סעמיטישער שפראך. עס איז געוועז לייכטער צו ריידען און צו שרייבען אין דיזען דיאלעקט. אזוי וויא בבל און אשור האבען א לאנגע צייט בעהערשט וועסט־אזיען, האבען זיי אויך אלץ וויטער איינגעפיהרט זייערע שפראכען.

וועגען דיא נאהענטע פערוואנדטשאפט פון אראמעאיש און העברייאיש איז דא גאר איבעריג צו ריידען. יעדער איד וואס האט פיעל־וויניג געלערענט דיא ביבעל און דיא גמרא, וויים עס אליין גאנץ גוט. אזוי וויא אראמעאיש איז ביסלעכווייז געווארען דיא פאלקס־שפראך פון דיא אידען, האט מען אויך אנגעפאנגען צו גע־ברויכען אלץ מעהר אראמעאישע ווערטער און אויסדריקע אין דיא הייליגע שריפטען. דער בוך פון דניאל איז כמעט אין גאנצען געשריבען אין כאלדעאיש.

דיא העברעאישע שפראך געהערט צו דער שפראך־גרופע פון כנען. אם נעהענטסטען שטייט זיא צו דער שפראך פון דיא פיניקיער (צורים). איידער דיא בני ישראל האבען זיך אריינגעריסען אין פאלעסטינא, איז דארט געברויכט געוועזן אן אלגעמיינע כנען־שפראך, פון וועלכע דיא פעניקישע קען דיענען אלס מוסטער. פיעלע כנענים האבען דורך דיזען איבערפאל געמוזט אפטרעטען נעהענטער צו דיא

ברעגעם פון מיטעלמעער אין קליין־אזיען און דורך דעם קומען אין נעהענטערערע פערבינדונגען מיט דיא גריכען, דיא פאָרטגעשריטענסטע אריער־שטאמען פון יענע צייטען. דיזע פעלקער־וואנדערונג האט געוויס זעהר פיעל ביינעטראָגען צו דער ענטוויקלונג פון ציוויליזאציאָן אין קליין־אזיען און אין גריכענלאנד. אז דיא כנענים האָבען דער־גרייכט צו א הויכע קולטור־שטופע, דאס וויסען מיר אויך פון דער ביבעל זעלבסט. און דיא ארכעאָלאָגיע בעווייזט אונבעשטרייטבאר דעם איינפלוס פון דער קליין־אזיאטישער קולטור אויף גריכענלאנד. דיא אידען האָבען אלזאָ מיט זייער איבערפאל אויף כנען אונבע־וואוסטערהייד גענעבען א שטארקען שטויס פאָרווערטס דעם וואָגען פון פראָגרעס.

פון אלע כנענים האבען זיך בעזאָנדערס אויסגעצייכענט דיא פיניקיער, דיזע וואונדערבארע ים־רייזענדע און מוטהיגע הענדלער פון דיא עלטעסטע צייטען. זיי זיינען עס אויך געווען דיא ערפינדער פון דעם אלף־בית, וועלכען דיא אידען און אלע אויראָפּעאישע פעלקער האָבען ביי זיי איבערגענומען, וויא מיר וועלען עס שפעטער זעהן. דיא פעניקישע און העברעאישע שפראכען זיינען אזוי עהנליך, אז מאנכע געלעהרטע לינגוויסטען האָבען אָנגענומען, דאס פיניקיש איז נאר א דיאלעקט פון העברעאיש. נאר וויטערע נאכפאָרשונגען האָבען פעסטגעשטעלט, אזביידע שפראכען זיינען לייבליכע שוועסטער פון איין כנען־מוטער. וויא רענאן בעמערקט, האָבען זיי זיך ענטוויקעלט בעזונדער אונטער פערשיעדענע אומשטענדען, צווישען פערשיעדענע פעלקער, און מיט דער צייט האָבען זיי נעקראָגען אן אנדער פיזיאָנאָמיע, אבער זייער גראמאטיקע איז פערבליבען דיא זעלבע. אין דער פיניקישער שפראך זיינען נאך זאָגאר פערבליבען מאנכע עלטערע גראמאטישע פאָרמען, וויא אין ביבלישען העברעאיש. אין פעניקיש זיינען אויך געברויכט געווען אויסדריקע, וועלכע מען האָט געהאלטען אין העברעאיש פאר זעהר אלטע. דאָ זעהען מיר ווידער א ביישפיעל, וויא שפראכען פון איין גרופע אונטערשיידען זיך מיט דעם, וואס איינע האלט אָן דיינער געוויסע פאָרמען פון זייער מוטער־שפראך, און אנדערע — גראדע אנדערע פאָרמען.

פון דעם פיניקיער דיאַלעקט, וויא ער איז געשפּראָכען געוואָרן אין צור און צידן ווייס מען נאָך עד האָם גאַנץ ווייניג. פיעל מעהר בעקאַנט איז דער דיאַלעקט, וועלכער איז געשפּראָכען געוואָרן אין פיניקישע קאָלאָניעס, ספּעציעל אין קאַרטהאַגען (יעצטיגער טו־ניס). דיזער דיאַלעקט הייסט דער פּונישער, ווייל דיא רוימער האבען גערופען דיא פיניקיער פון קאַרטהאַגען: פּונען. אין דיזען דיאַלעקט געפינען זיך אַראַמעאישע ווערטער און אויסדריקע, וואס עס צייגט, אַז אפילו דיא שפּראַך פון דיא אַלטע כנענים איז שוין געווען בע־איינפלוסט פון אַראַמעאיש. רענאַן רעכענט, אַז דער פּונישער דיאַלעקט איז געשפּראָכען געוואָרן אין נאָרד־וועסט פון אַפריקא ביז דיא מוסולמאַנישע אַראַבען זיינען אהין צוגעקומען. ער דענקט אויך, אַז דיא אַראַבישע שפּראַך האט זיך דארום אזוי שנעל פערשפּריי־טעט אין דיא אַפריקאַנישע נאָרד־לענדער, ווייל אַ סעמיטישע שפּראַך איז שוין דארטען פערשפּרייטעט געווען. אין כנען זעלבסט האט פיניקיש, אזוי גוט וויא העברעאיש, פיעל פריהער אָפּגעטראָטען פּלאַץ דיא גליקליכערע שפּראַכען: גריכיש און אַראַמעאיש. וויא בעוואוסט, ווערט נאָך אַן אַראַמעאישער דיאַלעקט ביז היינט געשפּראָ־כען אין איינינע טהיילען פון סיריען.

דער וויכטיגסטער אונטערשיעד צווישען פיניקיש און העברע־איש בעשטייט אין דעם אויסלייגען און אין דיא בייגונגען פון ווערטער. כמעט שטענדיג ווערן דיא האַלב־לאָקאַלען (נעמליך דיא בוכשטאַבען אהוי) ארויסגעלאָזען אין פיניקיש. צום ביישפּיעל: בת (אנשטאט בית), קל (אנשטאָט קול), רש (אנשטאָט ראש) א. ז. וו. אין פּוניש פּלעגט מען דעם חולם לעזען וויא או. צום ביישפּיעל שופט (סופעט), שלוש (סאַלוס), א. ז. וו. אנשטאט א ה הידיעה פּלעגען דיא פיניקיער געברויכען אַן אַ, וואס עס איז א זעהר לייכטע ענ־דערונג, דען דיזע ביידע בוכשטאַבען זיינען זעהר ע‌הנליך געווען אין דער אויסשפּראַכע. אויף ווייטערע איינצעלהייטען, וועלכע מען קען געפינען אין גראַמאַטיקעס פון סעמיטישע שפּראַכען, וועלען מיר זיך דאָ ניט אָפּשטעלען.

דיא העברעאישע שפּראַך האט זיך אליין אויך געענדערט מיט

דער צייט. זיא האט נעמליך דורכגעמאכט דריי פעריאָדען. דער דער ערשטער און עלטעסטער פעריאָד איז דיא צייט פון משה; דער צווייטער פעריאָד איז דיא צייט פון דיא מלכים, ווען עס איז ענט־שטאנען א פאָקס־שפראך וואס איז אלץ ווייטער אָפגעטראָטען פון דיא ביבלישע פאָרמען. דער דריטער פעריאָד איז דיא צייט, ווען אראמעאיש האָט גענומען ארויסשטופען העברעאיש. דיזער פעריאָד האָט זיך אָנגעפאנגען מיט א יאהר 700 פאר דיא קריסטליכע צייט־רעכנונג.

נאך לאנג פאר דיא מאקקאבעער איז שוין אראמעאיש געוואָרען דיא לאנד־שפראך אין גאנץ פאלעסטינע. מען האט אבער נאך אָנגעהאלטען דיא ביבלישע שפראך צימליך ריין אין דער ליטעראטור.

דיא וואָקאלען פון דער העברעאישער שפראך זיינען געוועזען אזוי איינפאך וויא אין אראמעאיש. דערפאר אבער איז העברעאיש געוועזען גאנץ רייך אין קאָנסאָנאנטען, בעזאָנדערס אין אזעלכע וואס ווערן אויסגעשפראָכען מיט׳ן האלז. אונזער יעצטיגע אויסשפראכע פון לשון קודש איז ווייט ניט דיא זעלבע וויא פון אונזערע פאָרפאטערס אין ארץ ישראל. פיעלע קלאנגען האבען מיר אין גאנצען פערלאָרען. זיי זיינען אויסגעפונען געוואָרן פוז געלעהרטע נאך לאנגע נאכפאָר־שונגען און פערגלייכען מיט אנדערע סעמיטישע שפראכען, ספּעציעל מיט אראביש.

אום ניט צו פערקריכען צו ווייט אין איינצעלהייטען, וועלען מיר נאר בריינגען א פאר ביישפּיעלען פון געזעניאוס׳עס גראמאטי־קע. דיא בוכשטאבען א ה ח ע זיינען אויסגעשפּראָכען געוואָרן מיט׳ן האלז (מוצאות מהגרון). דערצו נאך איז געוועזן א ר, וואס איז אויך אויסגעשפּראָכען געווארן מיט׳ן האלז. פון זיי איז א אויסגע־שפּראָכען געווארן זעהר לייכט, וויא א שוואכער אָטהעם. נאך א וואָקאל איז ער גאר ניט געהערט געווען. ה איז געוועזן א גאָרגעל־קלאנג, כמעט וויא יעצט. ע איז געוועזן א ספּעציעלער קלאנג פון דער סעמיטישער ראסע. דיזער בוכשטאב איז מאנכעס מאָל אויסגעשפּראָכען געוואָרען וויא אַן א און מאנכעס מאל וויא א ג מיט אַן אָפּקלאנג אין גאָרגעל, וויא צום ביישפּיעל: עזה (גאזא), עמרה (גאָמאָרא).

געזעניוס דענקט, אז עס איז גאנץ פאלש אויסצושפרעכען אן ע אביסעל אונטערן נאָז, וויא מאנכע אידען טוען עס. דער בוכשטאב ח איז געווען דער הארטעסטער גאָרגעל־קלאנג, אזוי וויא יעצט אין אראביש און אין מאנכע אנדערע שפראכען (צום ביישפיעל: x און j אין שפאניש). ש און ס, ק און כּ, ט און ת האָבען אויך געהאט אנדערע קלאנגען. ז איז אויסגעשפראָכען געוואָרן וויא דס. דיא בוכשטאבען ב ג ד כ פ ת האָבען געהאט א דאָפּעלטע אויסשפראכע: א הארטע און א ווייכע. דיא הארטע אויסשפראכע איז אָנגעצייגט געוועזן דורך א דגש, דיא ווייכע—דורך א רפה. ת האָט געקלונגען וויא א ט אין זשארגאָן, ת וויא th אין דעם ענגלישען וואָרט thick, ד וויא אין זשארגאָן, ד וויא th אין דעם ענגלישען וואָרט that, בּ וויא אין זשארגאָן, ב וויא bh אָדער v. דיא קאָנסאָנאנטען מ און נ האָבען אויך געהאט אן אויסשפראכע אונטערן נאָז אזוי וויא אין פראנצויזיש אָדער פויליש.

וועגען דיא גראמאטישע פאָרמען פון העברעאיש וועלען מיר דאָ נאר זאגען, אז זיי זיינען אין פיעלע הינזיכטען זעהר נאָהענט צו דער אורשפרונגליכער סעמיטישער שפראך. דיא אורשפרונגליכע צוזעצונג ת (את) פיר ווייבליכען געשלעכט פערבלייבט נאך, נאר זיא ווערט מייסטענס געענדערט אין ת (את אָדער עת) אָדער אין ה (צום ביישפיעל: סוס, סוסה). פערבליבען איז אויך דיא דאָפּעל־צאָהל (יד, ידים). נאר דיא צאָהל פון דיא בנינים איז פערקירצט געוואָרען ביז פינף.

פאר דיא ריינסטע סעמיטישע שפראך ווערט אָבער גערעכענט דיא אראבישע. עס איז זעהר מערקווירדיג וויא דיא אלטע פאָרמען זיינען אָנגעהאלטען געוואָרען אין פערלויף פון טויזענדער יאָהרען כמעט אונפערענדערט אין א שפראך, וועלכע האט זיך אזוי ווייט און ברייט פערשפרייט אין אזיען און אפריקא. פון מאהאָמעד'ס צייטען האָט זיך דיזע וועלט־שפראך קוים וואס געענדערט אין איהרע רייכע פאָ־נעטיק און פאָרמען. נאטירליך, עס זיינען דאָ פיעלע אראבישע דיאלעקטען און דיא פאָלקס־שפראך שטימט ניט מיט דער ליטע־ראַרישער (דיא פאָלקס־שפראך האט נעמליך פערוואָרפען פיעלע

גראמאטיקאלישע פאָרמען און איז געוואָרען א ביסעל אנאליטיש, וויא איבערהויפּט אלע מאָדערנע פלעקסירטע שפּראַכען); אָבער אין גרונד זיינען דיא אונטערשיעדע זעהר אונבעדייטענד.

דער אָריגינעלער יחס איז אנגעהאלטען געוואָרען אין אראביש פיעל ריינער וויא אין העברעאיש. אויך האט אראביש מעהר בנינים וויא העברעאיש, נעמליך 9. דיא דאָפּעל־צאָהל איז פערבליבען, נאר דיא ענדונג איז ניט ים, וויא אין העברעאיש, נאר אָ נ י; צום ביי־שפּיעל: יאדאני (צוויי הענט). דיא ענדונג פון מעהרצאהל איז ין פיר מענליכען געשלעכט און אָת (ת) פיר ווייבליכען געשלעכט.

צוליעב דיא ריינקייט און פעסטקייט פון איהרע פאָרמען איז דיא אראבישע שפּראך בעזאָנדערס וויכטיג פיר דיא ערלערנונג און נאכפאָרשונג פון דיא סעמיטישע שפּראַכען. פיעלע אנדערע שפּראַ־כען האָבען זיך אויך בענוצט מיט אראבישע ווערטער, בעזאָנדערס פערסיש, טערקיש און אייניגע אינדישע דיאַלעקטען. דער איינפלוס פון דער אראבישער שפּראך איז איבערהויפּט זעהר גרויס אין מוסול־מאנישע לענדער. אבער אויך אויף שפּאניש און פּאָרטוגעזיש האט דיא אראבישע שפּראך געהאט א גרויסע ווירקונג. אין אלע אײ־ראָפּעאישע שפּראַכען זיינען פערבליבען פיעלע אראבישע ווערטער, וויא צום ביישפּיעל: אלגעברא, ציפער, זעראָ, טאסע א. ז. וו.

אין זידליכען טהייל פון אראביען און אין אָסט־אפריקא, א טהייל פון אביסיניען אריינגערעכענט, ווערט געשפּראָכען אן אראביש, וועלכע איז שוין ניט בלויז א דיאלעקט, נאר א זעלבסטשטענדיגער צווייג פון דער סעמיטישער שפּראך־גרופּע. אזוי וויינינגסטענס ווערט עס אָנגענומען אין דער לינגוויסטיק. נאך אין גאנץ אַלטע צייטען זיינען דיא אראבען פון נאָרד און פון זיד אָפּגעטהיילט געוואָרען און זייערע אורשפּרונגליך עהנליכע דיאלעקטען זיינען דארום אלץ מעהר דערווייטערט און אָפּגעזונדערט געוואָרען. דיא שפּראך פון דיא זידליכע אראבען ווערט גערופען דיא הימאריטישע. יעצט קען מען איהר ערלערנען פון א געוויסע צאָהל איבערגעבליבענע אויפ־שריפטען און פון דיא דיאלעקטען, וואָס זיא האָט איבערגעלאָזען אין אפריקא. ביז מאהאָמעד׳ס צייטען האָט זיך דיא הימאריטישע שפּראך

געהאַלטען. נאָך פריהער איז זיא אַריבער אין אַפריקאַ, דען מיט עטליכע יאהרהונדערטע פאָר דער קריסטליכער צייטרעכנונג זיינען שוין דיא זידליכע אַראַבען אריבער דעם רויטען ים און האָבען גע־גרינדעט קאָלאָניעס אויף דעם מזרח־ברעג פון אַפריקאַ. אבער נאָך דער איינפיהרונג פון דעם מאַהאָמעדאַנישען גלויבען האָט דיא שפּראַך פון דיא נאָרדליכע אַראַבען, אָדער ריכטיגער דער דיאַלעקט פון צענטראַל אַראַביען, אין וועלכען דער קאָראַן איז געשריבען געוועזן, אַלץ מעהר ארויסגעשטופּט דיא הימאַריטישע שפּראַך. אין אַ געוויסען טהייל פון זידליכע אַראַביען איז פערבליבען אַ דיאַלעקט, גענאַנט עהקילי, וועלכער איז זעהר נאָהענט צו דער אַלטער הימאַריטישער שפּראַך.

אין אַפריקאַ האט זיך דיא הימאַריטישע שפּראַך מעהר אדער וויניגער צוזאמענגעמישט מיט דיא שפּראַכען פון דיא איינגע־באָרענע, נעמליך מיט דער קאָפּטישער און עטהיאָפּישער, וועלכע געהערען צו דער חאַמיטישער גרופּע און פון וועלכע עס וועט זיין דיא רייד אין נעכסטען קאַפּיטעל.

עס זיינען אזוי ענטשטאַנען עטליכע הימאַריטישע דיאַלעקטען, פון וועלכע איינער מיט דעם נאָמען געעז איז דער בעקאַנטעסטער און ענטוויקעלסטער. ווען קריסטענטהום איז מיט אונגעפעהר 16 הונדערט יאהר צוריק איינגעפיהרט געוואָרן אין אַביסיניען, זיינען דיא ביבעל און איינינע אַנדערע אידישע און קריסטליכע שריפטען איבער־זעצט געווארן אין דעם געעז־דיאַלעקט, וועלכער ווערט יעצט מעהר ניט געשפּראָכען, נאר איז פערבליבען א הייליגע שפּראַך און ווערט געברויכט אין גאָטעסדיענסט, וויא, צום ביישפּיעל, לאטייניש ביי דיא קאַטאָליקען. דער אַלפאַבעט פון געעז איז אויך אַ הימאַריטי־שער, וועלכער האָט אליין אַ סעמיטישע אָפּשטאַמונג, וויא דאָס איז בעשטימט בעוויזען געוואָרן פון געלעהרטע נאַכפאָרשער.

עטליכע סעמיטיש־הימאַריטישע דיאַלעקטען (עהנליך צו געעז), ווערן נאָך ביז יעצט געשפּראָכען אין אַביסיניען. דיא וויכטיגסטע פון זיי טראָגען דיא נעמען: אַמהאַריק, טיגרע און האַראַרי. זייער גראַמאַטיקע צייגט קלאָר זייער סעמיטישע אָפּשטאַמונג.

זעקסטער קאפיטעל.

חאמיטישע שפראכען.

חאמיטען און סעמיטען.—דיא חאמיטישע שפראך־גרופען.—דיא עגיפטישע שפארך און איהרע פארמען.—האמאנימען און סינאנימען.—דיא אויסוואהל פון ווערטער. — דיא ענטוויקלונג פון דער עגיפטישער שפראך. — דיא קאפטישע שפראך און איהר עהנליכקייט צו דער עגיפטישער.—דיא ליבישע און בערבערישע שפראכען.—בערבערען, פיניקיער און אראבען אין נארד־אפריקא.—דיא פערשפרייטונג פון דיא חאמיטישע שפראכען.—דיא עטהיאפישע דיאלעקטען.

מיר האבען שוין בעמערקט, אז דיא זא־גענאנטע חאמיטישע שפראכען זיינען ענג פערוואנדעט מיט דיא סעמיטישע. אין דיא ביז־היסטארישע צייטען איז דיזע שפראך־גרופע געוועזן פערשפרייטעט ניט נאר איבער מצרים און איבער דיא נארד־ברעגעס פון אפריקא, זאנדערן אויך איבער א טהייל פון אזיען, נעמליך איבער א טהייל פון מעסאפאטאמיען, וויא מען האט גרינדע דאס אנצונעהמען.

מען רעכענט, אז מיט פיעלע יאהרטויזענדע צוריק האבען דיא סעמיטישע און חאמיטישע שטאמען געלעבט צוזאמען און געהאט איין שפראך, וועלכע איז בעשטאנען פון א קליינע צאהל אלגעמיינע ווערטער. פון דיזע אלגעמיינע שפראך ווייסען מיר יעצט גאר ניט. אין דיא היסטארישע צייטען האבען זיך דיא סעמיטישע און חאמיטישע פעלקער ניט זעלטען צוזאמענגעטראפען און איבערגעגנ־

מען איינע ביי דיא אנדערע איינינע ווערטער, וויא דאס איז געוויינליך דער פאל ווען פעלקער קומען אין א פערקעהר איינע מיט דיא אנ־ערע; אבער זייערע שפראכען זיינען שוין פערבליבען אפגעזונדערט.

דיא אורשפרונגליכע חאמיטישע שפראך זעלבסט איז פריהצייטיג פערטהיילט געוואָרן אין דיאלעקטען, פון וועלכע עס זיינען ענטשטאנען בעזונדערע שפראכען, פיעל וויניגער עהנליך איינע צו דיא אנדערע וויא דיא סעמיטישע שפראכען זיינען עס. דער בעריהמטער פראנ־צויזישער געלעהרטער מאספערא, וועלכער איז איינער פון דיא גרעסטע קענערס פון דער געשיכטע, שפראך און שריפטען פון אלטען מצרים, האט אין א בעזונדערע ווערק אנגעצייגט אויף דיא עהנליכקייט אין דיא וואָרצעל־ווערטער און אין דיא פראָנאָמען (תחת השם) פון דיא סעמיטישע און חאמיטישע שפראכען. מיר קענען זיך דאָ אבער ניט אפשטעלען אויף אזעלכע איינצעלהייטען.

דיא חאמיטישע שפראכען ווערען צוטהיילט אין דריי גרופען: דיא עגיפטישע, דיא ליבישע און דיא עטהיאָפּישע. דיא וויכטיגסטע פון זיי איז דיא עגיפטישע, ניט נאר ווייל זיא קען דיענען אלס דיא פאָרשטעלערין פון אלע חאמיטישע שפראכען, זאָנדערן אויך ווייל זיא צייגט, וויא אזוי ענטוויקעלטע און ליטעראַרישע שפראַ־כען זיינען אויסגעארבייטעט געוואָרען איינפאך דורך אן אפמאך, דורך אן אויסוואהל פון פיעלע ווערטער צו בעצייכענען איין זאך.

דיא שפראך פון מצרים, פון אלטען עגיפטען, איז מען דער־גאנגען ערשט אין דעם 19־טען יאָהרהונדערט, דעם יאָהרהונדערט פון וואונדערבארע ענטדעקונגען. וויא אזוי מען איז עס דערגאנגען, וועלען מיר אנצייגען אין א נעכסטען קאפיטעל, ווען מיר וועלען בעטראכטען דיא ענטוויקלונג פון שריפטען. דאָ וועלען מיר נאר בע־מערקען, אז מען קען שוין יעצט דיזע לאנג אפגעשטאָרבענע און פערגעסענע שפראך אזוי גוט, וויא ווען זיא וואָלט נאך געשפראָכען געוואָרען אויף דיא ברעגעס פון נילוס.

דער צייכען t (ת) פאר ווייבליכען געשלעכט איז פערבליבען אין דער עגיפטישער שפראך. צום ביישפיעל: נאָפער (יונגער

מאן), נ אָ פ ע ר ט (יונגע מיידעל), ס אָ ן (ברודער), ס אָ נ ט (שוועסטער). דיא ענדערונג פיר מעהרצאָהל איז געווען „או" פיר מענליכען און וייבליכען געשלעכט. עס איז אויך געווען א דאָפּעל־צאָהל. צום ביישפיעל: ס אָ נ ו א י (צוויי ברידער), ס אָ נ ט י (צוויי שוועסטער). דיא פראָנאָמען צו בעצייכנען אנגעהעריגקייט זיינען צוגעזעצט געווען צום סוף פון נאמענסווערטער. צום ביישפיעל: פ ע ר ־ א (מיין הויז), פ ע ר ־ ק אָדער פ ע ר ־ ט (דיין הויז; דער „ק" האָט בעצייכענט א זכר, „ט"— א נקבה), פ ע ר ־ ף (זיין הויז), פ ע ר ־ ס (איהר הויז) א. ז. וו.

נאר אינטערעסאנטער און וויכטיגער פון אלע עגיפּטישע גראַמאַטיקאַלישע פאָרמען איז דיא ארט און וייזע, וויא אזוי דיא עגיפּטישע שפּראך איז ענטוויקעלט געוואָרען. זיא צייגט אונז איבערהויפּט פיעל בעסער און קלערער וויא אירגענד וועלכע אַנדערע שפּראך דעם איבערגאנג פון מאָנאָסילאַבישע ווערטער צו אַגגלוטינירטע און נאכהער צו פלעקסירטע. יעדע פון דיא זילבען אָדער איינצעלנע בוכשטאבען ביי'ן ענדע פון נאמענסווערטער צו בעצייכנען געשלעכט, צאָהל, אנגעהעריגקייט, וויא אין דיא אויבען־גענאנטע ביישפּיעלען, איז אמאָל געווען איין איינזילביגער וואָרט, וואס האט פערלאָרען זיין פולע בעדייטונג און וואס איז נאכהער געבליבען א פוסטער קלאנג. ביי דער אגגלוטינאציאָן איז דער קלאנג ביסלעכווייז פערקירצט געוואָרען, ביז עס איז נאר פון איהם געבליבען איין בוכשטאב פאר א סמן. דיא ווערטער פון דיא אלטע עגיפּטער זיינען געווען איינזילביגע און האָבען געהאט זעהר פיעל בעדייטונגען, וויא אין דער כינעזישער שפּראך. צום ביישפיעל, דער וואָרט אב האָט געהאט פאָלגענדע גאַנץ פערשיעדענע בעדייטונגען: טאנצען, א הארץ, א וואנט, א קאלב, דיא לינקע האנט, א פיגורע, פערלאַנגען, אוועקגיין. אבער מיט דער צייט זיינען אויך אריין אין געברויך אַנדערע ווערטער פאר יעדע פון דיא בעדייטונגען פון דעם אַלטען וואָרט א ב. איין זאך אָדער איין האנדלונג האט מען אלזאָ געקענט בעצייכנען מיט פערשידענע ווערטער. זאָ, צום ביישפּיעל, קען מען אין דער עגיפּטישער שפּראך געפינען צעהן ווערטער צו בעצייכנען

דיא האנדלונג „זאלבען.“ אבער יעדער פון דיזע צעהן ווערטער האט אויך געהאט פיעלע אנדערע בעדייטונגען.

דיא עגיפּטישע שפּראך איז אלזאָ זעהר רייך געווען אין האָ־מאָנימען, דאס הייסט אין ווערטער וואס האָבען דעם זעלבען קלאנג און פערשיעדענע בעדייטונגען, און אין סינאָנימען, דאס הייסט אין ווערטער וואס האָבען דיא זעלבע בעדייטונג און פער־שיעדענע קלאנגען. דאס זעלבע איז געוויס געווען מעהר אָדער ווייניגער אין אלע ערשטע שפּראכען. אזוי מוזען מיר אָננעהמען ווען מיר בעטראכטען, וויא שפּראכען זיינען ענטשטאנען און האבען זיך פערשפּרייטעט. אין יעדער שפּראך־גרופּע האט מען מיט דער צייט אויסגעקליבען געוויסע קלאנגען, נאטירליך זעהר קורצע און איינפאכע, צו בעצייכענען געוויסע זאכען, געדאנקען און האנדלונגען. אזוי וויא דער אָנפאנג פון געזעלשאפטליכען לעבען איז געווען דיא פאמיליע, איז נאמירליך דער פונדאמענט פון יעדער שפּראך געלייגט געוואָרן אין דער פאמיליען־ארגאניזאציאָן. דיא שפּראך איז גע־ווען איהר אויסערליכער אויסדרוק. און ווען פאמיליען זיינען געקומען אין פערקעהר אָדער האָבען זיך פערבונדען אין א גרופּע, זיינען זייערע ווערטער צומישט געוואָרען. אייניגע ווערטער האָבען געהאט מעהר מזל וויא דיא אנדערע און זיינען פערבליבען, אָנהאלטענדיג אפילו זייערע פערשיעדענע בעדייטונגען אין יעדער פאמיליע. אויך זיינען פער־בליבען פערשיעדענע ווערטער פון יעדער פאמיליע צו בעצייכענען דעם זעלבען געדאנקען. וואס גרעסער דיא גרופּען זיינען געוואָרען, האט עס געקענט טרעפען, אז אין איין אָרט איז גראדע פער־בליבען אין געברויך א וואָרט, וואס זיין פריהערע בעדייטונג איז שוין פערגעסען געוואָרען אין אן אנדער אָרט. דער צופאל האט דאָ גע־שפּיעלט א גרויסע ראָלע.

אזוי איז עס טאקע געווען אין מצרים, וויא דיא אלט־עגיפּטישע שפּראך בעווייזט עס מערקווירדיג קלאָר. ניט אלע עגיפּטישע ווער־טער האָבען אין אלע פּראָווינצען אָנגעהאלטען אלע זייערע פערשיעדענע בעדייטונגען, און ניט איבעראל האָט מען געהאט דיא זעלבע צאָהל ווערטער צו בעצייכענען איין זאך. אום מענשען פון צווי געגענדען

זאָלען קענען פערשטיין איינע די אַנדערע, האָט מען אַלזאָ געמוזט אויסוועהלען פון דעם גאַנצען אַרסענאַל מיט האָמאָנימען און סינאָנימען אייניגע וואָס זאָלען האָבען אַ בעשטימטע בעדייטונג און קיין אַנדערע. אין ריידען און בעזאָנדערס אין שרייבען האָט מען געמוזט בענוצען געוויסע צייכענס, אום צו פערשטיין וואָס מען מיינט אייגענטליך מיט אַ וואָרט. דערפון שטאַמט עס די מערקווירדיגע עגיפּטישע שריפט, וועלכע טראָגט דעם נאָמען היעראָגליפען און פון וועלכע עס וועט שפּעטער די רייד זיין. זאָ, צום ביישפּיעל, ווען מען האָט געוועלט מיט דעם וואָרט אב בעצייכנען: אַ האַרץ, איז נאָך ניט גענוג געווען אָנצושרייבען עס מיט געוויסע בוכשטאַבען, נאָר מען האָט נאָך געמוזט צושטעלען אַ צייכען פון אַ האַרץ. ווען מען האָט פאַר אָדער נאָך דעם וואָרט אב צוגעשטעלט אַ פיגור פון אַ חיה, האָט שוין פאַר דעם לעזענדען קיין צווייפעל ניט געקענט זיין, אַז אין דעם פאַל מיינט מען מיט דעם וואָרט אב אַ קאַלב און קיין אַנדער זאַך.

אין ריידען האָט מען נאָך געקענט אויסקומען דורך זשעסטען און אָנווייזונגען, וויא אויך דורך אַ געוויסע בעטאָנונג אָדער ערקלערענדע ווערטלעך, אָבער ווען מען איז דערגאַנגען צו דער קונסט פון פערצייכנען ווערטער, האָט מען שוין אַלץ מעהר געמוזט אויסקלייבען בעשטימטע ווערטער פיר בעשטימטע זאַכען און האַנדלונגען. אַנדערס וואָלט עס געווען אַן ארויסגעוואָרפענע אַרבייט, און די אַרבייט פון שרייבען איז אין אָנפאַנג געווען אַ זעהר שווערע און מאַרודנע, וויא מיר וועלען עס זעהען. די הערשער און זייערע דיענערס האָבען געמוזט זעהען צו מאַכען וואָס דייטליכער די שפּראַך, אום מען זאָל קענען פערשטיין זייערע בעפעהלע. זאָ לאַנג פעלקער וואַנדערן אַרום, ענדערן זיך ביי זיי זעהר שנעל די ווערטער און די בעדייטונגען פון געוויסע קלאַנגען; אָבער ווען מענשען בעזעצען זיך אויף אַ בעשטימטען אָרט, קריגען אויך זייערע ווערטער אַלץ אַ שטענדיגערע און בעשטימטערע בעדייטונג. ביי ווילדע פעלקער קען עס טרעפען, אַז איין דור זאָל ניט פערשטיין דעם אַנדערן, דען עס קומען אויף זעהר שנעל נייע ווערטער, און די אַלטע ווערן פערגעסען.

דיזע בעטראַכטונגען צייגען אונז ווידער, אַז ניט נאָר איז עס קיין מאָל ניט געווען אַיין שפּראַך פאַר אַלע מענשען, זאָנדערן אַז אויף אַ געוויסע שטופע פון מענשליכע ענטוויקלונג זיינען געווען אַזוי פיעל שפּראַכען, וויא פיעל פאַמיליען. נאַטירליך, דיזע אַלע שפּראַכען זיינען געווען זעהר אָרים אין ווערטער. דיא שפּראַכען פון שטאַמען האבען זיך ביסלעכוויז געבילדעט דורך אַ פערבינדונג פון דיא פאַמיליען־שפּראַכען און זיינען דורך דעם רייכער געוואָרן אין ווערטער. וואס לענגער און שטענדיגער אַזעלכע שטאַמען האבען געלעבט צוזאַמען, אַלץ דייטליכער און ענטוויקעלטער איז געוואָרן זייער שפּראַך. אויף דיזער וויזע האבען עס געקענט ענטשטיין אַזעלכע אורשפּרונגליכע שפּראַכען וויא דיא אינדאָ־גערמאַנישע, סעמיטישע און חאַמיטישע, פון וועלכע עס זיינען ארויסגעקומען מיט דער צייט, בעזאָנדערס נאָך אָפּטהיילונגען פון שטאַמען, דיא אַלע פלעקסירטע שפּראַכען, וועלכע זיינען אויבען בעטראַכטעט געוואָרן.

יעדענפאַלס איז עס אַזוי צוגעגאַנגען מיט דער עגיפּטישער שפּראַך, וועלכע האט אויך געהאַט שפּעטער פיעלע דיאַלעקטען. דערויף צייגט אָן ניט נאָר אַ נאַכפאָרשונג פון איהרע ווערטער, זאָנדערן אויך אַ נאַכפאָרשונג פון איהרע היעראָגליפישע שריפטען. אַ סך ווערטער זיינען געוואָרן פוסטע, וויא אין דער כינעזישער שפּראַך, אַנדערע זיינען געוואָרן פאָרוואָרטען (מלת היחס), אום אויסצודריקען דיא בעציהונגען פון נאַמענסווערטער איינע צו דיא אַנדערע און צו דיא צייטווערטער. אייניגע ווערטער זיינען צוזאַמענגעקלעפּט אדער אַגגעלוטינירט געוואָרן מיט דיא צוזעצונגען און פאָרוואָרטען, אַנדערע האבען געקראָגען ביינונגען אדער פלעקסיאָנען, און אַ סך זיינען פערבליבען מאָנאָסילאַבישע, וויא אין פיעלע אַנדערע פלעקסירטע שפּראַכען.

וויא געזאָגט, דיא עגיפּטישע שפּראַך וויזט אונז נאָר קלאָרער דיא אַלגעמיינע ענטוויקלונג פון שפּראַכען, נאַכדעם וויא זיי זיינען אריבערגעטראָטען דיא שוועלען פון דיא פאַמיליען, וואו זיי זיינען צוערשט ענטשטאַנען.

דיא קאָפּטישע שפּראַך שטאַמט פון דער אַלט־עגיפּטישער.

אין־דעם האט מען זיך גלייך איבערציינגט, וויא נאר מען איז דערגאנ־גען צו לעזען דיא היעראָגליפישע שריפטען. דיא קאָפּטישע שפּראַך איז שוין יעצט אויך אַן אָפּגעשטאָרבענע, אבער ביז דער מאָהאמע־דאניזמוס האָט זיך פערשפּרייט אין מצרים און אין גאנצען עגיפּטישען סודאַן האט זיא נאָך עקזיסטירט וויינינגסטענס אלס א ליטעראַרישע שפּראַך. נאָך אין זיבעטען יאהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייט־רעכנונג האבען קריסטליכע גייסטליכע געשריבען אין איהר רעליגיעזע ביכער. דיזע קריסטליכע ליטעראַטור איז א צימליך גרויסע און זיא האט זעהר פיעל מיטגעהאָלפען געלעהרטע נאכפאָרשער צו ערלערנען דיא אַלט־עגיפּטישע שפּראַך.

דיא אראַבישע שפּראַך האט ביסלעכוויז ארויסגעשטויסען דיא קאָפּטישע צוזאמען מיט דער קריסטליכער רעליגיאָן. נור אין עטליכע קלייסטערס האט זיך דיא קאָפּטישע שפּראַך אָנגעהאַלטען א לענ־גערע צייט, ווייל איינינגע קאָפּטישע גלחים האבען שטודירט דיא אַלטע ביכער.

דיא פאָנעטיק פון דער קאָפּטישער שפּראַך איז רייכער וויא דיא פאָנעטיק פון דער עגיפּטישער; אבער זייערע גראמאטישע פאָר־מען אונטערשיידען זיך גאנץ וויינינ. ווער עס פערשטעהט קאָפּטיש, קען לייכט ערלערנען עגיפּטיש און פארקעהרט. אמאָל האבען עק־זיסטירט דריי קאָפּטישע דיאַלעקטען, איינער אין נאָרד, דער צוויי־טער אין צענטער און דער דריטער אין זיד פון מצרים. וואהרשיינליך האבען זיי זיך ענטוויקעלט פון דיא אמאָליגע אַלט־עגיפּטישע דיא־לעקען אין דיא זעלבע טהיילען פון מצרים. דער קאָפּטישער אַלפאַבעט איז אבער ניט אַן עגיפּטישער, נאר א גריכישער. דאס קומט דער־פון וואס קאָפּטיש איז ספּעציעל געברויכט געוועזן פון דיא ערשטע קריסטליכע מיסיאָנערען. מען האט נאר צוגעזעצט צום גריכישען אַלפאַבעט עטליכע צייכענס, אום איבערצוגעבען אזעלכע קלאנגען וואס דיא גריכישע שפּראַך האט ניט בעזעסען.

אין נאָרד פון אפריקא צו דער מערב־זייט פון מצרים זיינען **געוועזן פערשפּרייטעט** דיא שפּראַכען פון דער ליבישער **גרופּע, פון וועלכע איינינע זיינען** נאָך ביז היינט **פערבליבען. אין טריפּאָלי,**

טוניס, אַלזשיר און אין מאַראָקאָ, וויא אויך אין אייניגע אָאַזיסען פון דער זאהארא וויסטעניס, ווערט נאך געברויכט א שפּראַך, וואס טראָגט דעם נאָמען: דיא בערבערישע און וואס שטאמט פון דער אמאַליגער ליבישער שפּראַך. אין אַלזשיר און אין טוניס האָט מען געפונען א סך ליבישע אויפשריפטען, פון וועלכע א טהייל זיינען אין צוויי שפּראַכען. אייניגע האָבען אַן איבערזעצונג אין דער פיניקישער (ריכטיגער: פונישער) שפּראַך, אנדערע— אין דער לאַטיינישער שפּראַך. דורך דעם קען מען יעצט דערגיין איינצעלהייטען פון דער אַלטער ליבישער שפּראַך. איהרע וואָרצעל־ווערטער און גראמאַטישע פאָרמען צייגען קלאָר איהר חאמיטישען בּאַראַקטער. צום ביישפּיעל: דיא קאָנסאָנאַנטע t (ת) איז פערבליבען אַלס צייכען פון ווייבּליכען געשלעכט; נאר א מאל ווערט זיא געשטעלט אין אָנפאַנג וואָרט, אנשטאט צום סוף, און אמאל אי אין אנפאנג אי צום סוף, וויא אין דיא ווערטער: אקלי (נענער), טאקליט (נענערקע), אמעקעלי (מכשף), טאמעקעליט (מכשפה), א. ז. וו. צו נטית השם האט מען זיך בענוצט מיט פּרעפּאָזיציאָנען, וואס עס צייגט, אַז דיא ליבּישע שפּראַך איז שוין געווען אַן אנאַליטישע.

אין אייניגע ערטער, ספּעציעל אין טוניס, איז דיא ליבישע שפּראַך אַרויסגעשטופּט געוואָרן פון דער פּונישער, נאבדעם וויא דיא פּיניקיער האבען דארטען געגרינדעט זייער קאָלאָניע קארטהאגען. נאר מיט דער פערשפּרייטונג פון מאהאָמעדאניזמוס האבעןביידע דיזע שפּראַבען אָפּגעטראָטען זייער פּלאַץ דער אראבישער. דיא פּונישע שפּראַך איז אין גאנצען פערשוואונדען געוואָרען, אבער פון דער ליבישער האַלטען זיך נאך אָן אייניגע בערבערישע דיאַלעקטען, אין וועלכע עס זיינען אריינגעמישט א סך אראבישע ווערטער. אין אַלזשיר און אין דיא אָאַזיסען צום זידען געפינען זיך נאך, רעכענט מען, ביז א מיליאָן בערבערען. זייער פערברייטעסטער דיאַלעקט איז דער קאבילישער. דיא טוארעגען, דיא בעריהמטע רויבער פון דער זאהארא וויסטענעס, געהערען אויך צו דער בערבערישער ראַסע, נאר זיי זיינען שוין זעהר פיעל צוזאמענגעמישט מיט נעגערן און אראַ־

בען. יעדענפאלס איז זייער שפראך א בערבערישער דיאלעקט. וויא פיעל בערבערען עס געפינען זיך אין מאראקא, קען מען ניט וויסען. אם בעסטען זיינען בעקאנט דיא בערבערען, וואס טראגען דעם נאמען ק א ב י ל ע ן און וואס לעבען יעצט אונטער דער פראנצויזישער הערשאפט אין אלזשיר. אזוי וויא אלע בערבערישע שטאמען זיינען יעצט פאנאטישע מוסולמאנער, האבען דיא פראנצויזען, וועלכע בעהערשען יעצט דעם גרעסטען טהייל פון נארד און וועסט־אפריקא, אנגענומען דיא קאבילען פאר אראבען; נאר ווען דיא קאבילען האבען געמאכט א גרויסען אויפשטאנד, האבען דיא פראנצויזען זיך ארומגעזעהען, אז זיי האבען בעגאנגען א גרויסען פעהלער. זיי האבען דאן אנגעפאנגען נאכצופארשען דיא שפראך און דיא מנהגים פון דיא קאבילען, וואס עס האט געפיהרט צו גוטע רעזולטאטען אין אלע הינזיכט

דורך דיזע נאכפארשונגען האט מען אויך געפונען, אז דיא שפראך פון דיא פערשוואונדענע אמאליגע איינוואהנער פון דיא קאנאריען־אינזלען, דיא זא־גענאנטע ג ו א נ ש ע ן, האט אויך געהערט צו דער ליבישער גרופע. דאס צייגט אלזא, אז דיא חאמיטישע שטאמען האבען שוין דערגרייכט ביז צו דעם לעצטען גרענעץ פון דער אלטער וועלט אין דער מערב־זייט נאך אין דיא ווייטעסטע ביז־היסטארישע צייטען.

דיזע שטאמען זיינען אויך געוועזען צושפרייט וויט־וויט אין דער מזרח־זייט פון אפריקא, וויא עס צייגען דיא פערבליבענע ע ט ה י־א פ י ש ע שפראכען. דיא אמת'ע עטהיאפישע שפראכען דארף מען ניט צומישען מיט דיא הימאריטישע דיאלעקטען, פון וועלכען עס איז געוועזען דיא רייד אין פארינען קאפיטעל. אין עגיפטישען סודאן, אין אביסיניען און אין דיא לענדער צווישען דעם נילוס און דעם רויטען ים וואהנען יעצט פערשיעדענע פעלקער מיט פערשיעדענע שפראכען און דיאלעקטען. ווען מען פארשט נאך דיזע דיאלעקטען, דערקענט מען, וועלכע עס געהערען צו דער סעמיטישער אדער חאמיטישער שפראך־פאמיליען. וויא וויט מען האט ביז יעצט אויסגעפארשט דיא דיאלעקטען פון דער עטהיאפישער גרופע, ווייס מען זיכער, אז זיי זיינען

חאַמיטישע. דיא ענדונג t (ת) פיר ווייבליכען געשלעכט איז פערבליבען. צום ביישפיעל: ט אַ ק (מאַן), ט אַ ק אַ ט (פרוי).

דיא וויכטיגסטע פון דיא יעצטיגע עטהיאָפּישע דיאַלעקטען זיינען: ס אָ מ אַ ל י, ג אַ ל ל אַ, ב ע ד ז ש אַ און ד אַ נ ק אַ ל י. זיי ווערן מייסטענס געשפּראָכען אין דיא געגענדען לעבען רויטען ים, וואס זיינען יעצט פערנומען פון איטאַליען, ענגלאַנד און פראַנקרייך.

אין אַלגעמיינען זיינען דיא חאַמיטישע שפּראַכען געוועזען צושפּרייט איבער כמעט א העלפט אַפריקאַ. נאר יעצט זיינען זיי פערבליבען און עטליכע פערוואָרפענע ווינקעלעך. אבער אויב גראַדע אין אַפריקאַ איז געוועזען זייער ערשטע היים, דאס איז א פראַגע, אויף וועלכע מען קען נאָך ניט ענטפערן בעשטימט. עס זיינען דאָ גרינדע אָנצונעהמען, אז דיא חאַמיטען האָבען אריבערגעוואַנדערט פון אזיען נאָך אַפריקאַ. יעדענפאלס קען כיען ניט פּאָזיטיוו בעשטימען א ראַסע נאָך איהר שפּראַך, דען אפילו אין דיא ביז־היסטאָרישע צייטען זיינען ראַסען צומישט געוואָרען און שטאַמען האָבען איבערגענומען פרעמדע שפּראַכען, וויא מיר וועלען עס זעהן אין נעכסטען קאַפּיטעל.

זיעבּעטער קאַפּיטעל.

ראַסען און שפּראַכען.

די‌א ענטשטעהונג פון ראַסען. — די‌א נאַטירליכע פערשיעדענהייט פון די‌א ערשטע שפּראַכען. — די‌א בעשרענקטע ענדערונגען פון לינגוויסטישע סיסטעמען. — פערשיעדענע ראַסען מיט די‌א זעלבע שפּראַכען. — פעלקער און שפּראַכען אין אייראָפּא. — דער פערשיעדענער מזל פון שפּראַכען. — די‌א ווירקונג פון פּאָליטישע פּאַסירונגען און פון קולטור אויף די‌א פערשפּרייטונג פון שפּראַכען. — די‌א היימאַטה פון די‌א סעמיטען און אַריער. — זייערע וואַנ־דערונגען.

א נאַכפאָרשונג וועגע די‌א ענטשטעהונג פון ראַסען איז ניט די‌א אויפגאַבע פון דער קולטורגעשיכטע זאָנדער פו דע־ נאַטור־וויסענשאַפט, ספּעציעל פון דער אַנטראָפּאָלאָגיע (פו די‌א גריכישע ווערטער: אַנטראָפּאָס—מענש, לאָגאָס—וואָרט). אין דער קולטורגע־שיכטע האָבען מיר צו בעטראַכטען, וואס די‌א ראַסען האָבען אויפגעטאָן, וויא זיי האבען זיך ענטוויקעלט און אין וועלכען צושטאַנד זיי געפינען זיך. די‌א פראַגע וויא אזוי עס זיינען ענטשטאַנען פערשיעדענע ראַסען, איז פון דעסטוועגען העכסט וויכטיג פאר די‌א קולטורגעשיכטע, דען זיא קען אונז אויך געבען אַן אנטוואָרט, ווארום אייניגע ראַסען האָבען זיך שנעלער ענטוויקעלט וויא אַנדערע, ווארום אייניגע האבען ארויס־געוויזען העכערע גייסטיגע פעהיגקייטען נאך אין די‌א ביז־היסטאָרישע צייטען און ווארום אנדערע זיינען פערבליבען אין ווילדען און האלב־ווילדען

צושטאנד נאך ביז היינט צו טאָג. געוויס האבען געאָגראפישע, קלימאטישע און היסטאָרישע אומשטענדען געהאט צו טאָן מיט דיזע אונטערשיעדע. אויף אייניגע פון דיזע אומשטענדען האבען מיר שוין געהאט די געלעגענהייט אָנצוצייגען — (דער אויפמערקזאמער לעזער וועט זיך, צום ביישפּיעל, דערמאָנען וואס מיר האבען אין עלפטען קאפּיטעל פון ערשטען באנד געזאָגט וועגען די לאנגזאמערע ענטוויקלונג פון די פעלקער אין דער זידליכער העלפט פון דעם ערדקוגעל) — אָבער דערמיט אליין קען מען נאך ניט ערקלערען, וואָרום גראדע די ווייסע ראסע, ספּעציעל די אריער און סעמיטען, איז געשטאנען העכער פאר אלע אנדערע ראסען נאך אין אָנפאנג פון די היסטאָרישע צייטען.

ליידער האט נאך די אנטראָפּאָלאָגיע ניט ערקלערט דעם העכסט וויכטיגען פּונקט וועגען די אורזאכען, וועלכע האבען געפיהרט צו דער ענטוויקלונג פון ראסען מיט פערשיעדענע פיזיאָגנאָמיעס און גייסטיגע פעהיגקייטען. יעדענפאלס איז זיא נאך צו קיין בעשטימטען שלוס ניט געקומען וועגען דיזען פּונקט. וואס אנבעלאנגט צו דער לינגוויסטיק, זא צייגט זיא אונז נאָר, אז די שפּראכען פון מענשען זיינען גלייך פון אָנפאנג געווען פערשיעדען און אז שפּראכען און פעלקער האבען ניט אויפגעהערט זיך צו מישען.

די געשיכטע צייגט אונז, אז פיעלע פעלקער און גאנצע שפּראך־פאמיליען זיינען פערשוואונדען. וועגען די עקזיסטענץ פון פיעלע פעלקער און שפּראכען דערגייען מיר נאר דורך די סמנים וואס זיי האבען איבערגעלאָזען אין דער טיעפענעס פון דער ערד. דאָס וואס האָט פּאסירט אין די געשיכטליכע צייטען, האט געוויס אויך פּאסירט אין די ביז־היסטאָרישע צייטען, דען שטענדיג איז אָנגעגאנגען א קאמפּף צווישען פערשיעדענע שטאמען און פעלקער און די זיעגערס האבען נאטירליך געצוואונגען די בעזיעגטע אָנצונעהמען זייער שפּראך און מנהגים. ביי יעדען אזעלכען צוזאמענשטויס, וויא איבערהויפּט ביי יעדען נעהענטערן פערקעהר צווישען פעלקער, זיינען פאָרגעקומען און עס האבען נויטווענדיגער־ווייזע געמוזט פאָרקומען ענדערונגען אין זייערע שפּראכען און אין זייער גאנצען לעבען.

מיר האבען שוין בעמערקט אין אונזער נאכפאָרשונג וועגען שפּראַכען, אז דיא ערשטע מענשען אדער מענשענארטיגע בעשעפּעניסען האָבען זיך ערוואָרבען דיא שפּראַך־פעהיגקייט ניט גראדע אין איין אָרט אויף דער ערד, נאר אין עטליכע. און אזוי וויא זייערע אָרגאנען, וועלכע דיענען צום אויסדריקען ארטיקולירטע קלאַנגען, האָבען דורך דיזע בעזונדערע ענטוויקלונג געמוזט זיין געוויסערמאסען פערשיעדען, זאָ זיינען ניט נאר דיא ווערטער געווען פערשיעדענע, זאָנדערן דיא אויסגעשרייען און דיא קלאַנגען פון דיא שטימען האָבען געמוזט זיין אַנדערע. אין איין אָרט האט מען, צום ביישפּיעל, גערעט מעהר אין האַלז, אין אַן אַנדער אָרט — מעהר אונטערן נאָז, אין א דריטען אָרט האט מען געברויכט מעהר סוויסצענדע קלאַנגען. אין דער כינעזישער שפּראַך פעהלט אין גאַנצען דער קלאַנג „ר“, וויא מיר וויסען עס שוין; אין דער פראַנצויזישער און ענגלישער שפּראַכען פעהלט דער קלאַנג „ח“; אין דער רוסישער—דער קלאַנג „ה“; א. ז. וו. אָנפאַנגס האָבען דיא פאָנעטישע אונטערשיעדע געמוזט זיין פיעל גרעסער, וויא מיר קענען עס יעצט שליסען דורך לינגוויסטישע אונטערזוכונגען.

יעדענפאלס בעווייזט דיא לינגוויסטיק, אז וואס ווייטער צוריק אין דער פערגאַנגענהייט זיינען געווען מעהר אונאבהענגיגע שפּראַך־גרופּען. דאס איז גאַנץ נאַטירליך, דען דיא שטאַמען זיינען נאך ניט געווען אזוי צומישט, וויא שפּעטער. זיי האָבען געלעבט מעהר אָפּגעזונדערט. אין דיא היסטאָרישע צייטען איז קיין ווירקליך נייע שפּראַך ניט געבאָרען געוואָרען. שפּראַכען האָבען זיך געענדערט און ענטוויקעלט. איינינע האָבען געהאט מעהר מזל וויא דיא אנדערע און האָבען זיך זעהר ווייט פערשפּרייט. פון זייער צוזאַמענמישונג זיינען אויפגעקומען נייע דיאַלעקטען. אָבער נאך זייערע וואָרצעל־ווערטער און גראַמאַטישע פאָרמען זיינען זיי דאָך פערבליבען צווייגען פון איין אורשפּרונגליכע שפּראַך־גרופּע אָדער פון איין לינגוויסטישע סיסטעם. דיא ענטשטעהונג פון דיא אורשפּרונגליכע שפּראַכען איז וואַהרשיינליך געשעהען צוזאַמען מיט דער ענטשטעהונג פון דיא ערשטע מענשליכע ראַסען. ווייטער זיינען נאר געווען צוטהיילונגען אין דיאַלעקטען, וועלכע

האָבען זיך מיט דער צייט אַלץ מעהר דערוויטערט איינע פון דיא אַנדערע און אלע צוזאַמען פון זייער מוטער־שפּראַך.

וויא וויט שפּראַכען האַלטען אָן זייער אורשפּרונגליכען כאַראַק־טער, צייגט אונז אַם בעסטען דיא ענגלישע שפּראַך, אין וועלכער עס זיינען אריינגעמישט אַזוי פיעל פראַנצויזישע ווערטער. טראָץ אַלע פרעמדע ווערטער פערבלייבט זיא דאָך א גערמאַנישע שפּראַך. וויא פיעל פרעמדע ווערטער א שפּראַך זאָל ניט ענטהאַלטען אין זיך, וועט איהר אַלגעמיינער כאַראַקטער פערבלייבען נאָך דער גרופּע, צו וועלכער זיא האַט פון אָנפאַנג געהערט. דיא פרעמדע ווערטער זעלבסט וועלען מעהר אָדער ווייניגער אָננעהמען דעם קלאַנג און דיא בייגונגען פון דער פאָלקס־שפּראַך. מען האַט נאָך ניט געפונען און מען וועט אויך קיין מאָל ניט געפינען א ווירקליך געמישטע שפּראַך, דאַס הייסט אַזעלכע, וואַס איהרע גראַמאַטישע פאָרמען זאָלען צוגלייך געהערען צו צוויי פערשיעדענע סיסטעמען, לאָמיר זאָגען: צו דיא אינדאָ־אייראָפּעאישע און דיא סעמיטישע. ווען דאַס וואָלט אַנדערש געווען, ווען, צום בייַ־שפּיעל, א סלאַווישע און לאַטיינישע שפּראַך וואָלטען זיך אַזוי צוזאַ־מענגעשמאָלצען, אַז זייערע גראַמאַטיקעס זאָלען זיין צומישטע, וואָלטען מיר גאַר ניט געקענט צוטהיילען שפּראַכען אין גרופּען, וויא דיא לינגוויסטיק טהוט עס. מיר וואָלטען זיכער דאַן ניט געקענט אויסגע־פינען, אַז אַזוי פיעל פערשיעדענע שפּראַכען, וויא דיא אינדאָ־אייראָפּעאישע, געהערען צו איין לינגוויסטישע סיסטעם.

אבער דערפון איז נאָך גאָר ניט נעדרונגען, אַז דיא פעלקער, וואַס ריידען יעצט שפּראַכען פון איין גרופּע אָדער אפילו דיא זעלבע שפּראַך, זיינען פון איין ראַסע.

אין אינדיען געפינען מיר, אַז פיעלע שטאַמען פון גאַנץ פער־שיעדענע ראַסען געברויכען דיא פּראַקריט־דיאַלעקטען, וועגען וועלכע מיר האָבען גערעדט ביי דער נאַכפאָרשונג וועגען סאַנסקריט. דיא מאַלאַיער און נעגריטאָסען שטאַמען, וועלכע ריידען דאָרטען יעצט אָן אינדאָ־אייראָפּעאישע שפּראַך, געהערען דאָך זיכער ניט צו דער קאַוו־קאַזער אָדער ווייסער ראַסע. זיי זיינען אַזוי ווייניג אַריער, וויא דיא נעגערן וואַס ריידען ענגליש אָדער שפּאַניש אין אַמעריקאַ.

אין אפריקא זיינען דיא באנטו־שפראכען פערשפרייט צווישען פיעלע פעלקער, וועלכע געהערען צו גאנץ אנדערע ראסען, וויא דיא קאפרען אין זיד־אפריקא און דיא אמת'ע נעגערן אין וועסט־אפריקא.

דיא אראבישע שפראך האט זיך פערשפרייט איבער א גרויסען טהייל פון אזיען און אפריקא, און עס איז גענוג א קוק צו טאָן אויף פיעלע שטאמען, וואס זייער מוטער־שפראך איז יעצט אראביש, אום צו זאגען, אז זיי האבען קיין מאל ניט געהערט צו דער סעמיטישער ראסע.

דיא מאלאיער און פאלינעזיער געהערען צו צוויי בעזונדערע ראסען, אבער זייערע שפראכען געהערען צו איין גרופע.

אין צענטראל־אזיען האבען פיעלע אוראלא־אלטאאישע שטאמען אנגענומען דיא פערסישע שפראך.

אין אייראפא געפינען מיר, אז דיא פינלענדער און לאפלענדער געהערען צו פערשיעדענע ראסען, אבער דאך זיינען זייערע שפראכען פון דער אוראלא־אלטאאישער גרופע זעהר נאהענטע.

נאך וויינינער זיינען שפראכען א בעשטימטער צייכען פון פעלקער. עס איז גענוג צוווארפען א קורצען בליק אויף דיא געשיכטע פון אייראפא, אום צו איבערצייגען זיך אין דעם. דיא קעלטישע שפראכען זיינען כמעט אין גאנצען ארויסגעשטויסען געווארן דורך דיא גערמאנישע און לאטיינישע. אין פראנקרייך האט דער דיאלעקט לאנגדאָיל בּיסלעכווייז פערנומען דעם פלאץ פון דעם דיאלעקט לאנגדאָק. דיא דייטשע שפראך האט אין פיעלע ערטער פערנומען דעם פלאץ פון סלאווישע שפראכען. נאך אין מיטילאלטער האט מען גערעדט סלאוויש אין מעקלעמבורג, בראנדענבורג און אין א גרויסען טהייל פון זאקסען. אין דיא נייע צייטען האט דייטש פערדראנגט ליטוויש, אלט־פרייסיש און א סלאווישע שפראך, וואס ווערט גערופען פאלאביש. און יעצט שטויסט דייטש ארויס יעדען טאג צוויי סלאווישע שפראכען: פויליש און ווענדיש. שפאניש שטויסט ארויס דיא שפראך פון דיא באסקען. רוסיש פערנעהמט ביסלעכווייז דעם פלאץ פון פיעלע אוראלא־אלטאאישע און מאנגאלישע שפראכען.

פון דער אנדערער זייט זעהען מיר, דאס פערשיעדענע אייראפעאישע

נאציאָנען געברויכען דיא זעלבע שפּראַך. צום ביישפּיעל: פראנצויזיש ווערט געשפּראָכען אין בעלגיען, אין א פּראָווינץ פון קאַנאַדאַ און אין א טהייל פון שווייץ; ענגליש ווערט געשפּראָכען אין נאָרד־אמע־ריקאַ; שפּאַניש—אין גאַנץ צענטראַל און זיד־אמעריקאַ מיט אויסנאַהמע פון בראַזיליען, וואו דיא לאַנד־שפּראַך איז פערבליבען א פּאָרטוגע־זישע. דייטש איז פערשפּרייטעט אין א גרויסען טהייל פון עסטרייך, אין דעם גרעסטען טהייל פון דער שווייץ און אין דיא באַלטישע פּראָווינצען פון רוסלאַנד. שוועדיש ווערט געשפּראָכען אין א טהייל פון פינלאַנד. דיא טערקען אויף דעם אינזעל קאַנדיאַ (קרעטאַ) ריידען כמעט אלע גריכיש. א. ז. וו.

אייניגע שפּראַכען האט מען פּרובירט פערשפּרייטען מיט גע־וואַלט אין בעזיעגטע לענדער, אבער דאָס איז אָפט ניט געלונגען. אזא שלעכטען מזל האבען אין אייראָפּאַ געהאַט צוויי אוראַלאָ־אַלטאַאישע שפּראַכען: דיא טערקישע און אונגאַרישע. טראָץ דעם וואָס דיא טערקען האבען זיך אריינגעריסען אין אייראָפּאַ, האבען בעהערשט יאהרהונדערטע דעם באַלקאַנישען האַלבאינזעל און זיינען געווען געפעהרליך פיר גאַנץ אייראָפּאַ, איז זייער שפּראַך נאָר פער־בליבען אין א גאַנץ קליינעם טהייל פון זייער אימפּעריע אין אייראָפּאַ. וואָס אָנבעלאַנגט צו דער אונגאַרישער שפּראַך, זא גייט זיך ביס־לעכוויז אונטער אין אונגאַרן זעלבסט טראָץ דיא פּריווילעגיען, וואָס זיא האָט געקראָגען אין דער עסטרייכער אימפּעריע אויף דער רעכנונג פון דיא סלאַווישע שפּראַכען. מען דאַרף ניט זיין א נביא, אום פאָרויס צוזעהן, אז דיא אונגאַרישע שפּראַך וועט פערשווינדען, אָפּטרעטענדיג פּלאַץ דער דייטשער און דיא סלאַווישע שפּראַכען. דיא אַראַבישע שפּראַך האט נאָך וויינגער מזל געהאַט אין שפּאַניען, וויא דיא טער־קישע און גריכענלאַנד

דאָס אלעס צייגט קלאָר, אז שפּראַכען זיינען יעצט מעהר א רעזולטאַט פון היסטאָרישע בעגעבענהייטען וויא פון ראַ־סען. דורך פּאָליטישע אורזאַכען האבען אייניגע שפּראַכען פערנומען דעם פּלאַץ פון אַנדערע, וועלכע זיינען פריהער געשפּראָכען געוואָרען פון פערשיעדענע פעלקער. מאַנכעסמאָל האָט עס געטראָפען, אז

גראדע דיא זיגנערס האבען אָנגענומען דיא שפּראַך פון דיא בעזיעג־טע. בעזאָנדערס איז עס אזוי געווען דער פאַל, ווען דיא בעזיעגטע זיינען געשטאַנען אויף א העכערע קולטורשטופע, וויא דיא זיגנערס. נאר געוויינליך, בעזאָנדערס אין דיא אַלטע צייטען, האבען דיא זיגנערס אויף איינגעפיהרט זייער שפּראַך ביי דיא בעזיעגטע. דיא ווילדע גערמאַנען, וועלכע האבען צושטערט דיא רוימישע אימפּעריע, האָבען איבערגענומען דיא שפּראַך און ציוויליזאציאָן פון דיא רוימער, ווייל דיא לעצטע זיינען געשטאַנען פיעל העכער פאַר זיי אין אלע הינזיכטען. דאס זעלבע איז אויך געווען מיט דיא ווילדע סלאווען, וועלכע האבען זיך אריינגעריסען אין דער ביזאַנטישער אימפּעריע און האבען זיך צו־זאַמענגעמישט מיט דיא גריכען. דיא טערקען דאגעגען האבען ניט געקענט פערשפּרייטען זייער שפּראַך אונטער דיא גריכען און סלאַווען אויף דעם באַלקאַנישען האַלבאינזעל, ווייל זיי זיינען געשטאַנען נידריי־גער און יעדענפאַלס ניט העכער אויף דעם קולטורלייטער וויא דיא בעזיעגטע. אין אזיען אבער האבען דיא טערקען פערשפּרייטעט זיי־ער שפּראַך, ווייל זיי האבען זיך געפונען אויף דער זעלבער קולטור־שטופע וויא דיא בעזיעגטע. דאס זעלבע קען מען אויך זאָגען וועגען דיא שנעלע פערשפּרייטונג פון דער אַראַבישער שפּראַך אין אזיען און אפריקא.

עס איז שווער גענוי אָנצוצייגען אין יעדען פאַל, ווארום איין שפּראַך האָט געהאַט מעהר מזל וויא דיא אַנדערע; אבער אין אַל־געמיינען קען מען זאָגען, דאס מייסטענס האבען זיך פערשפּרייטעט שפּראַכען פון זיעגרייכע קולטור־פעלקער, צו וועלכער ראַסע זיי האבען ניט בעלאַנגט. דיא גרעסטע ראָלע אין דער פערשפּריי־טונג פון א שפּראַך אונטער אַנדערע פעלקער האָט געשפּיעלט ניט דיא ראַסע, זאָנדערן איהר העכערער קולטור־צושטאַנד.

נאר מיר מוזען דאָך אָננעהמען, אז עס איז אַמאָל געווען א צייט, ווען ראַסען אָדער וויינינגסטענס געוויסע טהיילען פון זיי האָבען בעזעסען איין שפּראַך, דאס הייסט: ווען שפּראַכען זיינען ווירקליך געווען א צייכען פון ראַסען. דאס איז קלאָר פון דעם, וואס עס איז אויבען געזאָגט געווען וועגען גרויסע שפּראַך־גרופּען. וויא אזוי האָבען,

צום בּיישפּיעל, דיא פערשיעדענע סעמיטישע שפּראַכען געקענט פערבליבען אזוי ענהליך איינע צו דיא אַנדערע, ווען זיי וואָלטען ניט געהאט איין אָפּשטאַמונג? אין דיא היסטאָרישע צייטען האָבען זיך דיא פיניקיער, אידען און אַראַבען צוזאַמענגעמישט מיט פיעלע אַנדערע ראַסען און פעלקער, אָבער אלעס וואס מיר ווייסען וועגען זיי, בּעווייזט דייטליך, אז זיי זיינען פון איין שטאַם. זיי האבען אמאָל געלעבּט צוזאַמען אין א בּעשטימטען אָרט און גערעט דיא זעלבּע שפּראַך. ווען דאס איז געווען און ווען זיי האָבען זיך אָפּגעזונדערט, דאס ווייסען מיר ניט און דאס וועלען מיר וואהרשיינליך קיין מאָל ניט דערגיין אויף ריכטיג.

אויך ווייסען מיר ניט בּעשטימט, וואו עס איז געווען דיא ריכטיגע היימאַטה פון דער סעמיטישער ראַסע. מען רעכענט, אז זיא האט זיך צוערשט געפונען אין וועסט־אזיען, בּעזאָנדערס צום זידען פון אַרמעניען אין דער געגענד פון דעם בּאַרג אַראַראַט. דיא ערשטע אידישע לעגענדען זיינען פערבונדען מיט דיזען בּארג, וויא דיא שילדערונגען פון דעם מבול און הרי אררט אין דער בּיבּעל צייגען עס. נאָר שפּעטער זיינען זיי אָפּגעשטויסען געוואָרען פון דאָרטען בּיז צו דיא לענדער פון דער שווארצער ראַסע, נעמליך: בּיז צו דעם זידליכען טהייל פון אַראַביען. איין טהייל פון דיא סעמיטען איז פערבּליבּען אין בבל און אין אשור און דער אַנדערער איז אוועק בּיז צום מיטעלמעער. סיריען, פּאַלעסטינע און אַראַבּיען זיינען יעדענפאַלס געוואָרן דיא צווייטע היימאַטה פון דער סעמיטישער ראַסע.

דיא אַריער שטאַמען זיינען וואַהרשיינליך אָנפאַנגס געווען נאָהענטע שכנים פון דיא סעמיטישע. אזוי דאַרפע מיר אָננעהמען ניט נאָר, ווייל זייערע שפּראַכען זיינען פלעקסירטע און זיי געהערען בּיידע צו דער ווייסער ראַסע, זאָנדערן ווייל א נאַכפאָרשונג פון דיא אינדאָ־אייראָפּעאישע שפּראַכען צייגט, אז דיא אַריער האָבען געהאט זייער היימאַטה אין א טהייל פון איראַן, אויך ניט ווייט פון דיא בּערג אררט. אין דיא בּיז־היסטאָרישע צייטען האבען זיי זיך צוזאַמענגעטראָפען אין דיא ערטער, וואו דיא ערשטע אזיאַטישע ציוויליזאַציאָנען זיינען ענטשטאַנען, נעמליך: אין מעסאָפּאָטאַמיען און אין דיא לענדער ארום. אין דער בּיבּעל ווערען

דיזע ערטער בעצייכענט אונטער דיא נעמען ארם־נהרים, בבל, אשור, פרס ומדי.

נאר פריהער האָט זיך הפנים דיא ציוויליזאציאָן אָנגעפאנגען אין יענע ערטער אונטער דיא אוראלאָ־אַלטאאישע אָדער טוראנישע שטאמען (גענאנט אקקאדאָ־סומערישע). דיא סעמיטען, וועלכע האָבען פערלאָזען זייער ערשטע היימאט ארום דיא אררט־בערג, האָבען בעזיעגט דיא אקאדאָ־סומערישע פעלקער און זיינען פערבליבען דיא הערשער אין בבל און אשור ביז דיא אריער פון פרס ומדי האָבען פערנומען זייער פלאץ. אנדערע אריער שטאמען האבען זיך פון דעם זעלבען צענטער פון דער ווייסער ראסע א לאָז געטאָן צום נאָרד־וועסט, נעמליך: נאָך אויראָפּא, צוערשט דיא קעלטישע, נאכהער דיא דייטשע, לעטישע און סלאווישע שטאמען. איין טהייל פון דיא אריער האט זיך ארייגעריסען אין אינדיען און אן אנדערער איז א געוויסע צייט פערבליבען אין קליין־אזיען, פון וואנען ער האט שפּעטער אריבערגעוואנדערט נאך גריכענ־לאנד און איטאליען. עס איז מעגליך, אז דיא וואנדערונגען פון דיא סעמיטען און אריער אויס זייער צענטראל־פּונקט זיינען פאָרגעקומען אונגעפעהר אין דער זעלבער צייט מיט פיעלע יאהר־הונדערטע פאר דעם געשיכטליכען פעריאָד. מעגליך איז אויך, אז דיא סעמיטען זיינען געיאָגט געוואָרען פון דיא אריער, אָדער אזביידע האָבען געמוזט אָפּ־טרעטען פלאץ דער מאָנגאָלישער ראסע פון צענטראל־אזיען, וועלכע האט נאך אין דיא היסטאָרישע צייטען געמאכט פיעלע אָנפאלונגען אויף וועסט־אזיען און אויראָפּא.

דאס זיינען אלץ פּונקטען, וועלכע מיר קענען נאָך ניט ענטשיידען בעשטימט ביי דעם יעצטיגען צושטאנד פון ארכעאָלאָגיע און לינגוויס־טיק, דיא צוויי וויסענשאפטען, וועלכע גיבען אונז דיא זיכערסטע און בעסטע אָנווייזונגען אויף דיא ביז־היסטאָרישע פעלקער. זיכער איז נאר אז דיא סעמיטען און אריער האבען זיך געפונען ניט ווייט איינע פון דיא אנדערע אין וועסטליכען טהייל פון אזיען, וואו זיי האָבען זיך אויס־געארבייט זייערע אורשפּרונגליכע פלעקסירטע שפּראכען, און אז נאכהער האבען זיי זיך צוטהיילט אין גרופּען און גענומען וואנדערן אלץ ווייטער צום מערב און טהיילוויז צום דרום, אָבער ניט צום מזרח, וואו דיא

מאַנגאָלען האָבען געהערשט. ביי דיזע וואנדערונגען זיינען עס ענטשטאַנען דיא שפּראַך־צווייגען, וועלכע זיינען בעטראַכטעט געוועןאין דיא פאָריגע קאַפּיטלעך און וועלעע זיינען אויך געענדערט געוועןדורך א צוזאַמענמישונג מיט שפּראַכען פון אנדערע פעלקער. דיא שפּראַכמישונג איז נאַטירליך געוועןא רעזולטאַט פון פעלקערמישונג, וועלכע איז א׳בערהויפּט שטענדיג אָנגעגאַנגען. דיא שפּראַכען זיינען יעדענפאַלס פערבליבען נעהענטער צו זייער אורשפּרונג, וויא דיא פעלקער וועלכע געברויכען זי׳.

אַכטער קאַפּיטעל.

דער אָנפאַנג פון שריפטען.

אויסוואָרטיגע צייכענס ביי דיא ערשטע מענשען.—אויסגעקליבענע צייכען. —בילדער־שריפטען. — בריעף־שטעקענס פון אויסטראַליער. — בילדער־שריפטען און רעכנונגס־שנירלעך פון דיא אַמעריקאנער איינגעבאָרענע.—קוויפוס און רעכנונגס־קעסטלעך אין פּערו. — דיא היעראָגליפישע שריפטען פון דיא מאַיאַס און אַצטעקען. — דיא שוויריגקייט אויסצואַרבייטען א ריין־אַלפאַבעטישע שריפט. — דער ערשטער אַלפאַבעט פון דיא פיניקיער.

מען מעג זאגען, אַז דיא זעלבע בעדירפניסע, וועלכע האבען געפיהרט מענשען זיך פערשטענדיג צו מאכען דורך געוויסע געשרייען און קלאַנגען, האבען זיי אויך געפיהרט צו דערגרייכען דעם זעלבען צוועק דורך דעם געברויך פון געוויסע אויסוואָרטיגע צ ײ כ ע נ ס. מיר האָבען שוין געזעהן, אַז שפּראכען זיינען אַ רעזולטאַט פון מענשליכען צוזאַמענלעבען אין פאַמיליען און גרופען. דורך דעם האָט דער מענשליכער גייסט געפונען זיין ערשטען און בעסטען אויסוועג צו וויטערע ענטוויקלונג. דיא ארבייט פון זיין מאַרך האָט דער מענש אריינגעלייגט אין געוויסע קלאַנגען און ווערטער, בענוצענדיג זיך דערביי מיט דיא נאַטירליכע פעהיגקייט פון געוויסע אָרגאַנען צו אַרטיקולירטע קלאַנגען. דאס זעלבע האָט ער געטאָן, ווען ער האָט גענומען געברויכען געוויסע

צייכענס, בענוצענדיג , , מיט דיא אייגענשאפטען פון זיינע אויגען און הענט. ביידע, אי שפּראַכען אי שריפטען, זיינען קינסטליכע פּראָדוקטען פון דעם מענשענס גייסטיגע אַרבייט.

עס איז שווער צו זאָגען, ווען מענשען האבען אָנגעפאנגען צו בענוצען זיך מיט אויסווערטיגע צייכענס. עס איז מעגליך, אז זיי האָבען עס געטאָן אין דער זעלבער צייט, ווען זיי האבען גענומען געברויכען אַרטיקולירטע קלאַנגען. מיר געפינען יעדענפאלס, אז דיא ווילדעסטע פעלקער האבען געוויסע צייכענס פיר געוויסע צוועקען. אזא צייכען קען זיין א שטעקען ערגעץ אריינגעשלאָגען, א קאַרב אויף א בוים, אן אָב־געבראָכענער צווייג, א הויפען שטיינער א. ז. וו., אבער פאר אוראלטע מענשען האט עס אזוי גוט געדיענט וויא פאר אונז אויפשריפטען.

דיא בעדירפניסע פון דיא ערשטע מענשען זיינען געוועזען זעהר קליין און איינפאַך. וויא מיר ווייסען עס, האבען זיך דיזע בעדירפניסע בעצויגען במעט אויסשליסליך אויף שפּייז. זייערע געדאנקען האבען זיך געדרייהט אין דעם זעלבען קרייז. דארום האבען זיי ניט בעדארפט פיעל צייכענס, אום זיך פערשטענדיג צו מאַכען. דיא יעגערס האבען פערבראַכט זייער גאַנצען לעבען אין וועלדער און פעלדער, און יעדער אויסווערטיגער צייכען האָט זיך זיי געוואָרפען אין דיא אויגען און זיי דערצייהלט א גאַנצע געשיכטע. יעדערער ווייס, אז דיא יעגער־פעלקער זיינען גרויסע קינסטלער צו דערקענען חיות און מענשען נאך דיא סליאַדען וואס זיי לאָזען איבער אויף גראָז אדער זאמד. דיזע סליאַדען קען מען זאָגען, זיינען דיא נאַטירליכע שריפטען פון ווילדע און נאָכמאַכענדיג זיי מיט זייערע אייגענע הענד, האבען ווילדע דארום געקענט איבער־געבען איינער דעם אנדערן וואס זיי האבען געוועלט און בעדאַרפט.

וואס גרעסער דיא מענשליכע גרופּען זיינען געוואָרן, אַלץ עפּטער איז עס נייטיגער געוואָרען צו געברויכען בעשטימטע צייכענס פאר בע־שטימטע זאַכען. דאס איז זעלבסטפערשטענדליך. און ווען פּריוואַט־אייגענטהום איז אויפגעקומען, האט מען אויך בעדאַרפט ארויסווייזען עס פיר אנדערע דורך א געוויסען סמן. אין וועסט־אפריקאַ צייגט א שטעקען לעבען א פּרוכט־בוים, אז דיזער בוים געהערט צו א פּריעסט אָדער צו א מכשף און אז קיינער טאָר ניט אָפּרייסען פון איהם א

פרוכט. אפילו אין אייראָפּא זיינען נאך פערבליבען איינ אזעלכע סמנים. צום ביישפּיעל: א שטרייענע פּאָמעלע אויף א בוים צייגט, אז דיזער בוים האט שוין א בעל־הבית; א געוויסער שניט אויף א בוים מיט א בינשטאָק צייגט, אז דיזער בינשטאָק איז שוין פערנומען. אזעלכע סמנים זיינען מיט דער צייט געוואָרען זעהר צאָהלרייך און פערשיעדען, און אום זיי ריכטיג צו פערשטיין, האט מען געמוזט א אויסקלייבען געוויסע צייכענס פאר געוויסע צוועקען. אזעלכע אויסגעקליבענע צייכענס האבען שוין דאדורך געקראָגען אן אלגעמיינע בעדייטונג.



ביי פיעלע ווילדע פעלקער געפינט מען זעהר פערשיעדענע אייגענטהום־צייכענס, וויא צום ביישפּיעל פאָלגענדע (זעה פיגורע 75). מאנכע פון דיזע צייכענס זיינען עהנליך צו בוכשטאַבען. אנדערע זיינען בעפּוצונגען, אָבער אין אלגעמיינען האבען זיי געוויס געפיהרט צום געברויך פון בילד־שריפטען, פון וועלכע דיא געוויינליכע שריפטען זיינען ביסלעכוויז ארויסגעקומען, וויא מיר וועלען עס באלד זעהען.

בילד־שריפטען זיינען ענג פערבונדען מיט דער נאַטירליכער נייגונג פון מענשען איבערצוגעבען זאַכען אין בילדער. מיר געפינען, אז



פיגורע 75. — אייגענטהום־צייכענס. דיא גרעסערע צייכענס אין דער רייהע צו דער לינקער האַנד זיינען קריצונגען פון דיא עינו־שטאַמען אין יאַפּאַן; דיא קלענערע צייכענס אין דער אונטערשטער רייהע זיינען געפונען געוואָרען ביי איניגע נעגער שטאַמען.

נאָך אין דעם אייז־פּעריאָד האָבען מענשען אויסגעקריצט אויף ביינער בילדער פון חיות. ביישפּיעלע פון אזעלכע צייכנונגען קען דער לעזער געפינען אויף די פיגורען 22, 23, 24 און 25 אין דעם ערשטען באנד פון דיזער קולטורגעשיכטע. אין דיא מוזעומס געפינען זיך זעהר פיעלע זאכען מיט אויסקריצונגען פון דיא צייטען, ווען מענשען האָבען זיך בעוויזען אויף דער ערד. דיזע נאַטירליכע נייגונג צו שניצען און צו מאָלען בילדער האט עס ביסלעכווייז געפיהרט צו דיא ענטוויקלונג פון קונסטען. דיא רעליגיעזע גלויבענס האבען זעהר פיעל בייגעטראָגען צו דיזע קונסטען, וויא מען קען עס זעהן, ווען מען בעטראַכט דיא פערשיעדענע געצעקעס פון ווילדע און קולטור־פעלקער.

אפילו אונטער דיא ווילדעסטע פעלקער געפינען זיך מענשען, וואס זיינען געבאָרענע קינסטלער און וואס גיבען זיך אָפּ מיט אויסקריצען אדער אויסמאָלען בילדער אזוי נאָהענט צו דיא נאַטירליכע זאכען, וויא ווייט זיי קענען עס. פיעלע ווילדע בענוצען זיך מיט אזעלכע בילדער, וויא מיר מיט אונזערע שריפטען. דיא ווילדע אויסטראַליער געברויכען שטעקענס מיט געוויסע אויסקריצונגען, אזוי וויא מיר מיט בריעף (זעה פיגורע 76).

„דיזע שטעקענס, שרייבט פּראָפעסאָר ראַטצעל אין זיין „פעלקערקונדע", זיינען אם בעסטען אויסגעקריצט אין וועסט־אויסטראַליען. אויך אויף שטיינער געפינט מען אזעלכע אויסגעקריצטע צייכענס. אין דיזע בילדער־שריפטען ווערן פאָרגעשטעלט ניט בלויז זאכען; זיי ענטהאַלטען אויך אָנגענומענע צייכענס, פערשיעדענע ליניעס און אנדערע אזעלכע פיגורען, וועלכע מען קען שוין אלזאָ אָננעהמען פאר ווירקליכע שריפטען. מען זאגט אז דיא איינגעבאָרענע זיינען זעהר געשיקט אין שרייבען און אין לעזען דיזע אורשפּרונגליכע היעראָגליפען. שטעקענס מיט אזעלכע אויסגעקריצטע צייכענס האבען דיא איינגעבאָרענע איבערגעגעבען צו געפאַנגענע, אום זיי מיטצוטהיילען פּלענער, וויא זיי צו בעפרייען. מען זאַגט אויך, אז אזעלכע שטעקענס ווערן געשיקט פון צוויי פיינדליכע שטאַמען אלס א קריעגס־ערקלערונג. מען גיט אויך אזא שטעקען צו א שליח, ווען ער האָט צו מאכען א לאַנגע רייזע. דאס דיענט איהם אלס א פּאַספּאָרט. ווען



פיגורע 76. — בריעף־שטעקענס מיט בילדער־שריפטען פון אויסטראַ־
ליער איינגעבאָרענע.

דיא אויסטראַליער לעזען דיזע אויסקריצונגען, קימערן זיי זיך ניט וועגען ווערטער, נאר זיי זוכען צו בעגרייפען דיא געדאַנקען, וואס דיא קריצערס האבען געוועלט אויסדריקען מיט דיא צייכענס. דיא אויסגעקריצטע שטעקענס ווערן געלעזען פון דיא איינגעבאָרענע, וועלכע געהערען צו פערשיעדענע שטאַמען מיט פערשיעדענע שפּראַ־בען. איינינע ערקלערונגען פון דעם שליח ערלייכטערן דאס לעזען,

דיא פערזאָן פון דעם שליח טאָר מען ניט אָנריהרען, זאָנסט איז א קריעג אונפערמיידליך.

„דעם זעלבען צוועק דערגרייכען דיא אויסטראַליער דורך אייג־פאַכערע צייכענס. קארבען אויף גלאַטע קאָרע, הויפענס שטיינער, בינטלעך גראָז צייגען אָן דעם אָנגענומענעם וועג דיא יעניגע וואָס פאָלגען נאָך. רויך און פייער ווערן אָפט געברויכט אַלס סיגנאַלען. שליי־דערן שטויב אין לופטען איז א צייכען פון מלחמה. ביי א קריעגס־ערקלערונג ווערט געשיקט א שטעקען מיט דיא פעדערן פון אן עמו (אן אויסטראַליער שטרויס). צייכנונגען אויף שטיינער געהערן אויך צו שריפטען. ניט בלויז חיות, זאנדערן אויך מענשען איז פערשיע־דענע פאָזען ווערן דאָרטען פארגעשטעלט אין דער קאָמפּאַניע פון חיות, וואס עס צייגט אָן אויף געיעג און פישעריי. אין איין אָרט האט מען געפונען הייל׳ען, וואס זיינען געפארבט מייסטענס געלב־רויט. אין איין הייל געפינט זיך א צייכנונג פון א פיש אָן ענגלישען יארד דיא לייגג, אין אנדערע היילען זיינען דאָ צייכנונגען וויא א יעגער שלעפּט א קאנגורו, א. ז. וו. מאנכע פון דיזע צייכנונגען האבען וואהרשיינליך א רעליגיעזען כאראקטער. אונטער דיא אויסטראַליער איז אויך זעהר שטארק פערשפרייטעט א שפראך מיט זשעסטען און פינגער־צייכענס. איינינע רייזענדע דערציילען, אז דיא איינגעבאָרענע פון צענטראַל־אויסטראַליען קענען אויסדריקען כמעט אלעם וואס זיי דארפען דורך דיא פאָזיציאָן און בעוועגונגען פון זייערע הענט און פינגער".

בילדער־שריפטען זיינען בעזאָנדערס פערשפרייטעט געוועזען אונ־טער דיא איינגעבאָרענע פון אמעריקא. אין איינינע ערטער האָבען דיזע בילדער־שריפטען דערגרייכט אין זייער ענטוויקלונג ביז צו דער שטופע פון היעראָגליפען. בעזאָנדערס איז עס אזוי געוועזען אין מעק־סיקאָ. אלס א ביישפּיעל פון דיא בילדער־שריפטען פון דיא אינדיאַנער וועלען מיר דאָ איבערגעבען דיא ביטע פון עטליכע נאָרד־אמעריקאנער שטאמען צו א פרעזידענט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען (זעה פיגורע 77). דיזע שטאמען זיינען פארגעשטעלט דורך זייערע בעזונדערע צייכענס אָדער טאָטעמען. מיר ווייסען שוין, אז ווילדע אָדער

פיגורע 77. —א ביטע־שריפט פון אינדיאַנער צום פרעזידענט פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען.

האלב־ווילדע שטאמען פלעגען אויסקלייבען געווּיסע צייכענס, אום צו אונטערשיידען זיך פון אַנדערע שטאמען. דאס זיינען געווען געוויסער־מאסען זייערע נאציאָנאלע פלאַגען. אָפט האָבען זיך דיא שטאמען אויך גערופען מיט דיא נעמען פון זייערע צייכענס. אזוי איז עס יעדענפאלס געווען ביי דיא נאָרד־אמעריקאנער אינדיאנער. איין שטאם האָט געהייסען וואָלף, אַן אַנדערער—פיש, אַ דריטער—שלאַנג, אַ פיערטער—אָקס א. ז. וו. דיא בילדער פון דיזע חיות זיינען געווען דיא אויסוואַרטיגע צייכענס דערפון. אויף דער פיגורע 77 זעהען מיר דיא טאָטעמען פון 7 אינדיאַנער שטאמען. זיי זיינען אלע אייניג, מיט איין קאָפּ און איין הארץ, אויף וואס עס צייגען דיא שטריכען, וועלכע ציהען זיך פון זייערע אויגען און הערצער צו דעם אויג און הארץ פון דעם זשוראוול (קראניך), וועלכער איז דער אָנפיהרער. דער זשוראוול־שטאם האט עס נעמליך איבערצוגעבען דיא ביטע, וועלכע בעציהט זיך אויף עטליכע אָזערעס, וויא דאס צייגט דער שטריך וואס ציהט זיך פון דיזע אָזערעס צום זשוראוול'ס קאָפּ.

אזעלכע צייכנונגען האָבען דיא איינגעבאָרענע פון נאָרד־אמע־ריקא נאטירליך געברויכט אין זעהר וויכטיגע אנגעלעגענהייטען. געוויינליך האבען זיי זיך בענוצט וויא פיעלע אַנדערע ווילדע שטאמען מיט געוויסע רעכנונגס־שנירלעך, אום בעסער צו געדענקען געוויסע

זאַכען און אָפּמאַכונגען. אַלע קאָנטראַקטען פון דיא אינדיאַנער זיינען אויסגעדריקט געווען דורך שנירלעך פון פערשיעדענע לייגג און פאַר־בען, אויף וועלכע עס זיינען געווען אָנגעצויגען ים־שיסעלעך פון פערשיעדענע גרויס און פאַרבען. א געזאַנדטער פון אינדיאַנער פלעגט געוויינליך האַלטען אזא שנירעל מיט ים־שיסעלעך אין דער האַנט און פלעגט אָנפאַנגען זיין רעדע אזוי: „מיט דיזען שנירעל מיט ים־שיסעלעך עפען איך אייערע אויגען, רייניג אויס אייערע אויערן“. א. ז. וו. ווען דער פאָרשלאַג פון דעם געזאַנדטען פלעגט אָנגענומען ווערען, פלעגט דער שנירעל פערבלייבען ביי דעם אָנפיהער פון שטאַם אלס א דאָקומענט. וויא פיעל שנירלעך אַן אָנפיהרער פלעגט ניט האָבען ביי זיך, פלעגט ער יעדען פון זיי גלייך דערקענען און וויסען וואס יעדערער בעדייטעט. פון צייט צו צייט פלעגט דער אָנפיהרער צוזאַמענרופען דיא יונגע לייט פון זיין שטאַם און זיי צייגען דיא שנירלעך און געבען דיא נייטיגע ערקלערונגען, אז יי זאָלען עס פערשטיין און געדענקען. דאס איז געווען א מין לעקציע אין דער קונסט צו לעזען דיזע שנירלעך.

דיא אינדיאַנער פלעגען אויך טראָגען שנירלעך מיט ים־שיסעלעך אויף זייערע העל־זער און בעזאָנדערס אלס גאַרטלען. דאס זיינען אָפט געווען זייערע אייגענע רעכנונ־גען און אָפּמאַכונגען, נאר אָפט אויך איינפאַך צירונגען. דיזע שנירלעך טראָגען דעם אַלגע־מיינעם נאָמען וואַמפּום, און מאַנכע פון זיי זיינען געווען זעהר גרויסע. וויא אויף דער פיגורע 78. שנירלעך מיט ים־שיסעלעך האָבען אויך געדיענט אלס מטבעות.



פיגורע 78. — א וואַמפּום (שנירלעך מיט ים־שיסעלעך).

אַם מייסטען האט מען געברויכט רעכנונגס־שנירלעך אין פּערו.
עס איז זעהר מערקווירדיג, דאס דיא אינקאס, וועלכע האבען דער־
גרייכט צו א הויכע קולטור־שטופע אין אַלע אנדערע הינזיכטען, זיינען
געבליבען הינטערשטעליג אין דער שרייב־קונסט. דאָס קומט הפּנים
ווידער דערפון, וואס פּערו געפינט זיך אין דער זידליכער העלפט פון
דעם ערדקוגעל און וואס דיא דאָרטיגע בעפעלקערונג איז געווען זעהר אָפּ־
געזונדערט. דיא פּערואַנער האַ־
בען אייגענטליך קיינע שריפטען
געהאט. זיי האָבען דערפאַר
אויסגעאַרבייט א סיסטעם פון
שנירלעך, גענאַנט קוויפּו,
מיט קניפּלעך (זעה פיגורע 79).
דיא קוויפּו האָבען געהאט
פערשיעדענע קאָלירען און פאָר־
מען, אום איבערצוגעבען פער־
שיעדענע זאכען און געדאַנקען.
מען בעהויפּטעט, אז דורך דיזע
קוויפּו פלעגט מען ניט נאר
מיטטהיילען פאַקטען און צאָה־
לען, זאָנדערן זאָגאר לאָזען וויסען
בעפעהלע און געזעץ.



פיגורע 78.—א קוויפּו (שנירלעך מיט קניפּלעך) פון פּערו.

„מען זאָגט, שרייבט פּראָפעסאָר ראַטצעל אין זיין „פעלקער־
קונדע", דאס עס זיינען דאָ גאַנצע אַרכיוען מיט בינטלעך פון דיזע
קאָלירטע שנירלעך מיט קניפּלעך, אין וועלכע עס איז פערצייכענט
דיא געשיכטע פון אַלטע צייטען; אבער אונגליקליכערווייזע האט
מען נאך ניט געפונען דעם שליסעל צו זיי. ריוועראָ דערציילט פון
קוויפּו וואס ווענען 12 אָדער 14 פונט. נאר דיא פּאַסטוכער פון
פונא בעזיצען נאך א סמן פון דיזע שנירלעך אין זייערע קניפּלעך צו

רעכענען דיא צאָהל פון זייערע ללאַמס און שעפּסען. דאס איז געוויס א קליינינגקייט אין פערגלייך מיט דיא קוויפּו פון דיא אַלטע פּערואַנער.

„אַן אַנדער מיטעל אויסצודריקען געדאַנקען איז געווען דורך קליינע שטיינדעלעך, וואס מען פלעגט אויסלייגען אין א געוויסע אָרדנונג אין קליינע קוואַדראַטען. דיא פּאָרשריפטען פון דעם נבי א טאָנאַפּא זיינען געווען אויסגעשניטען אין קאַרבען אויף א שטעקען. גראַדע וויא דיא קוויפּו דערמאָנען אונז אָן דיא שנירלעך מיט קניפּלעך, וואס זיינען געברויכט געווען פון דיא פּאָלינעזיער פעלקער, אזוי דערמאָנען דיא שטעקענס מיט קאַר־בען אָן עהנליכע מיטעל פון דיא פּאָלינעזיער צו דערלייכטערן זייער זכרון, וויא צום ביישפּיעל דער געקאַרבטער שטעקען (א מין קאַלענדער) פון א שטאַם אין ניי־זעעלאַנד (זעה פיגורע 80). דיא שטייערן פלעגט מען פערצייכנען מיט קערנדלעך פון פערשיעדענע קאָלירען אויף רעכנונגס־שטיינער אָדער ברעטער פון א זאַנדערבארע פאָרמע, אויס־געשטעלט אין טרעפּלעך (זעה פיגורע 81). יעדער שטאַם איז געווען בעצייכענט מיט א בעזונדערן קאָליר. יעדע העכערע טרעפּעל איז געווען גערעכענט 10 מאָל מעהר וויא דיא אונטערשטע.“



פיגורע 80. — א שטעקען־קאַלענדער פון א שטאַם אין ניי־זעעלאַנד.



פיגורע 81. — א רעכנונגס־שטיין מיט קעסטעלעך ביי דיא פּערואַנער.

דיא קונסט פון בילדער־שריפטען ביי דיא איינגעבאָרענע פון אַמעריקא האט, וויא ווייט מען ווייס עס יעצט, דערגרייכט דיא העכסטע שטופע ביי דעם שטאם מ א י א ס אין י ו ק א ט א ן, צענ־טראל אַמעריקא. דיא מאַיאס זיינען געוועזן שכנים פון דיא אַצטעקען אין מעקסיקאָ, אבער זיי האָבען ווייט איבערגעיאָגט דיא אַצטעקען אין דער קונסט פון שרייבען. דיא מעקסיקאַנער היעראָגליפען זיינען פערבליבען געדאַנקען־בילדער, אבער דיא מאַיאס האבען שוין אויך געהאַט געוויסע צייכענס פיר געוויסע ו ו ע ר ט ע ר און ק ל א נ ג ע ן, וואס עס איז א ריזיגער שריט פאָרוועררטס, וויא מיר וועלען עס באַלד זעהען.

וויא אזוי דיא אַצטעקען האבען אויסגעדריקט פאַסירונגען מיט זייערע בילדער־שריפטען צייגט פאָלגענדער היעראָגליף (זעה פיגורע 82). דאָ האַנדעלט זיך וועגען א מאַרש פון אַן אַרמעע אדער פון עטליכע שטאַמען פון איין אָרט נאָך אַן אנדערן. דיא ריכטונג איז אָנגעצייגט דורך ווינקעל־צייכענס, וואס זיינען אָנגענומען געוועזן פאָרצושטעלען שריט אדער שפּורען פון דיא פיס. דיא נסיעה האט זיך אָנגעפאַנגען פון אַן אינזעל, אויף וואס עס צייגט אָן א מענש אין א שיפעל לעבען דעם אָרט מיט זעקס געביידעס (וואהרשיינליך פּאַלאַצען) ביי דיא זייטען פון א טעמפּעל מיט צוויי פיגורען אונטען (וואהרשיינליך א קעניג און א קעניגין). א געדרייטע ליניע ארום דיזען אָרט דייטעט אָן אויף א וואַסער, וואס מען האט נאר געקענט אריבערפאָהרען אויף א שיפעל. נאַכהער פאָלגט א צייכען פון א בארג מיט א טעמפּעל. דער פיערעק מיט א לאַנגליכען קייקעל צווישען דעם אינזעל און דעם באַרג איז געוועזן אַן אָנגענומענער צייכען פון געשפּרעך. דאס זאל בעדייטען, אז אין טעמפּעל האט מען אָנגעפרעגט דיא געטער דורך אַן אָראַקעל. ווייטער שטייען אויסגעשטעלט אַכט פיגורען אין א רייהע. דאס זיינען הפנים דיא צייכענס אדער טאָטעמען פון אַכט שטאַמען מיט זייערע פיהרערס פאָרויס. דער וועג ווערט אָנגעצייגט פון פיער פיגורען, וועלכע מען דאַרף אננעהמען נאָך זייערע צייכענס פאַר פריעסטער. דיא בוימער, לעבען וועלכע דיא פריעסטער שטייען, צייגען אָן אויף א לאַנד מיט ריעזיגע בוימער. לע־בען דיזען אָרט קומט עפּעס פאָר אזעלכעס, אז נאר פיער שטאַמען



פיגורע 82. — מעקסיקאַנער היעראָגליפען.

גייען **אוועק ווייטער** און פיער פערבלייבען. דיא אנפיהרערס און פריעסטער צוטהיילען זיך אין צוויי גרופּען און האלטען א ראטה אדער ברייננגען קרבנות. אין דער אונטערשטער העלפט פון דעם היעראָ־גליף זיינען הפנים פאָרגעשטעלט דיא פערשיעדענע ערטער און דיא הייליגע בערג, וועלכע מען איז דורכגעגאנגען ביז מען איז צוגעקומען

צו א לאַנד מיט 28 פּראָווינצען אדער שטעט. דיא סליאַדען צו דער רעכטער האנד וואס ציהען זיך פון דער 28-סטער קעסטעלע ציינען, אז מען איז דאָרטען ניט פערבליבען, נאר מען איז געגאַנגען ווייטער.

אזעלכע ציינכנונגען קענען מיר יעצט נאר פערשטיין, ווען מיר האבען א שליסעל צו זיי אדער וועניגסטענס געוויסע אָנווייזונגען; אבער פאר דיא מעקסיקאנער זיינען זיי געווען גענוג דייטליך, ווייל זיי האבען געוואוסט וואס פאר שטאַמען עס וערן פאָרגעשטעלט דורך דיא טאָטעמען און וועלכע ערטער מען איז דורכגעגאַנגען, וויא אויך ווארום מען האט אזוי מארשירט. דיזע איינצעלהייטען האָט מען שוין איבערגעגעבען מינדליך. דיא ציינכנונג האָט נאר געדיענט, אום דאָס אלעס לייכטער צו געדיינקען.

דיזער מעקסיקאנער היעראָגליף צייגט אונז אויך, וויא שלעכט און קינדיש אזא מין ארט שרייבען איז. פאר יעדער פּאסירונג האָט מען ניט נאר געמוזט האבען א בעזונדערע ציינכנונג, נאר ווען מען האט ניט געוואוסט וועגען וואס איינענטליך עס האנדעלט זיך, האָט מען שוין קיין טאָלק ניט געקענט דערגיין אין דער גאנצער ציינכנונג. וואס דיא היעראָגליפען האָבען אין אמת'ן פאָרגעשטעלט, דאס האבען געוויינליך נאָר געוואוסט דיא פּריעסטער, וועלכע האבען צוערשט אָנגעפאנגען צו בענוצען געוויסע בילדער און פיגורען פיר זייערע רעליגיעזע צוועקען.

פון אלטע כינעזישע שריפטען ווייס מען אז אמאָל האבען דיא כינעזער זיך בענוצט מיט רעכנונגס-שנירלעך אונגעפעהר וויא דיא קוויפּוּ פון פערו. דיא טאָטערס האבען זיך בענוצט מיט געקארבטע שטעקענס, אום צו געדיינקען וויא פיעל מענשען און פערד מען האט געשיקט אדער בעשטימט צו שיקען אין קריעג.

מיט איין וואָרט, אלע פעלקער האבען געזוכט און געפונען מיטלען וויא אויסצודריקען זייערע געדאנקען און אנגעלעגענהייטען דורך געוויסע ציינענס, רעכנונגס-שנירלעך און בילדער-שריפטען. אבער הגם דאָס איז אָהנע צווייפעל געווען דער אָנפאַנג פון אלע פריהערע און יעצט עקזיסטירענדע ווירקליכע שריפטען, איז נאך דער־פון הימעלווייט ביז אַן אמת'ן אלפאבעט. אונז שיינט עס יעצט דיא

לייכטעסטע זאך פאנאנדערצולייגען א ווארט אין זילבען און אין איינצעלנע בוכשטאבען; אבער דיא געשיכטע פון שריפטען בעווייזט אונז אונבעשטרייטבאר, אז דאס איז געווען איינע פון דיא שווערסטע גייסטיגע ארבייט. פאר דיא פארצייטיגע מענשען איז עס געווען איינע פון דיא שווערסטע זאכען. עס איז יעדענפאלס לייכטער געווען צו פערצייכענען דורך בילדער און געוויסע פיגורען גאנצע ווערטער, וויא צו אנאלאזירען, פון וועלכע קלאנגען יעדער ווארט בעשטייט און פארצושטעלען יעדען ווארט דורך בעשטימטע בוכשטאבען פאר יעדען קלאנג, וויא מיר טוען עס יעצט, וויל מיר זיינען שוין געוואהנט דערצו און וויל מען לערנט עס אונז פון קינדווייז אן. ווען מיר בעטראכטען, אז איידער מען האט געקענט זיך בענוצען מיט אן אלפאבעטישע שריפט, האט מען געמוזט יאהרהונדערטע לאנג ארבייטען מיט דיא מוחות, אום צו אונטערשיידען דיא פערשיעדענע קלאנגען פון דער מענשליכער שפראך און זיי צו סארטירען אזוי, אז מען זאל דורך בעשטימטע צייכענס פאר יעדען פון דיא קלאנגען קענען פערשרייבען אלע ווערטער, — דאן קענען מיר אויך איינזעהען, אז דיזע גייסטיגע ארבייט איז געווען און האט געמוזט זיין זעהר א שווערע און קאמפליצירטע און אז מענשען האבען שוין געמוזט דערגרייכען צו א זעהר הויכע קולטור־שטופע, אום דאס אנצו־ווענדען.

זעהר ווייניגע קולטור־פעלקער זיינען אבער זעלבסטשטענדיג דערגאנגען צו אן אלפאבעטישע שריפט־פארמע. דיא כינעזער זיינען ביז יעצט פערבליבען ביי זייער אלטע פארמע צו פערצייכענען גאנצע ווערטער דורך בעשטימטע צייכענס, דורך וואס דיא צאהל פון אזעלכע צייכענס איז מיט דער צייט אלץ גרעסער געווארן און איז דערגאנגען, וויא מען רעכענט, ביז 100 טויזענד. אלע יעצטיגע ציוויליזירטע פעלקער האבען יעדענפאלס איבערגענומען זייערע אלפאבעטען איינע ביי דיא אנדערע און אלע דיזע אלפאבעטען שטאמען פון איין קוועלע, נעמליך פון דעם פיניקישען אדער סעמיטישען אלף־בית. נאר דיא פיניקיער האבען אליין ניט אויסגעטראכט דעם גאנצען אלף־בית. זייערע ערשטע לעהרער זיינען . געווען דיא אלטע עגיפטער, וויא זעהר גרינדליכע נאכפארשונגען פון געלעהרטע, בעזאנדערס פון דעם פראנצויז De Rougé

האבען עס בעוויזען. דער בעריהמטער ענגלישער נאכפאָרשער אייזעק טעילאָר (Taylor), וועלבער האט אָנגעשריבען אַן אויספיהרליכע ווערק איבער דעם אורשפרונג פון אלפאבעט, אנערקענט אויך, אז דיא ענטוויקלונג פון דיא עגיפּטישע היעראָגליפען האט געפיהרט צו דער ערפינדונג פון אַן אלפאבעט.

יעדענפאלס האבען דריי פון דיא פעהיגסטע און העכסטע קולטור־פעלקער פון דיא אלטע צייטען בישלעכווייז אויסגעארבייט דעם אלפאבעט, מיט וועלכען אלע ציוויליזירטע פעלקער בענוצען זיך יעצט. דאס זיינען דיא עגיפּטער, פיניקיער און גריכען. דיא פיניקיער האבען זיך בענוצט מיט דיא עגיפּטישע שריפטען, אום פון זיי צוזאמענצושטעלען דעם ערשטען אלפאבעט, און דיא גריכען האָבען אויסגעבעסערט דיזען אלפאבעט דורך דיא צוזעצונג פון וואָקאל־צייכענס, וועלכע האבען געפעהלט אין פיניקישען און פעהלען נאך ביז יעצט אין העברעאישען און איבערהויפּט אין סעמיטישען אלף־בית.

דאס וועלען מיר זעהן צו בעווייזען אזוי קורץ וויא נאָר מעגליך אין דיא נעכסטע קאפּיטלען.

ניינטער קאַפּיטעל.

דיא ענטוויקלונג פון היעראָגליפישע שריפטען.

דיא ענטדעקונג צו לעזען דיא שריפטען פון מצרים. — דער ראָזעטאַ־שטיין. — אידעאָ־גראַפישע און פאָנעטישע צייכענס. — דיא היעראַטישע און דעמאָטישע שריפטען אין מצרים. — דיא ענטוויקלונג פון פאָנעטישע צייכענס אין היעראָגליפישע שריפטען. — ווארום דיא אלטע עגיפטער האָבען געמוזט געברויכען אידעאָ־גראַפישע און פאָנעטישע צייכען צוזאַמען. — דיא ענטוויקלונג פון קונעאָפאָרמישע שריפטען. — סימבאָלען אין דיא בילדער־שריפטען פון דיא איינגעבאָרענע אין אמעריקא. — דיא כינעזער שריפטען און סימבאָלען. — דער יאַפּאַנעזער אַלפאַבעט. — דיא קולטור־ראָלע פון אַלפאַבעטישע שריפטען. — דיא הערשאַפט פון כהנים דורך דיא קענטניס פון היעראָגליפישע שריפטען. — דער אַלפאַבעט און דיא דרוק־קונסט.

„יעדע סיסטעם פון שרייבען — זאגט אייזעק טעיכאָר אין זיין גרויסעם ווערק „דער אַלפאבעט“—האט זיך אָנגעפאנגען מיט איינפאַכע בילדער פון זאכען. דיזע בילדער, וואס זיינען מעהר אָדער וועניגער אָנגענומען געוועזן אלס פ אָ ר מ ע ן פון זאכען און געדאנקען, זיינען ביסלעכווייז געוואָרען פערטרעטער פון ווערטער, און שפעטער זיינען זיי געוואָרען סימבאָלען (זין־בילדער) פון מעהר אָדער וועניגער איינ־פאַכע ק ל אַ נ ג ע ן“.

אם בעסטען און קלאָרסטען בעווייזט עס א נאַכפאָרשונג פון דיא עגיפּטישע היעראָגליפען, וועלכע זיינען יאהרהונדערטע פערבליבען א טיעפע געהיימניס און וועלכע מען איז דערגאנגען צו פערשטיין

ערשט מיט א יאהר 75 צוריק. דיא ענטדעקונג וויא צו לעזען דיא היעראָגליפען און אנדערע שריפטען פון אַלטען מצרים איז געוועזן איינע פון דיא גרעסטע און וויכטיגסטע אין 19־טען יאהרהונדערט. דיא עהרע פון דיזער ענטדעקונג געהערט דעם געניאַלען פראַנצויזישען געלעהרטען שאמפּאָליאָן (Champollion), וועלכער האָט געגעבען דעם שליסעל צו דיא היעראָגליפען אין זיין בעריהמטעם ווערק אין 1822, ווען ער איז אַלט געוועזן בלויז 32 יאהר (ער איז געבאָרען אין 1790 און געשטאָרבען אין 1832).

לאַנג־לאַנג האבען זיך געלעהרטע געבראָכען דיא קעפּ צו דערגיין דעם זינען פון דיא זאָנדערבּארע שריפטען, וועלכע זיינען אויסגעקריצט אויף דיא פּיראמידען, אָבעליסקען און אנדערע מאָנומענטען פון אַלטען עגיפּטען, וויא אויך אָנגעשריבען אויף דיא מאסען פּאַפּירוסען וועלכע מען געפינט אין מצרים מייסטענס אין דיא קברים־שטיבּלעך און וועלכע מען קען זעהן אין יעדען מוזעאום פון אויראָפּא און אמעריקא. מען וואָלט עס וואהרשיינליך קיין מאָל ניט דערגאַנגען, ווען א גליקליכער צופאַל וואָלט ניט צוגעהאָלפען. ווען נאַפּאָלעאָן דער ערשטער האָט געמאַכט זיין בעריהמטע עקספּעדיציע נאָך עגיפּטען און האָט דאָרטען געבראָכען דיא מאַכט פון דיא שרעקליכע מאַמעלוקען, האָט ער אויך מיטגענומען א סך בעריהמטע פראַנצויזישע געלעהרטע, אום דאָרטען צו מאכען וויסענשאַפטליכע נאָכפאָרשונגען. ביי געוויסע אויסגראָבונגען האָט א פראַנצויזישער אָפיציער מיט דעם נאָמען Boussard געפונען אין 1799 יאהר ניט וויט פון דער שטאָט ראָזעטטא א שטיין, וועלכער געפינט זיך יעצט אין בריטישען מוזעאום. אויף דיזען שטיין זיינען געוועזן אויפשריפטען, וועלכע דיא געלעהרטע, וואס נאַפּאָלעאָן האָט מיטגעבראַכט, האָבען גלייך גענומען אויספאָרשען. זיי האָבען אויסגעפונען, אז דיא אויפשריפטען זיינען אין דריי שפּראַכען: אין גריכיש, קאָפּטיש און אַלט־עגיפּטיש, און זיי האָבען זיך אָנגעשטויסען, אז דער אינהאַלט מוז זיין דער זעלבער. אויף גריכיש האָט מען איבערגעלעזען דיא נעמען פון דעם קעניג פּטאָלאָמעאוס און פון דער קעניגין קלעאָפּאטרא, און מען האָט דארום גענומען נאָכפאָרשען דיא היעראָגליפישע צייכענס

אויף דעם ראָזעטטאַ־שטיין און פערגלייכען דיזע צייכענס מיט אנדערע אויף דיא אַלט־עגיפּטישע מאָנומענטען.

מיר קענען זיך דאָ ניט אריינלאָזען אין איינצעלהייטען וועגען דיזע נאכפאָרשונגען. מיר וועלען נאר זאגען, אז דיא האָפנונג פון דיא געלעהרטע, דאָס דער ראָזעטטאַ־שטיין וועט געבען דעם לאנג־געזוכטען שליסעל צו דיא געהיימניספאָלע היעראָגליפען, איז ווירקליך ערפילט געוואָרן. דיא עטליכע פיגורען אויף דעם ראָזעטאַ־שטיין זיינען אבער גאר ניט גענוג געווען צו קענען פערשטיין דיא אנדערע היעראָגליפען.

דיא שוויריגקייט פון לעזען דיא היעראָגליפען בעשטייט נאך אין דעם, דאָס דיא אַלטע עגיפּטער האָבען צוגלייך בענוצט צוויי שריפט־סיסטעמען, איינע אַן א י ד ע אָ ג ר אַ פ י ש ע (דאס הייסט דורך בילדער וואס שטעלען פאָר געדאַנקען) און דיא אנדערע א פ אָ נ אָ ג ר אַ פ י ש ע (דאס הייסט דורך צייכענס וואס שטעלען פאָר קלאַנגען). מען האָט דאַרום בעדאַרפט פריהער אונטערשיידען יעדען סאָרט שריפטען, און דאס איז געווען אַן אַרבייט, אויף וועלכע דיא גרעסטע געלעהרטע האָבען זיך יאָהרענלאַנג געמאַטערט. שאַמפּאָליאָן איז געווען דער ערשטער אָנצוצייגען אויף דיזע פערשיעדענע פאָרמען שריפטען און צו ערקלערן, וויא מען דארף זיי לעזען. ער האָט געעפענט דעם וועג און פיעלע געלעהרטע האבען איהם נאכגעפאָלגט, זא דאס יעצט זיינען דיא היעראָגליפען אַן אָפענער בוך פון דער געשיכטע פון מצרים. אלס אַ ביישפּיעל פון היעראָגליפישע שריפטען וועלען מיר בריינגען דיא פיגורען, וואס בעצייכנען דיא נעמען פון קלעאָפּאַטראַ און פּטאָלאָמעאוס (זעה פיגורע 83).

קלעאָפּאַטראַ. פּטאָלאָמעאוס.

פיגורע 83. — א ביישפּיעל פון עגיפּטישע היעראָגליפען.

עס ווארפט זיך אין דיא אויגען אז דאס זיינען בילדער־שריפטען. דעם נאמען היעראָגליפען האָבען זיי נעקראָגען, ווייל זיי זיינען

בעטראַכטעט געווען פון דיא אלטע עגיפּטער אלס היילינע. דער נאמען איז א גריכישער (פון דיא גריכישע ווערטער היעראָס—הייליג, גליפאָ—גראַווירען); אבער ער איז אייגענטליך אַן איבערזעצונג פון אן עגיפּטישען וואָרט מיט אונגעפעהר דיא זעלבע בעדייטונג. דיא עגיפּטער האבען געגלויבט, אַז זייער אָבגאָט ט ה אָ ט ה אדער ט א ו ט, וועלכער איז גערעכענט געווען פאַר דעם פאָטער פון קונסטען, מוזיק, וויסענשאַפטען און אַסטראָנאָמיע, איז געווען דער ערפינדער פון זייערע שריפטען. זיין נאמען טהאָטה בעדייטעט אויך: וו אָ ר ט, ש פּ ר א ך. ער האָט אלזאָ פאָרגעשטעלט דעם „געטליכען וואָרט" אדער פערקערפערט דיא גייסטיגע קראַפט פון מענשען.

נאר עס פערשטייט זיך, אַז אזעלכע בילדער־שריפטען איז געווען זעהר שווער ניט נאָר אויסצוקריצען אדער אויסצוהאַקען אויף שטיינער, זאָנדערן אפילו צו מאָלען אויף דיא עגיפּטישע פּאַפּירוסען (אזא מין שרייב מאַטעריאַל וואס מען האט געמאַכט פון דיא זאָ־גענאַנטע פּאַפּירוס־פלאַנץ דורך ווייקען אין וואַסער און פּרעסען). מען האט דאַרום ביסלעכוויז אָנגעפאַנגען צו געברויכען פערקירצטע אָדער פעראיינפאַכטע היעראָגליפען, דאס הייסט מען האָט גענומען פערצייכנען ט ה י י ל ע ן אדער געוויסע שטריכען פון דיא פריהערע גאנצע בילדער. אויף אזא ארט האט זיך ענטוויקעלט דיא זאָ־גענאַנטע ה י ע ר אַ ט י ש ע שריפט, וועלכע איז געברויכט געווען פון דיא פּריעסטער און פון שטאַאטס־בעאַמטע. דאס איז מיט דער צייט געוואָרן דיא געלעהרטע אדער רעליגיעזע שריפט און דאַרום רופט מען עס איהר מיט דעם גריכישען וואָרט היעראַטיש, וועלכער בעדייטעט: אנגעהעריגקייט צום פּריעסטער שטאַנד. א ביישפּיעל פון דיא היעראַטישע שריפט איז פאָרגעשטעלט אויף דער פיגורע 84. אויף מאָנומענטען האָט מען איהר ווייניג געברויכט, מייסטענס געפינט מען איהר אין פּאַפּירוסען.

נאר פאַר דעם פּראַקטישען געברויך, בעזאָנדערס אין קאָמערץ און אין בריעף, איז דיא היעראַטישע שריפט אויך זעהר שווער געווען. דאַרום האָט מען ביסלעכוויז איינגעפיהרט א דריטען סאָרט שריפט, וועלכע ווערט גערופען דיא ד ע מ אָ ט י ש ע (פון דעם גריכישען וואָרט



פיגורע 84. — א ביישפיעל פון היעראַטישע שריפטען.

דעמאָס—פאָלק). דיזע שריפט האָט שוין ענטהאַלטען גאַנץ ווייניג בילדער־פאָרמען פון דיא אַלטע היעראָגליפען און איז אַלץ נעהענטער געוואָרן צו דער אַלפאַבעטישער פאָרמע. דאָס איז געווען דיא עגיפּטישע פאָלקס־שריפט. מען האָט איהר געברויכט אין אָפיציעלע דאָקומענטען, קאָנטראַקטען, א. ז. וו. מען האָט איהר אויך געקריצט אויף מצבות. אין דער צייט, ווען דיא רוימער האָבען בעהערשט עגיפּטען, איז דיא דעמאָטישע שריפט שוין געווען א צימליך איינפאַכע.

אין מצרים זיינען אַלזאָ געווען דריי שריפטען, וועלכע האָבען זיך ביסלעכווייז ענטוויקעלט פון דיא גאָר אַלטע בילדער־צייכנונגען.

דיא היעראָגליפען האָבען שליסליך פאָרגעשטעלט ניט נאר געדאַנקען דורך בילדער, זאָנדערן אויך קלאַנגען דורך געוויסע צייכענס. וויא מען זאָגט עס אין דער וויסענשאַפטליכער שפּראַך, זיינען דיא עגיפּטישע היעראָגליפען געווען אידעאָגראַפישע און פאָנעטישע. דיא אידעאָגראַפישע צייכענס האָבען פאָרגעשטעלט זאַכען אדער סימבאָלען דיא פאָנעטישע צייכענס האָבען פאָרגעשטעלט גאַנצע ווערטער אדער א טהייל פון א וואָרט, בעזאָנדערס דיא ערשטע זילבע אדער דעם ערשטען בוכשטאַב פון א וואָרט. דאס איז אַלעס צוזאַמענגעמישט געווען אין א געוויסע אָרדנונג, און נור דיא פריעסטער האָבען געוואוסט דיא פערבאָרגענע געהיימניסע פון דיזע שריפטען.

דיא אורזאַכע, ווארום מען האָט אין מצרים געברויכט צוואַ־

מען אידעאָגראַפישע און פאָנעטישע צייכענס איז א גאַנץ איינפאַכע. וויא שוין ערקלערט, האָט מען צוערשט פאָרגעשטעלט זאַכען דורך זייערע מעהר אדער וויינינער נאָהענטע בילדער. נאַכהער האָט מען נעוויסע בילדער אָנגעפאַנגען צו געברויכען פיר עהנליכע זאַכען און אויך פיר געדאַנקען. צום ביישפיעל: אַ מענש מיט צוויי פיס, אדער גאַר איינפאַך צוויי פיס, איז געווען א סימבאָל פון בעוועגונג אין אַל־געמיינען. פיעלע צייכענס זיינען אַזוי געוואָרן סימבאָלען אדער זין־בילדער. נאַר מיט דער ענטוויקלונג פון קולטור און ספּעציעל פון שטאַאטען האָט מען אַלץ מעהר און עפטער געמוזט געברויכען שריפטליכע דאָקומענטען. מען האָט אַלזאָ געמוזט אויסטראַכטען נייע בילדער און סימבאָלען, וויא דיא עגיפּטער און בעזאָנדערס דיא כינעזער האָבען עס אויך געטאָן. דאָס איז נאַטירליך געווען זעהר אונבע־קוועם און בעזאָנדערס שווער צו געדיינקען. אַנשטאָט שטענדיג צו פערמעהרען דיא צאָהל פון סימבאָלען און זיי צו לערנען יאָהרענלאַנג, וויא מען טהוט עס נאָך יעצט אין כינא, זיינען דיא עגיפּטער גע־פאַלען אויף דעם קלוגען פּלאַן צו געברויכען פאָנעטישע צייכענס. איינינע סימבאָלען, וואָס האָבען פריהער פאָרגעשטעלט ווירקליכע זאַכען, האָט מען ביסלעכווייז אָנגענומען אַלס דיא קלאַנגען פון דיא ווערטער, מיט וועלכע מען האָט גערופען דיזע זאַכען. צום ביישפיעל: דער עגיפּטישער וואָרט „ראָ" בעדייטעט א מויל און איז פאָרגעשטעלט געוואָרן דורך דעם צייכען . שפּעטער אבער ווען מען האָט אנגעפאַנגען איינצופיהרען דיא פאָנעטישע סיסטעם, איז שוין דיזער צייכען גערעכענט געווען פאַר דעם בוכשטאַב „ר". נאָך'ן זינען פון דער פראַזע האט מען דיזען צייכען געלייענט „ראָ" און דאַן האט ער בעדייטעט: מויל; אָדער „ר" און דאַן איז ער געווען אַן אַלפאַבעטישער בוכשטאַב. אזוי האט מען געטאָן מיט פיעלע אנדערע צייכענס.

נאָר אין גאַנצען צו געברויכען פאָנעטישע צייכענס פאַר זילבען אָדער איינציגע בוכשטאַבען און צו פערוואַרפען אַלע היעראָגליפישע בילדער־צייכענס האבען דיא עגיפּטער דאָך ניט געקענט צוליעב דיא נאַטור פון זייער שפּראַך. אין אונזער בעטראַכטונג וועגען דיא

עגיפּטישע שפּראַך האָבען מיר שוין אָנגעצייגט, אז זיא איז זעהר רייך געווען אין האָמאָנימען און סינאָנימען. איין וואָרט האט געהאט אזוי פיעל בעדייטונגען, אז מען האט געמוזט צושטעלען א געוויסען בילד־צייכען, אום צו פערשטיין דעם ריכטיגען זינען פון דעם וואָרט אין דער פּראָזע. דיא אידעאָגראַפּישע און פאָנעטישע צייכענס האָבען ערקלערט איינע דיא אַנדערע. צוערשט האט מען געוויינליך געשטעלט דעם פאָנעטישען צייכען פון א וואָרט. נאָכהער האט מען צוגעשטעלט דעם אידעאָגראַפּישען. דער ערשטער צייכען האט אָנגעצייגט וויא מען דאַרף לעזען דעם וואָרט, דער אַנדערער—אין וואס פאַר א זינען ער ווערט געברויכט, וויא מען דאַרף איהם פערשטיין. מיר וועלען וויעדער נעהמען אלס ביישפּיעל דעם וואָרט אב, וועלכער האט געהאט ניט וויינינער וויא 8 פערשיעדענע בעדייטונגען, וויא: טאַנצען, הארץ, וואַנט, א. ז. וו. אום צו וויסען ביי'ן לעזען דעם פאָנעטישען צייכען פון דיזען וואָרט, אז אין דעם פאַל בעדיי'טעט דער וואָרט טאַנצען, אין אַן אַנדער פאַל—א הארץ, א. ז. וו., האט מען געמוזט בעטראַכטען דעם אידעאָגראַפּישען צייכען פון צוויי פיס, פון א הארץ, א. ז. וו. דאַן האט מען שוין ניט געקענט צווייפלען, וואס מען וויל אויסדריקען אין יעדען פאַל.

דיא צאָהל פון פאָנעטישע צייכענס איז געווען אונגעפעהר 130. זיי זיינען מייסטענס געווען ניט אלפאַבעטישע, נאר סילאַבישע. אזוי וויא א סך ווערטער פון דער עגיפּטישער שפּראַך זיינען געווען איינ־זילביגע, האט מען אזעלכע ווערטער פאָרגעשטעלט דורך בעשטימטע פאָנעטישע צייכענס. דיא ווערטער מיט מעהר וויא איין זילבע האט מען אויסגעדריקט דורך א פערבינדונג פון דיעזע צייכענס. דיא אידעאָגראַפּישע צייכענס פלעגען בלויז אָנצייגען, וויא מען דאַרף פערשטיין דיא ווערטער. דיא צאָהל פון אזעלכע אידעאָגראַפּישע צייכענס האָט דערגרייכט ביז 175. דיזע צייכענס האָבען געקראָגען אלץ אַלגעמיינע׳רע בעדייטונגען. זאָ, צום ביישפּיעל, א מענש אין א זיצענדער פּאָזע האט אָנפאַנגס בעצייכענט א מאַן, אבער מיט דער צייט איז דיזער בילד געוואָרען א סימבאָל פון אלע בעשעפטיגונגען, אמטען, פערוואַנדשאַפט פון מענשען. אין דיא היע־

ראַטישע שריפטען זיינען דיזע אַלע צייכענס זעהר פעראיינפאַכט גע־וואָרען, וויא עס איז שוין בעמערקט געוועןֹ.

אויף אַן עהנליכען שטייגער האָבען זיך ענטוויקעלט דיא קור־נעאָפאָרמישע שריפטען, פון וועלכע עס איז גערעט געוועןֹ אין דער אָבהאַנדלונג איבער שפּראַכען. זיי האָבען אויך געהאַט אידעאָגראַפי־שע און פאָנעטישע צייכענס. פון דיא פריהערע בילדער זיינען נאָר פערבליבען פיילענאַרטיגע צייכענס, צוזאַמענגעשטעלט אין אַ געוויסע אָרדנונג (זעה פיגורע 85). אין דיא קונעאָפאָרמישע שריפטען זיינען

אַרטאַקסאַרטאַ: (אַרטאַקסערקסעס).

פיגורע 85. — אַ ביישפּיעל פון קונעאָפאָרמישע אָדער פיילענאַרטיגע שריפטען.

דיא אידעאָגראַפישע צייכענס געשטאַנען פאַר דיא פאָנעטישע. צום ביישפּיעל: פאַר דיא נעמען פון מענשען האָט מען געשטעלט איין גלייכען פייל, פאַר דיא נעמען פון לענדער האָט מען געשטעלט דריי פיילען אין דער קרים; דיא נעמען פון הערנערדיגע בהמות האָט מען בעצייכענט מיט אַ גרופּע פון פינף פיילען. דאָס זיינען געוועןֹ סימ־באָלען. דורך אַ פערבינדונג פון סימבאָלען האָט מען פאָרגעשטעלט נייע זאַכען. צום ביישפּיעל: אַ געפענגניס איז פאָרגעשטעלט געוועןֹ דורך דיא צייכענס פון אַ הויז און פון פינסטערקייט; אַ טרער איז פאָרגעשטעלט געוועןֹ דורך דיא צייכענס פון אַן אויג און פון וואַסער, א. ז. וו.

סימבאָלען זיינען אויך געברויכט געוועןֹ אין דיא אינדיאַנער בילדער־שריפטען. צום ביישפּיעל: אַ לולקע איז געוועןֹ דער צייכען פון פריעדען; פייער—פון פאַמיליע; עטליכע קאָנצענטרישע קרייזען (ד. ה. איינע אין דיא אַנדערע)— פון דער זון און פון צייט; א וויינשטאָק— פון פריינדשאַפט ; אַ פויגעל מיט אויסגעצויגענע פליגלען—פון שנעל־קייט, א. ז. וו. דער נאָמען פון דעם מעקסיקאַנער קעניג איטץ־קאָאַטל האָט בעדייטעט: מעסער־שלאַנג און איז אויף דיא היע־

ראָגליפען פאַרגעשטעלט געווען דורך קרעמען־מעסערס ארום א שלאַנג. דאָס איז געווען צוגלייך א בילד פון ראַיעלע זאַכען און פון אן איי־גען־נאָמען. פיעלע אייגען־נעמען זיינען אזוי פאַרגעשטעלט געוואָרען דורך בילדער ביי אַלע פעלקער, וועלכע זיינען דערגאַנגען צו היעראָ־גליפישע שריפטען. אייזעק טעילאָר דיינקט, אז דיא אָנווענדונג פון אידעאָגראַפישע צייכענס צו אייגען־נעמען האט געפיהרט צו דעם אָנפאַנג פון פאָנעטישע צייכענס.

אין דיא מאַסען יעצטיגע כינעזישע צייכענס דערקענט מען פון ערשטען בליק אזוי ווייניג דיא אַמאָליגע בילדער־צייכענס, וויא אין דיא עגיפטישע היעראַטישע און אין דיא קונעאָפאָרמישע שריפטען. מיר ווייסען שוין, אז דיא כינעזישע שפראַך איז א מאָנאָסילאַבישע און אז יעדער וואָרט האט א סך פערשיעדענע בעדייטונגען. עס איז דאַרום גאַנץ נאַטירליך געווען אָנצופאַנגען צו פערצייכנען פאָנעטיש גאַנצע איינזילבינגע ווערטער אנשטאָט דיא בוכשטאַבען, פון וועלכע זיי זייַ־נען צוזאַמענגעשטעלט. פון דער אַנדערער זייט האט מען זיך ניט געקענט בעגיין אָהן ערקלערענדע אידעאָגראַפישע צייכענס אזוי וויא אין דיא עגיפטישע היעראָגליפען. מיר האָבען שוין געזעהען, אז אום גענוי צו בעצייכנען א זאַך אָדער א געדאַנקען, פעראבינדען דיא כינעזער אין זייער שפּראַך צוויי ווערטער וואס האָבען אונגעפעהר דעם זעלבען זינען. נאַטירליך, נאָך מעהר האָט מען אזוי בעדאַרפט האַנדלען ביי'ן שרייבען. אַנדערס וואָלט מען גאר ניט פערשטאַנען וואס מען לעזט. צום ביישפּיעל: דער וואָרט „טשאָו“ בעדייטעט: פלאַפלען, שיף, פוך, מאַז און ברענענדיגעס. וויא אזוי קען מען פערשטיין דיא ריכטיגע בעדייטונג אין יעדען פאל אָהן א געוויסען סימבאָל? דיא כינעזער האבען דאס געטאָן דורך דיא איינפיהרונג פון „בעשטימענדע צייכענס.“ צושטעלענדיג דעם צייכען פון א שיף, וועלכער איז מיט דער צייט אזוי געענדערט געוואָרן, אז ער שטעלט קוים פאָר א מאַסטע, ווייסען שוין דיא כינעזער וואס דער וואָרט „טשאָו“ מיינט אין דעם פאַל. צושטעלענדיג ווייטער א צייכען וואס שטעלט פאָר צוויי פעדערן, ווייס מען שוין, אז דאס מיינט „פוך“; צושטעלענדיג דעם צייכען פון וואַסער, הייסט עס שוין „מאַז“, א. ז. וו. דיא עלטערע פאָר־

מען פון דיא בינעזישע שריפטען זיינען נעהענטער צו דיא אורשפרונג־ליכע בילדער־צייכענס, וויא דיא שפּעטערע. מיר געפינען, צום ביישפּיעל, אז א קייקעלע מיט א פּינטעלע אין מיטען איז געווען דער צייכען פון דער זון (גראדע וויא ביי דיא עגיפּטער דער צייכען „ר א", וואס האט צוגלייך בעדייטעט דיא זון און דעם גאָט פון דער זון); א האלבע לבנה איז געווען דער צייכען פון דער לבנה; עטליכע שטריכען וואס קומען זיך צוזאמען אויבען האָבען פאָרגעשטעלט א בארג, א. ז. וו.

אזוי וויא דיא בינעזער האָבען ניט געקריצט אויף שטיינער, גלאָז, ציגעל, מעטאלען א. ז. וו., וויא דיא אסיריער און עגיפּטער, נאר האבען נאָך אין דיא עלטעסטע צייטען געמאָלען זייערע צייכענס מיט א פּענזעלע און שווארצע טינט, האָבען זיי לייכטער געקענט פערדרייהען און צוזאמענבינדען פערשיעדענע צייכענס און אויסטראב־טען פערשיעדענע סימבאָלען. צום ביישפּיעל: דער צייכען פון א האנט, וואס ציהט זיך צו העלפען א פרוי, האָט אויסגעדריקט דעם גע־דאנקען פון „זיכערהייט"; א מאן אויף א בארג לעבען אן אָבגרונד האָט בעדייטעט „געפאהר", דיא זון אונטער א בוים האָט בעצייכענט „פינס־טערקייט", דיא זון איבער א בוים—„ליכטיגקייט", א. ז. וו. אין דיא אורשפּרונגליכע בינעזישע שריפטען האָט א פרוי מיט א בעזים בע־צייכענט א ווייב, א פרוי מיט א זוהן האָט אויסגעדריקט לעבען, א. ז. וו.

דער רעזולטאט פון דיזע דאָפּעלטע שריפטען—נעמליך: אידע־אָגראפישע און פאָנעטיש־סילאבישע—איז געווען, דאָס פאר יעדען וואָרט און פאר יעדען געדאנקען האָט מען בעדארפט אויסקלייבען בעזונדערע צייכענס. דיא עגיפּטער און דיא אסיריער האָבען אויסגעמיידעט דיזע גרויסע שוועריגקייט דורך אלץ א גרעסערען געברויך פון איינפאכערע פאָנעטישע און זעהר אלגעמיינע אידעאָגראפישע צייכענס. ביסלעכווייז זיינען דיא אידעאָגראפישע צייכענס געוואָרן נוצלאָז פאר אזעלכע ווערטער, וועלכע מען האָט לייכט געקענט פערשטיין דורך דיא פאָנעטישע צייכענס אליין. אבער דיא בינעזער זיינען געבליבען ביי זייער אלטע סיסטעם צוליעב דעם מאָנאָסילא־

ביזמוס פון זייער שפּראך, וויא אויך ציליעב זייער נייגונג זיך צו האַלטען אָן זייערע אַלטע פיהרונגען. אום צו קענען אַלע צייכענס פון זייער ליטעראַטור־שפּראך מוזען זיי דאַרום לערנען זייער גאַנצען לעבען. פיר געוויינליכע צוועקען קען מען אויסקומען מיט 500 ביז 1000 צייכענס גראַדע. אזוי וויא אין טאָג־טעגליכען געשפּרעך ווערען ניט בענוצט מעהר וויא 500 ביז 1000 ווערטער.

דיא יאַפּאַנעזער האָבען איבערגענומען זייערע שריפט־צייכענס ביי דיא כינעזער. זיי האָבען אבער דיזע צייכענס ניט נאר זעהר פעראיינפאַכט, זאָנדערן האָבען אויך פערוואָרפען אַלע אידעאָגראַפישע צייכענס. זייער שריפט איז נאך ניט א ריין אַלפאַבעטישע, אבער זעהר נאָהענט דערצו. זיי בענוצען זיך מיט 47 בוכשטאַבען, וועלכע זיי רופען „אי־ראָ־פאַ“ נאך דיא נעמען פון דיא ערשטע דריי בוכשטאַבען. דיזע צייכענס ווערן מייסטענס געלעזען וויא זילבען, און פון זיי ווערן עס צוזאַמענגעשטעלט אַלע ווערטער פון דער יאַפּאַנעזער שפּראַך.

דיא אַלטע פּערסען האָבען אויף אַן עהנליכע אַרט פעראיינפאַכט דיא אַסירישע קונעאָפאָרמישע שריפטען. דיא צייכענס וואס האָבען פריהער פאָרגעשטעלט גאַנצע ווערטער זיינען אָנגעווענדעט געוואָרען פון דיא פּערסען אלס ריין פאָנעטישע. אבער אם בעסטען האבען זיך בענוצט דיא פיניקיער מיט דיא היעראַטישע עגיפּטישע שריפטען. דיא פיניקיער האָבען ניט נאר פערוואָרפען דיא אידעאָגראַפישע צייכענס, זאָנדערן אויך דיא פאָנעטישע צייכענס פיר גאַנצע ווערטער און זילבען. זיי זיינען געווען דיא ערשטע ערפינדער פון א ווירקליכען אלפאַבעט און דערמיט האָבען זיי געלייסטעט דעם גרעסטען דיענסט דער מענשהייט. דערמיט, קען מען זאָגען, האָבען זיי אויפגעהייבען דעם מענשען ביז׳ן הימעל און איהם געגעבען דיא גייסטיגע וואפע, דורך וועלכע ער האָט בעהערשט דיא גאַנצע וועלט.

דער פראָגרעס פון מענשען, וועלכער האָט אונז געבראַכט צו אונזער יעצטיגע ציוויליזאַציאָן, איז ערשט מעגליך געוואָרן דורך דיא ערפינדונג פון אזא איינפאַכע זאַך, וויא דער פיניקישער אַלפאַבעט פון 22 בוכשטאַבען. דיא ערפינדונג פון אזעלכע שריפטען, וויא דיא היע־

ראָגליפישע, קונעאָפּאָרמישע און כינעזישע, איז געווים געווען דער רעזולטאַט פון אַ ריזיגע גייסטיגע אַרבייט. עס איז אויך געווען אַ ריזיגער שריט פאָרווערטס. אבער מיט דער צייט איז עס געוואָרען אַ מעכטיגער מיטעל צו אונטערדריקען און צו פערדומען דאָס פאָלק. וויא אייזעק טיילאָר בעמערקט עס גאַנץ ריכטיג אין זיין „אלפאַבעט“, האָט זיך דער אמת׳ער פראָגרעסיווער שרייבען אָנגעפאַנגען דורך דיא ערפינדונג פון אַ לייכטע שריפט־סיסטעם. מיט היעראָגליפען האָט מען געקענט אָנשרייבען און מען האָט אויך געשריבען פיעלע ביכער; אָבער מען האָט בעדאַרפט אָפּגעבען לאַנגע יאהרען איידער מען האָט אויסגעלערענט זיי צו לעזען. דיא קונסט צו שרייבען איז דאַרום געוואָרן אַ פּריווילעגיע פון דיא פּריעסטער, וועלכע האָבען אליין צייט געהאַט דערמיט זיך אָפּצוגעבען, און זיי האָבען זיך בענוצט דערמיט, אום צו הערשען איבער דעם אונוויסענדען פאָלק.

אזוי וויא נאר זיי האָבען געוואוסט וואס עס שטייט געשריבען אין דיא אלטע ביכער, וועלכע זיינען מיט ז׳ער צייט בעטראַכטעט געוואָרן אלס הייליגע, אלס דיא פאָרשריפטען פון דיא געטער, האָבען זיי געקענט פיהרען דאס פאָלק וויא זיי האָבען געוואָלט. זייער אינטערעס איז געווען ניט צו פערשפּרייטען דיא קענטשאַפט צו לעזען און צו שרייבען, זאנדערן פּאַרקעהרט צו מאַכען עס נאך וואס שווערער, אַז זייטיגע מענשען זאָלען עס ניט קענען אויסלערנען, ווען זיי זאָלען אפילו האָבען דיא מיטעל און דעם וואונש דערצו. פון אירגענד וועלכע פאלקסבילדונג האָט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין. דיא פּריעסטער האבען איבערהויפּט געמאַכט א געהיימניס פון דיא ווייניגע קענטניסע וועגען מעדיצין, אַסטראָנעמיע, מאַטעמאַטיק א. ז. וו., וואס זיי האָבען בעזעסען און פערצייכענט אין זייערע ביכער.

וויא וויניג דאס פאָלק געניסט פון ביכער, וואס מען קען נאר לעזען נאך יאָהרענלאַנגען שטודירען פון דיא צייכענס, מיט וועלכע זיי זיינען געשריבען, קען מען יעצט זעהען איז כינא. זייט יאהרטויזענדע האט מען דאָרט געשריבען ביכער, אָבער דאס איז אַלץ אַ פערשלאָסענע תורה פאַר׳ן פאָלק. אלע עפענטליכע אמטען זיינען ענג פערבונדען מיט דיא קענטשאַפט פון דיא כינעזישע שריפטען. וואס

מעהר צייכענס איינער האט אויסגעלערנט נאך לאנגיעהריגע פּראַקטיקע, אלץ א העכערען ראנג קריעגט ער. דאס כינעזישע פאָלק איז געבליבען אזוי אונוויסענד וויא אין דיא אַלטע צייטען, הגם דיא כינעזער האבען אויסגעפונען דיא קונסט צו דרוקען לאנג פאר גוטענבערג'ן.

גאנץ אנדערס איז עס אָבער געוואָרן, ווען מען האט ערפונדען אן אלפאבעט פון אונגעפעהר אזוי פיעל בוכשטאבען, וויא פיעל קלאנגען א שפּראך בעזיצט. דאס אויסלערנען פון עטליכע צעהנדליג צייכענס איז שוין געווען א קלייניגקייט. מיר לערנען דאס יעצט אויס, ווען מיר זיינען נאך קליינע קינדער. ווען מען וואָלט אין דיא פריהערע צייטען געהאלטען פאר נייטיג צו לערנען דעם פּראָסטען פאָלק לעזען און שרייבען, וויא מען טוט עס יעצט אין ציוויליזירטע לענדער, וואָלטען אלע דאס גאנץ לייכט אויסגעלערנט. דיא צרה איז אָבער געווען, וואס אקערבויער און אויך האנדווערקער זיינען אין דיא קולטור־לענדער געווען מעהר אָדער ווייניגער פערשקלאווט און קיינעם איז גאָר ניט איינגעפאלען צו לאָזען זיי פערלירען צייט אויף לערנען וואס עס איז אויסער זייער ארבייט. דיא פעלקער זיינען נאך אלץ פערבליבען אונוויסענד, אבער שוין ניט צוליעב דיא שוועריגקייט אויסצולערנען דיא שריפטען זעלבסט. בּיסלעכוויין אָבער איז דיא קונסט צו לעזען און שרייבען דאָך אלץ מעהר פערשפּרייטעט געוואָרען אין דיא קולטור־לענדער, וויינינגסטענס צווישען דיא פרייע בירגער. מען דאַרף אויך ניט פערגעסען, אז אפילו ווען מען האט שוין אויסגעפונען וויא צו מאכען שרייב־פּאַפּיר, האָבען נאך ביכער געקאָסט זעהר טייער, זאָ דאס נאר רייכע לייט האבען זיי געקענט קויפען. שוין צוליעב דעם אליין איז דאס לעזען אוי שרייבען געווען א פריווילעגיע פון הערשענדע און רייכע קלאסען.

ערשט ווען גוטענבערג האט אין 1436 בעגליקט דיא מענשהייט מיט זיין ערפינדונג צו דרוקען, איז עס מעגליך געוואָרען צו קריגען ביכער אלץ ביליגער, זאָ דאס ארימע מענשען, וועלכע האבען געהאט דיא געלעגענהייט און דעם חשק אויסצולערנען דעם אלפאבעט, האָבען שוין אויך געקענט בעקומען וואס צו לעזען. דורך דיזע ערפינדונג, וועלכע ווערט מיט רעכט גערעכענט פאר דיא וויכטיגסטע

פון דער נייער צייט האט מען געקענט פערשפרייטען בילדונג איבעראל. וואו דיא אייראָפּעאישע ציוויליזאציאָן דערגרייכט; אבער אָהן דער ערפינדונג פון אלפאבעט וואָלט דיא גאנצע קונסט פון דרוקעריי ניט געהאט אזא אונגעהייערע בעדייטונג פאר דעם פּראָגרעס פון דער מענשהייט. מען קען אויך דרוקען היעראָגליפען און בילדער, און דיא כינעזער, וועלכע האבען געדרוקט זייערע צייכענס פון פּלאַטען מיט יאהרהונדערטע פריהער פאר דיא אייראָפּעער, האבען נאך צוליעב דעם אליין קיינע בעזאָנדערע פּאָרטשריטע געמאכט אין בילדונג. נאר דיא לייכטקייט צו לעזען דורך דיא ערפינדונג פון אלפאבעט און דיא ביליג־קייט פון ביכער דורך דיא ערפינדונג פון דרוקען האָבען עס אזוי שנעל געטריבען דיא ראָד פון פּראָגרעס אין אייראָפּא. ווען מען וואָלט גע־קענט אזוי דייטליך און שנעל שרייבען און קאָפּירען, וויא מען קען דרוקען, וואָלט דיא ערפינדונג פון דרוקעריי קיין וויכטיגע בעדייטונג ניט געהאט. דאס הייסט, מיט אנדערע ווערטער, אז דיא קונסט פון שרייבען איז נאר ערלייכטערט געוואָרען דורך דיא קונסט פון דרוקעריי. גוטענבערג האט נאר געשאפען א מעכאנישע שרייב־האנט, אָבער דיא הויפּט־קראפט איז ראָך געבליבען אין דעם אלפאבעט.

צעהנטער קאַפּיטעל.

דער פֿיניקישער אַלפֿאַבעט און זיין פֿערשפּרייטונג.

דער עגיפּטישער אורשפּרונג פֿון פֿיניקישען אַלפֿאַבעט. — וויא דיא בוכ־שטאַבען זיינען ענטשטאַנען. — דיא נעמען און צייכענס פֿון סעמיטישע בוכ־שטאַבען. — דער שטיין פֿון מישע מלך מואב. — העברעאישע אויפֿשריפֿטען אויף שטיינער און זיגלען. — דער אַראַמעאישער אַלפֿאַבעט. — דיא איינפֿיהרונג פֿון נקודות. — דער גריכישער אַלפֿאַבעט מיט וואָקאַל־בוכשטאַבען. — דער לאַטיינישער אַלפֿאַבעט און זיין פֿערשפּרייטונג. — דיא ענדערונגען פֿון דיא גריכישע בוכשטאַבען דורך דיא ענדערונג אין דער ריכטונג פֿון שרייבען. — דער פֿיניקישער אורשפּרונג פֿון גריכישען אַלפֿאַבעט. — באָוסטראָפֿעדאָן. — דיא ריכטונג פֿון שריפֿטען. — דיא פֿערשפּרייטונג פֿון פֿיניקיש־גריכישען אלפֿאבעט אין אַזיען און אייראָפּא.

ווען מען וואָלט ניט בעוויזען דורך זעהר גרינדליכע נאַכפֿאָר־שונגען, אַז דער פֿיניקישער אַלפֿאַבעט שטאַמט פֿון דיא עגיפּטישע היעראַטישע שריפֿט, וואָלט מען אויך געמוזט אָננעהמען, אַז דיא פֿיניקיער האָבען ניט געמאַכט דיזע גרויסע ערפֿינדונג מיט איין מאָל אָהן אירגענד וועלכע בעקאַנטשאַפֿט מיט אַנדערע שריפֿטען. מיר האָבען שוין ניט איין מאָל אָנגעצייגט און מיר וועלען עס ביי יעדער געלעגענהייט ווידערהאָלען, אַז דיא נאַטור און דיא מענשען שפּרינ־גען ניט פּלוצלינג אריבער פֿון איין שטופֿע אין דיא אַנדערע, אַז יעדער שריט פֿאָרווערטס איז דער רעזולטאַט פֿון פֿיעלע אורזאַכען,

װעלכע װירקען מעהר אָדער װייניגער לאַנגזאַם. ענטדעקונגען און ערפינדונגען װערן ניט געמאַכט פור־פּלאַט. זיי זיינען דיא קינדער פון זייער צייט. דיא קולטור־אַרבייט לייגט אוים א װעג פיר יעדער נייע זאַך, פיר יעדע נייע ערפינדונג. קורץ, איבעראַל און אין אלע צייטען גייט אָן א שטופּענװייזע ענטװיקלונג אָדער עװאָלוציאָן.

דיא פיניקיער זיינען געװים געװען זעהר פעהיגע, מוטהיגע און קלוגע מענשען. זיי זיינען געװען דיא גרעסטע הענדלערס און ים־רייזענדע פון זייער צייט. אבער אפילו דיא קליגסטע און פעהיגסטע פון זיי װאָלטען דאָך אליין ניט אויסגעטראַכט אן אלפאַבעט, װען זיי װאָלטען ניט געהאט א געװיסען מוסטער פאר זייערע אויגען. מיר האָבען שוין אין פאָריגען קאַפּיטעל אָנגעװיזען, װיא שװער עס איז געװען צו אנאַליזירען אלע װערטער פון א שפּראַך, אז מען זאָל זיי קענען פערצייכנען דורך א קליינע צאָהל בוכשטאַבען. װען דאס װאָלט געװען אזא לייכטע זאַך, װיא דאס שיינט אונז יעצט, װאָלטען פיעלע קולטור־פעלקער אליין דערגאַנגען דערצו גלייך און ניט בעדאַרפט זיך מאַטערן אזוי לאַנג צו פעראיינפאַכען זייערע אורשפּרונגליכע היעראָגליפען, צוערשט דורך צייכענס פאר גאַנצע װערטער און נאָכ־הער דורך צייכענס פאר זילבען. דער שריט צו אלפאַבעטישע צייכענס איז אין אמת׳ן ערשט מעגליך געװאָרען, װען מען האָט זיך שוין צו־געװאָהנט צו געברויכען איינפאַכע סילאַבישע צייכענס.

צו סילאַבישע צייכענס זיינען דיא עגיפּטער דערגאַנגען אפילו אין זייערע ריינע היעראָגליפישע שריפטען. דיא פיניקיער האבען זיך געפונען אין אונטערשטען מצרים, אין מצור, אין גאַנץ אלטע צייטען. דאס איז בעװיזען געװאָרען דורך אויסגראַבונגען און נאַכפאָרשונגען.*)

---

*) אין דער צייט װען איך שרייב דיזען קאַפּיטעל איז שוין ערשיענען דער ערשטער באַנד פון דער „אידישער ענציקלאָפּעדיע״, א ריעזענװערק פון דער גרעסטער בעדייטונג פאר דיא געשיכטע פון אידישען פאָלק, ארויסגעגעבען פון דער בעװאוסטער אמעריקאנער אויפלעגער פירמע Funk and Wagnalls Co. אין דער ענגלישער שפּראַך און געשריבען פון מעהר װיא 400 געלעהרטע און פאָבלייטע. אין דיזען באַנד געפינט זיך אויך א זעהר אינטערעסאַנטער און

די פיניקיער זיינען אלזא בעקאנט געוועזן מיט די עגיפּטישע שריפטען. און זייענדיג הענדלער און ים־פאהרערס, האבען זיי מעהר ווי די עגיפּטער געפיהלט די נויטווענדיגקייט צו געברויכען וואס איינפאכערע און לייכטערע שריפטען. די זיזהר פלעקסירטע סעמי־טישע שפּראך מיט ווארצעל־ווערטער פון דריי קאנסאנאנטען האט נאך דערצו זעהר פיעל מיטגעהאלפען די פיניקיער צו פערצייכענען די ווערטער דורך בוכשטאבען. די קאנסאנאנטען פון די סעמיטי־שע ווערטער איז פערהעלניסמעסיג לייכט צו אונטערשיידען אין יעדען פאל, ווי פיעל די וואקאלען זאלען זיך ניט ענדערן. צום ביישפּיעל: ווי מען זאל ניט לעזען דעם סעמיטישען װארט ק ט ל: קאטאל, קאטל, קוטאל א. ז. וו., ווארפען זיך אלץ אין די אויגען די דריי קאנסאנאנטען: „ק, ט ל". דער פאקט, אז דער פיניקישער אלפאבעט האט קיינע צייכענס געהאט פאר די וואקאלען, בעווייזט, אז מען האט זיך לייכט געקענט בעגיין אהן זיי ביין לעזען און שרייבען און אז די **גאנצע וויכ־טיגקייט איז געוועזן** אין די קאנסאנאנטען.

די פיניקישע שפּראך האט ניט געהאט א סך האמאנימען און

וויכטיגער ארטיקעל איבער דעם אידישען אלף־בית, געשריעבען פון דר. מארק לידזבארסקי, פּריוואט־דאצענט פון סעמיטישע פילאלאגיע אין דער אוניווער־זיטעט פון קיעל, דייטשלאנד. רייעדענדיג וועגען דעם אורשפּרונג פון דעם פי־ניקישען אלפאבעט, בעמערקט דר. לידזבארסקי, אז „פערזוכען זיינען אפט געמאכט געווארן צו צייגען, אז דיזער אלפאבעט שטאמט פון די עגיפּטער אדער פון די באבילאנער, אבער מיט קנאפּען ערפאלג". נון, אנערקענענדיג די קענטניסע פון דר. לידזבארסקי, מוז איך זאגען, אז איך בין גאר ניט איינפערשטאנדען מיט איהם אין דיזען פונקט און האלט מיט דער מיינונג פון אזעלכע אנערקענטע געלעהרטע ווי Halevy, Isaac Taylor, Brugsch De Rougé, אז דער פיניקישער אלפאבעט שטאמט נאר פון די עגיפּטישע שריפטען. מיר שיינט, אז מען קען גאר ניט צווייפלען אין דעם. יעדענפאלס, ווען מען זאל שוין זאגאר אננעהמען, אז דער פיניקישער אלפאבעט שטאמט פון די באבילאניש־אסירישע שריפטען, זא הייסט עס דאך אלץ אז **דיזער אל־**פאבעט איז ניט א גאנץ זעלבסשטענדיגע ערפינדונג פון די פיניקיער.

איז בעשטאַנען מייסטענס פון צוויי־זילביגע ווערטער, זא דאס דיא אידעאָגראַפּישע צייכענס, וועלכע זיינען נייטיג געווען צו פערשטיין אין וואס פאר א זינען אַן עגיפּטישער וואָרט ווערט געברויכט, זיינען געווען איבערפליסיג פאר פיניקישע ווערטער.

דאס אלעס דארף מען נעהמען אין אנבעטראַכט, אום צו פער־שטיין, ווארום גראָדע דיא פיניקיער האָבען פעראיינפאַכט דיא שווערע און קאָמפּליצירטע עגיפּטישע שריפטען ביז צו אַן אלפא־בעט פון 22 בוכשטאַבען, פון וועלכע 3 בוכשטאַבען האָבען פאָר־געשטעלט ספּעציעלע סעמיטישע קלאַנגען, נעמליך: „ח“, „ע“ און „צ“.

מיר קענען זיך דאָ ניט אָפּשטעלען אויף איינצעלהייטען וועגען דיא נאָהענטע פערבינדונג און פיעלע עהנליכקייטען צווישען דיא עגיפּ־טישע שריפטען און דעם פיניקישען אלפאבעט. מיר ווילען נאר ברייגנען א פּאָר ביישפּיעלען צו צייגען, וויא דיא ענטוויקלונג פון דיא אלפאבעטישע צייכענס איז פאָרגעקומען. אם בעסטען זעהט מען עס, ווען מען בעטראַכט דיא ענטוויקלונג פון דעם בוכשטאַב m. דער עגיפּטישער וואָרט מולאק בעדייטעט: א סאָווע (נאַכטאַיילע). אָנפאַנגס איז דיא פיגור פון דיזען פויגעל געווען אַן אידעאָגראַפּישער צייכען. אויף אלטע היעראָגליפען געפינט מען פיגורען פון דיזען נאַכט־פויגעל. נאַכהער איז דיזער בילד געוואָרען א פאָנאָגראַפּישער צייכען, און נאָך שפּעטער, ווען דיא היעראַטישע שריפט איז ענטשטאַנען, האָט שוין דיזער פאָנאָגראַפּישער צייכען אויסגעדריקט דיא ערשטע זילבע פון דעם וואָרט „מולאק“, נעמליך: „מו.“ אין שרייבען האָט מען אלץ פעראיינפאַכט דיא פיגור פון דער סאָווע, ביז עס איז דערפון פערבליבען אין דער היעראַטישער שריפט א צייכען וואָס איז עהנליך צו א געשריבענעם אידישען „ד“ אביסעל אין דער קרום. און פון דיזען צייכען איז עס נאַכהער געוואָרן דער בוכשטאַב „m.“ וויא אזוי דיזער בוכשטאַב איז געשריבען געווען אין פיניקיש, אלט־העב־רעאיש, סאַמאַריטאַניש און גריכיש, איז פאָרגעשטעלט אין דער טאַבעלע פון אלפאבעטען אויף דער נעכסטער זייט.

דער בוכשטאַב F שטאַמט פון א היעראָגליפישען בילד פון א געוויסען סאָרט אפריקאַנער שלאַנגען. דער בוכשטאַב „א“ (A) איז

נעמען און בעדייטונגען פון העברעאישע בוכשטאבען.	נייע־גריכיש.
אלף (אָקס)	*A* אַלפאַ.
בית (הויז).............	*B* בעטאַ.
גימל ((גאָמעל).......	*Γ* גאַמּמאַ.
דלת (טיר)...........	*Δ* דעלטאַ.
הא (פענסטער).........	*E* עפּסילאָן.
וו (קרוק)	
זין (געוועהר)	*Z* דזעטאַ.
חית (פאַרקען)	*H* עטאַ.
טית (שלאַנג).........	*Θ* טהעטאַ.
יוד (האַנט)	*I* יאָטאַ.
כף (איינגעבויגענע האנט)	*K* קאַפּפּאַ.
למד(א טרייב שטעקען פאר אָקסען)...........	*Λ* לאַמבדאַ.
מם (וואסער)	*M* מו.
נון (פיש)	*N* נו.
סמך (אונטערשפּאַרונג)...	*Ξ* קסי.
עין (אויג).........	*O* אָמיקראָן.
פּא (מויל)...........	*Φ* פי.
צדי (פיש־קרוק)	
קוף (פאַטילניצע).........	
ריש (קאָפּ)...........	*P* ראָ.
שין (צאָהן)...........	*Σ* סיגמאַ.
תו (קרייץ)	*T* טאַו.

אלט־גריכיש. סאמאריטאניש. אלט־העברעאיש. מאאביטיש.



אנפאנגס געווען דער בילד פון אן אָדלער, דער בוכשטאב „ר“ (R) —פון א מויל, דער בוכשטאב „ד“ (D)—פון א האנט, א. ז. וו.

דער אלט־העברעאישער אלפאבעט איז כמעט דער זעלבער וויא דער פיניקישער (זעהע אלפאבעטען־טאבעלע). דיא אידען זיינען געוועזן נאָהענטע שכנים פון דיא פיניקיער. ריידענדיג דיא זעלבע שפראך, האָבען זיי אויך געשריבען אויף דער זעלבער ארט. אלע סעמיטישע שטאמען האָבען געברויכט דעם זעלבען אלפאבעט, ענדערענדיג קוים עטליכע בוכשטאבען. דארום ווערט אויך דער פיניקישער אלפאבעט גערופען דער סעמיטישער.

דיא בוכשטאבען פון דעם אלטען פיניקיש־העברעאישען אלפאבעט צייגען נאָך גאנץ קלאָר, אז זיי שטעלען פאָר דיא בעדייטונג פון זייערע נעמען. דאס הייסט דיזע בוכשטאבען זיינען פ ע ר א י י נ פאכטע ב י ל ד ע ר־ש ר י פ ט ע ן. צום ביישפיעל: דער וואָרט „אלף“ בעדייטעט אן אָקס און זיין צייכען (זעה אלפאבעטען־טאבעלע) צייגט אן אויף א קאָפּ מיט הערנער; „בית“ בעדייטעט א הויז און איז נאָך פון דיא עניפטער פאָרגעשטעלט געווען וויא א פיערעק מיט אן עפענונג אין איין זייט; „גימל“ בעדייטעט א גאָמעל און איז פאָרגעשטעלט מיט צוויי ליניעס אין א ווינקעל וויא א הייקער; „דלת“ בעדייטעט א טיר און זיין צייכען האט אויך אן עהנליכקייט צו אן עפנונג, א. ז. וו. בעזאָנדערס ווארפט זיך אין דיא אויגען, דאס דיא צייכענס פון „עין“ (אן אויג) דורך א קייקעלע מיט א פינטעל אָדער אָהן א פינטעל אין מיטען, פון „תו“ (א קרייץ) דורך צוויי איבערגע־קרייצטע ליניעס (X), פון „ו“ (א קרוק) דורך קרוק־צייכענס, — זיינען יזאהרע בילדער־שריפטען (בעטראכט אלפאבעטען־טאבעלע).

אונגעפעהר מיט א טויזענד יאהר פאר דיא קריסטליכע צייט־רעכנונג איז שוין דער פיניקישער אלפאבעט געווען פערשפרייטעט נית נאָר ביי דיא כנענים און אנדערע סעמיטישע שטאמען, זאָנדערן אויך אין אויראָפּא, ווייניגסטענס אין דיא ערטער, וואו דיא פיניקיער האָבען געהאט זייערע האנדעלס־סטאנציאָנען. דיא אויפשריפטען, וואס מען האָט געפונען אויף דיא אינזלען מ א ל ט א און ס א ר ד י נ י א צייגען א זעהר נאָהענטע עהנליכקייט מיט אייניגע אויפשריפטען אין

אשה־ און מיט דעם בעריהמטען שטיין, וואס א פראנצויזישער מי־סיאָנער מיט דעם נאמען קליין האָט געפונען לעבען דיבון אין דעם לאנד פון דיא בני מואב אין 1868. דיזער שטיין איז איינער פון דיא וויכטיגסטע מאָנומענטען פון יענער צייט, דען זיין אויפשריפט איז א בעשטעטיגונג פון דיא ביבלישע שילדערונג וועגען דיא מלחמות פון דיא אידען מיט דיא בני מואב. וויטער צייגט דיזער מאָנומענט, אז דיא שפראך און דיא שריפט פון דיא בני מואב זיינען געוועזן דיא זעלבע וויא פון דיא בני ישראל.

אין מלכים ב (ג, ד) ווערט דערציילט, אז מישע מלך מואב האָט רעבעלירט געגען מלך ישראל נאך אחאב׳ס טויט. אין דיא ווייטערע פסוקים ווערט געשילדערט, וויא מלך יהורם איז ארויס פון שמרון און האָט זיך פעראייניגט מיט יהושפט מלך יהודה און מיט מלך אדום, אום צו בעשטראָפען דעם קעניג פון מואב און איינצונעהמען זיין לאנד. נון, אויף דעם שטיין וואָס דער מיסיאָנער קליין האט געפונען אין מואב און וואס טראָגט דעם נאָמען דער „מאָאַביטישער שטיין” אָדער „מישע׳ס מאָנומענט” איז אויסגעקריצט א שילדערונג מיט אלט־העברעאישע בוכשטאבען. מיר וועלען דאָ איבערגעבען 8 פסוקים, וויא ווייט געלעהרטע האבען עס געקענט איבערלעזען:

1. אנך. משע: בן. כמש. מלך. מלך. מאב. הד
2. יבני | אבי. מלך. על. מאב. שלשן. שת. ואנך. מלב
3. תי. אחר. אבי | ואעש. הבמת. זאת. לכמש. בקרחה | במשע. מ
4. שע. כי. השעני. מכל. המלכן. וכי. הראני. בכל. שנאי | עמר
5. י. מלך. ישראל, ויענו. את. מאב. ימן. רבן. כי. יאנף. במש. באר
6. צה | ויחלפה. בנה. ויאמר. גם. הא. אענו. את. מאב | בימי. אמר. כדבר
7. וארא, בה. ובבתה | וישראל. אבד. אבד. עלם. וירש. עמרי. את. כל. אר
8. ץ. מהדבא | . וישב בה. ימה וחצי. ימי. בנה. ארבען. שת. ויש

דיא שפּראַך פון דיזער אויפשריפט דערמאָנט אָן א קאַפּיטעל פון מלכים.*)

*) מיר גיבען דאָ איבער דעם אינהאַלט פון דער אויפשריפט אויף דעם מישע־שטיין נאך דיא בעסטע איבערזעצונגען פון געלעהרטע נאכפאָרשער, וועלכע האָבען זיך פיעלע יאהרען געמאַטערט צו לעזען דיא האַלב צובראָכענע בוכשטאַבען. דיא פּינטעלעך אין דער איבערזעצונג צייגען אָן, אז עס פעהלען ווערטער אויף דעם שטיין. דיא אויפשריפט לויטעט אזוי:

„איך מישע, זוהן פון כמוש (נדב?) קעניג פון מואב פון שטאדט דיבון. מיין פאָטער האָט געהערשט איבער מואב 30 יאהר און איך האב געהערשט נאך מיין פאָטער. און איך האב געמאכט דיעזען אַלטאַר פאַר כמוש אין קרחה וויל ער האט מיך גערעטעט פון אלע פיינד און ער האָט מיר געלאזט זעהן א נקמה אין דיא וואָס האַסען מיר.

„עמרי דער קעניג פון ישראל איז געקומען און האט בעדריקט מואב פיעל טעג, דען כמוש האט געצירנט אויף זיין לאנד. זיין זאהן איז געקומען נאך איהם און האט אויך געזאגט: איך וויל בעדריקען מואב. אין מיינע טעג האט (כמוש) געזאגט איך וויל ערשיינען צו מואב אין זיין טעמפּעל און ישראל וועט אונטערגעהן איין עוויגען אונטערגאַנג. עמרי האָט גענומען מידבא און איז דארין געזעסען... 40 יאהר.... כמוש אין מיינע טעג.... און איך האב געבויט בעל מעון און האב געמאכט אין דעם... און איך האב בעלאַגערט דיא שטאדט קריתים. און דיא מענער פון גד... אין דעם בעצירק זייט פיעלע יאהרען. און עס האָט געבויט זיך דער קעניג פון ישראל קריתים. און איך האב געקעמפּפט געגען דיא שטאדט און האב איהר גענומען און האב דערוואָרגען אלע וואס זיינען דארט געוועזען, צום וואָהלגעפאַלען פון כמוש, דעם גאט פון מואב. און איך האב גענומען פון דאָרט...... פאר דעם אַנגעזיכט פון כמוש אין קריתים. און איך האב געלאזען דארט וואוינען דיא מענער פון שירון און דיא מענער פון... שחרה.

„און כמוש האט צו מיר געזאגט געה און נעם איין נבו געגען ישראל. און איך בין געגאנגען דורך דער נאכט און האב געקעמפּפט געגען זיי פון דעם אויפגאַנג פון מאָרגען ביז מיטאָג און איך האָב גענומען דיא שטאָדט און דערוואָרגען אַלעמען פון דאָרטען, זיעבען פירשטען....... וויל צו עשתר כמוש

ווען דיזער שטיין אין געפונען געוואָרן, האבען פיעלע לענדער איהם געוועלט קריגען פאר זייערע מוזעאומס. דיא בעלי הבתים אי־בער איהם זיינען געווען דיא דאָרטיגע בעדואינען, און זיי האבען געהאט פיעלע שטרייטען וועגען דעם. דיא טערקישע רעגירונג האט אויך געוועלט קריגען דעם שטיין, און אויס האַס צו דיא טערקען און צוליעב דיא רייסערייען צווישען זיך האָבען דיא בעדואינען צובראָכען דעם וויכטיגען מאָנומענט אויף שטיקער. גליקליכערווייזע האט מען דיא

געהערט דאס פערפלוכטע (דער חרם) און איך האב גענומען פון דארט דיא כלים פון יהוה און איך האָב זיי איינגעווייהט פאר דעם אָנגעזיכט פון כמוש.

„און עס האט געבויט דער קעניג פון ישראל יהץ און איז דארין געזעסען וויל ער האט געגען מיר געקעמפפט, און כמוש האט איהם פארטריבען פון מיין אָנגעזיכט. און איך האב גענומען פון מואב 200 מאן דיא פולע צאָהל. און איך האב בעלאַגערט יהץ און איהר איינגענומען און איהר פעראייניגג מיט דיבון.

„איך האב געבויט קרחה דיא מויער פין וואַלד און דיא מויער (פון טהאָל) און איך האב געבויט איהרע טהורען און איך האב געבויט איהרע טהור־מען און איך האב געבויט דאס קעניגס־הויז און האב געמאכט בעהעלטעניס פיר בערג־וואַסער אינמיטען שטאדט און עס זיינען ניט געווען קיין גריבער (סיסטער־נען) אינמיטען שטאדט און איך האב געזאגט צום פאלק: מאכט יעדער א גרוב אין זיין הויז...... און איך האב געמאכט א גראָבען ארום קרחה (מיט) ישראל.

„איך האב געבויט ערוער און האב געמאכט דיא וועג פון ארנון. איך האב געבויט בית במות, וויל זיא איז געווען צושטערט. איך האב געבויט בצר דען עס (האבען איהר בעצוואונגען) מענער פון דיבון, זייערע 50, וויל גאנץ דיבון איז געווען אונטערטהעניג. און איך האב אָנגעפילט.... בקרן וועלכע איך האָב פעראייניגט צום לאנד. און איך האב געבויעט........ און דעם טעמ־פעל פון דבלתים און דעם טעמפעל פון בעל מעון און האב געבראַכט דארטען דעם כ (מוש) .... דאס לאנד. אין חורנים... עס האבען דארט געוואוינט........ עס האט צו מיר געזאגט כמוש: געה ארונטער, קעמפף געגען חורנית און .... כמוש אין מיינע טעג........“

שטיקער צוזאַמענגעקליבען און מיט גרויסע מאַטערנעס צוזאַמענגע־שטעלט און איבערגעלעזען טראָץ דעם, וואס פיעלע בוכשטאבען פעהלען און זיינען צובראָכען געוואָרן. דיזער שטיין געפינט זיך יעצט אין דעם לואוור־מוזעאום פון פאַריז.

ליידער האט מען ביז יעצט ניט געפונען אין פאַלעסטינע מאָנומענטען מיט אויפשריפטען פון דיא ערשטע צייטען פון דער אידישער מלוכה. דיא וויכטיגסטע אופשריפט נאָך מישע׳ס שטיין איז דיא, וועלכע מען האט געפונען אין 1881 יאָהר אין דעם טונעל פון דער וואסערלייטונג אין סילאָם. דיזע אויפשריפט בעציהט זיך אויך דיא אויפבויאונג פון דער וואַ־סערלייטונג, וואס עס איז וואהרשיינ־ליך פאָרגעקומען אין דיא צייטען פון יחזקאל. ווייטער האָט מען גע־פונען עטליכע זיעגלען און מטבעות מיט אויפשריפטען. צום ביישפיעל אויף איין זיעגעל איז אָנגעשריבען „לקניו״, וויא אויף דער פיגורע 86. אויף אַן אנדערע זיעגעל איז פערצייכענט: „לחנניהו בן עזריהו״ מיט בוכשטאבען וויא אויף דער פיגורע 87.

פיגורע 86. — אַן אַלטער אידישער זיעגעל מיט דעם וואָרט לקניו.



פיגורע 87. — אַן אלטער אידישער זיעגעל מיט דיא ווערטער לחנניהו בן עזריהו.

ביי אויסגראָבונגען לעבען ירושלים האט מען געפונען ליימענע געפעס מיט קורצע אויפשריפטען. מען רעכענט, אז דאס זיינען געוועזען צייכענס פון קעניגליכע טעפער־פאַבריקען, וועלכע האבען דאָן עק־זיסטירט אין פיעלע שטעט. דיא פיגורע 88 שטעלט פאָר איינעם פון דיזע צייכענס אויף א ליימענער כלי. דיא אויפשריפט איז „למלך חברן״, וואס יעדער איינער קען אליין איבערלעזען, ווען ער זאָל נאכ־

קוקען דיא בוכשטאבען פון אלט־העברעאישען אלפאבעט אין דער טאבעלע אויף זייטע 129. דיא פיגורע 89 שטעלט פאָר א שקל פון דער צייט פון שמעון המכבי (140 יאהר פאר דיא קריסטליכע צייט). אויף איין זייט איז אָנגעשריבען: „שקל ישראל ש(נת) ב.“ אויף דער אנדערער זייט: „ירושלים הקדושה.“



פיגורע 88.—א צייכען אויף א לייםענער כלי מיט דער אויפשריפט למלך חברן.

דיא פיניקיש־העברעאישע בוכשטאבען האבען זיך מיט דער צייט געענדערט. ביסלעכווייז האָבען דיא אידען איבערגענומען דיא בוכשטאבען פון דיא סיריאַנער אָדער אראמעער (ארמים) צוזאמען מיט זייער שפראך. דיא אראמעאישע שריפטען זעלבסט זיינען מיט דער צייט פיעל געענדערט געוואָרן ביז זיי האבען אָנגענומען דיא סקוועער (קוואדראט) פאָרמע, וועלכע דיא אידען אין בבל האבען אָנגעפאנגען צו געברויכען און וועלכע איז ביז יעצט פערבליבען ביי אידען. אונזער יעצטיגער אלף־בית איז אַן אראמעאישער. דיא אָרדנונג פון דעם אלף־בית וויא אויך דיא נעמען און דיא צאָהל־בעדייטונגען פון דיא בוכשטאבען זיינען אבער פערבליבען דיא זעלבע.

דיא סאמאריטאנער (דיא איינוואָהנער פון שמרון) האָבען זיך פעסטער געהאלטען אָן דיא אלטע פיניקיש־העברעאישע בוכשטאבען און נאך ביז היינט צו טאָג בענוצען זיי דיזען אלפאבעט אין זייערע שריפטען.

אלע סעמיטישע אלפאבעטען, וויא פיעל זייערע בוכשטאבען האבען זיך ניט געענדערט מיט דער צייט, האבען אבער געהאט דיזען חסרון, דאס זיי האבען ניט געהאט בעזונדערע צייכענס פאר וואָקאלען.

ירושלים הקדושה. שקל ישראל ש(נת) ב.



פיגורע 89.—א שקל פון שמעון המכבי'ס צייטען

מען האט אלזאָ בעדארפט גוט קענען דיא שפּראך, אום צו וויסען וויא אויסצושפּרעכען דיא בוכשטאבען פון דיא קאָנסאָנאנטען. דיא העברעאישע שריפט איז פערבליבען אָהן וואָקאל־צייכענס זאָ לאנג לשון קודש איז געווען א לעבעדיגע שפּראך. אפילו דיא בוכשטאבען „י" און „ו" זיינען זעלטען געברויכט געווען. מען פלעגט זיי נאר אריינשטעלען צו בעצייכענען א לאנגען קלאנג. דיא נקודות האט מען ערשט ערפונדען, ווען דיא אידען זיינען שוין געווען אין גלות און ווען לשון קודש איז געוואָרען א טויטע שפּראך. דער צוועק פון דיא נקודות איז געווען אָנצוהאלטען ריין און ריכטיג דיא אויסשפּראכע פון דיא העברעאישע ווערטער. ווען מען האט ערפונדען דיא נקודות, ווייס מען ניט גענוי, נאר מען ווייס, אז דיא אידישע רבנים האָבען נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיעל פון דיא אראמעער און אראבען, וועלכע האָבען אויך ביסלעכווייז איינגעפיהרט נקודות. דיא גאנצע סיסטעם פון נקודות, וויא מיר געברויכען זיי יעצט, איז פעסטגעשטעלט געוואָרען ערשט אין **אכטען** יאָהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייט־רעכנונג.

דיא גריכען זיינען, וויא עס שיינט, געווען דיא ערשטע צו פערפאָלקאָמען דעם סעמיטישען אלף־בית דורך דיא איינפיהרונג פון וואָקאל־צייכענס צוזאמען מיט קאָנסאָנאנטען־צייכענס. מאנכע פון דיא סעמיטישע בוכשטאבען האבען זיי געמאכט פאר וואָקאלען. זאָ, צום ביישפּיעל, פון דעם כפּעציעלען סעמיטישען קלאנג, וועלכער

איז פערצייכענט געוועזען מיט דעם בוכשטאב „ע", איז ביי דיא גריכען געוואָרען דער וואָקאל O (אָמיקראָן), וועלכער האט אָנגעהאלטען דיא אורשפּרונגליכע קייקעלע צו בעצייכענען איין אויג. מיט דער איינפיהרונג פון וואָקאל־בוכשטאבען האָבען דיא גריכען געמאכט א ריזיגען שריט פאָרווערטס. דער גריכישער אלפאבעט איז מיט קנאַפּע ענדערונגען פערבליבען אין געברויך ביי אלע אייראָפּעאישע פעלקער. יעדעס פאָלק האט אָדער צוגעזעצט נייע בוכשטאבען צו בעצייכענען דיא ספּעציעלע קלאַנגען פון זיין שפּראך, אָדער געברויכט פּינטעלעך אָדער פּאסקעלעך אויף געוויסע בוכשטאבען פיר בעשטימטע קלאַנגען.

אין וועסט־אייראָפּא איז פערשפּרייטעט געוואָרען דער לאטיינישער אלפאבעט, וועלכער איז דירעקט איבערגענומען געוואָרען ביי דיא גריכען. דיא רוימער האָבען נאר זעהר פעראיינפאכט דיא בוכשטאבען, צוליעב וואס, וויא אויך דורך דעם גרויסען איינפלוס פון דער רוימישער אימפּעריע, איז דיזע שריפט אויסגעקליבען געוואָרען אין אייראָפּא. זיא וועט געוויס אין דער צוקונפט פערבלייבען דער אלוועלטליכער אלפאבעט. אזוי וויא אין דער לאטיינישער שפּראך האָבען געפעהלט געוויסע קלאַנגען, וויא צום ביישפּיעל „ח", זיינען אויך דאפיר קיינע בוכשטאבען געוועזען אין דעם לאטיינישען אלפאבעט. אום אויסצודריקען אזעלכע קלאַנגען דורך לאטיינישע בוכשטאבען, האט מען גענומען איינפיהרען צוזאמענגעשטעלטע בוכשטאבען. דיא בוכשטאבען c און h צוזאמען ווערען אין דייטש אויסגעשפּראָכען וויא „כ", אין פראנצויזיש וויא „ש", אין ענגליש וויא א רוסישער Ч (טשטע). יעדע שפּראך וואס ווערט געשריבען מיט דעם לאטיינישען אלפאבעט, האט זיך איהרע ספּעציעלע צוזאמענגעשטעלטע בוכשטאבען, אום אויסצודריקען איהרע כפּעציעלע קלאַנגען.

וויא וויים דער גריכישער אלפאבעט איז נאָהענט צו דעם פיניקישען, קען מען זעהן פון דער טאבעלע אויף זייטע 129. מיט דער צייט האָבען אָבער דיא גריכען געענדערט זייערע בוכשטאבען, אום זיי צו קענען לייכטער און שנעלער שרייבען. געוויסע ענדערונגען זייגען פארגעקומען דורך דעם, וואס דיא גריכען האָבען בּיסלעכווייז אנגעפאנגען צו שרייבען ניט פון רעכטס צו לינקס, וויא דיא

פיניקיער און אלע סעמיטישע שטאמען, זאנדערן פארקעהרט, פון לינקס צו רעכטס, וויא אלע אייראפעער שרייבען יעצט. עס פערשטעהט זיך, אז מאנכע בוכשטאבען האבען דיא גריכען געמוזט שרייבען פערקעהרט אדער אין איין אנדער ווענדונג וויא דיא סעמיטען, זא דאס מיט דער צייט זיינען דיזע בוכשטאבען געווארען אלץ מעהר דערווייטערט פון דעם פיניקישען מוסטער. זאל דער לעזער פרובירען אנשרייבען, צום ביישפיעל, דעם פיניקישען אלף, און ער וועט איינזעהען וויא אונבעקוועם עס איז צו מאכען דעם ווינקעל מיט'ן שפיץ צו דער לינקער האנט, ווען מען שרייבט פון לינקס צו רעכטס. עס וועט דאן זיין פיעל לייכטער צו שרייבען דעם אלף, אז דער שפיץ ווינקעל זאל אויסקומען אביסעל אן זייט צו דער רעכטער האנט, דאס הייסט אונגעפעהר אזוי וויא א געשריבענער לאטיינישער בוכשטאב A.

נאר ווען עס וואלט זאגאר קיין שום עהנליכקייט ניט עקזיסטירט צווישען דיא סעמיטישע און גריכישע בוכשטאבען, וואלט מען אויך געמוזט אנערקענען, אז דער גריכישער אלפאבעט שטאמט פון דעם פיניקישען, דען דיא נעמען פון זייערע בוכשטאבען זיינען דיא זעלבע. אין דער גריכישער שפראך האבען דיא ווערטער: אלפא, בעטהא, גאממא, דעלטא, א. ז. וו. קיין שום בעדייטונג. דאס זיינען איינפאך איבערגענומענע נעמען פון בוכשטאבען. ביי דיא סעמיטען איז, צום ביישפיעל, דער בוכשטאב אלף ארויסגעקומען פון אן אורשפרונגליכען בילד פון אן אקס, ביי דיא גריכען איז עס גע־ווען א פרעמד ווארט צו בעצייכענען א בעשטימטען בוכשטאב.

דיא גריכען זעלבסט האבען אנערקענט, אז זייערע בוכשטאבען האבען זיי איבערגענומען ביי דיא פיניקיער. ביי זיי איז פערבליבען א לעגענדע, אז א געוויסער קאדמוס, קעניג פון צידון, האט זיך בעזעצט אין בעאטיא (א טהייל פון גריכענלאנד) און האט דארטען געגרינדעט דיא שטאדט טהעבעס און אריבערגעבראכט אן אלפאבעט פון 16 בוכשטאבען. דיזע לעגענדע צייגט אויך, אז דיא גריכען זיינען נאך אין דיא וויטע ביז־היסטארישע צייטען געוועזן אין פערקעהר מיט דיא פיניקיער און האבען קענען געלערנט דעם אל־

פאבעט פון זייערע אזיאטישע שכנים, ווען דיזער אלפאבעט איז נאך ניט בעשטאנען פון 22 בוכשטאבען.

ביי די גריכען און רוימער איז נאך פערבליבען א טראדיציאן (קבלה, מסירה), אז די פיניקיער האבען זיך בענוצט מיט די עגיפטישע שריפטען פאר זייער אלפאבעט. דער אלט־רוימישער היסטאריקער טאציטוס ערקלערט אויך, אז די פיניקישע בוכשטאבען שטאמען פון די עגיפטישע.

מען קען נאך אננעהמען פאר א בעוויז, אז די גריכען האבען איבערגענומען זייער אלפאבעט ביי די פיניקיער, דעם פאקט דאס אנפאנגס האבען זיי אויך געשריבען פון רעכטס צו לינקס. נאכהער האבען זיי אנגעפאנגען צו שרייבען אויף דער ארט וואס ווערט בעצייכענט מיט דעם נאמען באוסטראפעדאן (פון די גריכישע ווערטער: באוס—אקס, סטרעפא—דרייהען, פערקירעווען). דיזער נאמען קומט דערפון, וואס אזא ארט שרייבען זעהט אויס וויא מען אקערט מיט אן אקס א פעלד. מען האט נעמליך געשריבען איין ציילע פון רעכטס צו לינקס און די אנדערע פון לינקס צו רעכטס, זא דאס מען האט פערשפארט אויפצוהויבען די האנט פיר יעדע נייע ציילע. מיט דער צייט אבער איז נאר פערבליבען צו שרייבען פון לינקס צו רעכטס. אלע פעלקער וואס האבען איבערגענומען דעם גריכישען אלפאבעט האבען אויך צוגלייך איבערגענומען צו שרייבען פון לינקס צו רעכטס.

אין אלגעמיינען איז אנפאנגס ניט געווען קיין בעשטימטע ארדנונג וויא צו שרייבען. פיר בילדער־שריפטען מאכט עס נאר ניט אויס אין וועלכער זייט מען פאנגט אן. די עגיפטישע היעראגליפען האבען ניט געהאט קיין בעשטימטע ווענדונג, נאר די היעראטישע און דעמאטישע שריפטען האבען זיך געצויגען פון דער לינקער האנט צו דער רעכטער. די מעקסיקאנער היעראגליפען פאנגען זיך אן אונטען און ציהען זיך ארויף. די כינעזער, יאפאנעזער און מאנגאלען שרייבען אין רייהען פון אויבען ארונטער. די רייהען ציהען זיך פון רעכטס צו לינקס.

די אלטע סאנסקריטישע שריפט שטאמט אויך פון דעם סעמיטישען אלפאבעט, וועלכער האט זיך פערשפרייטעט איבער גאנץ

אזיען מיט אויסנאהמע פון דיא לענדער, וואו דיא כונעזיישע ציוויליזאציאָן האָט דערגרייכט. דער סאנסקריטישער אלפאבעט איז איינגעפיהרט געוואָרען אין אינדיען מיט אונגעפעהר 300 יאהר פאָר דיא קריסטליכע צייטרעכנונג און ער האָט זיך פערשפרייטעט אין עטליכע לענדער צוזאמען מיט דער בודיסטישער רעליגיאָן.

דער אראבישער אלפאבעט, וועלכער איז נאטירליך א זעהר פעראיינפאכטער סעמיטישער, האָט זיך פערשפרייטעט אין דיא מאָהאמעדאנישע לענדער,

דיא אלפאבעטען וואָס דער בישקופ אולפילאס האט אין 4-טען יאָהרהונדערט צוזאמענגעשטעלט פאָר דיא גאָטהען און וואס דער הייליגער קיריל, דער אפאָסטעל פון דיא סלאווען, האָט אין 9-טען יאָהרהונדערט צוזאמענגעשטעלט פאָר דיא סלאווען, זיינען נאר נאָכגאהמונגען פון דעם גריכישען.

דיזע קריסטליכע לעהרערס האָבען איינגעפיהרט זייערע אלפאבעטען אום צו קענען איבערזעצען דיא הייליגע שריפטען אין זייערע מוטער־שפּראכען. דער הייליגער קיריל האָט געמוזט אויסטראכטען עטליכע צייכענס פיר דיא ספּעציעלע קלאַנגען פון דער אלט־סלאַווישער שפּראַך. פון דיזען סלאווישען אלפאבעט שטאמט עס דער רוסישער, וועלכער איז יעצט אויך אָנגענומען פון דיא סערבען, בולגארען, סלאָוואקען און רוסינען. דיא סלאָווען וואס האָבען איבערגענומען דעם קריסטענטהום ביי דיא גריכען, געברויכען דעם סלאווישען אלפאבעט; דיא סלאווען וואס האָבען איבערגענומען דעם קריסטענטהום פון דער רוימיש־קאטוילישער קירכע. געברויכען דעם לאטיינישען אלפאבעט.

עלפטער קאַפּיטעל.

צאָהלען און מאָסען.

דיא ערשטע צאָהלען און פינגער־צעהלונג. — רעכנונגען אויף דריי און צוועלף, פינף און צעהן. — דיא רוימישע ציפער־סיסטעם. — ציפער־בוכשטאַבען. — דיא ענטוויקלונג פון דער דעצימאַלער רעכנונגס־סיסטעם. — דיא אַראַבישע ציפער און זייער פערשפּרייטונג. — מענשליכע גליעדער אלס דיא ערשטע מאָסען. — דיא אַלטע שטענדיגע מאָסען. — דיא מעטרישע סיסטעם.

ריידענדיג וועגען דעם אָנפאַנג פון שפּראַכען, האָבען מיר שוין אָנגעצייגט, דאָס עס זיינען פערבליבען אזעלכע ווילדע פעלקער, וואס האָבען קיינע ווערטער פאַר צאָהלען העכער פון 3 און 5. אזוי איז עס אויך אַמאָל געווען ביי אַלע פעלקער, וויא גרינדליכע נאַכפאָרשונגען בעווייזען עס.

עס פערשטייט זיך אז דיא רעכנונגס־פעהיגקייט איז געווען זעהר א שוואַכע ביי דיא ערשטע מענשען. זיי האָבען אויך ניט בעדאַרפט צעהלען און מעסטען. זייערע פינגער זיינען געווען גענוג פאַר אַלע זייערע רעכנונגען און זיינען ווער ווייסט וויא לאַנג פערבליבען זייער רעכנונגס־מאַשינע. צוערשט האָט דער מענש זיך אליין בעטראַכט אלס איינס און דיא גאַנצע אויסערע וועלט אלס „א סך.“ דורך דעם אינטערשיעד פון „מיינס“ און „דיינס“ איז ענטשטאַנען דער בעגריף פון „צוויי“. אַלעס וואס עס איז געווען מעהר וויא צוויי,

איז געווען „דריי" אָדער „א סך." ווען רייזענדע האבען געפונען די באַטאָקודען פון בראַזיליען, האָבען דיזע ווילדע וועלכע שטעהען אויף א זעהר נידעריגער שטופע, געהאט דריי צאָהל-ווערטער: מאָקענאַם (איינס), הענטיאַטאַ (צוויי) און אורוהו (א סך אָדער מעהר). זיי האָבען דאָך געקענט צעהלען מעהר וויא צוויי, אָנצייגענדיג אויף זאַכען מיט דיא פינגער. אויף דיא עגיפּטישע היעראָגליפען בעצייכענט I איינס, II צוויי און III א סך. אין דער עגיפּטישער שפּראַך זיינען אויך פערבליבען דריי צאָהלען פון נאַמענסווערטער: איינצאָהל, דאָפּעלצאָהל און דרייצאָהל, וועלכע איז אויך גערעכענט געווען פאַר מעהרצאָהל.

דיא צאָהל דריי איז דאַרום אָנגענומען געוואָרן ביי פיעלע פעלקער אַלס דער אָנפאַנג פון דער רעכנונגס-סיסטעם אויף דוצענס. קאָמבינירענדיג צוויי, דריי און צוויי מאָל צוויי אדער פיער איז מען געקומען צו דער העכסטער צאָהל צוועלף, וועלכע האָט מיט דער צייט אויך געקראָגען א בעזונדערן נאָמען. סמנים פון דער רעכנונג אויף דוצענס זיינען נאך ביז יעצט פערבליבען ביי אייראָפּעאישע פעלקער. צום ביישפּיעל: א פוס ווערט צוטהיילט אויף צוועלף צאָלל, אן ענגלי־שער שילינג אויף צוועלף פּענים, א. ז. וו. אין דייטשלאַנד האט מען אַמאָל אונטערשיידעט א הונדערט פון צעהנדליגע און א הונדערט פון דוצענס, וועלכע האָט געהייסען „גרויסהונדערט." אין דער דייטשער שפּראַך איז נאָך פערבליבען דער אויסדרוק: „ער קען קיין דריי צעה־לען", וואס מען קען אננעהמען פאַר א סימן פון דיא צייטען, ווען דיא צעהלונג איז אָנגעגאַנגען מיט דער צאָהל דריי.

פיעלע פעלקער זיינען א לאַנגע צייט געבליבען שטיין ביי דער צאָהל פינף אלס דיא העכסטע אין זייערע רעכענונגען. דאס ערקלערט זיך דערמיט, אז איין האַנט איז שטענדיג פערנומען געווען מיט פערביינגען דיא פינגער פון דער אַנדערער האַנט און אז עס האָט גע דויערט זעהר לאַנג איידער מענשען האבען זיך אָפּגעוואָהנט פון רעכנונגען אויף דיא פינגער. אָנפאַנגס פלעגט מען געוויינליך אָפּצעה־לען 5, פאַרביינענדיג איין פינגער נאָך דעם אַנדערן, און נאַכהער פלעגט מען ווייטער דורכמאַכען דיא זעלבע אָפּעראַציאָן. פריהער אָפּציילענ־

דיג דיא פינגער פון איין האַנד, נאָכהער פון דער אנדרער, האָט מען שוין געהאַט דיא צאָהל 10, וועלכע איז פערבליבען דער אָנפאַנג פון דער רעכנונגס־סיסטעם ביי אַלע ציוויליזירטע פעלקער. דיזע רעכ־נונגס־סיסטעם הייסט דיא דעצימאַלע (צעהנדליגע) און זיא שטאַמט פון דער אורשפּרונגליכער פינגער־צעהלונג.

דיא רוימישע אדער גלח'ישע ציפער, וועלכע זיינען געברויכט געוועזען אין וועסט אייראָפּאַ ביז דיא איינפיהרונג פון דיא יעצטיגע אַראַבישע ציפער אין 15־טען יאהרהונדערט, צייגען גאַנץ קלאָר, וויא דיא דעצימאַלע־סיסטעם פון צעהלונג האָט זיך ענטוויקעלט. I איז א צייכען פון איין פינגער, II—פון צוויי פינגער, III—פון דריי פינגער, IIII—פון פיער פינגער, V איז א פערקירצטע צייכנונג פון אַן אויסגע־שטרעקטע האַנט. נאָכהער פאָלגען דיא פינגער פון דער אַנדערער האַנט צום צייכען V ביז צעהן מיט דעם צייכען X, וועלכער איז א דאָפּעלטער V, איינער פון אויבען און דער אַנדערער פון אונטען. 10 איז געוואָרן אַן איינס פון א העכערע אָרדנונג, און אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען ווייטער, ווען מען האט בעדאַרפט מאַכען רעכ־נונגען מיט גרעסערע צאָהלען און מען האט זיך צוגעוואָהנט צו אַזעלכע חשבונות.

אין דער צייט, ווען 10 איז נאָך געוועזען דיא העכסטע צאָהל ביי רעכנונגען, האבען ווערטער פאַר 100 און 1000 אויסגעדריקט אַן אונבעשטימטע גרויסע צאָהל.—ערשט ביסלעכוויז האט מען געגור־מען בעגרייפען, אַז 1000 איז 10 מאָל 100 אדער 10 דריי מאָל גע'כפל'ט. דיא אַלטע גריכען האבען געברויכט דעם וואָרט מי־ריאַדאַ פיר צעהן טויזענד, נאַר דאס האט זיי שוין געשיינט דער גרענעץ פון אַלע רעכנונגען. דארום האט מיריאַדאַ צוגלייך בעדייטעט אַן אונגעהייערע צאָהל. פון א וואָרט „מיליאָן" האבען דיא אַלטע קולטור־פעלקער גאַר ניט געוואוסט.

צייכענס פאַר צאָהלען זיינען וואָהרשיינליך איינגעפיהרט געוואָרען, ווען דיא ערשטע בילדער־שריפטען זיינען ענטוויקעלט געוואָרען ביז צו א בעשטימטע היעראָגליפישע פאָרמע. אָבער ווען מען האט אָנגע־פאַנגען צו געברויכען אַלפאַבעטען, האט מען געוויינליך אויסגעקליבען

געווּיסע בוכשטאַבען צו בעצייכענען געווּיסע צאַהלען. אין דעם פיניקיש־העברעאישען אלפאַבעט האט יעדער בוכשטאַב אויך בעדייטעט א געוויסע צאַהל. דיא ציפער־צאַהל פון דיא אידישע בוכשטאבען איז יעדען לעזער גוט בעקאַנט. אונגעפעהר דאס זעלבע האָבען אויך געטאָן דיא גריכען מיט זייער אַלפאַבעט. נאַטירליך, דאס איז ניט געשעהען מיט איין מאָל, נאר ביסלעכווייז. צוערשט האט מען מיט דיא ערשטע 10 בוכשטאַבען בעצייכענט דיא איינסען, נאכהער האט מען אויסגעפונען, אז דיא רעכנונגען וועלען אָנגיין פיעל לייכטער און שנעלער, ווען מען וועט יעדען ווייטערן בוכשטאַב אָננעהמען אלס א ווייטערן צעהנדלינג, א. ז. וו. אויף אזא אַרט האט מען ביסלעכווייז געלערנט צו געברויכען אין רעכנונגען דיא צעהנער סיסטעם, וועלכע איז דיא בעסטע און בעקוועמסטע. קאָמבינירענדיג דיא ציפער־בוכשטאַבען האט מען געקענט צוזאמענשטעלען פערשיעדענע צאַהלען ביז א געוויסע סומע, וועלכע איז בעטראַכטעט געוואָרען אלס דער גרענעץ פון אלע פראַקטישע רעכנונגען. דיא רוימער האָבען אָנגענומען דיא בוכשטאַבען C און M צו בעצייכענען 100 און 1000, ווייל מיט זיי האבען זיך אָנגעפאַנגען דיא ווערטער Centum (הונדערט) און Mille (טויזענד).

צו אונזערע יעצטיגע רעכנונגען מיט צעהן ציפער זיינען ערשט מענשען דערגאַנגען גאָר ניט לאַנג צוריק. דיא איינפיהרונג פון דיא ציפער 0 צו בעצייכענען צעהנדליגע איז געווען א גרויסע ערפינדונג, א ריזען־שריט אויף דעם וועג פון גייסטיגען פראָגרעס. יעדערער וואס האט געלערנט דעם אָנפאַנג פון אריטהמעטיק ווייס, אז דיא פאָזיציאָן פון יעדער ציפער מאַכט איהר צאַהל 10 מאָל גרעסער אָדער קלענער. דאס שיינט אונז יעצט א קלייניגקייט און יעדענפאַלס א גאַנץ איינפאַכע זאַך; אבער אין אמת'ן איז מען דערצו געקומען נאך א זעהר לאַנגע גייסטיגע ענטוויקלונג און נאך לאַנגע פראָבעס מיט דיא אַלטע רעכנונגס־סיסטעמען. דיא אונבעקוועמליכקייטען פון דיא אַלטע רעכנונגס־סיסטעמען זיינען געוואָרען אַלץ גרעסער, וואס מעהר עס איז אויסגעקומען צו פערצייכענען און צוזאַמענצורעכענען גרויסע צאַהלען. עס איז דארום גאַנץ נאַטירליך, אז וואס ווייטער קולטור־פעלקער האָבען זיך ענטוויקעלט, אַלץ מעהר האבען זיי געזוכט

צו פעראיינפאכען און צו ערלייכטערן דיא סיסטעם פון רעכנונגען דורך ספעציעלע צייכענס און צוזאמענשטעלונגען פון דיזע צייכענס אין א בעשטימטער אָרדנונג. מען האט שליסליך געמוזט קומען צו דער ריכטיגער דעצימאלער סיסטעם. נאר דער וואס האט דער ערשטער איינגעפיהרט דיזע סיסטעם איז געוויס געווען איינער פון דיא גרעסטע געניאלע מענשען, וועלכע עס זיינען ווען עס איז בעשאפען געוואָרען.

וואס פאר א פאלק עס האט צוערשט ערפונדען דיא נייען ציפער־צייכענס מיט דעם נול, ווייס מען נאך ניט פאָזיטיוו. נאך דיא לעצטע נאכפאָרשונגען זיינען עס געווען דיא בראמינען אין אינדיען וועלכע האבען זיך בעשעפטיגט מיט רעכנונגען פון גרויסע צאָהלען. זיי זיינען יעדענפאלס דערגאנגען צום געברויך פון נול. נאר דיא כינעזער האבען אויך אויסגעפונען א ספעציעלען צייכען פאר צעהנדליגע און האבען אויסגעארבייט א צימליך איינפאכע ציפער־סיסטעם. געוויינליך ווערט גערעכענט, אז דיא אראבער זיינען געווען דיא ערפינדער פון אונזערע יעצטיגע ציפער. דיזע ציפער טראָגען יעצט דעם נאמען אראבישע. דער וואָרט ציפער איז אַן אראבישער און בעדייטעט: פוסט. מיט דיזען וואָרט האָבען דיא אראבען בעצייכענט דעם נול, אבער ער איז אָנגענומען געוואָרען אין אלע אייראָפעאישע שפראכען פאר אלע 10 צאָהל־צייכענס.

מען רעכענט אז דיא אראבען האבען איבערגענומען דיא ציפער אין אינדיען, וואו מען האט זיי ערפונדען ארום דעם אנפאנג פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג. נאר אויב זיי האבען דיא ציפער ניט אליין ערפונדען, האבען זיי יעדענפאלס פיעל אויסגעבעסערט און פעראיינפאכט דיא סיסטעם פון דיא דעצימאלע רעכנונגען מיט דיא 10 צייכענס און האבען דיזע סיסטעם פערשפרייטעט אין אייראָפא. אין דעם קען קיין שום צווייפעל ניט זיין. ארום דעם עלפטען יאהרהונדערט האבען דיא אראבען אין שפאניען, וועלכע האבען אזוי פיעל אויפגעטאָן פיר דיא פערשפרייטונג פון וויסענשאפטען אין אייראָפא, אויך איינגעפיהרט דיא יעצטיגע ציפער־סיסטעם אין זייערע בעריהמטע אוניווערזיטעטען, וואוהין מען פלעגט קומען לערנען פון אלע עקען

וועלט. פון שפאניען זיינען דיא אראבישע ציפער ביסלעכוויז פערשפרייטעט געוואָרן אין פראנקרייך און דייטשלאנד, וואו מען האט נאך געברויכט דיא גלח'ישע ציפער ביז דעם 16־טען יאהרהונדערט. אין ענגלאנד זיינען דיא אראבישע ציפער אריין אין אלגעמיינען געברויך ערשט אין 17־טען יאהרהונדערט.

דיא צייכענס פאר אראבישע אדער דעצימאלע ציפער האָבען זיך נאטירליך געענדערט מיט דער צייט ביז זיי האבען געקראָגען זייער יעצטיגע פאָרמע.

דיא מאָסען, וועלכע מענשען האבען אנגעפאנגען צו בענוצען, זיינען ענטשטאנען דורך א פערגלייך מיט ארומיגע זאכען און מייסטענס מיט דיא מענשליכע גליעדער זעלבסט. דיא ערשטע מענשען האָבען נאטירליכערוויזע געמאָסטען דירעקט מיט זייערע גליעדער, און ווען מאָסען האבען זיך מיט דער צייט געענדערט, האָבען זיי דאָך אָנגעהאלטען זייערע אורשפרונגליכע נעמען נאך דיא מענשליכע גליעדער, וויא אייל, פוס, א. ז. וו. אזוי וויא מענשען זיינען ניט גלייך גרויס, זאָ האט מען מיט דער צייט געמוזט אָננעהמען א דורכשניטליכע מאָס און איהר מאכען פאר א שטענדיגע. דיא געברויכליכסטע מאָס איז איבעראל געווען דער אייל. מען האט געוויינליך אונטערשיידעט לאנגע און קורצע איילען נאָך דער לייננ פון דעם מעסטער'ס אָרעמס. אין סודאן פארקויפט מען יעצט לייוועגט אויף'ן נאטירליכען אייל. דער קויפער בעטראכט פריהער דיא לייננ פון דעם פערקויפער'ס אָרעם און באָט איהם אָן א גרעסערען אדער א קלענערן פרייז אין פראָפּאָרציאָן צו דער לייננ פון דעם עלענבויגען. אין דיא ערטער אבער, וואו דער האנדעל איז געוואָרן גרעסער, האָט מען אנגעפאנגען צו געברויכען א שטיקעל האָלץ אונגעפעהר אזוי לאנג וויא אָן עלענבויגען. דיזע שטיקעל האָלץ האט גערינט אנשטאָט דיא האנט פון דעם פערקויפער, אום איהם צו ערלייכטערן דיא ארבייט פון מעסטען ארום זיין עלענבויגען. מיט דער צייט האט מען נאטירליך געזעהן, אז דיא שטיקעל האָלץ זאל האבען א בעשטימטע מאָס אין יעדען האנדעלס־אָרט. דורך דעם זיינען ענטשטאָנען שטענדיגע מאָסען אין אלע לענדער. נאר דער אייל פון איין לאנד איז ניט געווען

גלייך צו דעם אייל פון אן אנדער לאנד. צום ביישפיעל: דער אייל פון מצרים איז געווען 524 מילימעטער לאנג, דער פראנקפורטער אייל —540 מילימעטער, דער עסטרייכער — 780 מילימעטער, א. ז. וו.

פיר קלענערע מאָסען האָבען געוויינליך געדיענט דיא ברייט פון דער האנט, דער גראָבער פינגער (אונגעפעהר א צאָלל), דער נאָגעל. דיא גרעסטע קערפּער־מאָס איז געווען דיא גאנצע לענג פון דעם מענשען, וועלכע איז אונגעפעהר גלייך צו דיא שטרעקע צווישען דיאביידע ענדען פון דיא הענט ווען מען ציהט זיי אויס אין ביידע זיי־טען פון קערפּער. דיזע לענג איז עס דער קלאַפטער.

ערד פלעגט געמאָסטען ווערן דורך שריט אדער, ווען מען האט בעדאַרפט זיין פינקטליכער, דורך דיא לענג פון דיא פיאַטעס. גרעסערע ווייטקייטען האָט מען געמאָסטען דורך „טעג" אדער אין אלגעמיינען דורך דיא צייט, וואס עס האט געדויערט צוצוקומען פון איין אָרט צו אן אנדערן צו־פוס אדער רייטענדיג. וואס ווייטער צוריק אין דער פערגאַנגענהייט, אלץ פערשיעדענער זיינען געווען דיא מאָסען. ביי דיא אלטע גערמאַנען איז, צום ביישפּיעל, גערעכענט געווען פאר א מאָס דיא ווייטקייט, וואס א פייל אָדער א האק לויפט דורך ביי'ן שליידערן. עס איז אויך געווען א מאָס, וואס מען האט גערופען „לולקע". מען האט נעמליך גערעכענט דיא צייט, וואס עס דויערט אויסצורויכערען א לולקע.

דיא מאָס מייל איז איבערגענומען געוואָרן ביי דיא רוימער, וועלכע האָבען איהר געגעבען דיא לענג פון 1000 דאָפּעלטע שריט. דערפון שטאמט עס דער נאָמען mille, וועלכע בעדייטעט טויזענד.

וואס אָנבעלאנגט צו דער מעטרישער אדער דעצימאַלער מאָס סיסטעם, איז זיא ערשט איינגעפיהרט געוואָרן אין פראנקרייך וועה־רענד דיא גרויסע רעוואָלוציאָן אם ענדע פון 18־טען יאהרהונדערט. יעדע פראָנצויזישע פּראָווינץ האָט דאן געהאט איהרע וואָגען און מאָסען, און אום איינצופיהרען איין בעשטימטע און ריכטיגע מאָס אין גאנצען לאנד, האָט דיא נאַציאָנאַלע פערזאמלונג אדער פּאַרלאַ־מענט איבערגעגעבען דיזע וויכטיגע ארבייט צו דער אקאַדעמיע פון וויסענשאַפטען. דיא געלעהרטע מעשען (Mechain) און דעלאמבר (Delambre) האבען געקראָגען דעם אויפטראַג פון דער אקאַדעמיע

אויסצומעסטען דיא לענג פון א פערטעל מערידיאַן (מערידיאַן הייסט א קרייז ארום דיא ערד דורך דיא צוויי פּאָלען), אום צו קריגען אזא נאטור־מאָס וואס זאל אייביג פערבלייבען דיא זעלבע. א צעהן־מיליאָנטעל טהייל פון דיא לענג פון דעם געמאָסטענעם פערטעל מערידיאַן האָט מען אויסגעקליבען אלס דיא גרונד־מאָס און מען האט עס א נאמען געגעבען מעטער. וויא בעוואוסט, זיינען אלע פערטהיילונגען פון דיזער גרונד־מאָס, סיי גרעסערע סיי קלענערע, דעצימאלע, וואס עס איז זעהר בעקוועם פאר רעכנונגען. דיזע סיסטעם איז א ריין־וויסענשאפטליכע און א זעהר לייכטע. צוליעב איהר גע־נויאיגקייט און בעקוועמליכקייט האט מען איהר שוין אָנגענומען אין פיעלע לענדער, און עס קען קיין צווייפעל ניט זיין, אז זיא וועט אין א גיכער צוקונפט איינגעפיהרט ווערן אין דער גאַנצער וועלט.

צוועלפטער קאַפּיטעל.

דיא ענטשטעהונג פון א גלויבען אין גייסטער.

דער אַלגעמיינער זינען פון רעליגיאָן. — ווילדע פעלקער אָהן רעליגיאָנען. — פערשיעדענע מיינונגען וועגען דיא רעליגיאָן פון דיא ווילדעסטע פעלקער און דיא אורזאַכען דערפון. — קיין איינגעבאָרענער רעליגיעזער געפיהל. — אַרכעאָלאָגישע בעווייזע, אז דיא ערשטע מענשען האבען קיין שום רעליגיאָן ניט געהאַט. — דיא מענשליכע דענקונגס־קראַפט און איהרע געזעץ. — עהנליכקייט פון דענקען און פון רעליגיעזע גלויבענס ביי ווילדע פעלקער. — דיא אונבעוואוסטע גייסטיגע אַרבייט און חלומות. — טרוימען און אילוזיאָנען פון ווילדע. — חלומות און דער בעגריף פון גייסטער.

יעצט בלייבט אונז נאָכצופאָרשען דיא גייסטיגע ארבייט פון מענשען, וועלכע האט זיך ארויסגעוויזען אין דעם וואס מען בעצייכענט מיט דעם אלגעמיינעם וואָרט רעליגיאָן. דיזע ארבייט איז געווען א זעהר לאַנגע, קאָמפּליצירטע און וויכטיגע זייט מענשען האָבען אָנגעהייבען נאָכצודענקען וועגען דיא נאַטור ארום זיי. אלע גייסטיגע פעהיגקייטען פון מענשען זיינען געווען אם ענגסטען פערבונדען מיט זייערע רעליגיעזע אנזיכטען. אויף געוויסע קולטור־שטופען ווערט דער גאַנצער לעבען פון פעלקער רעגולירט פון זייער רעליגיאָן. פון זיין

געבורט ביז זיין טויט איז יעדערער געוועזן איינגעשלאָסען אין פעסטע רעליגיעזע קלאַמערן, פון וועלכע ער האט זיך ניט געקענט ארויסרייסען און האט אויך ניט געזוכט זיך ארויסצורייסען.

וואס מען זאָל ניט דיינקען וועגען רעליגיאָן ביי ציוויליזירטע פעלקער, מוז מען דאָך צוגעבען, אז ביי פעלקער אויף אלע נידריגערע קולטור־שטופען זיינען רעליגיאָנען געוועזן צוגלייך גאָטעסדיענסט, מאָראל, געזעצגעבונג, וויסענשאַפט און פילאָזאָפיע. נאך יעצט האט דער וואָרט רעליגיאָן דיא בעדייטונג פון אמונה, גאָטעסדיענסט, פרומקייט, הייליגקייט, מאָראַליטעט, געטליכקייט. אָפט געברויכט מען אויך יעצט דעם וואָרט רעליגיאָן, ווען מיר ווילען אויסדריקען א שטאַרקען גלויבען אין זאכען און מיינונגען, וואָס האָבען מיט א גאָט גאָר ניט צו טאָן. דער וואָרט רעליגיאָן שטאַמט פון א לאַטיינישען צייטוואָרט, וואס בעדייטעט: צובינדען. צוערשט האט מען מיט דיזען וואָרט בעצייכענט בלויז דיא בעציהונגען פון מענשען צו גייסטער אָדער געטער, וואס פאר נעמען זיי האָבען ניט געטראָגען. אין דיזען אַלגעמיינען זינען וועלען מיר אויך דאָ געברויכען דיזען וואָרט. יעדענפאלס איז דער גרונד פין יעדער רעליגיאָן, אפילו אונטער דיא ווילדעסטע מענשען, א גלויבען אין איבערנאַטירליכעס, אין עפּעס אזעלכעס, וואס שטייט אויסערהאַלב דעם מענשען און וואס האָט דאָך א מעכטיגע ווירקונג אויף אלע זיינע האנדלונגען, אויף זיין גאַנצען לעבען.

וויא אזוי אָבער האבען מענשען געקראָגען אזא גלויבען? איז עס ווירקליך אַן איינגעבאָרענער געפיהל ביי מענשען, וויא פיעלע, בעזאָנדערס גייסטליכע, האבען עס בעהויפּטעט און בעהויפּטען עס נאָך יעצט, אדער איז עס ענטשטאַנען דורך געוויסע אייגענשאַפטען פון דעם מענשליכען גייסט און דורך בעשטימטע נאַטירליכע ערשיינונגען, וויא געלעהרטע נאַכפאָרשער בעווייזען עס? מיט דיזער פראַגע איז ענג פערבונדען אַן אַנדערע, נעמליך: גיבט עס אָדער האט עס ווען עס איז געגעבען אזא ווילדער שטאַם, וואס זאל קיין שום בעגריף ניט האבען פון אירגענד וועלכען רעליגיעזען גלויבען אזוי וויא חיות?

לאמיר זעהן, וואס א גרינדליכע נאַכפאָרשונג פון דיא רעליגיאָנען פון דיא ווילדעסטע פעלקער ענטפערט אויף דיזע פראַגען.

עס איז קלאָר, אז ווען מען זאָל געפינען א ווילדען שטאַם אָהן שום רעליגיאָן, וואָלט שוין דערמיט אליין בעוויזען געוואָרען, אז דער רעליגיעזער געפיהל איז ניט איין איינגעבאָרענער געפיהל ביי מענשען, אז מענשען אונטערשיידען זיך ניט אין דיזער בעציהונג פון חיות. אזא ווילדען שטאַם האבען רייזענדע געזוכט און געאַקערט אויף דער גאַנצער ערד, און פיעלע רייזענדע און אפילו מיסיאָנערען האבען בעהויפּטעט, אז זיי האבען אזעלכע ענטדעקט; אבער נאָך גרינדליכערע נאַכפאָרשונגען האָט מען עס אפּגעשטריטען. אונענדליכע ויכוחים זיינען אָנגעפיהרט געוואָרן און ווערן נאָך אָנגעפיהרט וועגען דיזען העכסט אינטערעסאַנטען און וויכטיגען פונקט. דיא אורזאַכע דערפון ליעגט ניט בלויז אין דעם, וואס עס זיינען שוין יעצט ניטאָ ווילדע פעלקער אויף אזא נידעריגער שטופע, וויא דיא ערשטע מענשען זיינען געוועזען, זאָנדערן אויך אין דיא מיינונגען, אנזיכטען און גלויבענס פון דיא נאַכפאָרשערס זעלבסט. עס פארשטייט זיך, אז א מיסיאָנער אדער א גלויביגער רייזענדער וועט אין זיינע בעטראַכטונגען און נאַכפאָרשונגען ארויסגיין פון א גאַנץ אַנדערן שטאַנדפונקט וויא איין אונגלויביגער אָדער א גאַנץ אונפּארטייאישער געלעהרטער. דיא רעזולטאַטען פון זייערע נאַכפאָרשונגען וועלען דארום זיין גאַנץ פערשיעדענע, וויא דאס איז אויך דער פאַל אין דער ווירקליכקייט. ווייטער איז עס פאר א ציוויליזירטען מענשען סתם זעהר שווער צו בעגרייפען דיא דענקונגס־אַרט און דיא גלויבענס פון ווילדע. מען דאַרף יאָהרענלאַנג לעבען אונטער ווילדע און גוט אויסלערנען זייער שפּראַך, אום צו קענען בעגרייפען זייערע רעליגיעזע בעגריפע, זייערע מיינונגען וועגען דיא נאַטור און וועגען א׳ן אויסער־נאַטירליכע וועלט. פון ערשטען בליק קען עס אויסווייזען, אז ווילדע האבען ניט דעם מינדעסטען אָנפאַנג פון א רעליגיאָן; אבער נאַכהער, ווען מען ערלערנט זייער שפּראַך און מנהגים, זעהט מען איין, אז מען האט א טעות געהאַט, אז זיי גלויבען דאָך אין עפּעס איבערנאַטירליכעס און האבען א געוויסען גאָטעסדיענסט.

צום ביישפּיעל: פיעלע רייזענדע דערציילען, אז ווען זיי האבען געפרעגט ווילדע, ווער עס האט געשאַפען דעם הימעל, האבען דיא ווילדע געענטפערט, אז זיי ווייסען עס ניט און האבען וועגען דעם קיין מאָל ניט

געדענקט. דיזע רייזענדע האבען דארום ערקלערט, אז זיי האבען גע־פונען ווילדע, וואס האבען קיין בעגריף פון רעליגיאָן. עס איז אבער בעוויזען געוואָרן, אז דיא זעלבע ווילדע גלויבען אין גייסטער, אז זיי האבען זאָגאר א געוויסען צערעמאָניאל, וויא צו פערעהרען דיא גייסטער, אום דיזע גייסטע זאלען זיין גוט צו זיי. דיא רייזענדע האבען אלזאָ א טעות געהאט, און זייער טעות איז איינפאך געקומען דורך דעם, וואס זיי האבען געשטעלט דיא ווילדע צו אלגעמיינע פראַ־גען, אויף וועלכע דיא ווילדע האבען ווירקליך ניט געקענט ענטפערן. דיא רייזענדע האבען ניט גענומען אין אנבעטראכט דעם גייסטיגען צושטאנד פון דיא ווילדע, מיט וועלכע זיי האָבען זיך צוזאמענ־געטראָפען. א ווילדער קען גאר קיין אהנונג ניט האָבען וועגען א גאָט וואס האט בעשאפען דעם הימעל און דאך גלויבען אין בייזע און גוטע גייסטער. דאס צייגט בלויז, אז זייערע רעליגיעזע אנזיכטען זיינען נאך פערבליבען אויף א נידעריגער שטופע, אבער דאס הייסט ניט, אז זיי האבען גאר קיין רעליגיאָן ניט. מאנכע קריסטליכע מיסיאָ־נערען האבען בעטראכטעט דיא גלויבענס פון ווילדע פעלקער אין גייסטער און געצקעס פאר באָבע־מעשיות און האָבען דארום ערקלערט, אז דיזע פעלקער האָבען גאָר קיין רעליגיאָן ניט. אבער דיזע גלויבענס זיינען אין דער ווירקליכקייט געווען דיא גאנצע רעליגיאָן פון דיזע ווילדע פעלקער.

ווען מען זאל אורטהיילען וויא דיזע מיסיאָנערען, דאן בלייבט צו זאָגען, אז א רעליגיאָן האָבען נאר דיא פעלקער, וועלכע גלויבען אין אלגעמיינע געטער אָדער אין איין גאָט. דאס איז אבער איינפאך אן אונזין, דען דער גרונד פון יעדער רעליגיאָן, פון דער העכסטער ביז צו דער נידעריגסטער, בלייבט שטענדיג א גלויבען אין איבערנאַ־טירליכעס, אין א וועלט אויסערהאלב דיא דאָזיגע, וועלכע מיר פיהלען און בעגעהמען מיט אונזערע פינף חושים.

דיא יאַגהאַנען פון פייערלאַנד, וועלכע זיינען זעהר נידעריגע ווילדע, זיינען ערקלערט געוואָרען פון רייזענדע אלס א שטאם אָהן א רעליגיאָן. אָבער דיזע ווילדע האָבען א גאנצען צערעמאָניאל און פיעלע אָבערגלויבענס. זיי גלויבען, צום ביישפיעל, אז דיא האָאָר,

וואס פאַלען ארויס פון זייערע קעפּ, דארף מען פערברענען, זאָנסט וועט מען קראַנק ווערן; זיי גלויבען, וויא דיא מייסטע ווילדע פעלקער, אז דעם נאָמען פון א טויטען דארף מען ניט דערמאָנען, זאָנסט וועט זיין גייסט קומען און מיטברייינגען א מגפה; זיי גלויבען, אז יונגע קאַטשקעס דארף מען ניט טויטען, זאָנסט וועט זיין א שלעכטער וועטער, א. ז. וו. האבען דען ניט דיא ציוויליזירטעסטע פעלקער עהנליכע גלויבענס? דורך דעם וואָס מיר רופען עס אבערגלויבען ווערט דאָך דער פאַקט פון גלויבען ניט גענענדערט. יעדער אבערגלויבען פערבלייבט דאָך א גלויבען אין איבערנאַטירליכעס, א גלויבען אין עטוואָס וואס שטייט אויסערהאַלב אונז און בעהערשט אונזער שיקזאַל. אזוי איז דאס אויך דער פאַל מיט אַנדערע גלויבענס פון דיא ווילדעסטע פעלקער, וועגען וועלכע מען האָט בעהויפּטעט, אז זיי האָבען קיין רעליגיאָן.

אבער ווען מיר זאָלען צוגעבען, אז יעצט עקזיסטירט שוין גאָר קיין פאָלק ניט אָהן א געוויסע רעליגיאָן, קען מען נאָך דערפון אויף קיין פאַל ניט דרינגען, אז אזוי איז עס אלע מאָל געווען, אז מענשען ווערען געבאָרען מיט א רעליגיעזען געפיהל. מיר וועלען דאָ לאָזען אָן א זייט דעם בעווייז, אז עס זיינען דאָ מאַסען אונגלויביגע אָדער אטהעאיסטען אויף דער וועלט. וואס פרומע לייט זאָלען ניט דיינקען וועגען אטהעאיסטען, אבער דאס מוזען זיי דאָך יעדענפאַלס צוגעבען, אז אזעלכע מענשען בעזיצען ניט איין איינגעבאָרענעם רעליגיעזען געפיהל. דער פאַקט, אז רעליגיאָנען האָבען זיך זעהר לאַנגזאַם ענטוויקעלט פון נידעריגערע אין העכערע, וויא מיר ווילען עס זעהען אין דיא ווייטערע קאַפּיטלען, צייגט אָן, אז אמאָל האָט בעדאַרפט זיין אזא צושטאַנד, ווען מענשען האָבען דערפון קיין בעגריף ניט געהאַט. דיא ארכעאָלאָגיע ליפערט אונז דערצו בעשטימטע בעווייזע.

אין אָנפאַנג פון אונזער קולטורגעשיכטע האבען מיר שוין אָנגעוויזען, אז אין זיד־פראַנקרייך האט מען געפונען היילען, וואו מענשען האבען געלעבט נאָך מיט מיליאָנען יאָהרען צוריק, ווען אייראָפּא איז געווען בעדעקט מיט אייז, און נאָך פריהער, ווען אייראָפּא האט געהאַט א טראָפּישען קלימאַט. אין דיא ארכעאָלאָגישע מוזעאומס

געפינען זיך טויזענדע שטיינערנע און ביינערנע געצייג און צאַצקעס פון דיזע מענשען, אָבער אונטער זיי איז ניטאָ קיין איינציגע זאַך, וואס זאל אָנצייגען, אז זיא האט געקענט דיענען צו א רעליגיעזען צוועק, וויא א קמיע, צויבערמיטעל, געצקע, א. ז. וו. אין דיא היילען וואו מען האָט געפונען דיא ביינער פון דיא דאַמאַלסדיגע מענשען, האט מען ניט בעמערקט קיין שום צייכען פון בעערדיגונגס־צערעמאָניעס, וויא אין דיא שפּעטערע צייטען, ווען עס האט זיך אָנגעפאנגען דער נעאָליטישער אדער פּאָלירטער שטיינערנער פּעריאָד. דער בעריהמטער פראנצויזישער ארכעאָלאָג Mortillet איז דארום געקומען צום שלוס, אז דיא מענשען פון אייז־פּעריאָד האבען נאך קיין שום רעליגיעזען בעגריף ניט געהאט.

דיא לינגוויסטיק פיהרט אויך צו דעם זעלבען שלוס, דען ווען מען פאָרשט נאך דיא היילינע ווערטער פון אלטע שפּראכען, געפינט מען, אז דיזע ווערטער זיינען אָנפאנגס געברויכט געווען צו בעצייכנען גאנץ איינפאכע זאכען, וואס האבען קיין שום שייכות ניט געקענט האבען מיט רעליגיעזע בעגריפע. דערפון דרינגט מען, אז ווען דיא ערשטע מענשען האבען זיך שוין בענוצט מיט אן ארטיקולירטע שפּראך, האבען זיי נאך קיין רעליגיאָן ניט געהאט.

אבער ווען מענשען בעזיצען ניט אן איינגעבאָרענעם רעליגיעזען געפיהל, איז דאָך דיא פראגע, וויא אזוי זיינען ביי אלע פעלקער ענטשטאנען רעליגיאָנען, וועלכע זיינען ניט נאר עהנליך איינע צו דיא אנדערע אויף דיא זעלבע קולטור־שטופען, זאָנדערן האבען אלע איין פונדאמענט. ווארום האבען מענשען איבערהויפּט אָנגעפאנגען צו גלויבען אין א גייסטער־וועלט? וואס האט זיי געפיהרט דערצו? פון וואנען האָבען זיך גענומען זייערע גלויבענס?

דיא אנטוואָרט אויף דיזע פראגען דארפען מיר זוכען צוערשט אין דער נאַטור פון מענשען, בעזאָנדערס אין דיא גרונד־געזעץ פון מענשליכען דענקען. אלע געלעהרטע נאכפאָרשער וועגען דעם אורשפּרונג פון רעליגיאָנען קומען אלץ מעהר צום שלוס, אז דיזער אורשפּרונג געפינט זיך אין דער ארט און וויזע, וויא דער מענש פיהלט און קריעגט בעגריפע פון זאכען. מיט אנדערע ווערטער הייסט

עס, אז מיר מוזען זיך ווענדען צו דער וויסענשאַפט, וואס הייסט פסיכאָלאָגיע (פון דיא גריכישע ווערטער פ ס י כ ע—אָטהעם, נשמה, ל אָ ג אָ ס — וואָרט) און וואָס בעשעפטיגט זיך מיט דעם, וויא אזוי מענשען פיהלען און דיינקען. דיזע וויסענשאַפט בעווייזט, אז אַלע מענשען דיינקען נאָך דיא זעלבע געזעץ און אז דיזע געזעץ זיינען אזעלבע שטרענגע, אז מיר קענען זיי ניט ענדערן מיט דעם, וואס מיר רופען: פרייער ווילען. דער מענשליכער גייסט שיינט צו זיין א מאַשינע, וואס מוז פיהרען צו דיא זעלבע בעגריפע און געדאַנקען אונטער דיא זעלבע אומשטענדען.

אונזערע אידעען ענטשטעהען דורך דיא איינדריקע אויף דיא נערוועז פון אונזערע פינף חושים. דער גרונד פון דעם, וואס מיר רו־פען נשמה, ליעגט אין אונזערע נערוועז. ווען זיי ווערען אָבגעשוואַכט, ווערט אָבגעשוואַכט אונזער דענקונגס־קראַפט, ווען זיי פערלירען זייער עמפפינדליכקייט אויפצונעהמען דיא איינדריקע פון דער אויסערער וועלט, ווערען מיר אָפגעשטאָרבענע. צום ביישפיעל: מיר זעהן, ווייל דער אויגען־נערוו נעהמט אויף דיא איינדריקע פון שיין. ווען ער פער־לירט דיזע פעהיגקייט, ווערן מיר בלינד. אזוי איז עס אויך מיט דיא נערוועז פון דיא איבריגע חושים. אונטער געוויינליכע אומשטענדען פון מענשען לעבען זיינען דיא איינדריקע אויף אונזערע נערוועז זעהר עהנליך. דארום זיינען אונזערע אידעען, צו וועלבע דיזע איינדריקע פיהרען, אויך עהנליך. דער רעזולטאַט דערפון איז, דאָס ווען מענ־שען געפינען זיך אין דעם זעלבען צושטאַנד, מוז אויך זייער גייסטיגע ארבייט אדער דאָס דיינקען זיין עהנליך.

וויא אמת דאָס איז, זעהט מען בעזאָנדערס ארויס, ווען מען פאָרשט נאָך דיא רעליגיאָנען פון דיא ווילדעסטע פעלקער. זיי זיינען אַלע אזוי עהנליך, אז פון ערשטען בליק קען מען מיינען, דאָס איין שטאַם האט זיי איבערגענומען ביי דעם אַנדערן. מיר ווייסען אבער, אז דיזע שטאַמען האבען קיין שום שייכות ניט געהאט איינע מיט דיא אַנדערע און האָבען אויך קיין שייכות ניט געקענט האָבען, ווייל זיי זיינען געווען אָפגעזונדערט דורך אָקעאַנען. דיא ווילדע אין צענ־טראַל־אפריקאַ, אין אויסטראַליען, אין אַמעקירא האָבען געוויס קיין

מאָל קיין פערקעהר ניט געהאט איינע מיט דיא אנדערע. און דאָך וואַרפט זיך דיא עהנליכקייט פון זייערע רעליגיאָנען אין דיא אויגען.

דיא אורזאַכע פון דיזער עהנליכקייט מוז אלזאָ זיך געפינען אין דיא מוחות פון דיא מענשען, אין זייער אַרט א״ן ווייזע פון דיינקען.

„דיא ערשטוינענדע עהנליכקייטען, דיא פאָלקאָמענע גלייכניסע, שרייבט דער בעוואוסטער אמעריקאַנער ארכעאָלאָג און לינגוויסט דאַניעל ברינטאָן אין זיין בוך „רעליגיאָנען פון ערשטע פעלקער“, —וועלכע צייגען זיך שטענדיג ארויס אין דיא מיטהען (פאַבעלהאַפטע געשיכטען, באָבע־מעשיות) און אין דיא צערעמאָניעס ביי פעלקער, וואָס זיינען אָבגעטהיילט איינע פון דיא אנדערע דורך אָקעאַנען און גרויסע לענדער, האָט מען אָנגענומען אלס א בעווייז פון געמיינשאַפטליכע אָפּשטאַמונג אדער פון איבערוואַנדערונג. אין אמת׳ן אבער זיינען דיזע עהנליכקייטען נאר א בעווייז פון דיא פונדאַמענטאַלע איינינקייט פון דעם מענשליכען גייסט און פון זיינע ווירקונגען. וואו מיר זאָלען זיך ניט קעהרען און ווענדען צו דיא ערשטע און איינפאַכסטע רעליגיאָנען פון דער וועלט, געפינען מיר, אז זיי בעשעפטיגען זיך כמעט מיט דיא זעלבע זאַכען אויף כמעט דיא זעלבע אַרט. דיא פערשידענהייטען קומען נאר דורך לאָקאַלע און צייטווייליגע אורזאַכען.“

דיא פּסיכאָלאָגיע לערנט אונז ווייטער, אז ניט אלע איינדריקע פון אונזערע נערוועז רופען זיך אָפּ אין אונזער מאַרך אויף אזא אַרט, אז מיר זאָלען גלייך ווערן בעוואוסט דערפון. דער גרעסטער טהייל פון אונזערע איינדריקע זיינען אזעלכע, וואס מען רופט בעוואוסטלאָזע, דאס הייסט, וואס ווערן ערגעץ פערצייכענט אין אונזער מאַרך אזוי, אז מיר האבען נאָך קיין אהנונג דערפון, אז מיר געדיינקען עס ניט. אונזער גייסט ארבייט שטענדיג, אבער זעהר אָפט אָהן אונזער בעוואוסטזיין. טויזענדע קליינינקייטען ווירקען אויף אונזערע נערוועז, און מיר ווייסען גאר ניט דערפון ביז מיט אמאָל ווערן מיר געוואָהר פון זאַכען, פון וועלכע מיר האבען בעוואוסטערהייט גאר ניט געטראַכט. ניט זעלטען האט עס געטראָפען, אז דיא

גרעסטע ערפינדונגען, דיא בעסטע קונסט־ווערק, דיא שווערסטע מאַ־טעמאַטישע רעכנונגען זיינען ענטשטאַנען דורך דיזע אונבעוואוסטע אדער אָטאָמאַטישע אַרבייט פון אונזער גייסט. מיר ווערן בעאייג־פלוסט פון זאכען, וועגען וועלכע מיר קענען זיך קיין קלאָרע רעכנונג ניט אָפּגעבען, מיר האבען ליעב און פיינט זאכען אליין ניט וויסענדיג קלאָר ווארום דאס איז אזוי. א סך איינדריקע ווערן און גאַנצען פערלאָרען, דאס הייסט: מיר פערגעסען אָן זיי, ווייל זיי שפּיגלען זיך ניט אָפּ אין דעם טהייל פון אונזער מאַרך, וואס ברייננגט זיי צו אונזער בעוואוסטזיין. אַנדערע אונבעוואוסטע איינדריקע רופען זיך אָבער אָפּ, און אָפט אזוי שטאַרק, אז זיי שיינען אונז עפּעס וויא א וואונדער, וויא אַן אָ פּ ע נ ב אַ ר ו נ ג, א ג ע ט ל י כ ע ר פ ו נ ק.

מיר וועלען זיך נאָך צוריק קעהרען צו דיזע מערקווירדיגע אייגענשאַפט פון אונזער גייסט, ווען מיר וועלען ריידען וועגען דיא אַלערליי פאָרמען פון כשוף־מאַכעריי, שדים־טרייבענעס, פערבינדונגען מיט דער גייסטער־וועלט, א. ז. וו. יעצט וועלען מיר אָנצייגען, אז דיזע אונבעוואוסטע גייסטיגע אַרבייט האט אימער געשפּיעלט און שפּיעלט נאָך יעצט דיא גרעסטע ראָלע אין דער ענטשטעהונג פון רעליגיאָנען און אין דער פערשפּרייטונג פון רעליגיעזע גלויבענס.

איינע פון דיא וויכטיגסטע פעלע, ווען דיא בעוואוסטלאָזע אַרבייט פון אונזער גייסט לאָזט זיך פיהלען, איז ווען מיר ט ר ו י מ ע ן. יעדערער וויים פון אייגענע ערפאַהרונג, אז אין חלום שטעלען זיך אונז פאָר זאכען, פון וועלכע מיר האבען גאר ניט געדענקט אויף דער וואָהר. געוויינליך קומען פאָר חלומות, ווען מיר שלאָפען ניט שטאַרק, ווען מיר דרעמלען. דער אָטאָמאַטישער מעכאַניזמוס פון אונזער גייסט ווירקט דאַן. דיא איינדריקע, וועלכע דרעמלען, זאָ צו זאָגען, אין אונזער מאַרך, טרעטען ארויס אין אונזער שלאָף מיט מעהר אָדער ווייניגער קראַפט, און מיר זעהען זאכען, וועלכע וואונ־דערן אונז ניט ווילענדיג, ווען מיר עפענען דיא אויגען. אבערגלויבישע מענשען דיינקען נאָך דארום יעצט, אז אין שלאָף האָבען מיר עפּעס אַן אנדער נשמה. דער אמת איז אָבער, אז דיא בעוואוסטלאָזע אַרבייט פון אונזער גייסט, וועלכע הערט קיין מאָל ניט אויף זאָלאַנג

אונזערע נערוועז בלייבען עמפפינדלעך צו איינדריקע, נעהמט דיא אויבערמאכט איבער אונזער בעוואוסטע גייסטיגע ארבייט, וועלכע גייט נאָר אָן ווען מיר זיינען אויף דער וואַך און שטרענגען זיך אָן— גראַדע דעריבער ווייל מיר שלאָפען, דאָס הייסט: ווען מיר געפינען זיך אין א בעוואוסלאָזען צושטאַנד. וויא ווילד און משונה׳דיג א טרוים זאָל ניט זיין, האט ער דאָך א פערבינדונג מיט דיא בעוואוסט־לאָזע אַרבייט פון אונזער גייסט. דיזע ארבייט רופט זיך אָפּ אין אונזער שלאָף אָהן אָרדנונג און אָהן צוזאַמענהאַנג, ווייל זיא איז ניט בעוואוסט. עס שיינט אונז אזוי וויא אונזער גייסט וואַנדערט אַרום אין א גאַנץ אַנדערע וועלט וויא דיא יענינע אין וועלכער מיר געפינען זיך אויף דער וואָהר.

דער פערשטענדיגער לעזער וועט שוין אליין בעגרייפען, וואס פאַר א מעכטיגען איינפלוס חלומות האבען געמוזט האבען אויף דיא ערשטע מענשען. דערצו נאָך דאַרף מען נעהמען אין אַנבעטראַכט דעם פאַקט, אז ביי ווילדע זיינען דיא טרוימען עפטער און שטאַרקער וויא ביי ציוויליזירטע מענשען. דאס איז גאַנץ נאַטירליך, דען דיא בעוואוסטע ארבייט פון גייסט איז ביי ווילדע נאָך ווייניג ענטוויקעלט. ווילדע טראַכטען ווייניג אויף דער וואָהר, דערפאַר רופען זיך מעהר אָפּ דיא אונבעוואוסטע איינדריקע, ווען זיי שלאָפען. ווילדע מענשען בע־טראַכטען דארום זייערע חלומות אלס עפּעס א פאָרטזעצונג פון זייער לעבען אויף דער וואָהר. דיא רעאַליטעט פון לעבען ווערט זעהר ענג צוזאַמענגעמישט אין זייערע געדאַנקען מיט דיא פאַנטאַזיע פון חלומות. דיא ערשטע מענשען זיינען נאָך ווייניגער געווען אין שטאַנד צו מאַכען אַן אונטערשיעד צווישען פאַקטען און טרוימען, וויא דיא יעצטיגע ווילדע.

מיר ווייסען, אז פיעלע מענשען, בעזאָנדערס נערוועזע, האבען זעהר שאַרפע חלומות און איליזיאָנען אין זייער שלאָף, בעזאָנדערס אין דער צייט איידער זיי כאַפּען זיך אויף פון שלאָף, ווען זיי דרעמלען. זיי דוכט זיך אָפט, אז זייער חלום איז עפּעס א ראַיעלער בילד. וואס מעהר א מענש איז אויפגערעגט, צוטראָגען, פערזאָרגט, אָנגע־שראָקען, אלץ מעהר חלום׳ט זיך איהם. נאָך דיא בעריכטען פון רייזענדע געפינען זיך ווילדע כמעט שטענדיג אין אַן אויפגערעגטע

צושטאַנד. דיא ערשטע מענשען האבען געוויס געלעבט אין שטענדיגע שרעק פאר ווילדע חיות, אין שטענדיגע זאָרג צו קריעגען שפּייז, צו פערשאפען זיך א נאַכטלעגער. דערצו נאָך פלעגען זיי זיך אָנפרעסען ביז צום פּלאַצען, ווען נאר זיי פלעגען קריעגען גענוג שפּייז, וויא אלע ווילדע טוען עס. אין דיא קאַפּיטלעך איבער דיא שפּייז פון דיא ער־שטע מענשען און איבער דעם יעגער־צושטאַנד האבען מיר שוין אָנגעוויזען, וויא ווילדע זאָרגען ניט ווען דיא צוקונפט, שפּאָרען ניט און פרעסען אלעס אויף, וויא פיעל עס לאָזט זיך. נון, עס איז אין דער נאַטור פון מענשען, אז ווען מען לאָדעוועט אָן צו פיעל דעם מאָגען און מען דרעמעלט נאכהער איין, חלום׳ט זיך זעהר פיעל. ווילדע בלייבען ליגען וויא קלעצער נאָך זייערע סעודות, און אין דיזען צושטאַנד האָבען זיי בעזאָנדערס שארפע חלומות. אפילו מיט אָפענע אויגען זעהן ווילדע אזעלכע פאַנטאַסטישע בילדער און משונה׳דיגע זאַכען, וואס נאר נערוועז־קראַנקע ציוויליזירטע קענען זעהען.

דער רייזענדער ספּיקס דערציילט, אז דיא איינגעבאָרענע פון דיא וועלדער אין בראַזיליען זיינען קיין מאָל ניט אין גאַנצען אויף דער וואָהר. זיי זיינען אין א צושטאַנד פון שטענדיגען דרעמעל. דאס זעלבע קען מען זאָגען וועגען פיעלע אַנדערע שטאַמען. דיזער צושטאַנד קומט אויך דערפון, וואס זיי זוכען ארויסצורופען אין זיך טרוימען. עס פער־שאַפט זיי פערגניגען, ווען זיי ליגען און זעהען פאַנטאַסטישע בילדער. זיי דיינקען אז דאַן זיינען זיי אין פערבינדונג מיט דער גייסטער־וועלט. זיי געברויכען דערצו פערשיעדענע מיטעל, צו וועלכע דיא ערפאַהרונג פיהרט זיי. דיא געברויכליכסטע און נאַטירליכסטע מיטעל זיינען: איינזאַמקייט, קוקען א לאַנגע צייט אויף איין זאַך אָדער נאר טראַכ־טען וועגען איין זאַך און פאַסטען. וואס אַנבעלאַנגט צו פאַסטען, פּראַקטיצירען עס ווילדע מענשען ניט ווילענדיג זעהר אָפט, ווייל זיי האָבען ניט גענוג שפּייז, וויא מיר ווייסען עס שוין. אין יעגער־צו־שטאַנד קומט עס אויס אָדער צו הונגערן, אָדער זיך אָנצופרעסען ביז צום ברעכען. אין ביידע פעלע לאָזט זיך שטארק פיהלען דיא אונבע־וואוסטע גייסטיגע אַרבייט און דער רעזולטאַט דערפון זיינען משונה׳דיגע טרוימען, פאַנטאַסטישע בילדער און אילוזיאָנען. דער מענש איז דאַן

ניט אויף דער וואך, און די בעוואוסטע ארבייט פון זיין מארך ווערט אפגעשוואכט. ער לעבט דאן, קען מען זאגען, אין שטענדיגען טרוים. דיא ווירקונגען פון איינזאמקייט און פון לאנגען קוקען אויף איין זאך קען יעדערער פיהלען אויף זיך זעלבסט. דאס זיינען בעוואוסטע מיטעל צו היפנאטיזירען. ווילדע מענשען קומט ניט זעלטען אוים צו ליגען אליין און צו קוקען לאנג און אהן שום צוועק אויף זאכען פאר זייערע אויגען. א ווילדער איז, וויא מיר ווייסען עס שוין, זעהר פויל און ער דיינקט אויך זעהר ווייניג. ער קען אפליגען אויף איין ארט און קוקען אונבעוואוסט אויף, לאמיר זאגען, א בוים אזוי לאנג, ביז דער הונגער וועט איהם טרייבען צו זוכען עפעס שפייז. ער ווערט דאן היפנאטיזירט און זעהט פאנטאסטישע זאכען, וואס ער בעטראכט אלס ראיעלע. מען קען זאגען, אז ווילדע געפינען זיך כמעט שטענדיג אין א מין היפנאטישען צושטאנד.

עס איז דארום קיין וואונדער ניט, וואס אלע פעלקער האבען געקוקט אויף א חלום וויא אויף א פארטזעצונג פון לעבען און בעטראכטעט דעם בעוואוסטען לעבען וויא א חלום. יעדענפאלס איז עס קלאר, אז דיא חלומות און אילוזיאנען, וואס ווילדע מענשען זעהן אזוי אפט און שטארק אפילו ווען זיי שלאפען ניט, האבען געמוזט פיהרען דיא ערשטע מענשען צו א געדאנק וועגען עפעס, וואס איז צוגלייך מענשליך און ניט מענשליך, ראיעל און פאנטאסטיש. אין א טרוימענדען צושטאנד און נאך מעהר אין חלומות פערלירט דער מענש זיין ווילען, זיין בעוואוסט־זיין. עפעס א קראפט ווירקט אויף איהם, פון וועלכע ער קען זיך ניט בעפרייען, וויא ער זאל עס ניט וועלען. דער מענש ווערט דאן פערדאפעלט: ער איז דער זעלבער און ניט דער זעלבער. ער פיהלט, אז דאס איז ער אליין און קיין אנדערער, און דאך ווערט ער אנגעטריבען געגען זיין ווילען. ער ווערט פערטראגען אין ערטער, וואו ער געפינט זיך ניט. ער זעהט זאכען, וואס ער געפינט ניט ווען ער כאפט זיך אויף. ער הערט רייד און קלאנגען וואס ער ווייס ניט פון וואנען זיי קומען. ער טרעפט זיך צוזאמען מיט זיינע עלטערן און בעקאנטע, וועלכע זיינען שוין לאנג געשטארבען, א. ז. וו. וואס זאל דאס בעדייטען? פון וואנען נעהמט זיך דיזער צווייטער צושטאנד, ווען זיין „איך“ איז עפעס

גאָר אַן אַנדערער וואס האט נאָך אַ מאַכט איבער איהם? וואו קומט אהין זיין „איך“, ווען ער פיהלט זיך אלס מענש מיט אַ ווילען, אלס דענ־קענדע בעשעפּענים מיט בעשטימטע בעדירפניסע? ווארום ווערט ער מיט אַמאָל ווילענלאָז אין עפּעס גאר אַן אַנדער וועלט, אין אַ וועלט פון אונגעוויינליכע, אוננאַטירליכע זאַכען?

דער ווילדער טראַכט ניט לאַנג און איז ניט אין שטאַנד לאַנג צו טראַכטען. ער נעהמט אָן דיא ערשטע ערקלערונג, וועלכע פאַלט אריין אין זיין שוואַכען מוח. דיא נאַטור איז פאַר איהם אַ מיש־מאַש פון זאַכען, וואס זיינען אדער גיצליך אדער שעדליך פאַר איהם. ווארום דאָס איז אזוי, וויס ער ניט, נאר ער פיהלט עס. ער פער־שטייט נאָך גאָר ניט וועגען דעם צוזאַמענהאַנג פון זאַכען אין דער נאַטור, וועגען אורזאַכען און זייערע פאָלגען. ער מיינט, אַז אַלעס לעבט אזוי וויא ער. וועגען זיינע חלומות און פאַנטאַסטישע ביל־דער האָט ער אַ פאַרטיגע ערקלערונג אין דיא פּאַקטען זעלבסט פון זיין דאָפּעלטען צושטאַנד: ער קומט דארום צום שלוס, אַז ער האָט צוויי גייסטער, איינעם אויף דער וואָהר, דעם אַנדערן אין טרוים. אזאַ ערקלערונג איז איינפאַך און נאַטירליך. דיא אונבעוואוס־טע גייסטיגע ארבייט נעהמט ער אָהן פאר אַן אַנדער גייסט, וועלכער כאַפּט זיך אין איהם אריין און ווירקט אויף איהם. אידען און אַנ־דערע ציוויליזירטע פעלקער גלויבען נאָך ביז יעצט, אַז ווען זיי שלאָפען, פערלאָזט זיי זייער נשמה און וואַנדערט ערגעץ ארום. דאס איז געווען דער אלגעמיינער גלויבען פון אלע מענשען, וויא נאר זיי האבען גענו־מען נאָכדיינקען וועגען זייערע חלומות. און נאַכדייגקען וועגען דעם האבען מענשען נאַטירליך געמוזט, וויא נאר זיי האבען געקראָגען דיא פעהיגקייט צו טרוימען און צו דיינקען. דאס הייסט אַלזאָ, אַז שוין דיא ערשטע מענשען האבען אָנגעפאַנגען צו גלויבען אין עפּעס, וואס איז אויסערהאַלב זייער נאַטור און וואס קומט אריין אין זייער גוף אלס אַ רוחניות אָדער בעוויזט זיך פאַר זייערע אויגען אלס אַ רוח, אַ גייסט.

מיט איין וואָרט, דער נאַטירליכער, דאָפּעלטער גייסטיגער צו־שטאַנד פון מענשען דורך דיא בעוואוסטע און אונבעוואוסטע ארבייט

פון אונזער מארך אויף דער וואך און אין שלאָף — דאס האט ביסלעכווייז געמוזט פיהרען דיא ערשטע מענשען צו וועניגסטענס א דונקעלען בעגריף וועגען גשמיות און רוחניות, קערפערליכעס און גייסטיגעס. דורך דעם האָבען עס מענשען אָנגעפאנגען צו גלויבען אין גייסטער און דערמיט געלייגט דעם פונדאמענט פון אלע רעליגיאָנען. דער אלט־רוימישער פּאָעט לוקרעציוס האט נאך געזאָגט: „דיא טרוימען פון מענשען האָבען בעפעלקערט דעם הימעל מיט געטער", און מען מוז צוגעבען, אז דאס איז ריכטיג, ווען מען פאָרשט נאך דיא רעליגיעזע בעגריפע פון ווילדע פעלקער. מען זעהט עס אויך איין, ווען מען זוכט דעם עקר פון יעדער רע־ליגיאָן. מען דארף גאר ניט זיין א גרויסער פילאָזאָף צו פערשטיין און זאָגאר אליין צו דערגייין, אז יעדע רעליגיאָן שטאמט פון א גלויבען אין גייסטער, אין רוחות, אז אָהן דעם בעגריף וועגען א גייסט איז ניט מעגליך צו קומען צו א בעגריף וועגען נשמות און געטער.

נאר אויסער חלומות זיינען נאך דאָ אנדערע נאטירליכע ערשיי־נונגען, וועלכע האָבען געפיהרט און געמוזט פיהרען אפילו דיא ערשטע מענשען צו א גלויבען אין גייסטער און איבערנאטירליכעס. דיזע ער־שיינונגען וועלען מיר בעטראכטען אין נעכסטען קאפּיטעל.

דרייצעהנטער קאַפּיטעל.

דער נאַטירליכער פונדאַמענט פון רעליגיאָנען.

גייסטיגע קראַנקהייטען. — זייער ווירקונג אויף דעם גלויבען אין גייסטער. — דיא אייביגע פראַגע פון לעבען און טויט. — וויא ווילדע קוקען אויף דעם טויט און אויף קראַנקהייטען. — אָטהעם און לעבען. — אָטהעם פערגליכען מיט גייסטער. — שאָטענס און נשמות. — דיא ווירקונג פון טאָג און נאַכט אויף דיא געדאַנקען פון ווילדע. — שיין און פינסטערניס פערגליכען צו לעבען און טויט און פאָרגעשטעלט אין רעליגיאָנען אַלס אייביגער קאַמפּף. — דיא וועקס־לונג פון טאָג און נאַכט און דיא ווירקונג דערפון אויף דעם גלויבען אין נשמות. — טעגליכע און נאַכטליכע גייסטער. — שטורמען און דיא קראַפט פון גייסטער. — דער דונער־גאָט אָנגענומען פאַר דיא העכסטע קראַפט. — דער אָנפאַנג פון יעדען רעליגיעזען גלויבען דורך חלומות, טויט און שטורמען.

יעדערער ווייס, אז ניט אלע מאָל געפינען זיך מענשען אין א נאָר־מאַלען צושטאַנד און אז פיעלע מענשען זיינען וואהנזיניג אדער ליידען פון אזעלכע נערוועז־קראַנקהייטען, דאס זיי פערלירען זייער בעוואוסט־זיין, זייער געוויינליכען „איך“ און האַנדלען אזוי וויא א פרעמדער גייסט וואָלט זיך אריינגעכאַפּט אין זייער גוף, וועלכער בלייבט אויסערליך אונפערענדערט. דיזע קראַנקהייטען טראָגען פערשיעדענע נעמען: עפּילעפּסיע (דיא פאַליגע), סאָמנאַמבוליזמוס (ארומגיין אין שלאָף), לונאַטיזמוס (דיא ווירקונג פון דער לבנה), אידיאָטיזמוס, האַלוצינאַ־

ציאָן (פאָרשטעלונג פון פאַנטאַסט׳ישע בילדער), היסטעריע, ספּאַזמען א. ז. וו. אין דיא מעדיצינישע וויסענשאַפטען גיט מען ערקלערונגען וועגען זייערע אורזאַכען און מען צייגט, וויא מען דארף און וויא מען קען זיי קורירען. אבער אלע דיזע קראַנקהייטען האבען דיזע עהנ־ליכקייט, אַז דער נאָרמאַלער גייסט פון מענשען איז צושטערט און דער זעלבסט־בעוואוסטזיין, דער זעלבסט־קאָנטראָל, דאָס וואס מען רופט פרייער ווילען, איז מעהר אדער וויניגער פערלאָרען.

אין דיא אויגען פון פּראָסטע מענשען איז דאָס עפּעס אַן אָנ־שיקעניש, אַן אָנפאַל פון א בייזען גייסט. אלע ווילדע מענשען דיינקען יעדענפאַלס אַזוי. זיי גלויבען, אַז דיזע אַלע קראַנקהייטען און יעדער משוגעת ווערן ארויסגערופען דורך גייסטער, וועלכע כאַפּען זיך אריין אין מענשליכע קערפּערס. און וויא זיי זאָלען זיי דען אנדערס דיינקען? זיי פערשטייהען איבערהויפּט ניט וואס עס איז דיא אור־זאַכע פון א קראַנקהייט, זיי בעגרייפען ניט דעם אונטערשיעד פון א נאָרמאַלען און א ניט־נאָרמאַלען צושטאַנד. אַט גייהט ארום א מענש גלייך מיט אַלעמען, רעט און האנדעלט גלייך מיט אַלעמען, מיט אַמאָל פאַלט ער אַניעדער אין קאָנוואולסיעס, ווארפט זיך און שליידערט זיך, וויא א „ניט גוטער" וואָלט איהם אָנגע־טריבען, און נאַכהער, ווען ער שטעהט אויף און קומט צוריק אין א נאָרמאַלען צושטאַנד, געדיינקט ער גאָר ניט, וואס מיט איהם האָט פּאַסירט אין זיין עפּילעפּטישען פאַל. איז עס דען ניט גאַנץ נאַטיר־ליך, אַז דער ווילדער מענש זאָל זיך ערקלערען דיזע נאַטירליכע ערשיינונג דורך דיא ווירקונג פון א רוח, וועלכער האָט זיך אריינ־געריסען אין דעם גוף פון דעם עפּילעפּטיקער? איז עס דען ניט נאַטירליך, אַז ער זאָל דיזען פאַל צוזאַמענבינדען מיט זיינע חלומות און אָננעהמען דאָס אַלעס פאַר דיא האַנדלונגען פון גייסטער?

דיא גייסטיגע קראַנקהייטען האָבען יעדענפאַלס געדיענט צו פערשטאַרקען דעם גלויבען אין גייסטער, צו וועלכען מענשען זיינען צוערשט דערגאַנגען דורך זייערע חלומות. ווילדע האבען דער־פון געדרונגען אַז דאָס וואס זיי זעהען אין חלום, קען אויך טרעפען אויף דער וואָהר. מיר געפינען, אַז אַלע ווילדע פעלקער סטאַרען זיך און

האבען געוויסע מיטלען קינסטליך ארויסצורופען עפּילעפּטישע און היסטערישע אַנפעלע, וויא אויך א טרוימענדען און היפּנאָטישען צו־שטאַנד, אום צו קומען אין אַ נאָהענטע פערבינדונג מיט דיא גייסטער, וועלכע כאַפּען זיך דאַן אריין אין זיי לויט נאָך זייער גלויבען. יעדער ווילדער שטאַם האָט דערצו אַ ספּעציעלען בערוישענדען געטראַנק. דיא נעגערן אין וועסט־אַפריקא האָבען פאַר דיזען צוועק זייער „פעטיש־וואַסער", אייניגע אינדיאַנער שטאַמען—זייער „שוואַרצען געטראַנק", א. ז. וו. דיא גאַנצע כשוף־מאַכעריי וויא אויך דער גרעסטער טהייל פון געצען־דינעריי איז בעגרינדעט, וויא מיר וועלען עס שפּעטער זעהן, אויף דיזע קינסטליכע אויפרייצונגען פון דער נערווען־סיסטעם, אויף דעם גלויבען, אז אין דעם ניט־נאָרמאַלען צושטאַנד קומט דער מענש אין בעריהרונג מיט דיא גייסטער און קען דערגיין זייער וואונש און ווילען. דארום בעטראַכטען טאַקע דיא ווילדע זייערע משוגענע, צודולטע און נערוועזע מענשען אלס „בעגייסטערע".

אבער ניט רעכנענדיג חלומות, האָט דער אייביג שרעקליכער פאַקט, אז מענשען מוזען שטארבען, מעהר פון אלע אַנדערע נאַטירליכע ערשיינונגען געווירקט אויף דיא ענטשטעהונג און ענטוויק־לונג פון דעם בעגריף וועגען גייסטער. עס איז קלאָר, אז וויא נאָר מענשען האָבען אָנגעפאַנגען צו דיינקען איבערהויפּט, האָבען זיי גע־מוזט נאָכדיינקען וועגען לעבען און טויט. ווארום הערט דער מענש אויף צו בעוועגען זיך? ווארום הערט ער אויף צו אָטהמען, ווערט פערגליווערט און באַלד נאָך דעם פאַנגט ער אָן צו פוילען? אָט האָט ער געלעבט און אָט ליעגט ער וויא אַ שטיין. זיין גוף איז דער זעלבער, אבער דאָס וואָס האָט איהם בעלעבט איז פער־שוואונדען. וואָס איז דאָס אזעלכעס, וואָס מאַכט יעדען מענשען, יעדע חיה, יעדע פלאַנץ צו וואַקסען און צו לעבען?

דער ווילדער שטעלט זיך ניט דיזע אייביגע פראַגען אזוי קלאָר וויא מיר. דיא ערשטע מענשען האָבען געוויס גאַנץ ווייניג זיך געבראָכען דיא קעפּ וועגען דעם. זיי האָבען ניט פילאָזאָפירט, אָבער זיי האבען זיכער געפיהלט דיזע אייביגע און גרעסטע געהיימנים פון דער נאַטור. דעם אָנפאַנג פון אלע אָנפאַנגען. דיא איינדריקע וואָס זייערע

נערוועז האָבען אונבעוואוסט געקראָגען דורך דעם נאטירליכען אָדער אוננאטירליכען טויט, האבען זיך ביסלעכוויז געמוזט אָפּרופען אין זייער בעוואוסטזיין. יעדער נייער טויטפאל האָט געמוזט שאר־פער לאָזען פיהלען דיא פריהערע איינדריקע פון דיא ערשטע מענשען און זיי פיהרען צו געוויסע געדאנקען וועגען דעם.

וועלכע געדאנקען האָבען עס אָבער געקענט זיין? אונז ציוויליזירטע מענשען איז עס שווער, כמעט אונמעגליך פאַרצושטעלען זיך ריכטיג דיא געדאנקען פון ווילדע מענשען, זאָגאר צו בעגרייפען זייער אַרט און וויזע פון דיינקען. מיר שטייען צו ווייט פון זיי און קענען זיך ניט שטעלען אין זייער לאגע, וויא מיר זאָלען עס ניט וועלען ביי אונזערע נאָכ־פאָרשונגען. דארום איז עס אזוי שווער צו בעגרייפען דיא רעליגיאָנען פון ווילדע פעלקער. אלעס וואס מיר קענען דאָ נאָר טאָן, איז צו פערצייכנען פאַקטען און צו ציהען שליסע פון זיי.

נון, עס איז א פאַקט, אז ווילדע האבען איבערהויפּט ניט מורא פאר'ן טויט. אין זייערע שפּראַכען האָבען זיי ניט א וואָרט, וואָס זאָל בעדייטען „שטאַרבען", זאָנדערן ווערטער וואָס בעדייטען „געטויטעט ווערן". קראנקהייטען בעטראַכטען זיי פאַר אַן אָנשיקענעס פון בייזע גייסטער אדער פון בשוף־מאַכערס. אין זייערע אויגען לעבט אלעס. יעדע חיה, יעדע בוים, יעדע גרעזעלע, אפילו יעדער שטיין האָט א געוויסע לעבענסקראַפט. און אלעס לעבט ניט נאָר א געוויסע צייט, זאָנדערן אייביג. דער ווילדער פערשטייט אייגענטליך ניט דעם טויט אלס א נאַטורגעזעצליכע ערשיינונג. וועגען אַנדערע זאכען אורטהיילט ער נאָך זיך זעלבסט. עס איז בעוואוסט, אז וואס וויי־ניגער א מענש האָט געלערנט און האָט זיך בעקענט מיט דיא ארומיגע וועלט, אלץ מעהר איז ער געניינט צו ציהען שליסע נאָך זיי־נע אייגענע איינדריקע און מיינונגען, וויא אָבערפלעכליך און פאַלש זיי זאָלען ניט זיין. דיא ערשטע מענשען האָבען נאַטירליך אלעס פערגליכען נור מיט זיך, וועז זייער מארך איז ענטוויקעלט געוואָרן אזוי ווייט, אז זיי האָבען גענומען נעהענטער בעטראַכטען זייטיגע זאַ־כען און מאַכען פערגלייכע, זוכען עהנליכקייטען און אונטערשיעדע. ער אליין לעבט—דאָס פיהלט דער ווילדער, דערפון איז ער בעוואוסט.

דארום שרייבט ער צו דעם זעלבען צושטאנד צו אלע זאכען ארום איהם. חיות לעבען אויך, פלאנצען וואקסען, לעבען אויף ווען דיא זון הייבט אן צו ווארעמען, און ווערן אבגעשטארבען, ווען דער הערבסט קומט. דאס זעהט ער, דאס פיהלט ער. ווארום זאלען אויך בערג, טייכען, שטיינער, שטערן און אלעס וואס ער זעהט ארום זיך נים לעבען?

נאר דער ווילדער מוז זיך דאך אויך רעכענען מיט פאקטען. ער זעהט דאך אז מענשען שטארבען אוועק נים נאר דורך קראנקהייטען, דורך וואונדען אין א מלחמה, דורך אן ערדציטערנים, דורך א בליץ א. ז. וו., זאנדערן אויך נאטירליך, ווען מען ווערט זעהר אלט. דאס לעצטע טרעפט אפילו זעהר זעלטען אין ווילדען צושטאנד. אבער עס טרעפט זיך אמאל. וואס זאל דאס בעדייטען? הייסט עס דען, אז דער מענש, וואס האט אקערשט געלעבט, וויא אלע אנדערע, און וואס ליעגט יעצט, וויא א קלאץ, ווייל א פייל האט איהם גע־טראפען אין הארצען אדער ווען ער האט עפעס געקראגען א קראנקהייט —הייסט עס דען, אז ער איז אויף אימער אוועק, אז ער וועט זיך שוין קיין מאל נים צוריק קעהרען, אז פון איהם וועט נאר בלייבען א קופקע ביינער? ניין, נים אזוי דיינקט דער ווילדער, וועלכער גלויבט אז אלעס לעבט. דער געטויטעטער אדער געשטארבענער, דיינקט דער ווילדער, לעבט געוויס. נאר וויא אזוי?

גאנץ איינפאך אלס גייסט. צו דיזען שלום קומט דער וויל־דער נים נאר דעריבער, ווייל ער האט שוין געקראגען א בעגריף וועגען גייסטער דורך זיינע חלומות און אילוזיאנען, וויא עס איז אין פאריגען קאפיטעל ערקלערט, זאנדערן אויך ווייל ער בעמערקט, אז ווען א מענש הערט אויף צו לעבען, הערט ער אויך אויף צו אטהע־מען. ביסלעכווייז האבען דיא ערשטע מענשען געמוזט קומען צום שלום, אז דאס לעבען הייסט אטהעמען און אז דער טויט הייסט „ארויסצולאזען דעם אטהעם". וואס איז דער אטהעם? עטוואס וואס מען זעהט נים, וואס מען קען נים אנטאפען. און דאך אזא „עטוואס", א קלייניגקייט, דאכט זיך, האלט עס אויף דעם מענשעןביין לעבען. מוז עס דאך זיין עטוואס וויכטיגעס, עפעס א רוח, א גייסט וואס האט דיא מאכט איבער דעם קערפער. דיא גייסטער פון דיא טויטע

קומען נאך צו חלום, מען זעהט ז'ערע שאטענס אין שלאף און אין טרוימענדען צושטאנד. דארף דען דער ערשטער מענש א בעסערן בעווייז, אז דיא טויטע לעבען דאך אלס גייסטער?

ביי אלע ווילדע פעלקער ווערן יעדענפאלס דיא גייסטער פון דיא חלומות פערבונדען מיט דעם אטהעם פון לעבען. איין גלויבען פיהרט צום אנדערן, און ביידע פערשטארקען זיי דעם גלויבען אין איבערנאטירליכעס, אין וואונדערבארעס. וויא געזאגט, דיא ווילדע דיינקען, אז אלעס ארום זיי לעבט אקוראט וויא זיי אליין. זייערע געטער זיינען אנפאנגס ניט געטער פון טויט, זאנדערן פון לעבען. מיר קענען זיך אפט א לאנגע צייט ניט צוגעוואהנען צום געדאנקען, אז דיא וואס זיינען אונז ליעב און טייער זיינען געשטארבען. אונז דוכט זיך ניט זעלטען, אז אט לעבען זיי נאך און שטייען פאר אונזערע אויגען, הגם מיר ווייסען גאנץ גוט, אז זיי פוילען שוין אין דער ערד. איבערהויפט האבען נערוועזע מענשען אזעלכע אילוזיאנען וועגען טויט און זעהן אזעלכע פאנטאסטישע בילדער. וועגען דיא ווילדע האבען מיר שוין אנגעציינגט, אז זיי האבען פיעל שטארקערע אילוזיאנען, וויא ציוויליזירטע מענשען, ווען מיר האבען גערעט וועגען זייערע חלומות. זיי האט זיך דארום טאקע גאנץ אפט געדוכט, אז זיי זעהען דיא שאטענס אדער גייסטער פון ז'ערע טויטע און אז זיי פיהרען מיט דיא טויטע גאנצע געשפרעכען. ביי איינינגע ווילדע שטאמען פלעגען דיא מוטערס זיך טרייסטען וועגען דעם פערלוסט פון זייערע קינדער דורך דעם, וואס זיי פלעגען אריינפאלען אין א טיעפען שלאף, אין וועלכען זיי פלעגען זעהן זייערע קינדער אין דער וועלט פון גייסטער. אין אלגעמיינען דוכט זיך ווילדע מענשען אויס, אז זיי זעהען, וויא דיא שאטענס פון דיא טויטע וואנדערן ארום זייערע קברים און אז זיי הערען דיא שטימען אדער וויינינגסטענס געוויסע קלאנגען פון דיא פערשטארבענע. אלע ווילדע פעלקער גלויבען דארום, אז דיא גייסטער פון דיא פערשטארבענע דרייהען זיך א געוויסע צייט ארום דעם ארט, וואו זייערע קערפערס ליגען, און פון דיזען גלויבען שטאמען עס דיא מנהגים צו לאזען שפייז אויף דיא קברים, וויא מיר וועלען עס שפעטער זעהען.

דער פאקט, אז דיא ווערטער צו בעצייכנען א נשמה בעדייטען געוויינליך אָטהעם אָדער שאָטען, צייגט אָן קלאָר אויף דעם נאטיר־ליכען אורשפרונג פון דעם איבערנאטירליכען בעגריף וועגען זעעלען. מיר האָבען שוין אָנגעצייגט, אז אפילו דיא ערשטע מענשען האָבען געמוזט איינזעהען דיא ענגע פערבינדונג פון לעבען מיט דעם אָטהעם. וואָס אָנבעלאַנגט צו דעם פערגלייך פון נשמות און שאָ־טענס, איז עס אויך גאנץ נאטירליך געוועזען צו קומען ביסלעכוויז דערצו. וואס איז א שאָטען? איינפאך דיא פינסטערקייט וואס א זאך מאכט, ווען זיא פערשטעלט דיא שיין. א שאָטען האָט ניט קיין וואָג און קיין גרעב. עס איז ניט א ראיעלע זאך, און דאָך איז עס ניט א פאנטאסטישע זאך. עס איז נאָר א געוויסע ערשיינונג פון א זאך דורך דיא ווירקונג פון שיין אויף אונזערע אויגען, אזוי וויא פארבען. א שאָטען פיהלען מיר נאר מיט דעם חוש פון זעהען. מיר קענען עס ניט אָנטאפען, אָבוואָהל עס האָט לענג און ברייט. קורץ, א שאָטען איז אַן אויסנאהמע פון אַלע זאכען, וואס מיר קענען זעהען. עס פערשווינדעט אזוי שנעל, וויא עס בעוויזט זיך.

עס איז דארום גאנץ איינפאך, אז מענשען האָבען אָנגעפאנגען צו פערבינדען דיא נאטירליכע שאָטענס, וואָס זיי האָבען געזעהען אויף דער וואָהר, מיט דיא שאָטענבילדער, וואָס זיי האָבען געזעהען אין חלום אָדער אין זייערע אילוזיאָנען. דער פערגלייך פון א שאָטען מיט א גייסט האָט זיך געוואָרפען אין דיא אויגען, און וויא נאָר מענשען האָבען אָנגעפאנגען נאכצודיינקען וועגען דיזע זאכען, האָבען זיי טאָ־קע דיזען פערגלייך געמאכט. ווען מענשען וואָלטען געווען בלינד אָדער ווען אַלע זאכען וואָלטען געווען דורכזיכטיג, וואָלטען מיר גאָר קיין אהנונג ניט געהאט פון א שאָטען. מאנכע ווילדע פעלקער גלויי־בען, אז זיי זעהן זייער נשמה אין דעם אָפשלאָג פון זייערע קערפערס אין א וואסער אָדער אין א שפיגעל. אַנדערע, וויא דיא אויסטראַ־ליער, צום ביישפיעל, דיינקען, אז א נשמה איז א רויך, א טומאַן, א ווינט, דאָס הייסט אַלץ אזעלכע זאכען, וואס רופען ארויס דעם בעגריף פון רוחניות.

מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אז דיא געדאנקען וועגען

א נשמה האָבען אָנפאַנגס געהאַט א ראיעלען גרונד, אַקוראַט וויא דיא געדאַנקען וועגען גייסטער. נאַטירליכע ערשיינונגען האָבען געווירקט אויף דעם מענשליכען גייסט, אָנפאַנגס אויף דעם אונבעוואוסטען טהייל, און האָבען ארויסגערופען דיא בעגריפע וועגען א גייסטער־וועלט. גשמיות אָדער מאַטעריעלעס איז געוועזן דער פאָטער פון רוחניות אָדער גייסטיגעס.

נאָך אַנדערע נאַטירליכע ערשיינונגען האָבען געמוזט פערשטאַרקען דיא ערשטע בעגריפע פון מענשען וועגען גייסטער און נשמות. אויף דעם ערשטען פּלאַן דאַרף מען דאָ שטעלען דיא אייביגע וועקסלונג פון טאָג און נאַכט, פון ליכט און פינסטערניס. דיזער אייביגער שפּיעל פון דער נאַטור האָט ניט ווילענדיג געמוזט ארויסרופען אויף דיא געדאַנקען א פערגלייך מיט לעבען און טויט. אַט שיינט דיא זון, און עס איז פרייהליך אויפ'ן הארצען, אלעס איז מונטער און לעבעדיג, און אַט לאָזט זיא זיך אראָפּ און פערשווינדעט ערגעץ, און באלד קומט דיא פינסטערניס, ווען עס ווערט אומעטיג, ווען דיא גאַנצע נאַטור ווערט איינגעשלעפערט, אזוי וויא אָפּגעשטאָרבען. דאָס וואקסען פון פלאַנצען און דיא אויפלעבונג פון דער נאַטור דורך דיא ווירקונג פון דער שיינענדער זון האָבען מענשען נאַטירליך געמוזט בעמערקען גלייך, וויא זיי האָבען איבערהויפּט אָנגעפאַנגען צו דיינקען. עס איז גאַנץ נאַטירליך געוועזן צו פערגלייבען דיא שיין מיט'ן לעבען אין אַלגעמיינען. מיר געפינען דאַרום ביי אַלע פעלקער און אין אַלע רעליגיאָנען מעהר אָדער וויינינער קלאָר אויסגעדריקט דעם געדאַנקען, אז גאָט איז ליכט. דיא פינסטערניס ווערט דאַנגעגען בעטראַכטעט אַלס דיא וועלט פון טויטע און גייסטער. ליכט און פינסטערניס האָבען אזוי מעכטיג געווירקט אויף אַלע מענשען, אַז איינינע פילאָזאָפען האָבען אויסגעדריקט דיא מיינונג, דאָס דיא פערגעטערונג פון שיין איז דער פונדאַמענט פון אַלע רעליגיאָנען. צו דיזער מיינונג זיינען זיי געקומען, ווייל דיא הויפּטגעטער פון אַלע פעלקער שטעלען פאָר זאַכען וואָס געפינען זיך אין הימעל און וואָס שיקען אראָפּ אויף דער ערד שיין, רעגענס און לעבען.

אָבער דיא זון פערשווינדעט ניט אויף אימער, זיא קעהרט זיך אום צוריק און פערטריבט דיא שרעקליכע פינסטערניס. אין אַלע ענט־

וויקעלטע רעליגיאָנען ווערט דיזע נאַטירליכע וועקסלונג פאָרגעשטעלט אלס אַ קאמפף צווישען ליכט און פינסטערנים, צווישען לעבען און טויט, צווישען גוטעס און בייזעס. נאר געוועהנליך, ווען מענשען האָבען גענומען נאכפאָרשען וועגען אזעלכע זאכען, האָט זיי אויך גע־מוזט קומען אויף דיא געדאנקען א פערגלייך צווישען דעם פערשווינ־דען פון דער זון און דעם פערשווינדען פון דער נשמה. דיא זון קומט צוריק, נאָכדעם וויא זיא טרעט אָפּ דעם פּלאַץ צו דער פינסטערנים —ווארום זאָל דאס זעלבע ניט געשעהען מיט דעם גייסט, וואס פער־לאָזט דעם מענשען צוזאמען מיט זיין אָטהעם, ווארעמקייט און דיא פעהיגקייט צו זעהען? דער ווילדער גלויבט סיי וויא סיי, אז אלעס לעבט ארום איהם אזוי גוט וויא ער אליין, וויא מיר האָבען דאס שוין געזעהען; ער איז איבערהויפּט גענייגט צו גלויבען, אז דער מענש שטארבט ניט אָפּ אויף אייביג, אז דער טויט איז נאר עפּעס אַן איבערגאנג, א נייער צושטאנד, ווען דער גייסט פליהט ארויס אלס אָטהעם אָדער צוזאמען מיט דעם אָטהעם פון דעם גוף. און דאָ זעהט ער, וויא דיא מעכטיגע זון גייט אונטער יעדען טאָג, ווען דיא פינסטערנים קומט אָן; אָבער זיא בעווייזט זיך דאָך ווידער נאך א געוויסע צייט. דאס פערשווינדען פון דער זון האט ער זיך דארום פאָרגעשטעלט אלס איהר טויט, איהר אויפקומען — אלס איהר אויפ־לעבען.

יעדענפאלס האָבען אלע פעלקער שטענדיג בעטראכטעט דיא פינסטערנים אלס א וועלט פון שאָטענס און גייסטער. אין דער פינסטערער נאכט טרעטען עס ארויס דיא גייסטער, און נעמליך דיא בייזע; דאַן וואנדערן עס ארום דיא מתים, דיא שאָטענס פון דיא טויטע, דאַן וואנדערן עס אויך ארום ווילדע חיות און לויערן נאר וויא צו בעפאלען און צו צורייסען דעם מענשען. אין דיא דונקעלע און צור־פלאָנטערטע געדאנקען פון דיא ווילדע איז דאָס אלעס צוזאמענגע־מישט געוועזן. זייערע גייסטער האָבען דיא ווילדע דארום צוטהיילט אין טעגליכע אָדער גוטע און נאכטליכע אָדער שלעכטע.

נאך דעם גלויבען פון פאָלינעזיער האָט טאנאלאָנגאָ, דיא שיין פון טאָג, א ברודער מיט דעם נאָמען ראָנגאָ, וועלכער איז

דער גאָט פון פינסטערנים און נאַכט. טאַנאַלאָנגאָ ווערט פאָרגע־
שטעלט מיט העלע האָר און הויט, ראָנגאָ—מיט שוואַרצע. טאַנאַלאָנגאָ
איז גוטהערציג, דער גאָט פון פריעדען, דער ערפינדער פון קונסטען;
ראָנגאָ איז דער גאָט פון מלחמה, דער אויפהעצער צו שטרייטען און
צו אַלעם בייזעס. דיא יאַגאַס פון פייערלאַנד זאָגען, אַז דיא גייסטער
וואַנדערן ארום ביי נאַכט. דיא אויסטראַליער ציטערן פאַר פינ־
סטערנים, ווייל זיי גלויבען, אַז דיא גייסטער זוכען דאַן וועמען אויפ־
צופרעסען. זיי גלויבען, אַז ק ו ט ש ע, דער גאָט פון פינסטערנים, נעהמט
אָן ביי נאַכט דיא פאָרמע פון אַ ש ל אַ נ ג אדער פון אַ נאַכט־פוי־
געל. ער מאַכט עס אָן קראַנקהייטען צווישען מענשען, ער רופט
עס ארויס שטורמען. איבערהויפט פערבינדען ווילדע דיא דונקעלהייט
אין דער צייט פון אַ שטורם מיט דעם קאַמפף צווישען טאָג און
נאַכט.

שטורמען האָבען נאָך געפיהרט מענשען צו געדאַנקען ווע־
גען דיא מ אַ כ ט פון גייסטער אָדער פון דער וועלט, וואס מען
זעהט ניט. קיינע אַנדערע ווירקונגען פון דיא נאַטורקרעפטע האָבען
מענשען אַזוי אָפט ניט געפיהלט, וויא שטורמען מיט בליצען און
דונערן. אין אַלע מעשיות און לעגענדען פון ווילדע פעלקער איז דיא
קראַפט פון דער גאַנצער וועלט פאָרגעשטעלט דורך דיא קראַפט פון
שטורמען. אין דיא ערטער, וואו ערדציטערניסען קומען אָפט פאָר, זיינען
דיא פעלקער בעזאָנדערס אַבערגלויביש, וויא דער בעריהמטער ענגלי־
שער היסטאָריקער באָקל (Buckle) האָט עס גאַנץ ריכטיג בעמערקט
דיזע ערשיינונגען פון נאַטירליכע קרעפטע האָבען ניט נאָר שטענדיג
ארויפגעיאָגט אַ שרעק אויף מענשען, זאָנדערן האָבען אין זיי אויך
ארויסגערופען דאָס וואָס מען רופט רעליגיעזע געפיהלען. דיא לופט
וועלכע איז פול מיט עלעקטריציטעט פאַר אַ שטורם האָט אַ שטאַר־
קען איינפלוס אויף אונזער נערוועןֿ־סיסטעם, דריקט אונזער מוטה
מ אַ כ ט א ו נ ז ג ע נ י י ג ט צ י ם אַ ב ע ר ג ל ו י ב ע ן. דיא פערניכ־
טענדע קראַפט פון שטורמווינטען, דער הימלישער פייער פון דיא
בליצען, דער פערטויבענדער קנאַק פון דונערן—דאָס מוז אפילו דעם
ווילדעסטער מענש בעטראַכטען אַלס אַ מאַכט, וואס שטעהט אונגע־

הייער העכער פאַר זיינע אייגענע, וואָס קען איהם פערניכטען אין א סעקונדע.

דיזע מאַכט שרייבט ער צו נאַטירליכערווייזע צו דיא גייסטער, דען ער זעהט דאָך ניט דיא נאַטורקרעפטע אַזוי וויא ער זעהט ניט דיא גייסטער.ביידע געהערען צו דער אונזעהבאַרער וועלט און ביי־דע האָבען דיא אויבערמאַכט איבער איהם און אַלע זיינע גלייכע. דיא גייסטער זיינען שוין ניט זיינע גלייכע, וויא נאָר זיי פערלאָזען דיא מענשליכע קערפּערס, זיי זיינען מעכטיגער פאַר איהם, זיי געהע־רען צו אַן איבערנאַטירליכער וועלט, וואָס איהר מאַכט איז שרעקליך גרויס, אונערמעסליך און אונבעגרייפבאַר. דיזע בעטראַכטונגען האָ־בען ביסלעכווייז געפיהרט מענשען צו א בעגריף פון א העכערע קראַפט אין דער נאַטור, פון א ג ע ט ל י כ ע ק ר אַ פ ט. דארום ווערט דער גאָט פון דונער בעטראַכטעט ביי זעהר פיעלע פעלקער אלס דיא העכסטע מאַכט, אלס דער שעפּפער פון דער וועלט. דיא אויסטראַ־ליער גלויבען, אז מ ו מ פּ אַ ל (דער דונער) האָט געשאַפען אַלע זאַכען. דער הויפּט־גאָט פון אַלע גריכען און רוימער, ז ע א ו ס אדער י ו פּ י־ט ע ר, איז אויך פאָרגעשטעלט געווען מיט דער קראַפט פון דונער. מאַנכע לינגוויסטען בעהויפּטען, אז דער נאַמען פון אידישען גאָט „יהוה" שטאַמט פין א וואָרט וואָס בעדייטעט „דונער". איבערהויפּט האָבען אַלע געטער פון דונערן, בליצען, שטורמען, ערדציטערניסען נאָר פער־קערפּערט דעם בעגריף פון אַן איבערנאַטירליכע קראַפט, וואס דיזע נאַטירליכע ערשיינונגען האָבען ארויסגערופען אין דעם מענשען׳ס גייסט.

מיר זעהען אַלזאָ, אַז אויך דער בעגריף פון דער אַלמעכטיגקייט פון געטער האָט געהאַט א גאַנץ ראַיעלען גרונד. דאס זעלבע איז מיט דעם בעגריף פון דער אַלוועזענהייט, גרויסקייט און אונענדליכקייט פון געטער. דיזער בעגריף איז געקומען דורך דיא גרויסקייט און אונ־ענדליכקייט פון דער נאַטור זעלבסט. אין אַלע זייערע וואַנדערונגען האָבען ווילדע מענשען קיין סוף פון דער ערד ניט געזעהען, און איבעראַל האָט דיא זון געשיינט ביי טאָג און דיא לבנה און שטערן ביי נאַכט אין דעם אונענדליכען הימעל־געוועלב. איבעראַל האָבען זיי געפיהלט דיא אויבערמאַכט פון דיא נאַטורקרעפטע, פון דיא אונזעהבארע וועלט.

און אין זייערע געדאנקען האָבען זיי פערבונדען דיא מאַכט מיט דער גרויסקייט און אַלוועזענהייט פון דיא געטער.

אין אַלגעמיינען איז אַלזאָ דער אָנפאַנג פון יעדען רעליגיעזען גלויבען ענטשטאַנען דורך חלומות, דורך דעם טויט און דורך שטורמען. חלומות האָבען געפיהרט צו אַ בעגריף פון גייסטער, דער טויט האָט ארויסגערופען דעם בעגריף פון נשמות, און דיא שטורמען האָבען ארויסגערופען דעם בעגריף פון אַן איבערנאַטירליכע אָדער געטליכע קראַפט. דיזע בעגריפע זיינען צוערשט געווען זעהר דונקעלע און צופלאָנטערטע. דיא ערשטע מענשען האָבען זיי מעהר געפיהלט דורך דיא אונבעוואוסטע גייסטיגע אַרבייט, וויא פערשטאַנען דורך דיא בעוואוסטע גייסטיגע אַרבייט. מיט דער צייט אָבער, ווען מענשען זיינען אַלץ העכער געשטיגען אויף דעם קולטורלייטער, האָבען זיי זיך גענומען אָפּגעבען אַ קלאָרערע רעכנונג וועגען דיזע בעגריפע און האָבען יעדענפאַלס געזוכט אַלץ טיעפערע און פערנינפטיגערע ערקלערונגען. דיא גאַנצע ענטוויקלונג פון רעליגיאָנען בעשטייט אייגענטליך אין אַלץ אַ ברייטערען בעגריף וועגען גייסטער און וועגען זייערע ווירקונגען.

פערצעהנטער קאַפּיטעל.

דער גייסטער־קולט און זיינע ערשטע פאָרמען.

דיא ענטשטעהונג פון קולט. — דיא זאָרג און פורכט פאר נשמות. — דער גייסטער־קולט. — סגולות צו בערוהיגען און גוט צו מאַכען נשמות. — וואַנדערונגען פון נשמות. — צוויי־אַרטיגע בעהאַנדלונג פון טויטע קערפּערס. — דער אורשפּרונג פון דעם אָבערגלויבען ביי ציוויליזירטע פעלקער וועגען דיא אונרוהיגע נשמות פון זעלבסטמערדער. — דער מנהג צו פרעסען טויטע קערפּערס ביי ווילדע פעלקער. — דיא פערעהרונג פון מתים־פרעסענדע חיות. — דיא „טהורמען פון שוויגען" ביי דיא פּאַרסען. — פערשיעדענע פאָרמען פון נשמות־פערגעטערונג און זייער זעלבסטשטענדיגע ענטשטעהונג. — דער פונדאַמענט פון יעדען גאָטעסדיענסט. — דיא ערשטע פאָרמען פון אָפּפער צו דיא נשמות. — פאַסטען און חלקים שפּייז פאַר נשמות. — תעניתים, סעודות און פעסטען אין יעגער־צושטאַנד. — דער גלויבען אַז גייסטער נעהמען אַנטהייל אין אַלגעמיינע סעודות. — סמנים דערפון אויך ביי אידען.

עס פערשטעהט זיך, אז וויא נאר מענשען האָבען אָנגעפאַנגען צו קריגען אַ בעגריף פון גייסטער און נשמות דורך דיא נאַטירליכע אורזאַכען, וואס דיא וויכטיגסטע פון זיי זיינען אָנגעצייגט געוואָרען אין דיא פאָריגע צוויי קאַפּיטלעך, האָבען זיי זיך גלייך געמוזט שטעלען געוויסע פראַגען וועגען דיא מעלות און פערלאַנגען פון דיזע בעשעפּעניסען, וואס מען קען ניט זעהען, נאר וואָס לאָזען פון זיך הערען, וואָס צייגען ארויס זייער מאַכט. וואס ווילען דיא גייסטער פון טויטע

מענשען? ווארום בעווייזען זיי זיך אין חלום? ווארום זיינען זיי אמאָל גוט, אמאָל שלעכט צו מענשען? וואס דארף דער מענש טאָן, אום זיי זאָלען זיין שטענדיג גוט צו איהם, אדער וויינינגסטענס ניט אַרויס־ווייזען זייער צאָרן געגען איהם?

אזעלכע פראַגען האָבען גלייך געמוזט פיהרען צו א געוויסען קולט, דאָס הייסט צו א פערעהרונג פון דיא גייסטער דורך א געוויסען דיענסט, דורך בעשטימטע מיטעל. וועלכע מיטעל האָבען עס אָבער געקענט זיין? גאנץ נאַטירליך אזעלכע, וואס האָבען געקענט בעפרידיגען דעם מענשען זעלבסט, וואָס האָבען געקענט פעריאָגען זיין איינענעם צאָרן און איהם גוט מאכען. דער מענש האָט דאָ בעזאָנ־דערס געאורטהיילט נאך זיך זעלבסט. און וויא האָט ער דען אַנדערס געקענט אורטהיילען און האַנדלען? זיין גאַנצע גייסטער־וועלט איז נאר געווען א פּראָדוקט פון זיין אונוויסענהייט, פון זיינע חלומות און איינבילדונגען. דאָס וואס עס איז איהם אליין אַנגענעהם געווען, האָט נאַטירליכערווייזע אויך געמוזט זיין אַנגענעהם זיינע גייסטער; דאָס וואס האָט איהם גענערגט, פערשאַפט ליידען און אריינגעבראַכט אין צאָרן, האָט געמוזט האָבען דיא זעלבע ווירקונגען אויף דיא גייסטער. קורץ, דיא גייסטער פון דיא ווילדע האָבען נאר מענשליכע בע־דירפניסע און פערלאַנגען.

דער נאַטירליכער רעזולטאַט פון אזא מיינונג וועגען גייסטער איז געווען און בלייבט אזא גאַטעסדיענסט, וויא מיר געפינען עס ביי וויל־דע פעלקער. דיזער קולט בעשטייט צוערשט אין א געוויסע זאָרג וועגען דיא גייסטער אָדער נשמות פון דיא פערשטאָרבענע. דער גלויבען אין גייסטער געפינט דעם ערשטען און גרעסטען אויסדרוק אין אזעלכע מנהגים, וויא לאָזען שפּייז פאר דיא נשמות פון דיא געשטאָרבענע. דער לעבעדיגער מענש מוז האָבען שפּייז און איז גאָר ניט אויפגעלייגט, ווען ער האָט עס ניט. ווארום זאָל זיין גייסט, וועלכער כאַפּט זיך ארויס פון זיין גוף און וואַנדערט ארום ניט ווייט פון זיין גוף, ניט פערלאַנגען דאָס זעלבע?

מיר קענען יעצט גאָר ניט פערשטיין, וויא אזוי מען קען גאר דיינקען, אז נשמות נייטיגען זיך אין שפּייז; אָבער ווילדע האָבען זייער

לאָגיקע. זיי ווייסען ניט פון חקירות, זיי אורטהיילען נאך זייערע בעדירפניסע און פערלאַנגען און האַנדלען אַזוי איינפאַך וויא זיי דיינקען. וואָרט און טהאַט גייט ביי זיי צוזאַמען. זיי פיהלען אַרום זיך דיא ווירקונג פון נאַטירליכע קרעפטע, וועלכע זיי בעטראַכטען פאַר גייסטער, און זיי זוכען נאַטירליך דיזע קרעפטע גוט צו מאַכען אויף דיא זעלבע אַרט, וויא מען קען גוט מאַכען שטאַרקע און בייזע מענשען. ווען מען גיט אָפּ כבוד א מענשען, ווען מען פאָלגט איהם, ווען מען גיט איהם שפּייז און מען זאָרגט וועגען איהם, איז עס איהם אַנגענעהם. דאָס זעלבע, דיינקט דער ווילדער, דאַרף אויך זיין אַנגע־נעהם דער נשמה פון דעם פערשטאָרבענעם. דאַרום הייבט ער אָן צו זאָרגען, אַז דיא נשמות פון דיא געשטאָרבענע, וועלכע ער האָט גע־קענט ביי׳ם לעבען, זאָלען זיין צופריעדען מיט איהם. דעם ערשטען פּלאַץ אין זיינע געדאַנקען און געפיהלען פערנעהמען נאַטירליך זיינע עלטערן און דאַרום גיט ער ספּעציעל אָפּ כבוד צו זייערע נשמות. וואס מעהר איינער איז שטאַרקער און שרעקליכער ביי׳ם לעבען, אַלץ מעהר סטאַרען זיך ווילדע אָפּגעבען כבוד צו זיין נשמה. זיי דיינקען נאַטירליך, אַז דיא נשמות פון שטאַרקע זיינען אויך שטאַר־קער און קענען אָנטאָן מעהר שאָדען, ווען מען זאָל ניט מעהר זאָרגען וועגען זיי, ווען מען זאָל זיי ניט מעהר פערעהרען. צוליעב דעם זאָרגען אַלע ווילדע פעלקער דאָס מעהרסטע וועגען דיא נשמות פון זייערע עלטערן און פיהרער.

אין דיא מוחות פון ווילדע ווערן צוזאַמענגעמישט גייסטער מיט נשמות. וואס נידעריגער ווילדע שטעהען, אַלץ מעהר בעטראַכטען זיי דיא נשמות פאַר גייסטער. אַלע נאַטירליכע קרעפטע שרייבט צו א ווילדער צו דיא ווירקונגען פון דעם גייסט אָדער אָטהעם, וואס פליהט אַרויס פון דעם מענשען, ווען ער שטאַרבט. ערשט פיעל שפּעטער ווען מענשען ענטוויקלען זיך און קריגען מעהר ערפאַהרונג וועגען דיא נאַטירליכע קרעפטע, פאַנגען זיי אָן צו מאַכען אָן אונטערשיעד צווי־שען גייסטער, וועלכע מען בעטראַכטעט שוין פאַר געטער, און נשמות, וועלכע בלייבען שטענדיג אונטערוואָרפען מעהר אָדער ווייניגער צו דיא גייסטער־געטער. ווילדע פערגעטערן דאַרום דיא נשמות פון

פערשטאָרבענע און ספּעציעל פון דיא, פאר וועלכע זיי האָבען מורא געהאט. אין דער זאָרג פאר דיא נשמות פון זייערע עלטערן און עלטסטע בעשטעהט דארום דער גאנצער קולט אָדער גאָטעסדיענסט פון דיא ווילדעסטע פעלקער. יעדענפאלס איז עס זיכער, אז דאס איז געוועזן דער קולט פון דיא ערשטע מענשען.

וואס עס טרעפט ניט מיט א ווילדען, בעטראכט ער עס פאר דיא ווירקונג פון דיא נשמות פון זיינע עלטערן. א רייזענדער דערציילט, דאָס אַן אַפריקאַנער פיהרער האָט איהם גלייך פערלאָזען, ווען ער האָט געקראָנען א קאָפּווייטאָג. ער איז אוועק אָפּגעבען כבוד דער נשמה פון זיין פערשטאָרבענעם פאָטער, ווייל ער האָט אָנגענומען, אז דער קאָפּווייטאָג קומט איהם דערפון, וואס ער האָט ניט גענוג געזאָרגט וועגען דיא נשמה פון זיין פאָטער. אזוי דיינקען אלע ווילדע. זיי גלויבען איבערהויפּט, אז וויא נאָר דער אָטהעם פליהט ארויס פון דעם גוף, ווערט דער גייסט אָדער דיא נשמה זעהר מעכטיג און קען ניט נאר אָנטאָן אלערליי צרות דיא לעבעדיגע, זאָנדערן אפילו אויך ארויסרופען א שטורם און א דונער. אזוי גלויבען, צום ביישפּיעל, דיא ווילדע אין בראזיליען.

דיא מיטעל, וועלכע ווילדע האָבען אָנגענומען צופריעדען צו שטעלען דיא נשמות, אז זיי זאָלען קיין שאָדען ניט טאָן, זיינען פערשיעדען. ניט אלע נשמות האָט מען אויף דיא זעלבע ארט פערעהרט. מאנכע האָט מען אין גאנצען פערלאָזען. געוויינליך האָט מען אָפּגעגעבען כבוד דיא נשמות פון שטארקערע און בייזע מענשען, ווייל פאר זיי האָט מען נאטירליך מורא געהאט; אבער אָפט האָט אויך א צופאל געשפּיעלט דערביי א ראָלע. דיא נשמות פון קינדער, שקלאַווען און פרויען (אין פּאטריארכאלישע צייטען) האָבען קיין ווערדע ניט געהאט אין דיא אויגען פון ווילדע. אין אלגעמיינען קען מען זאָגען, אז וואָס מעהר איינער האָט אויפגעטאָן אין זיין לעבענסצייט און וואָס מעהר מען האָט איהם געדיינקט נאָך זיין טויט, אלץ מעהר האָט מען געזאָרגט וועגען זיין נשמה. דיא צייט וועלכע מען האָט בעדארפט זאָרגען פאר דער נשמה, איז אויך געוועזן פערשיעדען. דאָס איז אָבהענגיג געוועזן פון דער וויכטיגקייט פון דעם פערשטאָרבענעם. געוויינליך זאָרגען וויל-

דע אם מייסטען פאר דער נשמה באלד, ווייא זיא פליהט ארויס פון גוף, ווייל זיי רעכענען, אז דאן וואנדערן דיא נשמות ארום צווישען דיא לעבעדיגע און זיינען בעזאנדערס בייז. דאס איז גאנץ נאטירליך, ווען מען נעהמט און אנבעטראכט וואס מען פיהלט דיא ערשטע צייט, ווען עלטערן אדער נאהענטע קרובים שטארבען. חלומות פערשטערקערן נאך דעם שרעק פאר דיא נשמות. זא לאנג מען קען זיך ניט פערגעסען אן א געשטארבענעם, קומט ער צו חלום. יעדער אונגעוויינליכער גערויש דערמאנט אן איהם. עס דוכט זיך, אז ער שטייט פאר דיא אויגען.

אלע ווילדע פעלקער האבען דארום אנגענומען געוויסע מיטעל צו „בערוהיגען" דיא נשמות, אז זיי זאלען זיך ניט „צוריק קעהרען" און ניט שרעקען אדער שלעכטעס טאן דיא לעבעדיגע. אפילו ביי ציוויליזירטע פעלקער זיינען נאך ביז היינט צו טאג פערבליבען פערשיעדענע אבערגלויבענס וועגען דעם. ביי דיא סלאווען איז נאך פערבליבען א מנהג, דאס ווען איינער שטארבט, עפענט מען דיא פענסטער, אז זיין נשמה זאל זיך גיכער אפטראגען. אין דייטשלאנד קלאפט מען אין געפעס און אין אנדערע זאכען, אז דיא נשמה זאל זיך ניט קענען בעהאלטען אין זיי. עס איז נאך אויך פערבליבען ביי דעם פראסטען פאלק פון דייטשלאנד דער אבערגלויבען, אז ווייא נאר מען טראגט ארויס פון שטוב א מת, דארף מען גלייך צומאכען דיא טירען און טויערן און זיי ניט עפענען ביז נאך דער בעערדיגונג, אז דיא נשמה זאל זיך ניט צוריק קעהרען אין שטוב. דעם שוועל בעגיסט מען נאך מיט וואסער, דען דאס ווערט גערעכענט פאר דיא זיכערסטע סגולה געגען דעם צוריק־קומען פון דער נשמה. ביי אידען זיינען אויך פערבליבען אזעלכע אבערגלויבענס. צום ביישפיעל, ווען איינער שטארבט, שטעלט מען אוועק א גלאז וואסער, אז דיא נשמה זאל זיך דארט׳ן טבל׳ען און זאל זיין פערטיג צו א שנעלע רייזע אין הימעל, דאס הייסט: זיא זאל ניט פערבלייבען אין הויז אדער לעבען קבר. דיא אלטע רוימער פלעגען גוט אויסקעהרען דיא הויז, ווען איינער פלעגט שטארבען, אום זיין נשמה זאל דארטען ניט פערבלייבען.

ביי יעדען ציוויליזירטען פאלק איז פערבליבען עפעס אן אבער־

גלויבען און א מנהג, וואס צייגען דייטליך אן אויף דעם אוראלטען גלויבען אין דער מאכט פון גייסטער אדער נשמות, אויף דעם ערשטען קולט, וועלכער איז בעשטאנען אין דער פערעהרונג פון נשמות, וויא דאס איז שוין אויבען ערקלערט געוועןי דיזע אבערגלויבענס בעווייזען וויא פעסט זיי האלטען זיך, וויא קאנסערוואטיוו רעליגיאנען זיינען אין אלגעמיינעןי מיר האבען שוין עטליכע מאל אנגעצייגט אין דיא פריי־הערע קאפיטלעך, וויא אוראלטע רעליגיעזע צערעמאניעס פערבלייבען אונטער נייע פארמעןי מיר זעהען עס דא ווידער און מיר וועלען עס נאך אפט זעהען ביי דיא וויטערע נאכפארשונגען וועגען רעליגיאנעןי

נאר לאמיר זיך דערוויילע צוריקקעהרען צו אונזער עניןי גע־וויהנליך האט מען געגלויבט, אז דיא נשמה פליהט ארום אדער דרייהט זיך ארום דעם קערפער, פון וועלכען זיא איז ארויסגעפלויגען, אזוי לאנג ביז עס פערבלייבט נאך א פיצעלע פלייש אויף דיא ביינערי דיא נשמה פערלאזט ניט גערן אפילו דיא ביינער, האבען פיעלע פעל־קער געגלויבטי דער רעזולטאט דערפון זיינען געוועזען געוויסע צערע־מאניעס און מנהגים ביי דיא בעערדיגונג פון טויטעי וויא באלד דיא נשמה פערשווינדעט ניט גלייך און וואנדערט ארום דעם קערפער, איז עס געווען נאטירליך צו זוכען מיטעל וויא צו פערזארגען דעם טויטען קערפערי ווען, צום ביישפיעל, דער קערפער זאל גלייך אויפגעפרעסען ווערען פון ווילדע חיות, טא וואס וועט בלייבען מיט דער נשמה? וואו וועט זיא זיך אהינטאן אהן דעם גוף? פיעלע פעלקער האבען דיזע הארבע קשיה ענטשיעדען אין דעם זינען, אז דיא נשמה וואנדערט אריין אין דער חיה, וועלכע האט אויפגעפרעסען דעם קערפערי

דא איז אבער פארגעקומען א חלוקי דעות: מאנכע פעלקער האבען עס בעטראכטעט פאר א שאנדע און פאר א שטראף, דאס א מענשענס נשמה זאל פערבלייבען איינגעשפארט ביי א חיה, און זיי האבען דארום גענומען בעערדיגען זייערע מתים און איבערהויפט זארגען, אז דיא קערפערס פון דיא פערשטארבענע זאלען וואס לענגער בלייבען גאנץ, ניט פערפוילטי בעזאנדערס האבען דיא מצריים זיך אויסגע־צייכענט מיט זייער זארג וועגען דיא קערפערס, דען זייערע מומיעס (איינגעוויקעלטע און באלזאמירטע קערפערס) געפינט מען נאך עד

היום אין דיא פערבאָרגענע קברים פון מצרים, אזוי וויא מען האָט זיי מיט טויזענדער יאָהרען צוריק אוועקגעלייגט. ביי דיא גריכען פון האָמער'ס צייטען איז דיא שרעקליכסטע ראכע געוועזען צו לאָזען א קערפּער פון א פיינד פאַר הינט און רויבטהירע, אז זיי זאָלען איהם אויפפרעסען.

אבער אנדערע פעלקער האָבען עס גראָדע בעטראַכטעט אלס אן ערלייזונג פאַר דיא נשמות, ווען חיות האָבען אויפגעפרעסען דיא קערפּערס. וויא באַלד דיא נשמה בלייבט אין דער חיה, קען זיא דאָך שוין ניט שעדליך זיין פאַר דיא מענשען, האָבען פיעלע ווילדע פעל־קער געגלויבט. דארום פלעגען זיי דוקא זוכען, אז ווילדע חיות זאָלען אויפפרעסען דיא טויטע. א סך שטאַמען אין אפריקא שלעפּען אוועק דיא טויטע אין וועלדער, אז רויבטהירע זאָלען זיי אויפפרעסען. אום אָבער דיא נשמה זאל זיך פריהער ניט צוריק קעהרען, געברויכען זיי פאָלגענדע סגולה: איידער זיי שלעפּען דעם געשטאָרבענעם אוועק אין וואַלד, טראָגען זיי איהם אַרום עטליכע מאָל ארום זיין שטיבעל אדער געצעלט. זיי גלויבען, אז דיא נשמה ווערט דאן צומישט און צופלאָנטערט וויא א קליין קינד, זאָ דאָס זיא קען שוין ניט געפינען דעם וועג צוריק אין שטיבעל. אום נאָך מעהר אָפּצונאַרען דיא נשמה, טראָגט מען דעם מת ארויס ניט דורך דער טיר, נאר דורך אן עפענונג, וועלכע מען האַקט ספּעציעל אויס אין דער וואַנט און מען פערקלאַפּט נאַכהער. ווילדע גלויבען, אז דיא נשמה קען שוין דאַן ניט טרעפען דעם וועג צוריק.

אזעלכע מיינונגען און גלויבענס שיינען אונז אזוי ווילד און לעכערליך, דאָס ניט ווילענדיג פאַלט אונז אריין א צווייפעל, ווען מיר לעזען דיא בעשרייבונגען פון רייזענדע. אָבער מיר ברויכען נאר נעהענטער בעטראַכטען אייניגע פון דיא מנהגים און איבערלייבענס ביי ציוויליזירטע פעלקער, אום צו איבערצייגען זיך, אז אונזערע אור־עלטערן האָבען אמאָל גראָדע אזוי געדיינקט און געהאַנדעלט וויא דיא ווילדע אפריקאַנער. צום ביישפּיעל, מען גלויבט געוויינליך, אז דיא נשמות פון דיא יעניגע וואס ווערן ניט בעערדיגט נאָך דיא אָנ־גענומענע רעליגיעזע צערעמאָניעס, ווערן ניט אין גאַנצען בערוהיגט

און וואנדערן ארום ערגעץ. אזוי וויא זעלבסטמערדער ווערן ניט בעערדיגט נאך דיא אַנגענומענע רעליגיעזע צערעמאָניעס, דארום עקזיסטירט נאך ביז היינט צו טאָג דער אבערגלויבען, אז זייערע נשמות קענען זיך צוריק קעהרען און בעווייזען. און עס טרעפט, אז דיא בעלי הבתים לאָזען ניט, דאָס מען זאָל דיא קערפּערס פון זעלבסטמערדער ארויסטראָגען דורך דיא טירען פון זייערע הייזער!

נאר דיא מערקווירדיגסטע פון דיזע אלע סגולות פּטור צו ווערן פון דער נשמה, אז זיא זאל מעהר ניט בעאונרוהיגען דיא לעבעדיגע און ניט אָנמאכען צרות, איז זיכער דיא וואס איז אנגעווענדעט געוואָרן פון פיעלע ווילדע פעלקער. דיזע סגולה בעשטייט נעמליך אין דעם, דאס דיא לעבעדיגע פּרעסען אליין אויף דיא טויטע! עס זיינען דאָ פיעלע בעווייזע, אז ווילדע שטאמען האָבען דיזע שרעקליכע פּרעסעריי פון מתים בעטראכטעט ניט נאר פאר דעם זיכערסטען מיטעל פּטור צו ווערען פון דיא נשמות, זאָנדערן אויך פאר א מיטעל צו קריעגען דיא קראפט און פעהיגקייטען פון דיא געשטאָרבענע. דיזע ווילדע פלעגען אויפפרעפען דיא קערפּערס פון זייערע פערשטאָרבענע קרובים ביז א פּיצעל. יעדען ביינדעלע פלעגען זיי ארומגריזען און ארומלעקען אז עס זאָל קיין פלייש ניט בלייבען, דען ערשט דאַן זיינען זיי זיכער געוועזן, אז דיא נשמה פון דעם טויטען איז פערשוואונדען געווארן אין זיי. דיזער גלויבען האָט געפיהרט צו מענשען-פרעסעריי מיט רעליגיעזע צוועקען, וויא מיר וועלען עס ווייטער זעהען.

אנדערע פעלקער האבען פערעהרט דיא חיות, וואס פלעגען אויפפרעסען דיא טויטע קערפּערס. געוויינליך פלעגען דיא אלטע פערסען ניט בעערדיגען זייערע טויטע, נאר זיי איבערלאָזען פאר דיא הינט, וועלכע וואנדערן יעצט נאך דאָרטען ארום אין מאסען, וויא עס איז שוין דערויף אָנגעצייגט געווען אין אַן אנדער אָרט פון דיזער קולטורגעשיכטע. זיי פלעגען דארום זעהר שטארק פערעהרען אלע הינט, ווייל זיי האבען געגלויבט, אז אין דיזע חיות ווערן אויפגעהאלטען מענשליכע נשמות.

דער מנהג איבערצולאָזען טויטע פאר רויבטהירע איז נאך ביז יעצט פערבליבען ביי דיא אנהענגער פון דיא אלטע פערסישע

רעליגיאָן, בײ דיא זאָ גענאַנטע פּאַרסען. זײערע טויטע לאָזען זײ איבער פאַר קאָרשונען (אזעלכע רויב־פויגלען) אויף געביידעס, וואס טראָגען דעם נאמען דאכמא אָדער „טהורמען פון שווײגען". דיא קערפּערס לײגט מען דאָרט אוועק אויף גראַטעס, און ווען דיא קאָרשונען פרעסען אויף דיא פלייש, פאַלען דיא ביינער ארונטער אין טהורם. דיא פאַרסען האבען אריבערגעוואנדערט פון פערסיען נאך אינדיען אין 8־טען יאָהרהונדערט, ווען דיא מאהאָמעדאַנער האָבען זײ אָנגעפאַנגען צו פערפאָלגען.

נאר וויא פערשיעדען דיא פאָרמען פון דעם גלויבען אין דער מאכט פון נשמות זײנען ניט געווען בײ פערשיעדענע פעלקער, זײנען זײ דאָך אַלע ארויסגערופען געוואָרן פון דיא זעלבע אורזאכען, אויף וועלכע עס איז שוין אָנגעצײגט געווען, און זײ האבען אויך געפיהרט צו אַן עהנליכע ענטוויקלונג פון רעליגיאָן, וויא מיר וועלען עס באַלד זעהען. דיא פערשיעדענהײט פון פאָרמען איז אָפּהענגיג געווען פון צופעלע און לאָקאַלע אומשטענדען. זיא צײגט ניט אויף אַן אונטערשיעד פון אורזאכען, וויא מען קען עס פון ערשטען בליק מײנען, נאר אויף אַ זעלבסטשטענדיגע ענטשטעהונג פון דעם זעלבען גלויבען בײ יעדען פאָלק. ווען איין ווילדער פאָלק וואָלט איבערגענומען זיין גלויבען אין נשמות און גײסטער בײ אַן אנדערן, וואָלט ער צוגלײך איבערגענומען דיא פאָרמען פון קולט אדער דיא צערעמאָניעס וויא אזוי דיא נשמות אָפּצוגעבען כבוד און וויא זײ גוט צו מאכען. דאַן וואָלט שוין זיכער ניט געקענט טרעפען אזאַ הימעלווײטער אונטערשיעד אין דער בעהאַנדלונג פון מתים, וויא צום בײשפּיעל בײ דיא אַלטע עגיפּטער, וועלכע האָבען נאָר געזוכט מיטעל וויא צו פערהיטען זײערע טויטע פון צושטערונג און פוילענעס, און בײ דיא אַלטע פערסען, וועלכע פלעגען איבערלאָזען זײערע טויטע פאר הינט. בײדע, אי דיא עגיפּטער אי דיא פערסען, זײנען ארויס פון דעם זעלבען גלויבען אין נשמות, נאר זײ זײנען געקומען מיט דער צײט צו גאַנץ אַנדערע סגולות צו מאכען דיא נשמות אונשעדליך פאר זיך. פּײלײכט האָבען דאָ פערשיעדענע חלומות געלײגט דעם אָנפאַנג פון דיא פערשיעדענע סגולות. א פערסישען פיהרער האָט זיך גראַדע

געקענט חלום׳ען, אז ער זעהט וויא דיא נשמה פון זיין פאָטער געהט אריין אין דעם הונט, וואס האָט דעם טויטען קערפּער אויפגעפרעסען, און ער איז דארום געקומען צום שלום, אז דאס איז דער בעסטער און זיכערסטער מיטעל צו מאַכען דיזע נשמה אונשעדליך פאר איהם און אַלע לעבעדיגע. אַן עגיפּטישער פיהרער האט געקענט זעהען אין חלום פערקעהרט, אז דיא נשמה פון זיין פאָטער געפינט זיך קיין רוה ניט און וואנדערט ארום, ווייל אַ חיה האָט אויפגעפרעסען דעם גוף, און ער איז דארום געקומען צום שלום, אז מען דארף ניט לאָזען פערניכטען דיא טויטע קערפּערס, אום דיא נשמות זאָלען דער־פאר צו רוה לאָזען דיא לעבעדיגע. ווער קען בעשטימען דיא אור־זאכען פון יעדען אבערגלויבען בעזונדער? דיזע איינצעלנע אורזאכען זיינען אויך ניט וויכטיג. וויכטיג זיינען נאר דיא אַלגעמיינע אורזאַ־כען, וועלכע האבען געפיהרט און געמוזט פיהרען צו עהנליכע אַלגעמיינע רעזולטאטען.

דער אַלגעמיינסטער רעזולטאט פון דעם אלגעמיינען גלויבען אין נשמות און גייסטער איז געוועזן דער ג ע ד א נ ק וועגען אָ פּ פ ע ר, א געדאנק וועלכער האָט געלייגט דעם פונדאמענט פון י ע ד ע ן קולט אָדער גאָטעסדיענסט. וויא מיר האָבען שוין אָנגעצייגט, שטאמט דיזער געדאנק פון דער נאַטירליכער נייגונג פון מענשען צו אורטהיילען נאָך זיך זעלבסט און צו פערגלייכען דיא נאַטור פון דיא נשמות און גייס־טער מיט דער מענשליכער נאַטור. דער מענש איז צופרידען, ווען מען שיינקט איהם עפּעס, ווען מען טהוט איהם גוטעס, ווען מען שעצט איהם, ווען מען גיט איהם אָפּ כבוד. עס איז אַלזאָ גאַנץ נאַטירליך פאר מענשען צו דיינקען, אז דאס זעלבע וועט אויך צו־פרידען שטעלען דיא נשמות און גייסטער. און מיר געפינען דארום ביי אַלע פעלקער אָהן אויסנאַהמע, סיידען אזעלכע וואס האָבען נאָך קיין שום רעליגיאָן ניט, דאס מען זוכט גוט צו מאַכען דיא נשמות דורך געוויסע ג ע ש א נ ק ע ן אָדער אָפּפער. דיא פאָרמען זיינען דאָ ווידער פערשיעדען, אָבער דיא אורזאַכע איז דיא זעלבע. בריינגען אָפּפער צו דיא גייסטער און געטער איז, קען מען זאָגען, דער אָנ־פאַנג און דער סוף פון י ע ד ע ן ג אָ ט ע ס ד י ע נ ס ט. דאָס איז דער

אויסוועטיגער אויסדרוק פון דעם אינערליכען גלויבען אין איבערנאטירליכעס. אָהן דיזע אויסדריקע, אָהן פאָרמען פון אָפּפער און פערעהרונג איז דער גלויבען אין געטער טאַקע נאָר א פוסטע זאַך, עפּעס וואס האָט גאָר קיין ממשות ניט.

לאָמיר יעצט בעטראַכטען אין קורצען, וויא דיזע שטרעבונג עפּעס צו טאָן פאַר דיא נשמות, אויסצודריקען זיי טרייהייט און אונטערטעניגקייט דורך אָפּפער האָט זיך צוערשט ארויסגעצייגט ביי ווילדע מענשען.

אויף פיעלע אינזלען פון גרויסען אָקעאַן האָבען אויראָפּעאישע רייזענדע געפונען פערלאָזענע פעלדער ארום דיא הייזער פון פערשטאָרבענע. דיא איינגעבאָרענע האָבען געענטפערט אויף דיא פראַגען פון דיא רייזענדע, אז צו דיזע שטיקער לאַנד טאָר מען זיך ניט צוריהרען, ווייל זיי געהערען אין גאַנצען צו דיא גייסטער פון דיא טויטע. זיי האָבען געגלויבט, אז דיא נשמות ערנעהרען זיך מיט שפּייז אזוי וויא דיא לעבעדיגע, און דארום איז ביי זיי איינגעפיהרט געוואָרען איבערצולאָזען פאַר דיא נשמות גאַנצע שטיקער לאַנד, אז זיי זאָלען האָבען גענוג שפּייז.

דיא פּאַפּואַנער פון דעם גרויסען אינזעל ניי־גווינעא, וואס זייער רעליגיאָן איז נאָך ביז יעצט פערבליבען אין דער אוראַלטער פאָרמע פון נשמות־קולט, גראָבען אויס אין בעשטימטע צייטען דיא שאַרבענס פון זייערע פערשטאָרבענע עלטערן און קרובים, פאַרבען דיזע שאַרבענס, בעפּוצען זיי מיט בלומען און פעדערן, שטעלען זיי אוועק אויף א ביהנע צוזאַמען מיט שפּייזען און געטרענקע. דערמיט צייגען דיא פּאַפּואַנער ארויס זייער דאַנקבאַרקייט צו דיא נשמות פון זייערע עלטערן, דען זיי גלויבען, אז נאָר דורך דיא פערעהרונג פון נשמות פון זייערע עלטערן בלייבען זיי לעבען.

דיא רייזענדע וואס האָבען ענטדעקט דעם אמעריקאַנער אינזעל האאיטי, האָבען געפונען ביי דיא איינגעבאָרענע א מנהג, אויף וועלכען עס איז שוין אָנגעצייגט געוואָרען אין דיא קאַפּיטלעך איבער דיא שפּייז פון דיא ערשטע מענשען. דיא איינגעבאָרענע האָבען נעמליך ניט געגעסען א געוויסען סאָרט פּפירזיכען. זיי האָבען עס ערקלערט דער־

מיט, וואס זייערע אורעלמערן האָבען אָפּגעגעבען דיזע פּרוכטען צו דיא טויטע, וואס לאָזען זיך אראָפּ בייגאכט פון דיא בערג אין דיא טהאָלען און שפּייזען זיך מיט דיזע פּרוכטען.

דיא איינגעבאָרענע פון דעם אינזעל פּסח (אויף דעם גרויסען אָקעאַן) גלויבען, אז קאַרטאָפּעל דאַרף איבערגעלאָזען ווערן אלס שפּייז פאַר דיא טויטע. דיא פערוואַנדטע פון א געשטאָרבענעם לאָזען פוילען אויפ׳ן פעלד דיא פערזייהטע קאַרטאָפּעל און ריהרען זיי ניט אָן אפילו אין צייטען פון הונגער. זיי גלויבען, אז דיא גייסטער בענוצען זיך אויף א געוויסע אַרט מיט דיא קאַרטאָפּעל און וועלען שוין בע־לוינען זייערע קינדער פאַר דיזע אָפּפער, וויא גייסטער קענען עס נאָר.

אויף דעם אינזעל האַוואַי איז געווען איינגעפיהרט ניט צו זוכען שפּייז און גאר ניט צו אַרבייטען עטליכע טעג און זאָגאַר עטליכע וואָכען, ווען א קעניג פלעגט שטאַרבען. עס איז פערבאָטען געווען צו קלייבען פּרוכטען, צו טויטען חיות און אפילו אַרומצוגיין אויף פעלדער, דען יעדע זאַך אויף דעם אינזעל איז דאַן גערעכענט געווען פאַר דעם אייגענטהום פון דעם קעניג׳ס גייסט. דיא יעניגע וואס האָבען ניט געהאַט אָנגעגרייט שפּייז אין זייערע הייזער, פלעגען איינפאַך הונגערן. אַלע האַבען דאַן מעהר אָדער וויינעגער געפאַסט, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט גענוג שפּייז אין זייערע וואָהנונגען. דאס האָט געהייסען „אַן אַלגעמיינער טאַבו“. וואס טאַבו הייסט, ווייסען מיר שוין פון דיא קאַפּיטלעך איבער דיא ענטוויקלונג פון פּריוואַט אייגענטהום. דער אָנפאַנג פון דיזען זעהר פערשפּרייטעטען חרם ביי דיא פּאָלינעזיער שטאַמט פון דעם אבערגלויבען, דאָס מען דאַרף עפּעס אָפּגעבען צו דיא נשמות. ווער עס האָט געקענט, האָט זיך נאַטירליך בעצייטענס פערזאָרגט מיט שפּייז פאַר דעם ערוואַרטעטען טויט פון א קעניג. דיא איינגעבאָרענע פלעגען דערציילען מעשיות, וויא אַמאָל פלעגט מען גאַנצע יאהרען אָנהאַלטען אַזאַ טאַבו, אבער דאס זיינען געוויס פאַנטאַזיעס, דען אַזאַ לאַנגען פאַסטען איז אונמעגליך אויס־צוהאַלטען. אין אַזאַ טרויער־צייט האָט דער אינזעל בעדאַרפט אויסזעהן, וויא אַן אָפּגעשטאָרבענער. יעדערער האָט בעדאַרפט בלייבען זיצען אין זיין הייזעל און קיין גערויש ניט מאַכען. דאָס האָט בעדייטעט, אז

דאָס גאַנצע פאָלק גיט זיך איבער צום גייסט פון דעם פערשטאָרבענעם קעניג, אזוי וויא מען איז געווען אונטערטעניג צום קעניג, ווען ער האָט געלעבט.

מיט אזעלכע ביישפיעלע פון נשמות־פערעהרונג אָדער גייסטער־פערגעטערונג קען מען אָנפילען גאַנצע ביכער. דיא אויבענגעבראַכטע ביישפיעלע צייגען אויך אָן צוגלייך אויף צייטען, ווען מענשען האָבען נאָך קיינע זאַפאַסען געהאַט און געלעבט, וויא מען זאָגט, פון האַנט צו מויל, וויא עס איז געוויינליך דער פאַל אין יעגער־צושטאַנד. ווען זייער גלויבען אין גייסטער האָט זיי שוין געפיהרט דערצו, אַז זיי זאָלען ברייגנען קרבנות צו דיא גייסטער, אַז זיי זאָלען אַרויסצייגען זייער פורכט און אונטערטעניגקייט צו דיא גייסטער דורך אויסווערטיגע צייכענס, האָבען דיא מענשען אין יעגער־צושטאַנד דאַרום דאס ניט געקענט אַרויסווייזען אַנדערס, וויא נאַר דורך דעם וואס זיי האָבען אַליין זיך צוריקגעהאַלטען פון געברויכען געוויסע שפייזען. דאס הייסט מיט אַנדערע ווערטער, אַז זייער געשאַנק צו דיא גייסטער אדער קרבן (שליסליך איז דאָך דאס איינס און דאָס זעלבע) האָט געוויינליך נאַר געקענט בּזשטיין אין הונגערן אָדער פּאַסטען. אפּגעבענדיג דיא פּרוכטען פון געוויסע ביימער צו דיא גייסטער פון זיינע עלטערן, האָט שוין דער ווילדער יעגער אַליין זיך געמוזט בעגיין אָהן דעם.

מיר ווייסען שוין פון דיא קאַפּיטלעך איבער אייגענטהום, אַז דעם פערשטאָרבענעם האבען אין דיזען קולטור־צושטאַנד און נאָך לאַנגע צייטען שפּעטער געהערט אַלע זאַכען, וואס ער האט בעזעסען ביי'ן לעבען, וויא זיינע געצייג, געוועהר, פּוץ־זאַכען און קליידער. דאס איז געווען זיין פּערזענליכער אייגענטהום אַקוראַט וויא זיין קערפּער און דאס האָט געמוזט אויך איבערגעגעבען ווערן צו זיין גייסט. מעהר האט קיינער דאַן ניט געהאַט. ווען איינער האָט געוואָלט עפּעס געבען דיא גייסטער פון זיינע עלטערן, האָט ער שוין אַליין געמוזט זיך אָפּזאָגען פון דעם, דאס הייסט: פּאַסטען. אין דעם איז בעשטאַנען זיין אָפּפער, זיין קרבן צו דיא גייסטער.

דיא מנהגים פון אָפּגעבען פּרוכטען און גאַנצע פעלדער צו דיא גייסטער פון דיא טויטע, מנהגים וואָס שיינען אונז אזוי ווילד און

משונה׳דיג, זיינען דארום געווען זעהר לאָגיש און נאַטירליך אין יעגער־צושטאַנד. יעדענפאַלס האבען זיי זיך אונטערשיידעט פון דיא תעניתים און קרבנות ביי ציוויליזירטע פעלקער ניט אין אינהאַלט, זאָנדערן אין פאָרמע. סמנים אדער אָנזוייזונגען אויף דיזע עלטעסטע פאָרמע פון דעם גייסטער־קולט געפינען זיך נאך ביז היינט צו טאָג ביי אלע ציוויליזירטע פעלקער, וויא עס איז אויבען בעוויזען געוואָרן.

נאָר פון דער אַנדערער זייט האָבען דיא מענשען אין יעגער־צושטאַנד געהאַט טעג, ווען זיי האָבען ניט געקענט אויפפרעסען דיא חיות, וועלכע עס איז זיי געלונגען צו טויטען. דער אויפמערקזאַמער לעזער וועט זיך דערמאָנען וואָס עס איז געזאָגט געוואָרען וועגען דעם אין דיא קאַפּיטלעך איבער דיא שפּייז און איבער דיא פיהרונגען פון ווילדע יעגערס, ספּעציעל איבער זייערע געמיינשאַפטליכע סעודות. ביי דיזע סעודות האָט מען אויך ביסלעכווייז אָנגעפאַנגען צו דערמאָנען זיך אָן דיא גייסטער. דיזער דערמאָנען־זיך האָט זיך מייסטענס אויסגעדריקט אין אויסטהיילען חלקים פאַר דיא נשמות פון דיא טויטע. מיט דער צייט האָט מען אויך גענומען מאַכען אלגעמיינע סעודות צו עהרע פון דיא גייסטער פון אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט אלס אָנפיהרער און הערשער ביי׳ן לעבען. אין אַזאַ פאַל האָט מען שוין אַזאַ געפירכטעטען גייסט גע־בראַכט אלס קרבן אַ געוויסען טהייל פון דיא שפּייז. דיא סעודה איז שוין דאַן גערעכענט געווען פאַר אַ פעסט אָדער יום טוב. איינינע ווילדע פעלקער האָבען פערברענט אָדער פערניכטעט אויף אירגענד וועלכער וויזע דעם חלק שפּייז פון דיא גייסטער; דיא מייסטע פעלקער האָבען עס אָבער אליין אויפגעגעסען נאך געוויסע צערעמאָניעס. דאָ האָט ווידער אַ צופאַל געשפּיעלט אַ ראָלע, און דיא מנהגים זיינען געווען פערשיעדענע, אָבער אלע זיינען זיי געווען גלייך דערמיט, וואָס אַזעלכע סעודות זיינען אויך אָנגענומען געוואָרן פאַר פעסט־טעג. דער אינהאַלט איז נאַטירליך פערבליבען דער זעל־בער, וואָס מען האָט ניט געטאָן מיט דעם חלק שפּייז, וועלכען מען האָט אָפּגעגעבען צו דיא גייסטער, אום זיי אָנצוטאָן כבוד און צופרי־דען צו שטעלען.

מיר זעהן אלזאָ, אז דיא ערשטע פאָרמען פון גייסטער־קולט אָדער דיא ערשטע צערעמאָניעס פון דער נשמות־פערעהרונג האָבען זיך אויסגעדריקט און אויך געמוזט אויסדריקען אין פאסטען און אין פעסטען. דיזע פאָרמען געפינען מיר טאקע פערשפרייטעט ביי אלע פעלקער, וועלכע האבען דעם מינדעסטען רעליגיעזען גלויבען.

ביי דיא אינדיאַנער און איבערהויפט ביי אלע ווילדע יעגער־שטאמען זיינען תעניתים בעזאָנדערס פערשפרייטעט. זייער אונזיכער־רע ארט לעבען פיהרט זיי דערצו. ווען זיי גליקט אויף געיעג, שרייבען זיי עס צו דעם גוטען ווילען פון דיא גייסטער און געטער. דארום האל־טען זיי עס פאר זייער הייליגע פפליכט צו בעדאנקען דיא גייסטער און געטער דורך א פעסט־סעודה מיט געוויסע צערעמאָניעס, וועלכע זיינען צייכענס פון זייער דאנקבארקייט און אונטערטעניגקייט. ווען אבער זיי גליקט ניט אויף געיעג און זיי קומט אויס סיי וויא סיי צו הונגערן, בעטראַכטען זיי עס אלס א שטראָף פון דיא גייסטער אָדער געטער און זיי פאסטען דאן, אום דורך דיזען אָפּפער צו געווינען דעם גוטען ווילען פון גייסטער אָדער געטער. דורך דעם האָט מען גענומען קוקען אויף פאסטען וויא אויף א פאָרמע פון תשובה. תעניתים און יומים טובים קומען דארום עפטערס פאָר איינע נאך דיא אַנדערע. דערפון זיינען עס פערבליבען פעסטען נאך גרויסע תעניתים אפילו אין דיא ענטוויקעלטסטע רעליגיאָנען פון דיא ציוויליזירטעסטע פעלקער.

ביי דיא פעלקער וועלכע האבען ניט געהאט איינגעפיהרט אלגעמיינע סעודות, פלעגט מען בריינגען דיא גייסטער זעהר איינפאַ־כע און קליינע קרבנות. דיא אור־איינוואָהנער פון טאאיטי פלעגען זיך בעגנוגענען דערמיט, וואס זיי פלעגען אוועקלייגען לעבען זייערע טויטע עטליכע פרוכטען און בריינגען שפייז־וואָרצלען אין דיא אָפּגע־צאָמטע ערטער פאר דיא גייסטער. דיא מייסטע פעלקער, וועלכע האָבען עפענטליכע סעודות, גלויבען אז דיא גייסטער און געטער האָבען אויך דערפון הנאה, אז זיי געפעהלט ספעציעל וואָס מענשען גיבען זיי אָפּ כבוד צוזאמען אין איין קאָמפּאַניע. ווען אויראָפּעער האָבען ענטדעקט דעם אינזעל טאָנגאטאבו, איז איינער פון זיי איינגעלאַדען געוואָרען פון דיא איינגעבאָרענע צו זייערן א רעליגיעזען

יום טוב. דיא פעסטליכקייט איז בעשטאנען אין דעם, וואס דיא ווילדע האָבען זיך אויסגעזעצט אין אַ קרייז און וואס יעדערער האט אויסגעטרונקען פון אַ שיסעלע, וועלכע איז געמאכט געוועז פון אַ באַנאַנאַ-בלאַט, אַ געוויסען געטראַנק, וועלכען זיי האָבען זעהר ליעב געהאט צו טרינקען. אין דעם איז בעשטאַנען זייער גאַנצע׳ גאָטעסטדיענסט און דאַס האָט ניט ווייניג איבערראַשט דעם אייראָפּעאָ־ עבענזאָ פערוואונדערט זיינען געוועזען דיא מיטגליעדער פון אַ דייטש׳ וויסענשאַפטליכע עקספּעדיציאָן, ווען זיי האָבען בייגעוואָהנט אַ בינע׳ זישע רעליגיעזע צערעמאָניע אין אינדאָ־כינאַ. בינזוער האָבען געבראַכט אין זייער טעמפּעל אַ געבראָטענעם חזיר׳ל און, נאָכדעם וויא זיי האָבען זעהר פריינדליך איינגעלאַדען דיא אייראָפּעאישע רייזענדע צו נעהמען אַנטהייל אין זייער סעודה, האָבען זיי אָנגעפאַנגען זעהר לוסטיג צו עסען זייער קרבן. זיי האָבען גאַנץ געמיטהליך געשמועסט ביי דיעזער רעליגיעזער סעודה. דיא כינעזער גלויבען נאָך אויך, אַז דיא גייסטער, צו וועמעס עהרע זיי מאַכען אַזאַ סעודה, אַזוי וויא מיר מאַכען אַ באַנקעט צו עהרע פון אַ מאַן, זיינען דערביי אַנוועזענד און האָבען דערפון פערגעניגען.

נאָר מיר דאַרפען ניט פאַרקריכען אַזוי וויט נאָך ביישפּיעלען. מיר קענען זיי אויך געפינען אונטער דער האַנט, ווען מיר זאָלען נאָר זוכען וויא געהעריג און זיך ניט לאָזען נאַרען פון אויסערליכע צופּער־ צונגען און נייע־מאָדנע ערקלערונגען און פּירושים. ביי אידען זיינען נאָך ביז היינט צו טאָג פערבליבען גאַנץ קלאָרע סמנים פון דעם אוראַלטען מנהג איינצולאַדען גייסטער צו סעודות און פעסטליכקייטען. עס איז גענוג אָנצוצייגען אויף דעם מנהג צו לאָזען אַ כוס פאַר אליהו הנביא ביי׳ם סדר פסח און אויף דעם מנהג צו לאָזען אַ שטול דעם זעלבען נביא ביי ברית׳ן (וואס מען רופט כסא של אליהו). נאַטירליך, תלמודיסטען און רבנים גיבען וועגען דעם זייערע ערקלערונגען, אום אויסצוגלייכען דיזע אוראַלטע געצענדינערשע מנהגים מיט דעם גלויבען אין איין גאָט, מיט דעם ריינעם יודאאיזמוס; אָבער קיינער פון זיי וועט דאָך ניט לייקענען, אַז דאַס פאָלק גלויבט טאַקע אין אמת׳ן, דאַס אליהו הנביא קומט אריין, ווען מען עפענט דיא טיר ביים סדר, און טרינקט

אוים דעם כוס וואס שטייט אָנגעגרייט פֿאַר איהם, און דאס ער איז אַנוועזענד ביי יעדען ברית-מלה, דען ער ווערט דאָך גערעכענט פֿאַר דעם מלאך הברית.

אָבער בעזאָנדערס דייטליך ווייזט זיך ארויס דער אָנגעצייגטער אוראַלטער מנהג אין דער איינלאַדונג צו דיא אושפּיזין, וואס אידען מאַכען אין זייערע סוכות יעדען טאָג פֿון דיזען יום טוב פֿאַר דער סעודה. מיר וועלען נאר דאָ בריינגען דיא איינלאַדונג פֿון דעם ערשטען טאָג סוכות. זיא לויטעט: „אזמן לסעודתי אושפיזין עילאין אברהם יצחק יעקב יוסף משה אהרן ודוד" (איך לאַדע איין צו מיין סעודה דיא ערהאַבענע געסט אברהם, יצחק, א. ז. וו.).

עס איז איבעריג זיך ווייטער אָפּצושטעלען אויף דעם. מיר ווייסען שוין, וויא אזוי דער גלויבען אין גייסטער איז ענטשטאַנען, וואס פֿאַר פֿאָרמען ער האָט צוערשט אָנגענומען, און מיר דאַרפֿען זיך דארום גאר ניט וואונדערן, ווען מיר געפֿינען עהנליכע רעליגיעזע צערעמאָניעס ביי גאַנץ פֿערשיעדענע פֿעלקער אויף פֿערשיעדענע קולטור־שטופֿען.

אזעלכע עהנליכקייטען האבען מיר שוין ניט איין מאָל געפֿונען און מיר וועלען זיי נאָך געפֿינען ביי אונזערע ווייטערע נאכפֿאָרשונגען וועגען רעליגיעזע פֿאָרמען.

פופצעהנטער קאַפּיטעל.

גייסטער, געטער און גאָטעסדיענסט.

דיא ווירקונג פון מאַטעריעלע קולטור אויף רעליגיעזע ענטוויקלונג.—סאָרטירונג פון נאַטורקרעפטע.—העכערע און נידעריגערע גייסטער.— דיא ווירקונג פון געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָן אויף דיא ענטשטעהונג פון געטער.— דער „גרויסער גייסט" פון דיא אינדיאַנער. — דער גלויבען אין דעם אַנטהייל פון גייסטער און געטער אין מלחמות. —לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע געטער. — דיא פעסטקייט פון קולט. — ווארום אלטע רעליגיעזע צערעמאָניעס פערבלייבען א'ן גאטעסדיענסט. — פערבליבענע אלטע צערעמאָניעס ביי גריכען, רוימער און אידען. — געטראַנקען און בשמים ביי'ן גאטעסדיענסט. — שפּייז פאַר נשמות און געטער. — דער געברויך פון בלוט אין קולט. — ראָם פאַר טויטע ביי נעגערן. — בלוט אין דעם קולט פון גריכען און אידען. — קעפּ אין דעם קולט פון מצריים. — דער אָרט פון דער נשמה אין מענשליכען קערפּער נאך דיא מיינונגען פון פערשיעדענע פעלקער. -- דער גלויבען אז דיא נשמה געפינט זיך אין בלוט.

אין דיא לעצטע קאַפּיטלעך האבען מיר אָפט געברויכט דיא ווערטער: נשמות, גייסטער און זאָגאר געטער, אזוי וויא זיי וואָלטען געהאַט דיא זעלבע בעדייטונג. דאס האָבען מיר נאר געטאָן דאריבער, ווייל אין דער צייט, ווען מענשען האָבען געקראָגען א בעגריף וועגען א רוח, א גייסט און אפילו ווען מענשען זיינען שוין דערגאנגען צום גייסטער־קולט, האָבען זיי דאָס אלעס גערעכענט פאַר איין זאך. א שאָטען,

א'ן אָטהעם, א הלום־בילד, א'ן אילוזיאָן, דיא קראפט פון א ווינט, פון א'ן ערדציטערניס, א. ז. וו.—דאס איז בעטראכטעט געווען פאר א'ן ערשיינונג פון א גייסט, וואס מען זעהט געוויינליך ניט. מען האט נאך ניט געהאט בעזונדערע ווערטער פאר א נשמה, פאר א גייסט אדער א גאָט. אלעס וואס איז ניט געווען אדער האָט געשיינט ניט צו זיין קערפּערליכעס, איז גערופען געוואָרן מיט א וואָרט, וועלכער האט געוויינליך בעדייטעט אָטהעם, א בלאָז, א שאָטען. שילדערנדיג דיא בעגריפע פון ווילדע וועגען נשמות, האָבען מיר שוין אָנגעצייגט, אז זיי פערשטעהען נאך גאר ניט אדער זעהר דונקעל דעם אונטערשיעד צווישען א גייסט און א נשמה. מיר ווערלען יעצט ספּעציעל אויפמערקזאם מאכען דעם לעזער אויף דיזען פּונקט, ווייל דיא ענטשטעהונג פון העכערע רעליגיאָנען איז ערשט מעגליך געוואָרען, ווען מענשען האבען גענומען מאכען אלץ קלאָרערע און ברייטערע אונטערשיעדע צווישען נשמות און גייסטער.

יא, ווען מען בעטראכט נאר מיט קריטישע אויגען דיא געשיכטע פון רעליגיאָנען, געפינט מען, אז זייער פּאָרטשריט איז הויפּטזעכליך בעשטאנען אין דער אומוואנדלונג פון גייסטער אין געטער. דיזע אומוואנדלונג איז געווען דער רעזולטאט פון דער אלגעמיינער ענטוויקלונג פון מענשען אויף דעם וועג פון קולטור. ווען מענשען האָבען זיך אָנגעפאנגען אלץ מעהר צו בעשעפטיגען מיט אקערבוי און פיהפיטערונג און האָבען שוין געקענט מאכען זאפּאסען, אז זיי האָבען עס נאר געוואָלט, האבען זיי אויך מעהר צייט און מעהר לוסט געקראָגען נאכצודיינקען וועגען נאטירליכע ערשיינונגען און וועגען דיא גייסטער־וועלט. מען האט דארום אלץ ווייטער אָנגעפאנגען צו אונטערשיידען דיא נאטירליכע זאכען און ערשיינונגען און צו סאָרטירען זיי אין געוויסע גרופּען. ניט אלע ווינטען, דונערן און בליצען זיינען גלייך אין קראפט; דיא ווארעמקייט און דיא שיין פון דער זון זיינען אויך ניט אלע מאל גלייך; דיא ערשיינונגען אין הימעל זיינען ניט גלייך צו דיא ערשיינונגען אויף דער ערד; וואסער איז עפּעס גאָר אַן אנדער זאך וויא לופט, אוןביידע זיינען זיי גאנץ פערשיעדען פון פייער, א. ז. וו., א. ז. וו.

דער מענש האָט דאָ ווידער אויך געאורטהיילט נאך זיך אליין.

זא לאנג מענשען האבען געלעבט אפגעזונדערט אדער אין קליינע פאמיליען־גרופען, האבען זיי געדיינקט, אז אזוי פיהרען זיך אויך דיא גייסטער, אז וויינינגסטענס דיא גייסטער פון ערוואקסענע און שטאר־קע מענשען זיינען אלע גלייך אין קראפט. נאר ווען עס זיינען ענטשטאנען אלץ גרעסערע געזעלשאפטליכע ארגאניזאציאנען מיט בעפעהלגעבערס און קעניגע, האבען שוין מענשען ניט געקענט גלויבען אז אלע נשמות האבען א גלייכע קראפט צו טאן גוטעס אדער שלעכ־טעס. זיי האבען ניט געקענט דיינקען, אז דער גייסט פון א קעניג זאל ניט זיין מעכטיגער וויא דער גייסט פון א פראסטען מענשען אדער פון א שקלאוו. א קעניג'ס גייסט האט אלזא אויך געמוזט הערשען איבער אנדערע. דאס איז שוין געווען א **גרויסער** גייסט, וועלכען מען האט בעדארפט מעהר פערעהרען, פאר וועלכען מען האט בעדארפט מעהר מורא האבען. מיט דער צייט האט מען אזא „גרויסען גייסט" אויך פערבונדען מיט א גרעסערע נאטורקראפט און ער האט שוין דאן געקראגען דיא בעדייטונג פון א גאט.

דער אונטערשיעד צווישען א גייסט און א גאט איז אייגענטליך נאר אין דער מאס פון זייער קראפט, פון זייער פעהיגקייט צו ווירקען אויף דעם לעבען פון מענשען. אן דיא גייסטער פון שוואכע און געוויינליכע מענשען פערגעסט מען שנעל. אין דער געדעכעניס בלייבען אם לענגסטען דיא גייסטער, וואס האבען בעלעבט מעכטיגע מענשען, העלדען און קעניגע. דיזע גייסטער פערגעטערט מען אלץ מעהר, אלע איבעריגע גייסטער ווערן שוין פארגעשטעלט אלס א מענגע וואנדערענדע נשמות. דיא פורכט פאר נשמות איבערהויפט פערבלייבט נאך פון דעסטוועגען ביז היינט צו טאג ביי אלע ציוויליזירטע פעלקער.

וויא וויט דער בעגריף פון א „גרויסען גייסט" פאלגט נאטירלי־בערווייזע פון א געזעלשאפטליכער ארגאניזאציאן אונטער דעם בעפעהל פון קאמאנדירען, צייגט בעזאנדערס דער גלויבען פון דיא אינדיאנער וועגען זייער הויפטגאט, וואס זיי רופען טאקע „דער גרויסער גייסט". זיי דיינקען נעמליך אז דיא מאכט פון דעם „גרויסען גייסט" איז ניט א שטענדיגע, אז זיין הערשאפט איבער אנדערע גייסטער קריעגט

זַר נאר אין דער צייט פון א מלחמה. אין געוועהנליכע צייטען פלעגען דיא אינדיאנער ערקלערען דיא מיסיאָנערען, זאָרגט גאר ניט דער „גרויסער גייסט" וועגען מענשען. דאן האבען דיא אינדיאנער געהאט צו פירכטען פאר אנדערע גייסטער, מייסטענס דיא נשמות פון זייערע פערשטאָרבענע עלטערן אדער פון. בעוואוסטע אָנפיהרער. דאָ ווארפט זיך אין דיא אויגען א פערגלייך מיט דער אָרגאניזאציאָן פון ווילדע יעגערס. געוויינליך לעבען זיי פריי און ועלבסטשטענדיג; נאר אין צייט פון געיעג און בעזאָנדערס פון מלחמה קלייבען זיי אויס איינעם אלס קאָמאנדיר און בעפעהלסגעבער, און אלע מוזען איהם דאן פאָלגען צוליעב דיא אינטערעסען פון דעם גאנצען שטאם. קיין קריעג קען ניט געפיהרט ווערן אָהן א געוויסע דיסציפּלין און אָהן א פיהרער. דיא אינדיאנער האבען דארום געדיינקט, אז דאָס זעלבע קומט אויך פאָר אין דער גייסטער-וועלט. איינער פון דיזע גייסטער ווערט קאָמאנדיר איבער דיא אנדערע אין קריעגצייט. ער איז עס דער „גרויסער גייסט". נאך דעם קריעג הערט אויך אויף דיא גייסטער-קאָמאנדע, און דער „גרויסער גייסט" ווערט א געוועהנליכער, אזוי וויא דער קריעגס-פיהרער ווערט א געוויינליכער יעגער.

אז דיא גייסטער און געטער נעהמען אנטהייל אין מענשליכע מלחמות—אין דעם האבען מענשען שטענדיג געגלויבט זייט זיי האָבען געגלויבט אין גייסטער איבערהויפּט. דיא גייסטער מישען זיך אריין אין אלע מענשליכע אנגעלעגענהייטען, פאָלגליך אין מלחמות אויך. וואס פאר א ווערדע וואָלטען דען גייסטער געהאט ביי מענשען, ווען ניט דער גלויבען אז זיי ווירקען צום גוטען אדער צום בייזען אויף דעם מענשען'ס שיקזאל? און ווען איז דען מענשען מעהר וויכטיג צו וויסען דעם ווילען פון דיא גייסטער, ווען ניט פאר דעם אָנפאנג פון א קריעג? דיא אינדיאנער, ביי וועלכע דיא אָפּפער-פאָרמע דורך פאסטען איז געוועזן זעהר פערשפּרייטעט, פלעגען דארום שטענדיג פאסטען פאר א מלחמה. דאס זעלבע האבען אויך געטאָן פיעלע אנדערע פעלקער. יעדער קריעגער האט געגלויבט, אז דיא גייסטער פון זיינע עלטערן אדער פון זיין פאמיליע קעמפּפען אויף זיין זייט, און אלע קריעגערס פון

איין שטאם האבען געגלויבט, אז דער „גרויסער גייסט" בעשיצט זיי אלעמען געגען דעם שונא. א זיעג איז צוגעשריבען געוואָרען צו דער הילפע פון דיא גוטע און צופריעדענע גייסטער, און א נידערלאגע איז גערעכענט געווען פאר א שטראָף פון דיא גייסטער דערפאר, וואס מענשען האבען זיי ניט אָפגעגעבען גענוג כבוד אדער האבען מיט עפּעס ארויסגערופען זייער צאָרן. קורץ, א נידערלאגע אין א מלחמה, וויא יעדער אונגליק, איז גערעכענט געווען אלס א שטראָף פאר דיא זינד.

און ווען מענשען זיינען שוין דערגאנגען צו א בעגריף וועגען זעהר מעכטיגע גרויסע גייסטער אדער געטער, איז אויך פערבליבען דער גלויבען, אז דיזע גייסטער אדער געטער קעמפּפען זייט ביי זייט מיט דיא מענשען אין מלחמות. אם קלאָרסטען און איינפאכסטען געפינט מען אויסגעדריקט דיזען גלויבען אין דיא גריכישע לעגענדען וועגען דעם קריעג אין טראיא מיט אונגעפעהר 12 הונדערט יאהר פאר דיא קריסטליכע צייטרעכנונג. אכילעס, פאטראָקלעס און אנדערע העלדען פון דיזער מלחמה, וועלכע איז ארויסגערופען געוואָרן דורך דיא פערכאפּונג פון דער שיינער העלענע, זיינען גאנצע מחותּנים מיט דיא געטער. אין קריסטליכע צייטען האבען קריעגערס גע־גלויבט, אז דיא הייליגע העלפען זיי מיט. דער אינהאלט איז פער־בליבען דער זעלבער, נאר דיא נעמען און פאָרמען האבען זיך מיט דער צייט געענדערט.

דיא אינדיאנער און אנדערע ווילדע פעלקער האבען אויך גע־גלויבט, אז עס זיינען דאָ דורות פון גייסטער אזוי וויא פון מענשען. דער גייסט פון דעם גרינדער פון א פאמיליע איז גערעכענט געווען פאר דעם עלטסטען און ערשטען. ווען א פאמיליע איז געוואָרען שטארק און האט בעהערשט אנדערע, זיינען איהרע הויפּט־גייסטער אויך פערעהרט געווארן פון אנדערע. דיא גייסטער פון שקלאווען זיינען גערעכנט געווען פאר גאר ניט, אזוי וויא דיא שקלאווען ביי׳ן לעבען. זיי האבען נאר נאָכגעפאָלגט דיא הערשער. דארום פלעגט מען עס טויטען שקלאווען אויף דיא קברים פון זייערע הערשער. וואס מעכ־טיגער א שטאם איז געווען און וואס מעהר שרעק ער האט ארויס־

געיאָגט אויף דיא ארומיגע שטאמען, אלץ מעהר האט מען אויך געציטערט פאר דעם הויפט־גייסט אדער גאָט פון דיזען שטאַם. מען האט געזוכט איהם אָפצוגעבען כבוד, אום איהם גוט צו מאכען. אזא גייסט האט דארום אלץ מעהר געקראָגען דיא בעדייטונג פון א גאָט אין דיא אויגען פון פיעלע שטאמען.

ווענען אן אלגעמיינעם גאָט, וועלכער האט בעשאפען אלע מענשען און דיא גאנצע וועלט, האָט מען א דונקעלען בעגריף געהאט אפילו אויף דער הויכער שטופע פון דער גריכיש־רוימישער קולטור. דיא אלגעמיינסטע געטער זיינען העכסטענס געווען לאָקאלע און נאציאָנאלע. זיי זיינען שטענדיג פערבונדען געווען מיט א בעשטימטען אָרט און פאָלק, ווייל זיי זיינען נאר געווען „גרויסע גייסטער" פון א שטאַם, וועלכער האט זיך פערמעהרט און איז מעכטיג געוואָרען אין דיזען אָרט. א גאָט האט מען בעטראַכט וויא א הערשענדען גייסט, און אלע זיינען געראכענט געווען פאר זיינע קינדער. דער אידישער גאָט איז אויך גערעכענט געווען פאר א נאציאָנאלען. ער האָט „אויסגעקליבען זיין פאָלק". ער האט געמאכט דיא בני ישראל פאר אתה־בחרתנו׳ניקעס. עס איז אמת, אז דיא ביבלישע אידען זיינען שוין דערגאנגען צו א גלויבען אין אן איינציגען גאָט, א בורא פון דער גאנצער וועלט; נאר פראקטיש האבען זיי לאנג ניט געקענט צוגעוואָהנען זיך צו דיזען גלויבען און פערוואָרפען אלע זייערע פריהערע גייסטער און אבערגלויבענס. זיי האָבען דארום געגלויבט, אז אנדערע פעלקער האָבען אנדערע גרויסע געטער, אז מען דאַרף זיך אויך רעכענען מיט זיי. פון צייט צו צייט פלעגען זיי דורך דעם אריינפאלען אין געצענדיענסט, וויא דאס ווערט געשילדערט אין דער ביבעל זעלבסט. דאס צייגט, אז הויכע געדאנקען פערשפרייטען זיך זעהר לאנגזאם אונטער דיא בעסטע אומשטענדען און אז אלטע גלויבענס בלייבען דארום זייט ביי זייט מיט נייע, הגם זיי ווידערשפרעכען זעהר קלאָר און אָפּען איינע דיא אנדערע.

מיט אנדערע ווערטער הייסט עס, אז אלע פאָרמען פון געצענדיענסט האבען עקזיסטירט גלייכצייטיג מיט דעם גלויבען אין איין גאָט, אפילו מיט דעם ריינסטען מאָנאָטעאיזמוס פון דער אידישער

רעליגיאָן. דער גלויבען אין גוטע און בייזע גייסטער (דיא עלטעסטע רעליגיאָן) פערבלייבט נאך איינגעוואָרצעלט ביי דיא ציוויליזירטעסטע פעלקער, וויא דאָס ווייזט זיך בעזאָנדערס ארויס אין אבערגלויבענס וועגען עין־הרע, וועגען קאָרטען־וואַרפען, וואהר־זאָגעריי, כישוף, טאליס־מאַנען, אמולעטען, קמיעות, שיר־המעלות׳ן, א. ז. וו. דיזע אבערגלויבענס זיינען אזוי אלט וויא דער רעליגיעזער גלויבען, און עס וועלען נאך פער־שווינדען ווער ווייסט וויא פיעל דורות איידער ציוויליזירטע פעלקער וועלען זיך בעפרייען פון זיי. נאטירליך, מיר קוקען יעצט מיט אנדערע אויגען אויף דיזע סגולות גוט צו מאַכען דיא גייסטער.

נאר וויא לאַנגזאם דיא רעליגיעזע אנזיכטען האָבען זיך ניט גע־ביטען, האבען זיך נאך לאַנגזאמער געביטען דיא אויסווערטיגע אויס־דריקע פון גלויבען אדער, מיט איין וואָרט, דער קולט. דיא צערעמאָניעס, וואס זיינען פערבונדען מיט דעם גלויבען אדער אבערגלויבען—רופט עס וויא איהר ווילט—פערבלייבען לאַנג־לאַנג נאך דעם, וויא מען האט שוין אפילו פערגעסען אָן דיא געדאַנקען און שטרעבונגען, וועלכע האבען זיי ארויסגערופען. פאַר דיא נייע דורות פערלירען זיי יעדען זינען, אבער דאָך האלט זיי זיך אָן. מיר האבען שוין ניט איין מאָל אָנגעצייגט אין אונזער קולטורגעשיכטע אויף אוראַלטע רעליגיעזע צערעמאָניעס, וועלכע ווערן אָפּגעהיט נור דעריבער, ווייל זיי זיינען אלט. מיר האבען אויך אָנגעצייגט, דאס אזעלכע צערעמאָניעס גיבען אונז ערקלערונגען וועגען דיא פיהרונגען פון מענשען אין ווייטע ביז־היסטאָרישע צייטען.

יעצט ווילען מיר עס זעהן אויף יעדען שריט. עס איז ווירקליך א וואונדער וויא ווייניג דער קולט האט זיך געענדערט, הגם דער בע־גריף וועגען גאָט איז אלץ ברייטער און העכער געוואָרן. דער קולט אדער גאָטעסדיענסט בלייבט איינגעשלאָסען אין אייזערנע ראַמען. זיינע ענדערונגען קומען פאָר אין דיזע ראַמען, און דאס אויך מערקווירדיג לאַנגזאם. אנדערס קען עס אויך ניט זיין. ווען א מענש האט אָנגעפאַנגען צו גלויבען—עס מאַכט ניט אויס דורך וועלכע אורזאַכען—אז ער קען נאר איינשטילען דיא נשמות אדער גוט מאַכען דיא גייסטער דורך איבערלאָזען א געוויסען טהייל שפּ׳ז פאר זיי, דורך אויפּפרעסען דיא קערפּערס פון דיא טויטע, דורך א סעודה צו זייער עהרע, א. ז. וו.:

וועט ער עס פאָרטזעצען צו טאָן אין א צייט, ווען ער וועט שוין דערגיין צו אַ בעגריף וועגען אַלמעכטיגע געטער. ער וועט טאָן וויא זיין טאַטע האָט געטאָן, ער וועט מורא האבען אָפּצוטרעטען פון דיא אַלטע מנהגים, וויא דום און לעבערליך זיי זאלען ניט זיין. דיא פורכט, טאָמער וועט ער דאָך בעשטראָפט ווערן, ווען ער וועט ניט אָפּהיטען דיא אַל־טע צערעמאָניעס, און דיא האָפנונג, אַז דיא געטער וועלען איהם העלפען ווען ער וועט אויספיהרען דיא אַלטע צערעמאָניעס—דאס האט שטענ־דיג אָנגעהאַלטען דיא אוראַלטע צערעמאָניעס פון קולט און אלע אַבערגלויבענס. עס זיינען נאָך היינט צו טאָג דאָ וויניג מענשען, וואס זיינען פריי פון יעדען אַבערגלויבען, פון א גלויבען אין מזל, אין שדים, אין קמיעות, א. ז. וו. דער גלויבען אין איין איינציגען גאָט און דיא אונזיננינגסטע אַבערגלויבענס פון דיא עלטעסטע צייטען פערבלייבען נאָך זייט ביי זייט.

לאָמיר יעצט זעהן, וויא אַזוי דער קולט האט זיך אין פערלויף פון יאָהרטויזענדע געענדערט אין דיא ענגע אייזערנע ראַמען, אין וועלכע ער איז געווען און בלייבט איינגעשלאָסען.

מיר ווייסען שוין, אַז דיא ערשטע פאָרמען פון דעם עלטעסטען גייסטער־קולט זיינען בעשטאַנען אין תעניתים און פעסט־סעודות. מיר ווייסען אויך, אַז דיזע פאָרמען זיינען ארויסגערופען געוואָרען דורך דיא נאַטירליכע נייגונג פון מענשען צו ברייננען אָפּפער צו דיא גייס־טער. זיינען דען דיזע פאָרמען אָפּגעשאַפט געוואָרן, ווען מענשען זיינען שוין געוואָרן ענטוויקעלטער און האָבען געגלויבט אין געטער? יעדערער ווייס, אַז ניין, אַז תעניתים און ימים טובים ווערען אָנגעהאַל־טען אין דיא העכסטע רעליגיאָנען.

מיר האָבען אין פאָריגען קאַפּיטעל געזעהען, וויא דער גלויבען פון ווילדע אין נשמות און גייסטער האָט זיי געבראַכט צו דיא מנהגים צו לאָזען שפּייז פאר דיא גייסטער און צו מאַכען טעודות צו זייער עהרע. איז דיזע צערעמאָניע פערשוואונדען, ווען מענשען האָבען שוין געגלויבט אין געטער און זאָגאר אין איין גאָט? ניין. מיר האָבען שוין געבראַכט עטליכע ביישפּיעלע, וויא דיזער אוראַלטער גלויבען איז נאָך פערבליבען אפילו ביי אידען. מיר וועלען יעצט ציינען, וויא

אזוי דיזער גלויבען איז אָפּגעהיט געוואָרן ביי דיא ציוויליזירטעסטע פעלקער פון אלטערטהום.

דיא פאָרגעשריטענסטע גריכישע רעפּובליק אטהען האט זיך גע־רעבענט אונטער דער ספּעציעלער השגחה פון דער געטין דער וויזהייט. דיא אטהענער האָבען איהר בעטראכט פאר זייער מוטער. דארום האָבען זיי גערעכענט, אז זיא מוז יעדען טאָג אנטהייל נעהמען אין זייערע סעודות. אין איהר טעמפּעל, וואו עס האָט געברענט א שטענדיגער פייער, אזוי וויא אין אַן אַלטע ווירטהשאפט, פלעגט מען יעדען טאָג מאכען א סעודה, צו וועלכע געוויסע פערטרעטער פון דער געמיינדע פלעגען מוזען קומען. דאס איז געווען אַן אַלטער מנהג, וועלכער איז שטרענג אָפּגעהיט געווען. דיא ענדערונג איז נאָר בעשטאַנען אין דעם, וואס ניט אַלע פלעגען קומען צו דער סעודה וויא אין יעגער־צושטאַנד, זאנדערן פערטרעטער פון דער געמיינ־דע, וועלכע זיינען יוצא געווען דעם קהל. דיזע אויסגעקליבענע פערדרעטער פלעגען ניט טאָרען אָפּזאָגען זיך פון דיזע אוראַלטע צע־רעמאָניע. אַן אָפּזאָגונג האט מען בעטראכטעט פאר א בעליידיגונג און פערברעכען געגען דיא געטער. מען האט געגלויבט, אז ווען מען זאל ניט אויספיהרען דיזע סעודה־צערעמאָניע, וועט דיא גאַנצע געמיינ־דע בעשטראָפט ווערן מיט א הונגער און מיט פערשיעדענע קראַנקהייטען.

יופּיטער, דער הויפּט־גאָט פון דיא רוימער, האָט געהאט ארום זיך א סוויטע פון פערשיעדענע געטער, דיענער און אפילו פּאַריקמאַ־כערס, אזוי וויא א קעניג אויף דער וועלט. עס איז נאָך פערבליבען דער אַלטער מנהג אויסצופּאַרבען רויט דאָס געזיכט פון יופּיטער'ס געצקע און פון דעם רוימישען קעניג־פּריעסט, וויא מיר וויסען דאָס שוין פון דיא קאַפּיטלעך איבער דיא ענטוויקלונג פון שטאַאטען. דער קולט האָט דאָ אלזאָ אָנגעהאַלטען דעם מנהג צו פאַרבען דיא געזיכ־טען, א מנהג וועלכער צייגט, אז דיא פאַרפאַטערס פון דיא אַלטע רוימער האבען זיך געפּאַרבט וויא אינדיאַנער און אַנדערע ווילדע שטאַמען.

אין גריכענלאַנד און אין רוים איז אויך פערבליבען דער מנהג צו בריינגען הינט פאַר א קרבן צו דיא געטער, הגם דיא בירגער פון

דיזע לענדער האָבען אליין שוין לאַנג ניט געגעסען הינט־פלייש. **דיזען** מנהג האבען זיי איבערגענומען ביי פעלקער, וועלכע האבען פריהער פאר זיי געלעבט דאָרטען. יעדענפאַלס צייגט דיזער מנהג אויף צייטען, ווען מענשען האבען אליין געגעסען הינט־פלייש און האבען עס אויך דארום געבראַכט אַלס קרבן צו זייערע גייסטער און געטער. דיא גריכען און רוימער האבען אין גאנצען פערגעסען אָן דיא אַלטע פעל־קער, וועלכע זיי האבען פעריאָגט אדער אויסגעשלאַכטעט; אבער אָן דעם גאָט און אָן דיא הינט־אָפּפער פון דיזע פעלקער האבען זיי ניט פערגעסען, ווייל דאָס איז געוואָרען א טהייל פון זייער קולט.

פון דיא קאפּיטלעך איבער שפּייז ווייסען מיר שוין, אז באָב, ארבעס און נאָך אזעלכע פלאַנצען זיינען געברויכט געווען ביי רעליגיעזע צערעמאָניעס, ווייל נאָך דיא ערשטע מענשען האבען זיי שוין געברויכט אַלס שפּייז. מען האט מיט זיי דארום אויך מכבד געווען דיא נשמות און גייסטער, און דיזע צערעמאָניע איז פערבליבען אין פיעל שפּע־טערע צייטען, ווען מענשען האבען שוין געהאט בעסערע און פערשיעדענע שפּייז. איבערהויפּט זיינען אין קולט פערבליבען דיא עלטעסטע גע־ריכטען און שפּייזען פון פעלקער.

דיא צערעמאָניעס ביי דיא קרבנות אין בית המקדש פון ירושלים זיינען אויך אָנגעהאַלטען געוואָרן פון דיא עלטעסטע צייטען. אין דער ביבעל ווערט א קרבן גערופען גאָט'ס שפּייז. צוויי מאָל אין טאָג, אין דער פריה און אבענדס, פלעגט מען אין בית־המקדש אָנגרייטען סעודות. יעדע וואָך פלעגט מען באַקען פרישע ברויט און עס ברייננגען אין בית המקדש. שבת פלעגט דער עולם עסען בעסער און מעהר וויא א גאנצע וואָך, דארום האט מען אויך דעם טאָג געבראַכט א גרעסערען קרבן. דיא בני ישראל, וויא איבערהויפּט אַלע כנענים, זיינען געווען פער־עהרער פון דער לבנה, און דארום איז נאָך ביז יעצט פערבליבען ביי אונז דער געצענדינערשער מנהג מחדש צו זיין דיא לבנה. אין בית המסדש פלעגט מען אין דיזע פעסט־טעג מאַכען א גרויסע סעודה פון אַן אָקס, א באראַן און 7 לעמעלעך מיט צושפּייזען. וועהרענד דיא הויפּט־פעסטען: פּסח, שבועות און סוכות, פלעגט מען אויך ברייננגען א סך קרבנות **אין** בית המקדש, ווייל מען האט דאַן געמאַכט גרעסערע

און בעסערע סעודות. ביי אידען וויא ביי גריכען איז איינגעפיהרט געװאָרן א מנהג צו פערברענען א טהייל פון דיא קרבנות, ווייל דאס איז גערעכענט געוועז פאר אן עדעלערע פאָרמע צו ברייננען א קרבן צו גאָט; אבער אין דער זעלבער צייט איז אויך פערבליבען דער אוראלטער מנהג פון געמיינשאפטליכע סעודות. דיא פאמיליען, וואס פלעגען קומען ברייננען קרבנות אין בית המקדש, פלעגען דאָרטען אליין אויך עסען.

אַז דיא ביבלישע אידען האבען געקוקט אויף דיא קרבנות גראדע וויא זייערע געצענדינערשע אורעלטערן וויסען מיר אויך פון דיא נביאים ישעיה און ירמיה, וועלכע זיינען פייערדיג ארויסגעטראָטען געגען דיזען גראָבען און בארבארישען קולט און האבען געליקענט, אז גאָט האָט מענשליכע בעדירפניסע.

מיר וויסען שוין, אז אלע ווילדע פעלקער האבען געוויסע געטראנקען, אום צו קומען דורך דעם אין א נעהענטערע פערבינדונג מיט דיא גייסטער, וויא זיי דיינקען. דיזע געטראנקען בערוישען און „בעגייסטערן“. זיי זיינען דארום געברויכט געוועז ביי דעם גייסטער־קולט אין דער זעלבער צייט וויא שפייז. דיא גייסטער האבען דאָך אויך בעדארפט טרינקען אזוי גוט וויא עסען. צו דעם זעלבען צוועק האבען אויך געדיענט גראָזען, וואס זייער רויך בערוישט, וויא טאבאק, סאנדאל, וויירויך, א. ז. וו. דארום האט מען אויך געברויכט געטראנקען און בשמים, ווען מען האָט שוין געקענט אויפבויען פראכטפאָלע טעמפּלען צו דיא געטער. וועגען דעם געברויך פון וויין און וויירויך ביי דיא קרבנות אין בית המקדש וויים יעדערער. וויירויך און וויין ווערן נאך יעצט געברויכט אין קריסטליכען קולט.

אין אלגעמיינען פלעגט מען ברייננען פאר א קרבן צו דיא געטער אזעלכע שפייז, וואס מענשען האבען אליין געברויכט. א ווילדער וואס פרעסט נאך אליין ווארצלען פון געוויסע פלאנצען, דיינקט אז דיא נשמות בעגנוגענען זיך אויך מיט אזא שפייז. א יעגער ברייננט שוין אויף פלייש אלס א קרבן צו דיא גייסטער. דיא אלטע עגיפּטער האבען געגלויבט, אז דיא נשמות קענען נאר צופרידען זיין מיט דיא פלייש פון אָקסען און גענז. דיא עגיפּטער און דיא אידען האָבען נים געגעסען קיין שווינען־פלייש, דארום האבען זיי אויך דיזע פלייש

ניט בענוצט פאר קרבנות. פארקערט, דיא מאלאיער, בינעזער און אנדערע פעלקער פון מזרח־אזיען, וויא אויך דיא גריכען, רוימער און גערמאנער, האבען בעטראכטעט א שוויין פאר דיא בעסטע חיה צו אפפערן צו דיא געטער, ווייל זיי האבען פיעל געברויכט שווייגען־פלייש. דיא נאמאדען, וואס פלעגען אליין געברויכען פערדען־פלייש, פלעגען אויך אפפערן פערד צו דיא געטער. דיא פעלקער וואס האבען ניט געגעסען פערדען־פלייש, פלעגען ניט אפפערן פערד צו דיא געטער.

מאנכע טהיילען פון א געטויטעטע חיה פלעגט מען בעזאנדערס שעצען. דאס זיינען געוויינליך געוועזען דיא געשמאקערע שטיקער, וואס דיא יעגערס פלעגען גלייך אויפפרעסען, אדער דיא טהיילען, וואס זיינען גערעכענט געוועזען פאר דעם ארט פון דער נשמה. פיעלע ווילדע פעלקער גלויבען, או זיי וועלען ווערען שטארקער און פלינקער, ווען זיי וועלען אויפפרעסען דעם טהייל פון א חיה, וואו איהר נשמה געפינט זיך. אפילו נאך דיא ערשטע יעגערס האבען געקענט איינזעהען, וואס פאר א וויכטיגע ראלע בלוט שפיעלט אין דעם לעבען פון חיות. ווען מענשען זיינען געקומען צו א בעגריף פון א נשמה, האבען זיי אנגעפאנגען צו גלויבען, אז דיא נשמה איז בלוט, אדער אז זיא האלט זיך אויף אין בלוט, ספעציעל אין הארצען, דעם צענטער פון דער בלוט־צירקולאציאן אין קערפער. אויסער דעם איז בלוט א זעהר זעטיגע און קרעפטיגע שפייז. פאר מענשען, וואס האבען גענעסען ווערים, זשוקעס און פאדלעס, איז פרישע בלוט נאטירליך געווען א טהייערער לעקער־ביסען. מען האט דארום געטרונקען בלוט פון געטויטעטע חיות און מענשען, אום צו האבען א טהייערע שפייז און צו ווערן קרעפטיגער, ווייל דערמיט האט מען אויך איינגעזויפען דיא נשמות פון דיא געטויטעטע, וויא מען האט עס פעסט געגלויבט. אין דיא לעגענדען פון דיא אינדא־אייראפעאישע פעלקער איבער העלדען און ריעזען ווערט דערציילט, אז זיי פלעגען טרינקען דאס בלוט פון אקערשט געטויטעטע חיות, אום נאך שטארקער צו ווערן.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז דיא בלוט־טרינקערס האבען אויך איבערגעלאזען בלוט פאר דיא גייסטער און נשמות. זיי האבען געגלויבט, אז דאס דארף זיין דער בעסטער און ליעבסטער מאכל

פאר דיא נשמות אזוי גוט, וויא פאר דיא לעבעדיגע מענשען. דיזער גלויבען איז אזוי שטארק איינגעוואָרצעלט געוואָרען, אז ווען מען האט שוין אָנגעפאנגען צו גלויבען אין געטער און זאָגאר אין איין גאָט, האָט מען בלוט געראכנעט פאר דעם בעסטען קרבן. מען האָט דיזע אמאָליגע שפייז געלאָזען פאר דיא געטער, ווען מענשען האָבען שוין אליין גע־וועהנליך ניט געטרונקען בלוט און ווען עס האט זיי זאָגאר געעקעלט דאס צו טרינקען. דער קולט האָט דאָ אלזאָ ווידער אָנגעהאלטען אן אוראלטע שפייז פון מענשען אלס א קרבן.

דיא ארט און וויזע וויא מען פלעגט אָפפערן בלוט צו דיא גייסטער און געטער איז געווען פערשיעדען. געוועהנליך פלעגט מען גיסען בלוט אויף דיא קברים פון דיא געשטאָרבענע. מען האָט זיך געפיהרט וויא איינינע נעגער־שטאמען פון וועסט־אפריקא, וועלכע גיסען אויף דיא קברים פון זייערע טויטע ראָם, זייט זיי האָבען געהאט דעם אונגליק צו פערזוכען דיזע משקה פון דיא אייראָפּעאישע ציוויליזירער. זייער גרעסטער פערגעניגען איז צו זויפען ראָם, און דארום האלטען זיי עס פאר דעם בעסטען מאכל פאר דיא נשמות און גייסטער. זיי גלויבען, או דיא נשמות לעבען אין קברים. דעריבער גיסען זיי ראָם אויף דיא קברים, אום דיזע געליעבטע משקה זאָל דורך דיא ערד צוקומען צו דיא נשמות. איינינע נעגערן לאָזען איבער לעכער אין דיא קברים און גיסען דורך דיזע לעכער ראָם פאר דיא נשמות און גייסטער. אנדערע נעגערן פאסען אויף, אז אויף דיא קברים זאָל קיין גראָז ניט וואקסען, דען זיי דיינקען אז דיא גראָז וועט פער־האלטען דעם ראָם און דיא נשמות וועלען גאָר נישט קריגען דערפון. זיי רייסען אויס אדער פערברענען דיא גראָז אויף דיא קברים.

דיא גריכען האבען אמאָל אויך געגלויבט גראדע וויא דיזע נע־גערן. זיי פלעגען נאך אויסגראָבען א לאָך אין דער ערד און אהין גיסען דאָס בלוט פון דיא חיות, וועלכע זיי פלעגען ברייננען פאר א קרבן צו דיא געטער, ווען זיי אליין האבען שוין ווייניג געגלויבט אין דעם נוצען פון אזעלכע צערעמאָניעס. דאס האבען זיי נאכהער גע־טאָן אויס אכטונג צו זייערע פאָרפאטערס און צו אלטע מנהגים. א־יין פלעגען גיסען בלוט לעבען מזבח. שפעטער, ווען מען האט

אָנגעפאנגען צו גלויבען, אז דיא געטער געפינען זיך ניט אונטער דער ערד, זאָנדערן איבער דער ערר אין לופטען און אין הימעל, האָט מען אָנגעפאנגען צו שפּריצען בלוט אין דער לופטען. דיא ביבלישע אידען האבען געגלויבט, אז גאָט געפינט זיך איבער דעם ארון און דא־רום האבען זיי אין בעשטימטע צייטען געשפּריצט דאָרט בלוט פון דיא קרבנות.

ביי אידען איז נאָך דערביי אָנגעהאלטען געוואָרן דיא עלטעסטע פאָרמע פון קרבנות, נעמליך: דאָס אָפּזאָגען זיך פון געוויסע זאכען צו גונסטען פון דיא גייסטער. מיר האבען שוין געזעהען אז ווילדע לאָזען איבער געוויסע פלאנצען און זאָגאר גאנצע פעלדער אלס שפּייז פאר דיא נשמות פון דיא טויטע. ביי אידען איז איינגעפיהרט גע־וואָרן איבערצולאָזען בלוט פאר דיא גייסטער און געטער, און אזוי איז עס פערבליבען, ווען זיי האבען שוין געגלויבט אין איין גאָט. דער קולט האָט אָנגעהאלטען דיזע גאניץ אוראלטע פאָרמע. דיא אידישע רעלי־גיאָן האָט דארום פערבאָטען צו געברויבען בלוט אויף אירגענד וועלכע אַרט. דאָס גאנצע בלוט איז איבערגעגעבען געוואָרען צו גאָט. יע־דע זאך, וואס איז געווען בעפלעקט מיט בלוט, האָט געהערט צו גאָט, און קיין איד האָט איהר ניט געטאָרט אָנריהען זאָ לאנג מען האָט דיא זאך ניט „ערלייזט" אדער אויסגעקויפט ביי גאָט דורך געוויסע צערעמאָניעס, וועגען וועלכע עס וועט זיין דיא ריידע אין דעם קאפּיטעל איבער ערלייזונגען און אויסקויפונגען.

נאַטירליך, דיא תלמודיסטען און רבנים האבען געגעבען זייערע סברות און פירושים וועגען דעם פערבאָט צו געברויכען בלוט און וועגען דעם גלויבען, אז בלוט געהערט צו גאָט. וויא אויך וועגען אנדערע געצענדיענערישע מנהגים, וועלכע דער קולט האָט אָנגעהאלטען טראָץ זייער ווידערשפּרוך מיט דעם ריינעם גלויבען אין איין איינציגען גאָט. אבער דיא קולטורגעשיכטע מאכט קיינע פּלפּולים און דריידלעך. זיא רעכענט זיך מיט פאקטען אין נור מיט פאקטען. זיא קען ניט בעהאלטען דיא וואהרהייט און וויל עס ניט טאָן. זיא פערגלייכט איין רעליגי־אָן מיט אַן אנדערע, וויא ווייט זיי זאָלען ניט זיין איינע פון דיא אנדערע, און זיא ניט איבער דעם רעזולטאַט פון איהרע נאכפאָרשונ־

גען גאנץ אונפארטייאיש, וויא יעדע וויסענשאפט טהוט עס. זיא ערקלערט אז דער גלויבען און דיא צערעמאָניעס פון אידען וועגען בלוט און קרבנות שטאמען נאך פון דיא בידהיסטאָרישע צייטען, ווען מענשען האָבען אליין געטרונקען בלוט און נאכהער געלאָזען בלוט אלס שפייז פאר דיא נשמות און גייסטער, און אזוי איז עס. אנדערש קען עס גאָר ניט זיין.

דאָס זעלבע וואס אידען האבען געטאָן מיט בלוט, האָבען דיא אלטע עגיפטער געטאָן מיט קעפּ פון חיות. זייער רעליגיאָן האָט שטרענג פערבאָטען צו עסען קעפּ פון חיות. דיא מצריים האבען גע־גלויבט, אז נשמות געפינען זיך אין קעפּ און האָבען זיי דארום איבערגעלאָזען פאר דיא געטער. פיעלע אנדערע פעלקער האָבען געגלויבט, אז דער אָרט פון דיא נשמות איז אין דיא קעפּ, אז דיא נשמה קוקט ארויס דורך דיא אויגען. דארום פלעגט מען עס בעעהרען דיא קריעגס־פיהרער און הערשער מיט דיא קעפּ פון דיא געטויטע חיות און געפאלענע פיינד אין א מלחמה; דארום פלעגט מען עס ביי רעליגיעזע סעודות איבערלאָזען דיא קעפּ פון דיא קרבנות צו דיא גייסטער און געטער. דאָס איז גע־רעכענט געווען פאר זייער חלק. מען האט נאר געמעגט עסען דיא איבעריגע טהיילען פון דיא קרבנות דארום, ווייל מען האט געלאָזען דיא קעפּ פאר דיא געטער. ביי דיא אלטע גערמאנער פלעגט מען ספעצי־על איבערלאָזען פאר דיא געטער דיא קעפּ און שארבענס פון פערד.

אייניגע פעלקער פלעגען גראדע לאָזען פאר דיא געטער דיא הערצער פון חיות, ווייל זיי האבען געגלויבט אז דאָרט איז עס דער אָרט פון דיא נשמות. דיא מעקסיקאנער כהנים פלעגען גלייך אויפשניידען דיא ברוסט פון דיא חיות און מענשען, וואס מען פלעגט אָפּפערן צו דיא געטער, פלעגען ארויסרייסען דיא נאך שלאָגענדע הארץ און פלעגען עס אויפ־הייבען צו דער זון, זייער הויפטגאָט, אדער איינפאך שפארען אין מויל זייערע געצקעס.

אויסער בלוט, קעפּ און הערצער האָט מען אויך אנדערע טהיי־לען פון חיות געאָפּפערט צו דיא גייסטער און געטער. דאָס איז אָפּהענגיג געווען פון דיא מיינונגען פון מענשען איבער דיא ראָלע פון דיא ארגאנען אין דעם לעבענס־פּראָצעס. דיזע מיינונגען זיינען געווען

פערשיעדען אין פערשיעדענע צייטען. עס זיינען געווען צייטען, ווען מען האט געדענקט, אז דער מענש האט עטליכע נשמות מיט א מאל. עס זיינען געווען גריכישע פילאזאפען, וועלכע האבען געלערנט, אז דיא גייסטיגע זעעלע פון מענשען געפינט זיך אין קאפ, דיא טהירישע—אין הארצען אדער אין דער ברוסט, דיא גראזענע אדער פלאנציגע —אין מאגען און קישקעס. ביי אייניגע ווילדע פעלקער אויף א זעהר נידעריגער שטופע שפיעלט דארום נירען־פעטס אזא ראלע וויא בלוט. מיר ווייסען שוין, אז דיזע פעטס איז גערעכענט געווען פאר א גרויסען מאכל אין דעם יענער צושטאנד, בעזאנדערס ווען מען האט נאך נים געוואוסט פון פוטער. דארום האט מען אויך דיזע פעטס געלאזען פאר דיא נשמות און גייסטער. דיא ווערטער „בלוט און פעטס“ בעדייטען ביי אייניגע ווילדע פעלקער: „אינוויינדיגסטער מענש“.

נאר אין אלגעמיינען איז בלוט גערעכענט געווען פאר דעם בעסטען און געליעבטעסטען קרבן צו דיא געטער. נאך דיא בעשרייבונגען פון האמער פיהלען זיך דיא נשמות אין דער „אונטערערדישער מלוכה“ זעהר שלעכט און אונגליקליך, קענען זיך ניט דערמאנען אן אירגענד וועלכע זאך און קענען ניט דיינקען וועגען וואס ניט איז, ביז וואנען מען דערלאנגט זיי ניט בלוט, דיא „שפייז וואס ענטהאלט א נשמה“. דיא „שאטענס“ אדער גייסטער טרינקען זשעדנע דאס בלוט, וואס אדיסעאוס (א העלד פון דער טראיאנער מלחמה) ברייננט זיי; און וויא נאר זיי האבען זיך אנגעטרונקען, האט זיך צו זיי צוריקגעקעהרט דער זכרון און זיי האבען וויעדער געקראגען פערשטאנד. אזעלכע מיינונגען זיינען געווען פערשפרייטעט ביי זעהר פיעלע פעלקער.

עס פערשטייט זיך, אז אזעלכע מיינונגען האבען בעדארפט ארויסרופען א בעזאנדערן חשק צו מענשליכע בלוט. וויא באלד בלוט ענטהאלט אין זיך דיא נשמה און האט אזא וואונדערבארע קראפט, איז דאך נאטירליך געווען צו בעטראכטען מענשליכע בלוט פאר דעם בעסטען אפפער צו דיא געטער און פאר דעם בעסטען מיטעל שטארק צו ווערן. און מיר געפינען טאקע, אז מענשליכע בלוט איז כמעט איבעראל געברויכט געווארן ביי רעליגיעזע צערעמאניעס.

זעכצעהנטער קאַפּיטעל.

קאַניבאַליזמוס און מענשליכע קרבנות.

צווייערליי מענשליכע קרבנות. — דיא ווירקונג פון פאָרשטעלונגס־קראַפט אויף דעם מיטליידס־געפיהל. — דיא גלייכגילטיגקייט פון ווילדע צו שמערצען. — דיא אורזאַכען פון קאַניבאַליזמוס. — מענשענפרעסעריי אויס הונגער. — מענשענ־פרעסעריי אין פערבינדונג מיט רעליגיאָן. — דער קולט פון מענשליכע קרבנות ביי פערשיעדענע פעלקער. — דיא פערברענונג פון אלמנות אין אינדיען. — פרויען און שקלאַווען אַלס קרבנות צו בעגלייטען דיא נשמות פון זייערע הער־שער. — מענשליכע קרבנות אַלס בעשיצענדע גייסטער. — סמנים דערפון אין אייראָפּא. — קעפּ־געיעג ביי מאַלאַיער שטאַמען. — סקאַלפּירונג ביי אינדיאַנער. — בלוטיגע זעלבסטאָפּפער. — בלוט־לאָזען ביי מעקסיקאַנער אַלס אַ סגולה געגען קינדער־קראַנקהייט. — דער ביבלישער פערבאָט צו שניידען זיך דעם קערפּער לכבוד דיא פערשטאָרבענע. — דער מנהג צו קלאַפּען זיך אין קאָפּ און אין ברוסט. — אַלטע מנהגים אונטער נייע פאָרמען.

מענשליכע בלוט־קרבנות זיינען געוויינליך געבראַכט געוואָרן אויף צוויי אַרטען: אדער מען האט מקריב געווען אנדערע אדער מען האָט פערגאָסען אייגענע בלוט. דאָס איז מייסטענס אָפּהענגיג געווען פון דער צייט און אומשטענדען. אין דיא ווילדעסטע צייטען האט מען געשלאַכטעט מענשען אום צו אָפּפערן זייער בלוט צו דיא גייסטער. דורך דעם האָט זיך פערשפּרייטעט קאַניבאַליזמוס. נאַכהער, ווען מענ־

שען האָבען געמאַכט פאָרטשריטע און אויך געקראָגען מענשליכערע געפיהלע און העכערע רעליגיעזע בעגריפע, האָבען זיי גענומען אָפּפערן זייער אייגענע בלוט. אָפט האָט מען גלייכצייטיג געברויכטביידע סאָרטען מענשליכע קרבנות צוזאַמען. יעדענפאַלס זיינען טייכען מענשליכע בלוט פערגאָסען געוואָרען צו עהרע פון נשמות, גייסטער און געטער.

דער מנהג מקריב צו זיין און צו פרעסען מענשען איז געוועזען פערשפרייטעט ביי אַלע פעלקער אויף א געוויסער קולטור־שטופע, נאָר ניט אין א גלייכע מאָס. מיר קענען יעצט ניט פערשטיין, וויא אַזוי מענשען האָבען געקענט פרעסען מענשליכע פלייש און אפילו וויא אַזוי מענשען האָבען געקענט צוקוקען, וויא מען איז מקריב אנדערע, אָפט זייערע אייגענע קינדער. מיר דאַרפען אָבער נעהמען אין אנבעטראַכט, אַז דאָס וואס מיר רופען יעצט מענשליכקייט, מענשליכער געפיהל, מיטלייד, סימפאַטיע א'ז אויך א פּראָדוקט פון קולטור. אָפט שרעקט אונז דיא פאָרשטעלונג פון שמערצען מעהר וויא דיא שמערץ זעלבסט. דאָס קומט דערפון וואָס מיר האָבען שוין א שטאַרקע פאָרשטעלונגס־קראַפט און עמפּפינדליכקייט. עס איז אויך קלאָר, אַז דער געפיהל פון מיטלייד איז אַלץ שטאַרקער, וואס שטאַרקער און שאַרפער מיר קענען זיך פאָרשטעלען דיא ליידען און שמערצען פון אנדערע. ווען דיזע אַנדערע זיינען אונזערע פריינד און בעקאַנטע—מיר ריידען שוין ניט פון עלטערן און פערוואַנדטע— ווערט אין אונז גיכער און שאַרפער ערוועקט דער געפיהל פון מיטלייד ווענען זייערע צרות און שמערצען, וויא ווען דיזע אַנדערע זיינען פרעמדע. מיר בעדויערן דעם טויט אָדער אַן אונגליק פון אונזערע בעקאַנטע, אבער מיר בלייבען געוויינליך גלייכגילטיג, ווען מיר הערען פון דעם שרעקליכסטען טויט פון אונבעקאַנטע מענשען. ווען א דעפּעשע ברייננט אונז למשל דיא נייעס ווענען א שרעקליכע פערפלייצונג אין כינא, ביי וועלכער טויזענדער מענשען האָבען פערלאָרען זייער לעבען, ווערן מיר דערפון ניט אַזוי אויפגערעגט, וויא ווען איינער פון אונזער שטאָט ווערט דערטרונקען.

מיר קענען זיך דאָ ניט אריינלאָזען אין פּסיכאָלאָגישע ערקלערונגען ווענען אונזער געפיהל פון מיטלייד, דען דאָס וועט אונז

אראפפיהרען זיי ווייט פון אונזער ענין. נאר פון דעם געזאגטען איז קלאר, אז דיזער געפיהל איז ווייט מעהר אבהענגיג פון אונזער פאר־שטעלונגס־קראפט, דאס הייסט אויך פון אונזער גייסטיגע ענטוויקלונג. נון, ווילדע מענשען האבען נאטירליך א שוואכע פארשטעלונגס־קראפט. וואס ווילדער מענשען זיינען, אלץ ווייניגער קענען זיי זיך פארשטעלען אפילו זייערע אייגענע שמערצען. צו דיא שמערצען פון אנדערע זיינען זיי דארום זעהר גלייכגילטיג. דאס וואס מיר רופען בלוט־דורשט און גרויזאמקייט פון ווילדע איז געוויינליך נאר דער רעזולטאט פון זייער שוואכען מיטליידס־געפיהל און נאך שוואכערע פארשטעלונגס־קראפט. זיי שלאכטען קריעגס־געפאנגענע, שקלאווען און אפילו זייערע אייגענע ניט ווייל זיי ווילען זיין בלוטדורשטיג, נאר ווייל זייערע געפיהלען זיינען פערגרעבט און ווייל זיי קענען זיך ניט פארשטעלען עמפפינדליך דיא שמערצען פון זייערע אפפער. דיא גלייכגילטיגקייט פון דיא אפפער זעלבסט צו זייער שרעקליכען שיקזאל איז מיט גרויס ערשטוינען בעמערקט געווארן פון אלע רייזענדע, וואס האבען זיך צו־זאמענגעטראפפען מיט קאניבאלען.

„אפילו צווישען דיא פאלינעזיער, וואס מיסיאנערען האבען שוין געמאכט פאר קריסטען, שרייבט ראטצעל אין זיין „פעלקערקונדע“, ווערט מען ערשטוינט פון דער גלייכגילטיגקייט, מיט וועלכער זיי בעגעגענען א שענדליכען טויט דורך דיא האנט פון א תליון. קינדער זיינען גאנץ רוהיג, ווען זייערע עלטערן שטארבען. דאס האבען פיעלע רייזענדע בעמערקט בעזאנדערס אין ניי־זעעלאנד“. אין אפריקא זיינען דיא אפפער פון דיא קאניבאלען אזוי גלייכגילטיג פאר זייער טויט וויא בהמות, לויט וויא פיעלע רייזענדע דערציילען עס.

דיזען פסיכאלאגישען פונקט מוזען מיר גוט האבען אין זינען, ווען מיר לעזען שילדערונגען פון קאניבאלישע סעודות און קרבנות. אויסער דעם דארפען מיר אויך ניט פערגעסען, וואס עס איז שוין געזאגט געווארן וועגען מענשענפרעסעריי אין דיא קאפיטלעך איבער דיא שפייז פון דיא ערשטע מענשען. רעליגיאן איז דא אפט פערבונדען געוועזען מיט עקאנאמישע אורזאכען, וויא אין פיעלע אנדערע פיהרונגען און איינריכטונגען.

„קאניבאליזמוס, זאָגט ראַצעל גאַנץ ריכטיג, איז זיין „פעל־קערקונדע", איז ניט פערבונדען גראַדע מיט דיא נידריגסטע שטופען פון ציוויליזאַציאָן און איז אויך ניט אַן איינפיהרונג, וואס שטאַמט פון איין אורזאַכע. פעלקער וויא דיא מאַנבוטוס (נעגערן אין צענטראַל־אפריקא), באַטאַקען (מאַלאיער־שטאַמען פון דיא אינזלען באָרנעאָ, יאַוואַ, א. ז. וו.) מאַאָרים (דיא איינגעבאָרענע פון ניי־זעעלאַנד) קענען געראַכענט ווערן צווישען דיא העכסטע פון זייערע ראַסען. אבער זיי האָבען גענוג מענשען און זיינען נאָך ניט דערגאַנגען צו אַזא שטופע, אז זיי זאָלען קענען בענוצען זייער איבערפליסיגע בעפעלקערונג אין פראָדוקטיווע ארבייט. מענשען זיינען ביליג ביי זיי. קאַניבאַליזמוס מיינט געברויכען מענשען אַלס שפייז. דארום געפינען מיר מענשענפרעסעריי ביי פעלקער מיט א געדיכטע בעפעלקערונג אדער ביי פעלקער וואס קענען קריגען א סך שקלאַווען. דיא באַנגאַלען (א נעגער־שטאַם אין קאָנגאָ) האָבען מעהר שקלאַווען, וויא זיי קענען געברויכען צו ארבייט, און מענשליכע פלייש איז ביי זיי ביליג.

„נאָך אַן אורזאַכע פון קאַניבאַליזמוס איז דיא פיינדשאַפט צווישען ראַסען און שטאַמען. ווילדע פון איין שטאַם בעטראַכטען דיא מיטגלידער פון אַן אַנדער שטאַם פאַר בלוטפיינדע און זיי דיינקען, אַז זיי מעגען דארום טאָן מיט פרעמדע וואס זיי ווילען, אפילו זיי אויפפרעסען.... וויטערע אורזאַכען זיינען ראַכע, וועלכע געפינט דיא גרעסטע בעפרידיגונג אין אויפפרעסען דעם שונא, און קנאה. אַזוי וויא מען האָט ניט געהאַט געפענגניסע צו האַלטען פערברעכער, פלעגט מען זיי טויטען און אויפפרעסען. אויסער דעם איז קאַניבאַליזמוס פעסט צוזאַמענגעפלאָכטען מיט דעם גאַנצען לעבען פון ווילדע, מיט זייערע פיהרונגען און גלויבענס, וויא דאָס ברייננגען פון מענשליכע קרבנות, וויא דער געברויך פון געוויסע טהיילען פון מענשליכען קערפער ביי צערעמאָניעס און בישוף־מאַכעריי און וויא דיא אָנווענדונג פון שאַרבענס פאַר בעכערס, ביינער פאַר שפּיזען און רינגען, ציינער פאַר האַלזבענדער, א. ז. וו. (זעה פיגורע 90). הונגער פיהרט אויך צו קאַניבאַליזמוס ביי ווילדע פעלקער."



פיגורע 90.—מענשליכער אונטערשטער קינבאק אלס אן ארם־רינג אויף דעם אינזעל נײ־גווינעא.

ביי פיעלע פעלקער, וועלכע זיינען שוין געשטאנען אויף א גאנץ הויכע קולטור־שטופע, איז מענשענפרעסעריי לאנג פערבליבען ביי געוויסע זעהר וויכטיגע רעליגיעזע צערעמאניעס. דאס צייגט, אז קאניבאליזמוס איז ספּעציעל געווען פערבונדען מיט דיא אויבען־אנגעצייגטע רעליגיעזע בעגריפע און גלויבענס. דיא אורזאכען, אויף וועלכע ראטצעל צייגט אן, האבען געוויס געהאט זייערע ווירקונגען אויף קאניבאלישע מנהגים; אבער מענשענפרעסעריי וואלט דאך ניט אזוי אלגעמיין געווען פערשפּרייטעט און וואלט בכויז פארגעקומען אין צייטען פון הונגער, ווען ניט דער גלויבען, אז מענשליכע קרבנות זיינען דיא ליעבסטע און בעסטע פאר דיא גייסטער און געטער. מען קען זאגען, אז דיזער גלויבען איז געווען דיא הויפּט־אורזאכע פון קאניבאליזמוס. יעדענפאלס איז עס זיכער, אז צוליעב דיזען גלויבען האט זיך דער קאניבאליזמוס איינגעווארצעלט אפילו ביי קולטור־פעלקער. וויא מיר האבען עס שוין ניט איין מאל אנגעוויזען, האט דא דער קולט ווידער אנגעהאלטען דיא אלטע פארמען.

איבערהויפּט, ווען מען רעדט וועגען קאניבאליזמוס, דארף מען אונטערשיידען אויסשלאכטונגען פון מענשען צוליעב שפּייז און צוליעב רעליגיעזע צוועקען. אפט האבען ביידע אורזאכען געווירקט צוזאמען, און דאן האט דער קאניבאליזמוס דערגרייכט זיין העכסטע און שרעקליכסטע שטופע, וויא אין מעקסיקא און נײ־זעעלאנד. נאר מייסטענס האט דער האנדעל מיט מענשענפלייש זעהר ווייניג געהאט צו טאן מיט רעליגיעזע קאניבאלישע סעודות. מען האט יעדענפאלס געפונען זעהר ווייניג ווילדע פעלקער, וואס האבען געשלאכטעט מענשען וויא בהמות צוליעב שפּייז אליין אהן שום רעליגיעזע צוועקען. געוויינליך

זיינען אזעלכע אויסשלאכטונגען פארגעקומען אין צייטען פון הונגער און מלחמה; נאכהער איז עס ביסלעכווייז געוואָרן א געוואָהנהייט, וויא ביז היינט צו טאָג ביי איינינע שטאמען אין קאָנגאָ.

דער אראבישער היסטאָרישער אבד־אלאטיף דערציילט א סך געשיכטען פון מענשענפרעסעריי אין מצרים אין דער צייט פון א גרויסען הונגער אין 597 יאהר נאך דיא מאָהאמעדאנישער צייט־רעכנונג. מען האָט זיך דאן געיאָגט נאך מענשען און בעזאָנדערס נאך קינדער, וויל א געבראָטענעס קינד איז גערעכענט געווען פאר דעם גרעסטען מאכל. מען פלעגט היגריכטען דיא מענשענפרעסערס דורך פערברענען, אבער דאָס האָט אזוי ווייניג אָפּגעשראָקען דיא הונגעריגע, אז זיי פלעגען פרעסען דיא היגגעריכטעטע, ווען עס פלעגט זיי נאר געלינגען צו קריגען א שטיק פון דיא האלב־פערברענטע פלייש פון היגגעריכטעטע. מען האט זיך ביסלעכווייז צוגעוואָהנט צו מענשענ־פלייש. עס איז אזוי ארייַן אין דער מאָדע אז רייכע שוואנגערע פרויען פלעגען זיך מאכען מאכלים פון מענשליכע פלייש. נאר דאָס איז הפנים אויך גערעכענט געווען פאר א סגולה צו האָבען א לייכטען קינדבעט אָדער געזונטע און פיינע קינדער.

אין פראנקרייך האָט מען זיך געיאָגט נאך מענשענפלייש אין 1030 יאהר נאך דיא קריסטליכע צייטרעכנונג, ווען א שרעקליכער הונגער האָט געהערשט 3 יאהר נאכאנאנד. איינער איז פעראורטהיילט געוואָרן צום פערברענען דערפאר, וואס ער האָט אָנגעפאנגען צו פער־קויפען מענשליכע פלייש אין דער שטאָט טורנע. אין 1590 יאהר, ווען העגריך דער פערטער האָט בעלאגערט פאריז, האָט מען דאָרטען געפרעסען מענשענפלייש גראדע וויא ביי דער רוימישער בעלאגערונג פון ירושלים. איין רייכע דאמע וואס איהרע צוויי קינ־דער זיינען געשטאָרבען פון הונגער, האָט געהייסען איהר דיענסטמיידעל איינזאלצען דיא קערפערלעך און נאכהער האָבען זיי ביידע זיך געשפייזט דערמיט. אויף דיא גאסען פון פאריז פלעגט מען פיהרען א געיעג אויף מענשען און מאכען קאניבאלישע סעודות אין פיעלע האָטעלען... דער קערפער פון דעם געטויטעטען מארשאל ד'אנקרא איז אויף מאָרגען ארויסגעשלעפט געוואָרן פון דעם קבר, און איינער האָט

אָבגעבראָטען זיין הארץ אויף קוילען און עס אויפגעפרעסען, בעגי־סענריג דאָס הארץ מיט א ביסעל עסיג, אז עס זאָל בעסער שמעקען. דער גרויסער דייטשער דיכטער שילער דערציילט, אז צו ענדע פון דעם פערוויסטענדען דרייסיג־יעהריגען קריעג (פון 1618 ביז 1648) זיינען דיא זאקסען געוואָרען מענשענפרעסער.

דאָ אבער האָבען מיר נאר צו בעטראכטען דעם רעליגיעזען קאַניבאַליזמוס, וואס זיין ריכטיגע אורזאכע איז שוין ערקלערט געוואָרען. דיזער קאַניבאַליזמוס איז צווערשט בעשטאַנען אין דעם, דאָס מענשען זיינען געבראכט געוואָרען אלס קרבנות צו דיא געטער און נאכהער אויפגעפרעסען געוואָרען ניט אום צו שטילען דעם הונגער, זאָנדערן אום איינצושלינגען דיא נשמות פון דיא אָפּפער און צו שטילען דעם צאָרן פון דיא גייסטער. ניט אלע קרבנות זיינען געבראכט געוואָרען, אום אויפצופרעסען זייערע נשמות. מען פלעגט נאך אויסשלאַכטען מענשען, אום געוויסע נשמות זאלען האָבען בעגלייטערס אין דער שאָטען־וועלט. דיא לעצטע פאָרמע פון מענשליכע קרבנות האָט זיך בעזאָנדערס ענטוויקעלט מיט דער צייט, ווען עס זיינען שוין ענטשטאַנען קלאַסען, ווען עס זיינען אויפגעקומען הערשער און שקלאַווען.

דיא ארט און וויזע וויא מען האָט געבראכט מענשליכע קרבנות און וואס מען האָט מיט זיי געטאָן איז געווען פערשיעדען ביי פערשיעדענע פעלקער.

מיר וועלען דאָ נאָר בריינגען עטליכע ביישפּיעלען, אום ניט צו פערנעהמען צו פיעל פּלאַץ מיט שוידערליכע איינצעלהייטען.

ווען דיא אויראָפּעער האָבען ענטדעקט דיא אינזלען אויף דעם גרויסען אָקעאַן, זיינען נאך דיא איינגעבאָרענע דאָרטען געווען קאַני־באַלען און פלעגען בריינגען מענשליכע קרבנות צו דיא געטער. „מענ־שען אָדער טהיילען פון מענשען—צום ביישפּיעל, דיא אויגען, ווייל מען האָט געגלויבט, אז דערמיט שטעלט מען בעזאָנדערס צופרידען דיא געטער—פלעגט מען בעגראָבּען אין דיא פונדאמענטען פון טעמ־פּלען, שרייבט ראַטצעל אין זיין „פעלקערקונדע". ווען מען פלעגט בויען קריעג־שיפלעך האָט מען געהאַלטען פאַר נויטווענדיג צו בריינגען מענשליכע קרבנות. אַם מייסטען האָט מען געאָפּפערט צו דיא געטער

שקלאַווען און קריעגס-געפאַנגענע, וויא אין אַלע ערטער, וואו עס האָט עקזיסטירט קאַניבאַליזמוס. דיא אויסוואַהל פון מענשליכע קרבנות איז אין איינינע פּלעצער אָפּהענגיג געוועזן פון דיא פּריסטער. געוועהנליך פלעגט אַ פּריעסט פערבלייבען אַ געוויסע צייט אין אַ טעמפּעל און נאַכהער פלעגט ער ארויסגיין און אָנצייגען וועמען גאָט פערלאַנגט פאַר אַ קרבן.

„דיא מאָאָרים פלעגען צוזאַמענקלייבען נאָך אַ שלאַכט דיא דיא טויטע קערפּערס פון זייערע פיינד און אָפּשניידען זייערע אויערן און דיא הויט פון דיא קעפּ אַלס אַ קרבן צו דיא געטער. נאַכהער פלעגען זיי אויסגראָבען צוויי רייהען גריבער צום קאָכען. אין איין רייהע גריבער פלעגט מען קאָכען פאַר דיא געטער אויסשליסליך. ווען דיא מענשליכע פלייש איז פערטיג געוועזן צום עסען, פלעגט דער אָנפיהרער אראָפּשלינגען רויערהייט דיא אויגען און דעם מאַרך פון איינעם פון דיא געפאַלענע פיינד. נאַכהער פלעגען זיך נעהמען צו דער שרעקליכער סעודה זיינע זיהן און פערוואַנדטע און נאָכדעם אַלע קריעגערס. ביי אַזעלכע סעודות פלעגט מען פרעסען ביז צום ברעכען. וואס עס פלעגט בלייבען, פלעגט מען אריינלייגען אין קערב און אָוועקשיקען צו דיא שטאַמען אַרום. ווען אַ שטאַם פלעגט אָננעהמען און אויפפרעסען דעם געשאַנק, איז עס געוועזן אַ צייכען, אַז ער איז פריינדליך צו דיא זיעגערס....

„אין דיא מ א ר ק ע ז א ס אינזלען פלעגט מען אָנפאַנגען דיא קאַניבאַלישע סעודות מיט אָפּשניידען דיא האָאָר פון דיא אָפּפער, אום צו מאַכען דערפון רינגען און האַלזבענדער. מען האָט עס גע־האַלטען פאַר טייערע קמיעות. אין האַוואַאי פלעגט מען אריינלייגען אַן אויג פון אַ מענשליכען קרבן אין דעם אייל, מיט וועלכען מען פלעגט בעשמירען דעם קעניג. דיאביינער פון שטאַרקע מענשען פלעגט מען געברויכען פאַר קמיעות. אין האַוואַאי פלעגט גערע־כענט ווערן פאַר אַ גרויסע עהרע צו טראָגען אַ מענשליכען ביינדעל צוגעבונדען צו אַ האַלז־שנירעל פון מענשליכע האָר.

„דיא גאַנצע מיטהאָלאָגיע (פאַבעלהאַפטע געשיכטען וועגען געטער, גייסטער און פערגעטערטע העלדען) פון דיא פּאָלינעזיער איז דורכגעדרונגען מיט דעם גלויבען, אַז געטער עסען נשמות. דער

הויפט־גאָט טאַנגאַראָא פלעגט כאַפּען נשמות מיט א נעץ אָדער מיט א פּעטליע און זיי אויפפרעסען. איין גאָט האָט געטראָגען דעם נאָמען טעראָנגאָ, וואס עס בעדייטעט: מענשען־עסער. אזעלכע בעגריפע, שליסט פראָפעסאָר ראטצעל, קענען לייכט פיהרען צו א מנהג אויפצופרעסען דעם קערפּער מיט דער נשמה. אזוי וויא מען האָט ניט געוואוסט דעם גרענעץ צווישען מענשליכעם און געטליכעם, האָבען דארום מענשליכע קרבנות וויא אויך מענשענפרעסעריי געקראָגען א געטליכע הסכמה.״

מענשליכע קרבנות און מענשענפרעסעריי זיינען געווען איינגעפיהרט ביי פיעלע אינדיאַנער שטאַמען, נאר דאָס פלעגט פּאָרקומען אין בעשטימטע צייטען. דיא נוטקאָס פלעגען ברייננען מענשליכע קרבנות איין מאָל אין דריי יאהר. דיא טהינקליטען פלעגען בעגראָבען לעבעדיגערהייט א שקלאַוו אונטער א נייע הויז. דאס איז געווען א קרבן צו דיא געטער, אז זיי זאָלען בעשיצען דיא נייע הויז. דיא עסקימאָסען פרעסען אויף דיא הארץ פון א כישוף־מאַכער אדער פון א געטויטעטען פיינד, ווייל זיי גלויבען אז דורך דעם וועלען זיי פּטור ווערן פון זיין נשמה און פון דיא ראַכע פון דעם שטאַם, צו וועלכען דער געטויטעטער געהערט. געוויינליך פלעגען דיא אינדיאַנער בעגיין א קאַניבאַלישען אקט אוים ראַכע צו זייערע פיינד. מען האָט אבער קיין מאָל ניט געהערט אז אינדיאַנער האָבען אויפגעפרעסען א ווייסען אָדער א נעגער. ווען זיי פלעגען טויטען א ווייסען, פלעגען זיי איהם נאר סקאַלפּירען, דאָס הייסט אראָפּרייסען דיא הויט פון קאָפּ. דיזע סקאַלפּען פלעגען זיי ארומטראָגען אלס א צייכען פון זייער מוטה און קריגערישע קונסט. דאס איז איינפאַך געווען אַן אקט פון ראַכע.

ווענען דעם שרעקליכען קאַניבאַליזמוס פון דיא מעקסיקאַנער האָבען מיר שוין גערעדט אין דיא קאַפּיטלעך איבער שפּייז. דער קאַניבאַליזמוס איז אזוי איינגעוואָרצעלט געווען אין מעקסיקאָ, אז אפילו דיא פון זייערע הערשער, וועלכע זיינען געווען געגען דעם, פלעגען מוזען נאָכגעבען און לאָזען ברייננען מענשליכע קרבנות. מען בעהויפּטעט אז איידער דיא שפּאַניער האָבען זיך איינגעריסען אין מעקסיקאָ פלעגען דאָרטען יעהרליך אויסגעשלאַכטעט ווערן 25 טויזענד מענשען.

ניט אלע מאל פלעגט מען ברייננגען אזוי פיעל מענשליכע קרבנות וויא אין דער צייט, ווען מאָנטעזומא, דער לעצטער מעקסיקאנער קעניג, האָט געהערשט. דאס איז אָפּהענגיג געווען פון דיא קעניגע. פון דער אלט-מעעסיקאנער געשיכטע ווייס מען, אז עס זיינען געווען קעניגע-רעפאָרמערס, וועלכע האָבען געזוכט אָבצושאפען אָדער ווייניג-סטענס צו פערקלענערן דעם שרעקליכען מנהג. דיא צאָהל פון מענש-ליכע קרבנות איז אויך אָפּהענגיג געווען פון דער מאכט, וואס דיא הערשענדע אצטעקען האָבען געהאט אין פערשיעדענע צייטען איבער דיא בעזיעגטע שטאמען, וועלכע פלעגען דארפען צושטעלען מענשען פאר דיא קאניבאלישע סעודות. נאר אין אלגעמיינען זיינען מענשליכע קרבנות געווען איינגעפיהרט ביי אלע פעלקער פון צענטראל-אמעריקא און אויך אין פערו.

אין צענטראל אפריקא איז קאניבאליזמוס וויט פערשפּרייטעט ביז היינטיגען טאָג, טראָץ אלע אנשטרענגונגען פון אייראָפּעער אויס-צוראָטען דיזען שרעקליכען מנהג פון דיא עלטעסטע צייטען. ביז פראנקרייך האָט איינגענומען דאגאָמעי און ענגלאנד—אשאנטיען פלעגט מען אין דיזע צוויי נעגער-מלוכות פון וועסט-אפריקא אויס-שלאָכטען יעהרליך טויזענדער מענשען ביי רעליגיעזע צערעמאָניעס און פעסטען. דער קעניג פון דאגאָמעי פלעגט יעהרליך ברייננגען וויינינגסטענס 500 קרבנות. ווען א קעניג פלעגט שטארבען אין דאגאָמעי אדער אין אשאנטיען פלעגט דיא אויסשלאכטונג פון שקלאַווען און פרויען זיין א פירכטערליכע. עס איז געווען איינגעפיהרט, אז שקלאַווען זאָלען נאָכפאָלגען זייערע בעלי-הבתים אין קבר און אז סאָלדאטען זאָלען בעגראָבען ווערן מיט זייער קאָמאנדיר. צוליעב דעם פלעגען דיא דיענערס און סאָלדאטען פון א נעגער-קעניג ניט זוכען דעם טויט פון זייער הערשער, דען דערמיט וואָלטען זיי אונטערגעשריבען זייער אייגענעם טויט-אורטהייל. אין גווינעא איז געווען א געוויינליכע זאך צו געברויכען א שארבען צום טרינקען. א פיהרער פון דעם שטאם מאטאבעלען בעשמירט זיין קערפּער מיט מענשליכע פעטס, שמידען ווארפען אריין שטיקלעך מענשליכע פלייש אין שמעלץ-אויוענס. מכשפים צייגען ארוים אם בעסטען זייער קונסט, ווען זיי

געברויכען טהיילען פון א מענשליכען קערפער. דארט וואו מען עסט ניט דיא פלייש פון דיא מענשליכע קרבנות, האלט מען עס פאר א גרויסע סגולה צו עסען זייערע הערצער.

פיעלע רייזענדע האבען מיט ערשטוינען בעמערקט אז גראדע דיא שטארקערע און מעהר ענטוויקעלטע נעגער־שטאמען אין צענטראל־אפריקא זיינען קאניבאלען, וועהרענד אזעלכע נידערשלאגענע און דומע ווילדע וויא, צום ביישפיעל, דיא באריס לעבען דיא קוואלען פון נילוס, טרייסלען זיך אפ מיט שרעק און עקעל פון מענשליכע פלייש. נאר דאס בעשטעטיגט בלויז, וואס מיר האבען שוין געזאגט וועגען קאניבאליזמוס ביי שטארקערע און קריגערישע פעלקער, וועלכע האבען געהאט א סך שקלאווען און קריעגס־געפאנגענע.

דיא אינדא־אייראפעאישע פעלקער זיינען אמאל אויך געווען קאניבאלען. מיר געפינען סמנים פון מענשליכע אפפער אין גריכענ־לאנד און אין רוים. דיא סעלטען האבען זיך בעזאנדערס אויסגעצייכענט מיט זייערע מענשליכע קרבנות. זייער קולט איז געווען א גרויזאמער. דיא גערמאנען און סלאווען פלעגען אויך אפפערן מענשען צו דיא געטער. ווען דיא רוימער האבען געגומען בעהערשען דיא פעלקער ארום דעם מיטעלמעער, האבען זיי איבעראל געזוכט אויסצוראטען דיזען שרעקליכען קולט; אבער ערשט אין דער צייט פון אימפעראטאר אדריאן (אונגעפעהר מיט 300 יאהר נאך קריסטוסעס געבורט) איז דיא רוימער געלונגען צו פערניכטען דיא לעצטע סמנים פון מענשליכע קרבנות ביי דיא בעהערשטע פעלקער. אין רוים זעלבסט פלעגט מען פון דעסטוועגען נאך צו יענער צייט ברייגגען איין מענש־ליכען אפפער יעדען יאהר.

אין אינדיען איז נאך דער שרעקליכער קולט פון מענשליכע קרבנות פערבליבען ביז אונזער צייט.

„מען בעהויפטעט אז דיא כאנדען ברייגגען נאך יעצט מענשליכע קרבנות, שרייבט ראטצעל אין זיין „פעלקערקונדע." וואס אנבעלאנגט צו דיא גאראסען איז אפיציעל בעוויזען געווארען אין 1866, אז זיי אפפערן מענשען צו דיא געטער. נאך ביז היינטיגען

טאָג האָבען דיא ענגלענדער אַן ארבייט אויסצוטראָטען געוויסע פאָר־
מען פון מענשליכע קרבנות אין אינדיען. דיא גלויביגע אָפּפערן אויך זייערע קרובים, אום צו שטילען דעם צאָרן פון דיא געטער. אין 1883 יאהר האָט זיך אַ גאַנצע פאַמיליע אויפגעאָפּפערט צו דעם גאָט גאַנאַפּאַטי. דער עלטעסטער זוהן האָט פריהער אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ פון זיינע עלטערן, דאַן פון זיינע 4 ברידער, צוויי שוועסטער און דריי שוואָגערס און נאָכהער איז ער בעגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך אריינשפּרינגען אין אַ ברונען. ארום דער צייט האָט נאָך עקזיסטירט דיא פאָרמע פון מענשליכע אָפּפער, וואס האָט געטראָגען דעם נאָמען מונסאַמי. ווען צוויי מענשען פלעגען זיך צושלאָגען, און דער שוואַכערער פלעגט זיך שוין ניט קענען פערטהיידיגען, פלעגט ער סטראַשען מיט מונסאַמי. דיזער סטראַשונאָק איז בעשטאַנען אין דעם, דאָס דער שוואַכער פלעגט אוועק גיין אהיים און שפּאַלטען דעם קאָפּ פון זיינעם אַ קינד, אום דיא פערגאָסענע אונשולדיגע בלוט זאָל פאַלען אויף דעם קאָפּ פון זיין געגנער אַלס אַ פלוך. עס זיינען נאָך געווען בראַמינען וואס האָבען פערטהיידיגט דיזע פאָרמע פון קינדער־מאָרד אויף דעם גרונד פון דיא שאַסטראַ (דיא הייליגע ביכער פון דיא אינדוסען).״

אין אינדיען איז נאָך אויך ביז אונזער צייט פערבליבען דער מנהג צו פערברענען אלמנות אויף דיא קברים פון זייערע מענער. דיזער שרעקליכער מנהג איז נאָך אַלין ניט אויסגעראָטעט געוואָרען פון דיא ענגלישע רעגירונג, וועלכע האָט אונערמידליך פערפאָלגט דיא פערברענערס פון אלמנות. אין דיא פערוואָרפענע צענטראַל־טהיילען פון אינדיען, זאָגט מען, טרעפט נאָך יעצט, אַז מען איז מקריב אלמנות צו דיא גייסטער פון זייערע מענער. נאַטירליך, דאָס געשעהט אין דעם שטרענגסטען סעקרעט, אַז דיא ענגלישע בעאַמטע זאָלען זיך דערפון ניט דערוויסען. דער גלויבען אַז ווייבער דאַרפען פאָלגען זייערע מענער אויף יענער וועלט איז אזוי שטאַרק געווען איינגעוואָרצעלט, דאָס דיא אלמנות פלעגען זיך אָפּט אַליין אריינוואַרפען אין אַ שייטער־הויפען, אום זייערע אויסגעלייטערטע נשמות זאָלען בעגלייטען דיא נשמות פון זייערע מענער. נאַר געוויינליך פלעגט

מען בערווישען אָדער פערטויבען דיא אונגליקליכע אלמנות און זיי אריינוואַרפען אין דיא פלאַמען נאָך געוויסע צערעמאָניעס.

דיא פערברענונג פון אלמנות איז נאָר איינער פון דעם אויבען־אָנגעצייגטען סאָרט מענשליכע אָפּפער, וועלכע מען פלעגט ברייגנען צו בעגלייטען דיא נשמות פון דיא געשטאָרבענע. דאָרט וואו אזעלכע אָפּפער זיינען איינגעפיהרט געוואָרן, האָט מען שוין געוועהנליך ניט געגעסען מענשען־פלייש. יעדענפאַלס איז עס געווען א טהייל פון דעם גייסטער־קולט, וועלכער האָט געפאָדערט אָפּפער פון נשמות פון שוואַכע און אונטערטעניגע גוט צו מאַכען דיא נשמות פון שטאַרקע און הערשער. מיר האָבען שוין ערקלערט, וויא עס איז געווען נאַטירליך פאַר דיא ערשטע מענשען צו דיינקען, אז דיא נשמות און גייסטער האָבען אזעלכע בעדירפניסע וויא לעבעדיגע. עס איז דארום אויך געווען נאַטירליך אָנצונעהמען, אז דער איינענטהום פון דעם געשטאָרבענעם דאַרף איבערגעלאָזען ווערן פאַר זיין נשמה. אויף דיזען גרונד פלעגט מען ניט נאָר לאָזען אָדער פערניכטען דיא געוועהר, געצייג און פוצזאַכען פון דעם געשטאָרבענעם אויף זיין קבר (וועגען דעם האָבען מיר שוין גערעט אין דיא קאַפּיטלעך איבער אייגענטהום), זאָנדערן אויך זיינע פרויען און שקלאַווען, וועלכע זיינען גערעכענט געווען פאַר זיין אייגענטהום. דיא אינדוסען און פיעלע אַנדערע פעלקער האָבען געגלויבט, אז דיא נשמות פון דיא שקלאַווען און פרויען דיענען דער נשמה פון זייער הערשער אין דער שאָטען־וועלט, אקוראַט וויא זיי האָבען געדיענט, ווען זיי האָבען זיך געפונען אין דיא קערפּערס. עס פערשטעהט זיך, אז וואָס מעהר איינער איז געווען מעכטיג, אלץ מעהר בעגלייטערס האָט מען אריבערגעשיקט צו זיין נשמה. ווען א קעניג פלעגט שטאַרבען, פלעגט דיא אויסשלאַכטונג פון אָפּפער־בעגלייטערס זיין א שרעקליך גרויסע. מאַנכעסמאָל פלעגט מען אזוי אומברייגנען טויזענדע מענשען מיט איין מאָל.

דיא גריכען פון האָמער׳ס צייטען, דיא גערמאַנען און סלאַווען פלעגען אויך ברייגנען מענשליכע אָפּפער אויף דיא קברים פון דיא טויטע אדער ביי דער לויה. מען וויים פאָזיטיוו אז ביי דיא רוסען (א גערמאַנער שטאַם) האָט עקזיסטירט דיזער שרעקליכער מנהג.

וואס אָנבעלאַנגט צו דיא סלאַווען, ווייס מען פון דיא בעריכטען פון קריסטליכע מיסיאָנערן, אַז דיא אלמנות פלעגען פאָלגען אין קבר נאָך זייערע מענער. דיא עסקימאָסען פון גרענלאַנד פלעגען נאָך מיט אַ יאהרהונדערט צוריק בעגראָבען אַ לעבעדיגעס קינד מיט דער מוטער, ווען זיא פלעגט שטאַרבען איידער מען האָט דאָס קינד אָפּ־געוואָהנט פון דער ברוסט. דיזער שרעקליכער מנהג איז הפּנים אויך אַרויסגערופען געוואָרען דורך דיא נויט, דען עס איז ניט גע־ווען מיט וואָס צו האָדעווען אַ זויגלינג אויסער מיט זיין מוטער'ס מילך.

מאַנכע פעלקער פלעגען שלאַכטען אַ מענשען ניט נאר אום גוט צו מאַכען אַ גייסט אָדער גאָט, זאָנדערן אום דערמיט זיך צו שאַפען אַ בעשיצענדען גייסט. נאָך אין 18־טען יאהרהונדערט האָבען אוי־ראָפּעער בייגעוואָהנט אַזאַ פאַל אין סיאַם. אין איין שטאָט האָבען דיא איינוואָהנער געוועלט קריגען אַ ספּעציעלען גייסט, וואס זאל בע־שיצען זייערע ניי־אויפגעבויטע שטאָט־טויערן און זאָל זיי אָנזאָגען וועגען אַ געפאַהר פאַר זייער לעבען און פערמעגען. זייער קעניג האָט צו דיזען צוועק אויסגעקליבען אַ מענשען, אויף וועמען זיין בליק איז צופעליג געפאַלען. דיזען „אויסערוועהלטען" האָט מען גלייך גענומען בעטראַכטען פאַר אַ גאָט. מען האָט איהם אָפּגעגעבען גרויס כבוד און געקאָר־מעט מיט דיא בעסטע מאכלים. דער קעניג האָט איהם דאַן ערקלערט וואס ער דאַרף טאָן אלס אַ בעשיצענדער גייסט פון דיא שטאָט־טויערן. באַלד נאָכדעם האָט מען איהם געטויטעט. אלע האָבען נאָך גערעכענט, אַז דער אָפּפער האָט געהאַט אַ גליקליכען סוף, דען עס פערשטייט זיך, אַז אַזאַ קרבן איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן, וואס זיין לעבען איז סיי וויא סיי גאָר ניט ווערטה געווען. ווען ער וואָלט אפילו ניט געשטאָרבען פון הונגער, וואָלט דאָך יעדענפאַלס קיינער ניט געזאָרגט פאַר זיין נשמה. אַזוי אבער וועט ווייניגסטענס זיין נשמה פערעהרט ווערן וויא אַ גאָט. מען וועט איהר בעפרידיגען מיט קרבנות, אום זיא זאָל בעסער בעשיצען דיא שטאָט.

ביי אייראָפּעאישע פעלקער האָבען הפּנים אויך עקזיסטירט אַזעלכע מנהגים. דערויף צייגען אָן פיעלע אַלטע לעגענדען, אין וועלכע עס

ווערט דערציילט, וויא מען האָט איינגעמויערט לעבעדיגע מענשען און זאַגאר קינדער אין דיא ווענט פון שלעסער, אונטער בריקען, אין שטאָט־ווענט, א. ז. וו. אין איינינע פון דיזע לעגענדען ווערט אויס־דריקליך בעמערקט, אז דיא מענשליכע אָפּפער האָט מען געבראַכט צו בעשיצען דיא שלעסער, פעסטונגען, שטאָט־ווענט, א. ז. וו. גע־וועהנליך פלעגט מען דערצו קויפען קינדער ביי בעטלערינען אָדער מען פלעגט אָנשכור'ן אַ בעטלער און נאכהער איהם טויטען אָדער איינמויערן לעבעדיגערהייט. דיא געדעכענים אָן אזעלכע אָפּפער איז אזוי טיעף פערבליבען צווישען אויראָפּעאישע פעלקער, דאָס מען האָט געשאפען אזעלכע לעגענדען, ווען מען האָט גענומען בויען בריקען פאר אייזענבאהנען. מען האָט גאַנץ ערנסט דערציילט אין פערוואָר־פענע דערפער, אז אונטער אייזענבאַן־בריקען בעגראָבט מען לעבעדיגע מענשען וועגען מזל און זיכערהייט וועגען!

ביי דיא מאַלאיער שטאמען איז בעזאָנדערס פערשפּרייטעט געוועזען דער מנהג צו יאָגען זיך נאך מענשליכע קעפּ. דער גלויבען אז דיא נשמות פערלאַנגען בלוט האָט געפיהרט צו דיזען שרעקליכען מנהג, וועלכער ווערט בעצייכענט אין דער קולטורגעשיכטע מיט דעם נאמען „קעפּ־געיעג" און וועלכער האָט אויך עקזיסטירט ביי אַנדערע ראסען. וויא נאר איינער פלעגט שטארבען, פלעגען זיינע פערוואנדטע ארויס אויף אַ געיעג נאך קעפּ. זיי פלעגען זיך אזוי לאַנג יאָגען נאך מענשען ביז זיי פלעגען איינעם פאַנגען און איהם אָפּהאקען דעם קאָפּ. נאכהער פלעגען זיי דעם קאָפּ אוועקטראָגען אין אַ ספּע־ציעלע קאָרב (זעה פיגורע 91) אויף דעם קבר פון דעם געשטאָרבענעם.

„מארטין דע ראדא, דער הויפּט פון דיא אויגוסטינער גלחים אין לוצאָן (איינער פון דיא פיליפינער אינזלען), שרייבט ראַטצעל אין זיין „פעלקערקונדע", האָט שוין אָנגעצייגט אויף דיא „קעפּ־געיעג" אין 1577 יאהר, און ביז יעצט יאָגען זיך נאך דיא ווילדע טאַגאַל און דאַיאַק שטאמען נאך קעפּ און שארבענס טראָץ אַלע פערפּאָל־גונגען פון דיא אויראָפּעאישע בעאמטע. קעפּ־געיעג איז אויך פער־שפּרייטעט צווישען דיא מאַלאיער שטאמען אויף דעם אינזעל ניי־גווינעא.

„אום צו פערשטיין, ווארום דיזער מנהג האלט נאך אָן, דארף

פיגורע 91. — אַ קאָרב פון אַ דאַיאַק קאָפּ־יעגער מיט אַ האַלבען שאַרבען הייגנענדיג ביי דער זייט.

מען נעהמען אין אנבעטראַכט, אז אלע מאַלאַיער שטאַמען האָבען פערגעטערט שאַרבענס. צוליעב דעם האָט זיך ביי זיי איינגעוואָרצעלט דער גלויבען, אז שאַרבענס פון פיינדע דאַרפען זיין דיא בעסטע אָפּפער פאַר דיא גייסטער פון דיא עלטערן אדער אבות. אין דעם נאָרד־טהייל פון אינזעל באָרנעאָ וואַלגערן זיך מענשליכע שאַרבענס צווישען

אַלטע האָלץ. דיא דאַיאַקען יאָגען זיך נאָר, וויא רייזענדע מעלדען, נאָך קעפּ פון דאַיאַקען (איינגעבאָרענע פון באָרנעאָ). איידער זיי גייען אַרויס אויף דעם שרעקליכען געיעג, פיהרען זיי אויס געוויסע רעליגיעזע צערעמאָניעס. זיי בויען אויס אַ הייזעל וועלכע זיי בעפּוצען מיט בלומען און פּאַלמען און אין וועלכע זיי לייגען אַניעדער קליינע הילצערנע שווערדלעך, פּיילען, שילדען א. ז. וו. דיא באַנדע וואָס קלייבט זיך אַרויסצוגיין אויף אַ געיעג נאָך מענשליכע קעפּ, פערבלייבט דאָרט פון 4 ביז 6 טעג לויט נאָך אָנגענומענע סמנים וועגען מזל. איידער זיי גייען אַרויס, בעהאַלטען זיי אין דער ערד אַזוי פיעל גראָב־אויסגעשניצטע פיגורען, פון וויא פיעל מאַן דיא באַנדע בעשטייט. דאָס רעכענען זיי פאַר אַ סגולה איינצושטילען דיא בייזע גייסטער.

„קעפּ ווערן אויך פערלאַנגט צו בעפּוצען דעם זאַל פון אַ פיהרער׳ס הויז, צו לייגען זיי אונטער דיא קלעצער, ווען מען בויט אַ נייע הויז. שאַרבענס ווערן געברויכט אַלס טרינק־שיסעלעך, וועהרענד ציינער און האָר דינען אַלס צירונג און פּוץ. ווען דיא האָלענדישע בעאַמטע האָבען אָנגעפאַנגען אָוועקצונעהמען שאַרבענס ביי דיא קעפּ־יעגערס, האָבען דיזע יעגערס זיך ענטזאַגט אָפּצוגעבען דיא סקאַלפּען און דיא אונטערשטע קינבאַקען. אַזוי וויא ערפאָלגרייכע קעפּ־יעגערס זיינען געווען זעהר אָנגעזעהען און מען האָט זיי געהאַלטען פאַר כוואַטעס, האָט יעדערער געזוכט צו קריגען וואָס מעהר שאַרבענס.

„דיא פערבינדונג פון קאָפּ־געיעג מיט קאַניבאַליזמוס ציינט זיך אַרויס דורך דיא פערשיעדענע געברויכען, וואָס מען מאַכט מיט דיא קעפּ און אַנדערע טהיילען פון מענשליכען קערפּער. דיא באַטאַקען זיינען קאַניבאַלען, דיא דאַיאַקען—קעפּ־יעגערס. אין איינִיגע ערטער ווערט אַ בונד געשלאָסען דורך אויפפרעסען אַ שקלאַוו. דער שטאַם סולו פון נאָרד־באָרנעאָ, וועלכע זיינען ניט קעפּ־יעגערס, בינדען זייער אָפּפער און שטעכען איהם אַריין אין ברוסט אַ שפּיעז. יעדער איינער פון דאָרף האַלט פאַר זיין פפליכט צו דערלאַנגען אַ שניט דעם צאַפּעלדיגען קערפּער. נאַכדעם בעגראָבען זיי דעם אָפּפער. אבער זיי האַקען ניט אָפּ זיין קאָפּ, ווייל דיא „פיהרערס פון דיא סולו ווינשען

עס נים.״ אין אנדערע ערטער קלייבט מען צוזאמען דעם אָפּפער׳ס בלוט און מען בעשפּריצט דערמיט דיא פעלדער״.

דיא אינדיאַנער פלעגען אויך אָפּהאַקען דיא קעפּ פון זייערע פיינד. ספּעציעל אבער פלעגען זיי איבערלאָזען דיא סקאַלפּען (דיא הויט מיט דיא האָר פון קאָפּ). אַן אויסגעטריקענטער סקאַלפּ איז געווען אַ גרויסע עהרע פאַר אַ קריעגער. אַ קאָפּ מיט האָר איז געווען אַ צירונג פאַר אַ הויז פון אַ פיהרער אדער פאַר אַ פערזאַמלונג פון אינדיאַנער. (זעה פיגורע 92). דיא אינדיאַנער פלעגען פאַסטען און זאָגען תפילות פאַר דיא קעפּ־האַקעריי און סקאַלפּירונג אַזוי וויא דיא דאַיאַקען פון באָרנעאָ. דיא אינדיאַנער פלעגען דערביי רויכערן אַ היילינגע לולקע. ביי אייניגע אינדיאַנער עקזיסטירט נאָך ביז יעצט דיזער קאַניבאַלישער מנהג. דיא פּאַנטשעס הייגגען אויף דיא קעפּ פון זייערע געטויטעטע פיינד אויף דיא טירען פון זייערע הייזער. דיא מונדרוקען האַלטען עס פאַר זייער פפליכט אָפּצוהאַקען דעם קאָפּ פון יעדען פּאַטענטין, וואס זיי טרעפען אָן.

אין פּאָלינעזיען איז ביז מיט אַ הונדערט יאהר צוריק פערבליבען אַזאַ אָנדיינקען פון דעם אַמאָליגען קעפּ־נעיעג: ווען איינער פלעגט שטאַרבען, פלעגט זיין נעכסטער פערוואַנדטער אָנטאָן אַ בעזונדערע קלייד, וואס דיא פּאָלינעזער האָבען גערופען „טרויער קלייד״ און פלעגט זיך בעוואַפנען מיט אַ לאַנגען שטעקען, אויף וועלכען עס זיינען געווען ביי איין עק אָנגעזעצט ציינער פון אַ היי־פיש. אַלע פלעגען זיך דאַן פאַר איהם צולויפען אין שרעק, דען ער פלעגט שלאָגען ביז בלוט יעדען, וועמען ער פלעגט נאָר טרעפען.

צו גלייבער צייט, ווען מען האָט פערגאָסען בלוט פון אַנדערע צו זעטיגען אדער גוט צו מאַכען דיא נשמות, האָט מען אויך אָנגעהויבען צו פערגיסען אייגענע בלוט. עס איז נאַטירליך געווען צו קומען צום שלוס, אַז ווען בלוט איז אַזוי אַנגענעהם פאַר דיא נשמות און גייסטער, וועלען זיי זיכער אָננעהמען דאָס בלוט פון זייערע אייגענע קינדער און פערוואַנדטע. דאָס האָט געפיהרט צו מענשליכע קרבנות אין דער פאָרמע פון זעלבסטאָפּפערונג.



פיגורע 92.—אַן אויסגעטריקענטער קאָפּ פון אַן אינדיאַנער.

דיזע פאָרמע פון מענשליכע קרבנות איז ניט נאר געווען פערשפּרייטעט ביי אלע פעלקער, זאָנדערן זיא איז מיט געוויסע ענדערונגען פערבליבען ביז היינט צו טאָג ביי קולטור־פעלקער. לאָזען זיך בלוט אין נאמען פון גאָט און זאָגאר בעגיין זעלבסטמארד לשם שמים איז גאָר ניט אזא אונגעוועהנ־ליכע זאַך אין אונזערע צייטען.

אין אינדיען זיינען זיך טויזענדע מענשען מקריב צו סיווא, דעם שרעקליכען גאָט פון צערשטערונג. זיי ווארפען זיך אונטער דיא רעדער פון דעם וואָגען, אויף וועלכען מען פיהרט סיוא׳ס געצקע, און זיי ווערן צודריקט. אין רוס־לאנד עקזיסטירט א סעקטע, וואס איהרע מיטגלידער לאָזען זיך

בעגראָבען לעבעדיגערהייט, ווייל זיי גלויבען, אז דאָס איז דער זיבערסטער מיטעל אריינצוקומען אין גן־עדן.

דיא איינגעבאָרענע פון דיא טאאיטי־אינזלען פלעגען זיך מאכען וואונדען אויף זייער גאנצען קערפּער, בעזאָנדערס אויפ'ן שטערן און ברוסט, מיט דיא ציינער פון א הייפיש, ווען דער עלטסטער פון זייער פאמיליע פלעגט שטארבען אדער ווען זיי פלעגען דארפען אויסבעטען א גוטען מזל ביי זייערע געטער. ווען דיא וואונדען זיינען געמאכט געווען נאך איינעם'ס טויט, פלעגט מען צוזאמענקלייבען דאָס רינענדע בלוט און איינטונקען אין דעם שמאטעס, וועלכע מען פלעגט אוועקלייגען אויף דעם קבר פון דעם געשטאָרבענעם, אום זיין נשמה זאָל זיך דערמיט קוויקען. מיט דיא סמנים פון אזעלכע וואונדען פלעגט מען שטאָלצירען, ווייל דאָס האָט בעוויזען, אז מען איז פרום.

דיא אלטע מעקסיקאנער פלעגען זיך לאָזען בלוט, ווען עס פלעגט זיי טרעפען אן אונגליק, אום דערמיט גוט צו מאכען דיא געטער. אפילו ווען מען פלעגט מקריב זיין מענשען און זיי אויפפרעסען, פלעגט מען דערביי אויך לאָזען אייגענע בלוט. דיא מעקסיקאנער האָבען געגלויבט, אז דיא געטער זיינען זשעדנע נאך בלוט, און מען האָט עס זיי ניט געזשאלעוועט. דיא מעקסיקאנער פלעגען בעזאָנדערס ציטערן פאר איין געטין, ווייל זיי האָבען געגלויבט, אז זיא כאפּט צו און פרעסט אויף קינדער. דיזער גלויבען איז וואהרשיינליך ענטשטאנען דורך דעם וואס פריהער פלעגט מען טאקע מקריב זיין קינדער צו דיזער געטין. מיר וועלען אין נעכסטען קאפּיטעל זעהען, אז דער מנהג צו אָפּפערן קינדער, בעזאָנדערס בכורים, איז געווען פערשפּרייטעט ביי אלע פעלקער נאך פון דיא עלטעסטע צייטען. נאר ווען דיא מעקסיקאנער האָבען שוין אויפגעהערט מקריב צו זיין זייערע קינדער, האָבען זיי נאך געגלויבט, ווען קינדער פלעגען שטארבען פון קראנקהייטען, אז דיא געטין אליין קומט נעהמען איהרע קרבנות. דארום פלעגען זיי אין אזא צייט זיך לאָזען בלוט. דיזעס בלוט פלעגען זיי צוזאמענקלייבען אין א כלי פון בלעטער און פלעגען עס אויפהייגגען אויף דיא טירען פון זייערע הייזער. זיי האָבען גע־

גלויבט, אז דיא געטין בעגנונענט זיך מיט דיזען אָפּפער און לאָזט דאן צו רוהע דיא קינדער. קורץ, דיא מעקסיקאנער האָבען עס גע־האלטען פאר א סגולה געגען קינד־קראנקהייטען.

מען רעכענט, אז דער אלט־מאָדישער מעדיציניִשער מיטעל צו לאָזען בלוט ביי יעדער קראנקהייט איז פערבליבען אן אנדיינקען פון דיא צייטען, ווען מענשען פלעגען אָפּפערן זייער אייגענע בלוט אין פאל פון אונגליקען און ספּעציעל פון קראנקהייטען, אום גוט צו מאכען דיא נשמות און גייסטער.

אזעלכע מנהגים האָבען אויך עקזיסטירט ביי קולטור־פעלקער. דערויף צייגט גאנץ דייטליך אן דיא ביבעל, וועלכע פערביטעט דיא אידען צו מאכען זיך שניטען אדער צייכענס אויפ׳ן לייב לכבוד דיא טויטע (ושרט לנפש לא תתנו בבשרכם וכתבת קעקע לא תתנו בכם. ויקרא, יט, כח). אין אנדער אָרט פון דער ביבעל (ויקרא, כא, ה) גע־פינען מיר, אז דיא כהנים איז עס אויך ספּעציעל פערבאָטען זיך איינצושניידען דאָס לייב אלס צייכען פון טרויער נאך טויטע. וואס אנבעלאַנגט צו דעם מנהג צו ברייננען קינדער, בעזאָנדערס בכורים, פאר א קרבן געפינען מיר דערויף אויך אן אָנווייזונג אין דער ביבלישער געשיכטע וועגען דיא צעהנטע מכה פון מצרים. משה זאָגט אן דיא אידען (שמות, יב, כב), אז זיי זאָלען נעהמען א בעזימעל (אגודת אזוב), איינטונקען עס אין בלוט און בעשפּריצען דיא טירען פון זייערע הייזער, אז גאָט זאָל ניט אָנריהרען אידישע קינדער, ווען ער וועט טויטען אלע בכורים פון דיא מצריים. דאָס איז עס געווען דער „אָפּפער פון איבערהיפּען" (זבח פסח). אונזער יום טוב וועגען יציאת מצרים טראָגט דארום דעם נאמען פסח. דער אונטערשיעד צווישען דיא אידען און דיא מעקסיקאנער בעשטייט אין דיזען פאל נאר אין דעם, דאָס אידען האָבען פערגאָסען דאָס בלוט פון א לעמעלע צו רעטען זייערע קינדער, וועהרענד דיא מעקסיקאנער האָבען פערגאָסען זייער אייגענע בלוט. דער עיקר, דער צוועק פון אזעלכע קרבנות איז געווען דער זעלבער.

העראָדאָטוס דערציילט, אז דיא קאריער, וועלכע האָבען געוואָהנט אין קליין־אזיען, פלעגען ביי געוויסע רעליגיעזע צערעמאָניעס

זיך האקען מיט מעסערס אין שטערן. דעם זעלבען מנהג האָט ער אויך בעמערקט ביי דיא מצריים, נאר דיא לעצטע פלעגען שוין ניט פערגיסען זייער בלוט פאר דיא געטער, זאָנדערן זיך קלאפּען אין קאָפּ מיט דיא קולאקעס. ביי דער לויה פון זייער קעניג פלעגען אלע ספּאַר־טאַנער, מענער און פרויען, זיך קלאפּען אין קאָפּ מיט דיא קולאקעס. אַ סמן פון דיזע מנהגים איז פערבליבען ביז היינט צו־טאָג ביי אונז אין דער פאָרמע פון שלאָגען זיך „אשמנו" מיט'ן קולאק אין ברוסט. יעצט קלאפּט מען זיך אויך אין קאָפּ און אין ברוסט, ווען מען איז אין פערצווייפלונג אָדער ווען מען האָט שטארק חרטה און מען טהוט תשובה. פריהער פלעגט מען דערביי פערגיסען אייגענע בלוט.

דאָ זעהען מיר ווידער, וויא אַן אלטער מנהג איז פערבליבען אונטער נייע פאָרמען. ווען מען זאָל זאָגען, אז מיר קלאפּען זיך אין קאָפּ אדער אין ברוסט, ווייל מיר האָבען דאָס בירושה פון אונ־זערע אור־אורעלטערן, וועלכע פּעגען זיך מאכען וואונדען, ווייל זיי האָבען געגלויבט אז מיט זייער בלוט וועלען זיי גוט מאכען דיא גייסטער—ווען מען זאָל דאָס אונז אַ זאָג טאָן, וועלען מיר זיך דער־פון אויסלאַכען וויא פון אַ משוגעת. אבער ווען מיר פאָרשען נאָך דיא ענטשטעהונג פון רעליגיאָנען און פון רעליגיעזע צערעמאָניעס, ווארפט זיך אונז דער צוזאמענהאנג אליין אין דיא אויגען.

דיא גאנצע ענטוויקלונג פון רעליגיאָנען בעשטייט אייגענטליך אין דער פאָרם־ענדערונג פון אלטע רעליגיעזע צערעמאָניעס. דיזע ענטוויקלונג געהט האנד אין האנד מיט דער אלגעמיינער גייס־טיגער ענטוויקלונג פון מענשען, וועלכע איז צוערשט אַ רעזולטאַט פון קולטור און נאכהער אַן אורזאכע פון אַ העכערע קולטור. דיא אלטע גלויבענס און רעליגיעזע מנהגים פערבלייבען, נאר מען פער־טייטשט זיי אנדערס ווייל מען פערשטייט זיי אנדערס. מען גלויבט שוין לאַנג אין איין גאָט, נאר פון דעסטוועגען ציטערט מען נאָך פאר נשמות כמעט אזוי וויא אונזערע ווילדע אורעלטערן, וויא מיר האָבען דאָס שוין אויבען געזעהען. וואס מעהר מענשען האָבען אָנ־געפאנגען צו פערשטיין דיא נאטירליכע ערשיינונגען, וואס מעהר זייערע געפיהלען זיינען פיינער און עדעלער געוואָרן, אלץ מעהר

האָבען זיי אָנגעפאַנגען צו ענדערן דעם אַלטען בלוטיגען און באַרבאַ־
רישען קולט אַזוי, אַז ער זאָל שטימען מיט זייערע נייע געדאַנקען.
וויא אַזוי דיזע פאָרם־ענדערונג איז צוגעגאַנגען, וועלען מיר בע־
טראַכטען אין נעכסטען קאַפּיטעל

זיעבצעהנטער קאַפּיטעל.

כפּרות און ערלייזונגען.

„געטער וואס מען עסט“. — פיגורען־לעקעכלעך. — די ווירקונג פון מיטליידס־געפיהל אויף די אָפּשאַפונג פון מענשליכע קרבנות. — פּשרות מיט'ן בלוטיגען קולט. — אָפּקומענעס און „טרויער יאָהר“ פון אלמנות.—פּשרה דורך פערקירצען די קרבנות־צייט לכבוד די נשמות. — ערלייזונג דורך פּאַפּירענע כפּרות ביי כינעזער. — ערלייזונג דורך חיות. — לעגענדען וועגען דעם ביי גריכען און רוימער. — די ראָלע פון רעליגיאָן אין קינדער־אויסשלאַכטונגען.— די אויפאָפּפערונג און ערלייזונג פון בכורים. — די ערלייזונג פון בכורים ביי אידען. —ביבלישע געשיכטען וועגען קינדער־קרבנות און וועגען ערלייזונגען דורך „באָרגען“ די אָפּפער צו גאָט. — בכורים אַלס גאָט'ס דיענער. — קינדער־קרבנות און עלילת דם. — די פערשפּרייטונג פון דעם בלוטיגען בלבול. — וואָס די אַבערגלויבענס וועגען הינגעריכטעטע פערברעכער צייגען. — ערלייזונג דורך תפילות. — די אַלגעמיינע ענטוויקלונג פון ערלייזונגען.

ריא היינטיגע קולטור־פעלקער גלויבען שוין ניט אין אזא גאָט, וואס זאָל זיך דארפען זעטיגען מיט בלוט פון קרבנות. נאר דער גלויבען אין דער נויטווענדיגקייט צו צייגען טרייהייט צו גאָט דורך אָפּפער איז פערבליבען אין זיין גאַנצע קראַפט. מיר ברייגגען אויך יעצט קרבנות צו גאָט, אבער אויף א גאַנץ אַנדערע אַרט און אין א גאַנץ אַנדערן זינען. אונזערע קרבנות דריקען זיך אויס אין ווערטער און צייכענס. אין דעם בעשטייט די גאַנצע ענדערונג פון קולט.

לאָמיר יעצט נאכפארשען דיזע ענדערונג.

ווען אַ געמיינדע אין מעקסיקאָ פלעגט אויפאָפּפערן אַ מענ־שען צו גאָט, פלעגען אַלע מיטגליעדער נאַטירליך וועלען אנטהייל נעהמען אין דער געטליכער סעודה. מען האָט געגלויבט, אַז דער גאָט, וועמען מען האָט מכבד געווען מיט אַ קרבן, וועט זיין גוט צו דיא יעניגע, וואס וועלען נעהמען אַנטהייל אין דער סעודה. וויא האָבען אבער אלע געקענט זיך צוטהיילען מיט איין מענשליכען קרבן? דיא כהנים און עלטעסטע האָבען געפרעסען דיא פלייש פון דעם קרבן. פאַר דיא איבריגע איז גאָר ניט געבליבען. אום זיי אויך צו בעפרידיגען, איז מען געפאלען אויף פאָלגענדען פלאַן: פון טייג, אין וועלכע מען האָט אָנפאַנגס אריינגעמישט אַ ביסעל בלוט פון דעם קרבן, האָט מען געמאַכט פיגורען עהנליך צו דעם קרבן. דיזע פיגו־רען האָט מען געבאַקען און אויפגעפרעסען. אזא פיגורע האָבען דיא מעקסיקאַנער גערופען „גאָט וואָס מען עסט“. דערמיט איז מען יוצא געווען דעם עולם, וואס האָט ניט געקענט קריגען אַ טהייל פון דעם מענשליכען קרבן. שפּעטער האָט מען אויך אויפ־געהערט אריינצוגיסען בלוט אין דיא טייג, פון וועלכע מען האָט געקנאָטען „דיא געטער וואס מען עסט“. דיזע פיגורען זיינען אַלזאָ געוואָרן אַ סימבאָל אדער צייכען פון דעם ווירקליכען קרבן. זיי זיינען אַזוי פערהייליגט געוואָרן וויא דער קרבן זעלבסט.

דער מנהג צו ברייגנען מענשליכע קרבנות איז נאָך פערבליבען ביי דיא מעקסיקאַנער, נאר ביסלעכוויז האָט ער אויך אָנגענומען אַ סימבאָלישע פאָרמע דורך אונשולדיגע פיגורען פון דיא אָפּפער. דאָ האָבען מיר אַ קלאָרען ביישפּיעל, וויא אַזוי דיא פאָרם־ענדערונג פון קולט איז ארויסגעקומען. מיט אנדערע ווערטער הייסט עס אויך, אַז מען האָט זיך ערלייזט פון ברייגנען אַ מענשליכען קרבן דורך דעם, וואָס מען האָט אויפגעגעסען זיין פיגורע פון טייג. דער וואס האָט אויפגעגעסען אזאַ פיגורע האָט שוין געטאָן זיין פּפליכט צו דיא געטער און האָט געמעגט ערווארטען זייער הילפע און בעלוינונג גראַדע וויא ווען ער וואָלט געפרעסען דיא פלייש פון מענשליכען קרבן.

דיא מעקסיקאַנער זיינען אבער ניט געווען דיא איינציגע צו ערלייזען זיך דורך „געטער וואס מען עסט“ אַנשטאָט מענשליכע קרבנות. דיא זעלבע אורזאַכען און אַנזיכטען האָבען געפיהרט און געמוזט פיהרען צו עהנליכע רעזולטאַטען.

דיא אינדאָ־אייראָפּעאישע פעלקער האָבען אויך, וויא מיר ווייסען עס שוין, געבראַכט מענשליכע אָפּפער צו זייערע געטער. זיי האָבען דאַרום שפּעטער אויך געברויכט „געטער וואס מען עסט“, וויא דיא מעקסיקאַנער. א סמן דערפון בלייבט נאָך ביז היינט צו טאָג. יעדערער ווייס, אַז אין אייראָפּאַ איז אין דער צייט פון געוויסע פעסטען פערבליבען א מנהג צו עסען לעקעכלעך, וואָס שטעלען פאָר געוויסע פיגורען. מען האָט שוין אָפּט אָנגעציינט, אַז דיא געברויכליכסטע פיגורען פין דיזע לעקעכלעך זיינען קאָפּיעס פון דיא פיגורען פון דיא אַמאָליגע געטער. דיזע לעקעכלעך ווערן געברויכט בעזאָנדערס אין אַזעלכע יומים טובים, וועלכע זיינען אין אַמאָליגע יאהרען פערבונדען געווען מיט קרבנות און אַלגעמיינע סעודות. מען פלעגט נאָך מאַכען לעקעכלעך אין דער פיגורע פון א חזיר אדער פון אַן אָקס פאַר געוויסע יומים טובים, ביי וועלכע מען האָט אין אַמאָליגע צייטען גראַדע געאָפּפערט דיזע חיות צו דיא געטער. אָ׳ן אַלטער געצענדינערישער מנהג, אָן וועלכען אַלע האָבען שוין פערגעסען, איז דאָ אַלזאָ פערבליבען אין א גאַנץ אונשולדיגער פאָרמע, וואָס האָט שוין אפילו מיט דעם קולט גאָר ניט צו טאָן. מען האַלט דאָך פון דעסטוועגען פאַר א מצוה צו עסען אַזעלכע פיגורען־לעקעכלעך וועהרענד דיא קריסטליכע יומים טובים.

דער ביישפּיעל מיט דיא מעקסיקאַנער „געטער וואס מען עסט“ ציינט אָן אַז דיזער מנהג איז ענטשטאַנען דורך דעם, וואס מען האָט ניט געהאַט גענוג מענשליכע קרבנות. עס פערשטייט זיך, אַז יעדערער האָט געזוכט אויסצומיידען צו זיין דער קרבן פאַר דיא געטער. וויא מיר ווייסען עס שוין, האָט מען געוועהנליך געברויכט דערצו פרעמדע שקלאַווען און קריעגסגעפאַנגענע. דיא שטאַרקערע האָבען אַלע מאָל געאָפּפערט דיא שוואַכערע, דיא הערשער—דיא בעהערשטע. אפילו דיא ווילדעסטע קאַניבאַלען קענען ניט סתם

שלאַכטען דיא מיטגליעדער פון זייער שטאַם. זיי וואָלטען דאַן אַלע אין אַ קורצע צייט אומגעקומען. זיי האָבען דאַרום געמוזט אָננעהמען געוויסע רעגעלען צו פערזיכערען זייער לעבען און דעם לעבען פון זייערע קינדער. מענשען זיינען נאָך אַלעם ניט ערגער געווען פאַר חיות, וועלכע פרעסען דאָך ניט איינע דיא אַנדערע. דער קאַניבאַ־ליזמוס אָהן רעליגיעזע צוועקען, איינפאַך אום צו עסען מענשליכע פלייש, איז דאַרום געווען זעהר בעשרענקט אפילו ביי דיא ווילדעסטע און גרויזאַמסטע פעלקער, וויא מיר ווייסען עס שוין. געוועהנליך פלעגט מען פרעסען מענשען אין צייטען פון הונגער, וואס עס טרעפט נאָך אַפילו יעצט אין קולטור לענדער, בעזאָנדערס ביי אונגליקען אויפ'ן ים, ווען מאַטראָסען רעטען זיך אויף קליינע שיפלעך און ווערן אַרומגע־טראָגען פון דיא כוואַליעס וואָכענלאַנג, איידער זיי ווערן בעגעגענט און גערעטעט פון אַ שיף. אונטער אַזעלכע שרעקליכע אומשטענדען האָט עס ניט איין מאָל פּאַסירט אין אונזער צייט, אַז דיא שטאַרקערע מאַט־ראָסען טויטען און פרעסען אויף דיא שוואַכערע.

נאָר אונטער געוועהנליכע אומשטענדען זיינען מענשען ניט גע־ווען ערגער פאַר חיות. וויא ווילד און גרויזאַם דיא ערשטע מענשען זיינען ניט געווען, האָבען זיי דאָך געהאַט עפּעס אַ מיטגעפיהל צו זיי־ערע גלייכע. זאָנסט וואָלטען מענשען גאָר ניט עקזיסטירט. קיין פערבינדונג, קיין פעראייניגונג פון מענשען וואָלט ניט מעגליך געווען ווען זיי וואָלטען גאָר ניט געהאַט מענשליכע געפיהלען. מיר ווייסען, אַז דער מענש איז אַ געזעלשאַפטליכע חיה, אַז ער קען ניט לעבען אין גאַנצען אָפּגעזונדערט פון אַנדערע. ער איז שטענדיג צוגעבונדען געווען צו דער גרופּע, צו וועלכע ער האָט געהערט. דיא אינטע־רעסען פון זיין גרופּע האָט ער גערעכענט פאַר זיינע אייגענע. ער האָט זיי געמוזט פערטהיידיגען צוליעב זיין אייגענע זיכערהייט. צו־ערשט איז ער צוגעבונדען געווען צו זיין פאַמיליע, נאָכהער צו אַ שטאַם און שפּעטער צו אַ פערבאַנד פון שטאַמען אָדער פאָלק. אַלע פרעמדע האָט ער בעטראַכטעט פאַר פיינד און האָט זיי בעהאַנ־דעלט וויא פיינד, אָבער אין זיין אייגענער גרופּע האָט ער געהאַנדעלט, וויא דער אַלגעמיינער אינטערעס האָט עס פערלאַנגט. אין דיא

גרענעצען פון זיין גרופּע איז זיין געפיהל פון אחדות און מיטלייד אלץ געשטיגען. דיזער געפיהל איז שטענדיג אַרויסגעטראָטען ניט נאר געגען מענשענפרעסעריי, זאָנדערן אויך געגען מענשליכע קרבנות אין אלגעמיינען. וואס מעהר א שטאַט איז געשטיגען העכער אויף דעם קולטור־לייטער, אלץ מעהר איז ער אויך גייסטיג ענטוויקעלט געוואָרן, און צו גלייכער צייט זיינען זיינע געפיהלע עדעלער און פיי־נער געוואָרען.

קורץ, ווען מיר ווילען וויסען, ווארום קאניבאליזמוס איז ביס־לעכווייז אָפּגעשאַפט געוואָרען אפילו אין קולט, וואו ער האָט זיך נאַ־טירליך אַם לענגסטען אָנגעהאַלטען, דארפען מיר נעהמען אין אנבע־טראַכט דעם געפיהל פון מיטלייד, וועלכער איז שטענדיג פערבליבען אין דעם מענשען׳ס הארצען. דיזער געפיהל האט עס בעזאָנדערס געטריבען דיא מענשען אומצוגיין דיא פאָרדערונגען פון קולט וועגען מענשליכע קרבנות. ער האט עס געפיהרט צו דער ערפינדונג פין כפרות, פון ערלייזונגען, פון סימבאָלען. צווישען דעם מיטליידס־געפיהל און דעם קולט מיט זיינע שרעקליכע פאָרדערונגען אין נאמען פון דיא נשמות, גייסטער און געטער איז אָנגעגאַנגען א שטענדיגער קאמפּף. מען האָט מורא געהאַט אין גאַנצען זיך אָפּצוזאָגען פון דיא אלטע שרעקליכע רעליגיעזע צערעמאָניעס, ווען מען האָט שוין אפילו גאנץ ווייניג געגלויבט אין זיי, וויא מיר האָבען עס שוין אין פאָריגען קאַפּיטעל געזעהען; אָבער דיא גייסטיגע און מאָראלע ענטוויקלונג פון דיא מענשען האָט אלץ מעהר געווירקט געגען דיזע צערעמאָניעס. מען האָט דארום גענומען זוכען אויסוועגען וויא דאָס אלעס אויסצוגלייכען. דער רעזולטאַט איז געוועז א פּשרה מיט דעם אלטען קולט דורך נייע פאָרמען פון אָפּפער.

מיר וועלען דאָ ברייגען א פּאָר ביישפּיעלען, וויא אזוי דיא פשרות זיינען געמאַכט געוואָרן.

מיר ווייסען שוין, אז דער שרעקליכער מנהג צו אָפּפערן פרויען נאך דעם טויט פון זייערע מענער איז געוועזן פערשפּרייטעט ביי פיעלע פעלקער, וועלכע האָבען קיין פערקעהר געהאַט צווישען זיך. מיט דער צייט אָבער האָט מען אויפגעהערט צו פערברענען אדער צו

טויטען אויף אַן אַנדער אַרט דיא אונגליקליכע אַלמנות. פון דעסט־וועגען איז נאָך לאַנג־לאַנג פערבליבען אַ סמן פון דיזען אַלטען שרקליבען מנהג אין דער זעהר טרויעריגער לאַגע פון אַלמנות. אַנ־שטאָט זיי צו ברייננגען פאַר אַ קרבן, האָט מען דיא אַלמנות פערפינסטערט דעם לעבען דורך פיעלע בעשרענקונגען און ערנידערונגען. דער גלויבען, אַז זיי געהערען צו זייערע פערשטאָרבענע מענער איז נאָך פערבליבען, נאָר דער מיטליידס־געפיהל האָט שוין ניט דערלאָזען, אַז מען זאָל זיי טויטען אויף דיא קברים פון זייערע מענער. וואס זאָל מען דאָך טאָן? וויא אַזוי זאָל מען איינשטילען דעם צאָרן פון דעם מאַן׳ס נשמה, וועלכע פערלאַנגט דיא נשמה פון זיין ווייב, און דאָך לאָזען דיא אַלמנה לעבען? מען האָט געמאַכט אַ פּ ר ש ה, וועלכע איז געוועהנליך בעשטאַנען אין דעם, אַז דיא אַלמנה זאָל אָפּקומען אויף דער וועלט. זיא האָט זיך געמוזט אויפאָפּפערן צו איהר פערשטאָר־בענעם מאַן וויינינגסטענס אַ בעשטימטע צייט.

ביי פיעלע אינדיאַנער שטאַמען איז נאָך פערבליבען זייער גלויבען, אַז דיא פרויען געהערען צו זייערע פערשטאָרבענע מענער. מען האָט שוין ניט געטויטעט אַן אַלמנה, נאָר מען האָט איהר אויסגעמיידעט. אַן אַלמנה איז געווען פערוואָגעלט און פערשאָלטען. קיינער האט ניט געטאָרט האָבען אַ פערקעהר מיט איהר. אפילו פאַר אַ בעלוינונג האט זיא ניט געקענט קריגען אַ שטיקעל פלייש. דיא אינדיאַנער האָבען געגלויבט, אַז זיי וועלען האָבען אַן אונגליקליכען נעיעג, ווען זיי וועלען געבען אַן אַלמנה אַ שטיקעל פלייש. זיא האָט דאַרום געמוזט אליין זוכען ערגעץ פלאַנץ־שפּייז און לעבען גאַנץ אָפּגעזונדערט.

נאָר ווען מען וואָלט אַזוי בעהאַנדעלט אַלמנות זייער גאַנצען לעבען, וואָלט עס דאָך געהייסען זיי צו מאַטערן און איינפאַך צו לאָ־זען שטאַרבען פון הונגער און צרות. דאס וואָלט נאָך געווען ערגער און גרויזאַמער וויא זיי גלייך צו אָפּפערן צו דיא מענער אויף דעם אַלטען שטיינער. דאַרום האט מען דיא׳ צייט פון אַזא אָפּקומענעס בעשרענקט אויף אַ געוויסען טערמין. אין דעם איז עס בעשטאַנען דיא פשרה מיט דיא נשמות פון דיא מענער. דיא פרויען האָבען זיך ע ר ל י י ז ט פון זייערע פערשטאָרבענע מענער דורך דיזע נייע פאָרמע פון אָפּפער.

דיא רעליגיעזע צערעמאָניעס לכבוד דיא נשמות פון דיא פער־שטאָרבענע האט מען מיט דער צייט איבערהויפּט גענומען בעשרענקען אויף א געוויסע צייט. אנדערס וואָלט מען גאָר ניט געקענט אויס־האַלטען. דיא לעבעדיגע וואָלטען געמוזט בלייבען שטענדיג שקלאַווען פון דיא טויטע און זיי אימער בריינגען קרבנות. זיי האָבען זעהר אָפט פאַר זיך אויך קיין שפּייז ניט געהאט. מיר ווייסען שוין, אַז אין ווילדען צושטאַנד קומט אויס זעהר אָפט צו הונגערן. מען האט דאַ אַלזאָ געמוזט געפינען אַן אויסוועג, מאַכען א פּשרה מיט דיא נשמות. דיזע פּשרה איז מייסטענס בעשטאַנען אין דעם, אַז מען האָט גענומען גלויבען, דאָס דיא נשמות פערלאַנגען נאָר שפּייז און איבערהויפּט אָפּפער א געוויסע צייט נאַכדעם וויא זיי פערלאָזען דעם קערפּער. דיזע צייט איז צוערשט געוועהנליך געווען א יאהר, נאַכהער האָט מען איהר אַלץ פערקירצט, אום צו פערלייכטערן דעם דיענסט פון דיא לעבעדיגע צו דיא טויטע.

צו דער צייט, ווען דיא אלמנות פון דיא אינדיאַנער האָבען נאָך בעדאַרפט אָפּקומען דערפאַר, וואס זיי זיינען ניט געשטאָרבען צוזאַמען מיט זייערע מענער, האָבען שוין דיא אינדיאַנער געגלויבט, אַז מען דאַרף אָפּגעבען א טויטען כבוד בלויז איין יאהר. דאַרום האָט דיא אָפּקומענעס־צייט פון דיא אלמנות אויך געדויערט א יאהר. נאַכהער האָט מען שוין געמעגט פערקעהרען און אַפילו חתונה האָבען מיט אַן אַלמנה. זיא איז שוין געווען אַן ערלייזטע, א פריע, אַן אויסגעריינינגטע.

דער „טרויער יאהר” פון אלמנות איז א צייכען פון אזעלכע פּשרות מיט דיא טויטע ביי אויראָפּעאישע פעלקער. אין אַלטע צייטען האָבען פרויען זייער גאַנצען לעבען געהערט צו זייערע טויטע מענער. שפּעטער איז דערפון נאָר פערבליבען דער מנהג, אַז א פרוי דאַרף ניט חתונה האָבען א יאהר נאָך דעם טויט פון איהר מאַן.

דיא כינעזער זיינען געפאַלען אויף אזא פּשרה־פּלאַן. דער גייסטער־קולט איז ביי זיי נאָך פערבליבען ביז היינט צו טאָג. דאַרום לייגען זיי אריין אין דיא קברים אלע זאַכען פון דיא טויטע: געצייג, געוועהר, געפעס, קליידער, חיות, מענשען און געלד—אָבער אַלץ גע־

מאַכטע פון פאַפיר. דיזע פאַפירענע זאַכען זיינען עס אַ כפרה פאַר די אמת'ע, וועלכע די זעהר שפּאָרזאַמע בינעזער לאָזען גאַנץ פיין איבער פאַר זיך.

ביי אַ סך קולטור־פעלקער זיינען חיות געווען די כפרות פאַר מענשליכע אָפּפער. ביי די גריכען און רוימער זיינען פערבליבען לעגענ־דען, וויא גוטע געטינען האָבען גענומען אונטערלייגען חיות אַנשטאָט מענשליכע קרבנות. איין רוימישע לעגענדע דערציילט, וויא די גוטע פרוי קאַרנאַ פלעגט רעטען קינדער פון די סטריגען (בייזע גייסטער) דערמיט, וואס זיא פלעגט פערבייטען די קינדער אויף די אינגעווייד פון אַ חזיר'ל.

דיזע לעגענדע צייגט אויך, אַז די גריכען און רוימער פלעגען אָפּפערן קינדער צו די געטער, נאָר מיט דער צייט האָט מען זיי גענומען אויסקויפען דורך אַלערהאַנד כפּרות און דריידלעך. דער שרעקליכער מנהג מקריב צו זיין קינדער איז געווען פערשפּרייטעט ביי אַלע פעלקער אויף אַ געוויסע קולטור־שטופּע. מיר ווייסען שוין, אַז ווילדע שלאַכטען קינדער, בעזאָנדערס מיידלעך. מיר האָבען אויך אָנגעצייגט אויף די עקאָנאָמישע אורזאַכען פון קינדערמאָרד אין די קאַפּיטלעך איבער שפּייז און פאַמיליען. דערביי האָבען מיר בעמערקט, אַז רעליגיאָן האט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין קינדערמאָרדען.

דיזע ראָלע און די רעזולטאַטען דערפון וועלען מיר יעצט נע־הענטער בעטראַכטען.

ווען מען האָט אָנגעפאַנגען צו ברייגגען מענשליכע קרבנות פאַר די גייסטער און געטער, האָט מען נאַטירליך גיכער געאָפּפערט אַ קינד, וואס מען האט נאָך בעדאַרפט אַ יאָהר דריי־פיער האָדעווען מיט דער מוטער'ס מילך, איידער אַ דערוואַכסענעם מענש. מען האָט דארום אָנגעפאַנגען צו שיינקען קינדער צו די גייסטער. פיעלע פעלקער האָבען איבערהויפּט געגלויבט, אַז קינדער געהערען צו די געטער. בעזאָנדערס איז דיזער גלויבען געווען פערשפּרייט וועגען די ערשט־לינגע. אין די צייטען פון מאַטריאַרכאַט און יעגער־צושטאַנד, ווען זעהר יונגע מיידלעך פלעגען ווערען מוטערס און ווען מען האט געהאַט ווענינ שפּייז, איז עס געווען אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך איינפאַך צו

טויטען דיא ערשט־געבאָרענע. דיא יונגע מוטערס האָבען געוואלט לעבען פריי און זאָרגלאָז. עס איז געווען א צו גרויסער אָפּפער פאַר מיידלעך פון 14—15 יאהר צו האָדעווען קינדער גאַנצע 3—4 יאהר און אין דער צייט קיין פערקעהר ניט צו האָבען מיט מענער. מיר ווייסען שוין, אז וויא נאָר א פרוי האָט געבאָרען א קינד אין דער צייט, ווען זיא האָט נאָך געהאַט א זויגלינג, האָט מען איינעם פון זיי געמוזט ערמאָרדען.

דיא ערטשלינגע פלעגט מען דארום גלייך אָפּפערן צו דיא געטער. מען האָט גענומען גלויבען, אז זיי געהערען טאַקע צו דיא געטער און אז מען טאָר זיי גאָר ניט לאָזען לעבען. דאָס דאַרף מען גוט נעהמען אין אנבעטראַכט, ווען מען וויל ריכטיג פערשטיין דיא פערשיעדענע מנהגים צו ערלייזען אדער אויסצוקויפען בכורים.

אז ביי אידען און ביי דיא כנענים פלעגט מען מקריב זיין קינדער, דאס ווייסען מיר אויך פון דער ביבעל. דיא מעשה וועגען אברהם מיט יצחק'ן איז אן אנדיינקען אָן דיא פריהערע צייטען, ווען פאָטערס פלעגען אָפּפערן זייערע בכורים צו דיא געטער. דער איל (באראן), וואס אברהם האָט שליסליך געאָפּפערט צו גאָט אנשטאָט זיין זוהן, איז געווען דיא כפרה, דיא ערלייזונג פון דעם גרויזאמען אלטען מנהג מקריב צו זיין ערשטלינגע. צו אזעלכע כפרות זיינען געקומען אלע פעלקער אויף דער זעלבער קולטור שטופע, ווען מען איז מעהר ענטוויקעלט געוואָרען גייסטיג און מען האָט געקראָגען עדעלערע געפיהלע. עס פערשטייט זיך אז דער נאַטירליכער געפיהל פון עלטערן־ליעבע און בעזאָנדערס פון מוטערליעבע האָט שטענדיג געקעמפפט געגען דעם שערעקליכען קולט פון קינדער־קרבנות. אין צייטען ווען מען האָט שוין געהאַט גענוג שפייז פאַר זיך און פאַר יונגע קינדער, אין אזעלכע צייטען וויא דיא ביבלישע, ווען עס זיינען שוין געווען רייכע, הערשער און מלכים, איז עס בעזאָנדערס שרעקליך געווען פאַר עלטערן צו אָפּפערן זייערע קינדער צו אזעלכע אָבגעטער וויא מלך. מען האָט אבער דאָך מורא געהאַט איינצורייסען מיט דיא געטער. דער אונערבארעמליכער קולט האָט] פערלאַנגט אָפּפער, האָט מען מיט דיא געטער און מיט דעם קולט גענומען מאַכען פשרות און מען האָט

מקריב געווען חיות אַנשטאָט קינדער. מען האָט דאָ געהאַנדעלט אויף דעם זעלבען אופן וויא איבערהויפּט וועגען אַלע מענשליכע קרבנות. מען האָט זיך ערלייזט און אויסגעקויפט דורך לייכטערע אָפּפער אַנשטאָט שווערע, דורך עדלערע אַנשטאָט גראָבע און באַרבאַרישע, דורך סימבאָלען אַנשטאָט דיא זאַכען זעלבסט און שליסליך איינפאַך דורך ווערטער אין דער פאָרמע פון געבעט.

דיא חיות און אַנדערע שפּייז־זאַכען, וואָס מען האָט געאָפּפערט צו דיא געטער, האָט מען אויך געקענט פערברויכען. מיר ווייסען שוין, אַז דיא ווילדעסטע פעלקער פלעגען מאַכען סעודות צו עהרע פון דיא נשמות און גייסטער. וויא פעסט דיא ערשטע מענשען האָבען ניט געגלויבט, אַז דיא נשמות ברויכען שפּייז, האָבען זיי זיך דאָך געמוזט רעכענען מיט דעם פאַקט, אַז דיא נשמות און גייסטער עסען דאָך ניט אויף דיא שפּייז, וואָס מען לאָזט איבער פאַר זיי. מען האָט דאַרום גענומען גלויבען, אַז דיא נשמות פון מענשען עסען דיא נשמות פון דיא זאַכען. דער רעזולטאַט פון דיזען גלויבען איז געווען, אַז מען האָט נאַר איבערגעלאָזען פאַר דיא גייסטער דעם טהייל פון דיא קרבנות, וואו דיא נשמות האָבען זיך געפונען, לויט נאָך דיא בעגריפע און אבערגלויבענס פון דיא קרבנות־ברייִנגער. מיר ווייסען שוין, אַז אַזעלכע טהיילען זיינען ביי מענשען און חיות גערעכענט געווען דיא קעפּ, דיא אויגען, דיא הערצער, נאַר בעזאָנדערס בלוט. דאָס איבעריגע האָבען דיא קרבנות־ברייִנגער אַליין געגעסען. אפילו אידען און גריכען, ביי וועלכע עס איז איינגעפיהרט געוואָרן דער מנהג צו פערברענען קרבנות, האָבען דאָך דעם גרעסטען טהייל איבערגעלאָזען פאַר דיא כהנים און דיא אָפּפער־ברייִנגער.

דאס זיינען ווידער געווען פּשרות מיט דיא געטער, וועלכע האָבען נאָך אַלץ פערלאַנגט לעבעדיגע קרבנות. מען האט ביי זיי אַלץ מעהר גענומען ערלייזען דיא חיות, וועלכע מען פלעגט אָפּפערן צו ערלייזען מענשליכע קרבנות. מען האט ביי זיי אויסגעקויפט דעם גאַנצען קרבן דורך זיינעם אַ נשמה־טהייל. אויף דיזער אַרט האט מען זיך ביסלעכווייז אַלץ מעהר בעפרייט פון דעם אַמאָליגען שרעקליכען קרבנות־קולט.

דער גלויבען אז מען דארף ברייננען קרבנות צו דיא געטער איז אָבער נאָך ביז היינט צו טאָג פערבליבען ביי אלע קולטור־פעלקער. וויא עס איז שוין ניט איין מאָל ערקלערט געוועז, האָבען זיך נאָר דיא פאָרמען פון דיא קרבנות געענדערט מיט דער צייט. זאָ, צום ביישפיעל, איז נאָך ביי אידען פערבליבען דער אַלטער גלויבען, אז בכורים געהערן צו גאָט און אז מען דארף זיי ערלייזען דורך געוויסע אָפּפער, וויא פדיון הבן און פאסטען ערב פסח. ביי דער צערעמאָניע פון פדיון הבן, ווען מאַן דערלאַנגט א כהן 5 שקלים אויסקויף־געלט פאַר א בכור, זאָגט מען „זה תחת זה, זה תמורה זה״. עס איז קלאָר דערפון, אז מען קויפט טאַקע אויס ביי גאָט דעם בכור, וועלכען מען פלעגט אמאָל ברייננען פאַר א קרבן ביי דיא בני ישראל אזוי גוט וויא ביי אנדערע פעלקער. דיא צערעמאָניע פון פאַסטען ערב פסח איז שוין פערבונדען מיט דער געשיכטע וועגען דיא ערלייזונג פון אידישע בכורים אין מצרים דורך א לעמעלע. מען דארף אָבער אויך ניט פערגעסען, אז פסח איז אייגענטליך דער אלגעמיינער פריהלינגס יום־טוב, ווען מען פלעגט אין דיא גרוי־אַלטע צייטען מייסטענס אָפּפערן ערשט־לינגע צו דיא געטער.

אין דער ביבעל ווערט אין איין אָרט דירעקט דערציילט, אז מען האָט געאָפּפערט א בכור צו דיא געטער. דאס איז נעמליך דיא געשיכטע מיט מלך מואב, וועלכער האָט פערברענט זיין בכור, אום דיא געטער זאָלען איהם העלפען אין זיין שלאַכט מיט מלך אדום. (ויקח את בנו הבכור אשר ימלך תחתיו ויעלהו עלה על החמה. מלכים ב, ג, כ״ז). דיא בני מואב זיינען געווען כנענים וויא דיא אידען, זיי האָבען געהאט דיא זעלבע מנהגים און שפראַך, וויא דאס צייגט דער שטיין פון מישע מלך מואב, וועגען וועלכען עס איז געווען דיא רייד אין דעם קאַפּיטעל איבער דעם פיניקישען אלף־בית. דיא מעשה מיט יפתח, וועלכער האט געאָפּפערט זיין איינציגע טאָכטער צו גאָט (שופטים י״א) צייגט, אז אין דער צייט האט מען נאָך ניט אויפגעהערט צו ברייננען מענשליכע קרבנות צו גאָט ביי דיא בני ישראל. דיא מעשה אין שמואל ב, כ״א, וועגען דעם, וויא מען האט אונטער דוד׳ס הער־שאַפט אויפגעהאנגען פאַר גאָט זיעבען פון שאול׳ס זיהן, אום צו

שטילען גאָט'ס כעס, וועלכער האט זיך אויסגעדריקט אין א דריי־יעהריגען הונגער. דיזע מעשה ציינט אויך אָן אויף דעם פערבליבענעם מנהג מקריב צו זיין מענשען, נאָר זיא איז שוין פערבונדען מיט ראַבע. שאול'ס קינדער זיינען נעמליך געטויטעט געוואָרן פון דיא גבענים, ווייל שאול האט זיי געוועלט פערטיליגען. דאָ האָבען שוין געווירקט פּאָליטישע אורזאַכען, נאָר דער רעזולטאט איז דאָך אַ קרבן צו גאָט, אז דער הונגער זאָל אויפהערען.

דיא מעשה וועגען חנה, דיא פרוי פון אלקנה, דיא מוטער פון שמואל, גיט אונז אַ ריכטיגע ערקלערונג וויא אזוי מען האָט אָנגע־פאַנגען צו ערלייזען בכורים דורך דעם, וואס מען האָט זיי אָפּגעגעבען צו גאָט, אָדער אויף דעם ביבלישען לשון „געבאָרגט" צו גאָט (שמואל א, א). חנה האָט אַ נ ד ר געטאָן, אז ווען זיא וועט האָבען אַ זוהן, וועט זיא איהם אוועקגעבען צו גאָט אויף זיין גאַנצען לעבען. ווען איהר וואונש איז ערפילט געוואָרן, האָט זיא אויך אויסגעפיהרט איהר נדר. דער בכור איז געוואָרן אַ „שאול ליהוה", אַ געבאָרגטער צו גאָט זיין גאַנצען לעבען. דער אויסווערטיגער צייכען פון אזעלכע „געבאָרגטע" איז געווען, וואס צו זייערע האָר האָט זיך קיין שער ניט צוגעריהרט. זייער פפליכט איז געווען צו ד י ע נ ע ן גאָט. אַנשטאָט מקריב צו זיין דיא בכורים, האָט מען זיי געמאַכט פאַר גאָט'ס דיענער. זיי האָבען אַלזאָ שטענדיג געהערט צו גאָט, נאָר דיא פאָרמע פון זייער אויפאָפּפערונג האָט זיך געענדערט. זיי זיינען גע־וואָרן דיא „געהייליגטע" און אויך דיא כהנים. שפּעטער האָט מען אויך ערלייזט דיא בכורים פון דיזען אָפּפער דורך דעם וואס מען האָט געמאַכט דיא לוים פאַר גאָט'ס דיענער. דיא כהנים זיינען בעפרייט געוואָרן פון פדיון הבן, ווייל זיי האָבען סיי וויא סיי אַלע געהערט צו גאָט.

ביי דיא אייראָפּעאישע פעלקער זיינען אויך פערבליבען אָנווייזונגען אויף אַזעלכע ערלייזונגען אפילו אין דיא צייטען, ווען זיי האָבען זיך שוין בעקעהרט צום קריסטענטהום. אין מיטעלאלטער איז געווען אַ מנהג אין פיעלע פאַמיליען, בעזאָנדערס ביי אַדעליגע, אָפּצוגעבען אָדער צו „באָרגען" איינעם פון זייערע קינדער צו גאָט, אָדער צו איינעם

פון זיינע הייליגע. דאָס איז גערעכענט געווען פאַר אַ סגולה צו פערשאַפען גליק דער גאַנצער פאַמיליע אָדער איהר צו רעטען פון געפאַהר. דיזע אָפּגעבונג איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס מען פלעגט אַזעלכע קינדער איינשפּאַרען אין קלויסטערס און מאַכען זיי פאַר מאָנאַכען אַז זיי זאָלען זייער גאַנצען לעבען דיענען צו גאָט פאַר דיא גאַנצע פאַמיליע. אַזאַ מאָנאַך האט זיך געאָפּפערט צו גאָט און דערמיט ערלייזט דיא פאַמיליע. איבערהויפּט פלעגט מען זיך דאַן ערלייזען פון זינד און פערברעכען דורך דיענען צו גאָט אין דיא קלויסטערס. אַן אַלטע כראָניקע (פּנקס) בעשרייבּט וויא אַזוי אַ פירסטליכע פאַמיליע האָט געאָפּפערט איהר געליעבטעסטען זוהן, ווען ער איז קראַנק געוואָרן. קיינע סגולות האָבען ניט געהאָלפען, אפילו אויך ניט וואס דיא אַם „האט זיך צודראַפּעט דעם פּנים מיט איהרע קרומע נעגעל“. דאַן האט מען בעשלאָסען צו ברייגנען דעם איגנעל פאַר אַן ערלייזונגס־קרבן צו גאָט און מען האט איהם אוועקגעלייגט אויף דעם מזבח פון דער הייליגער מאַריע. דורך דעם איז גאָט׳ס כעס געשטילט געוואָרן. דער אינגעל איז געבליבען לעבען אלס „דיענער פון גאָט“, דאס הייסט אַלס מאָנאַך. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ בּיסקופּ. אַזעלכע אָפּפערונגען פון קינדער פון אַדעליגע פאַמיליען זיינען מיט דער צייט אויך אַרויסגערופען געוואָרן דורך עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אורזאַכען. אייניגע אַדעליגע פאַמיליען פלעגען ווענען האָבען איין איינפלוס אין וויכטיגע אַנגעלעגענהייטען דורך זייערע זיהן, וועלכע פלעגען ווערן מיט דער צייט ביסקופּען; אַנדערע פאַמיליען פלעגען זיך דערמיט אויסקויפען פון דער פּפליכט צו שענקען געלט און מאַיאָנטקעס פאַר דיא קלויסטערס. מיט דעם אָפּפער פון אַ זוהן צום גאָטעסדיענסט האָט מען זיך אַלזאָ אויך ערלייזט פון אַן אָפּפער פון זאַכען צו דיא קלויסטערס, פון מתנות צו דער „טויטער האַנד“, וועגען וועלכע עס איז גערעדט געווען אין דער אַבטהיילונג איבער אייגענטהום.

דיא אויפאָפּפערונגען פון קינדער צו געטער האָבען נאָך געהאַט דעם העכסט אינטערעסאַנטען רעזולטאַט, דאס זיי האָבען אַרויסגערופען עלילת דם געשיכטען ביי פערשיעדענע פעלקער אויף

פרעמדע פעלקער. אין מיטעלאַלטער, ווען קריסטענטהום האט זיך אַלץ ווייטער פערשפרייטעט איבער אייראָפּאַ, האט מען אויך אָנגעפאַנגען צו פערשפרייטען שרעקענס־געשיכטען, אַז די נ י ט־ ק ר י ס ט ל י כ ע פעלקער זיינען מקריב מענשען און בעזאָנדערס קינדער ביי רעליגיעזע צערעמאָניעס. אין דער געדעכעניס פון די אייראָפּעאישע פעלקער איז דער שרעקליכער רעליגיעזער מנהג צו אָפּפערן קינדער פערבליבען לאַנג נאָכדעם, וויא ער האט שוין אויפ־געהערט דורך ערלייזונגען און כפרות. די קריסטליכע מיסיאָנע־רען פלעגען שרעקען זייערע שילער מיט געשיכטען, אַז זייערע שכנים זיינען מקריב מענשען צו געטער. דיזע געשיכטען זיינען געווען אַ מי־טעל אָפּצוהאַלטען די נייע־געבאַקענע קריסטען פון אַלטען געצענדיענסט. צו יענער צייט האט מען טאקע געאָפּפערט מענשען צו די געטער ביי אייניגע אייראָפּעאישע שטאַמען. מען האט אבער שוין דערצו געוועהנליך געברויכט שקלאַווען אָדער פערברעכער. ניט נאָר די סעלטען, זאָנדערן אויך אייניגע נאָרדליכע גערמאַנער שטאַמען פלעגען מקריב זיין מענשען צו זייער גאָט פון מלחמה. מייסטענס פלעגט מען די אָפּפער אויפהייננגען אויף הייליגע בוימער אדער, איי־גענטליך, זיי קרייציגען. אָ ד י ן, דער הויפּט־גאָט פון די סקאַנדינאַווען, איז אויך גערופען געווען „הייגנער גאָט“. דער שרעק פאַר געצענדיענער וואָס אָפּפערן מענשען מיט רעליגיעזע צוועקען, איז אַלזאָ גאָר ניט געווען אַן אומזיסטער.

נאָך אין 1005 יאהר האָבען די פאָרשטעהער פון דער קריסט־ליכער קירכע אויף זייערע אַ'ן אסיפה אין ארנסבורג אין דער אַנוועזענהייט פון דעם קייזער הענריך דער צווייטער פערבאָטען ארויס־צופיהרען קריסטליכע שקלאַווען אין געצענדינערשע לענדער, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, דאָס מען וועט דאָרטען געברויכען דיזע שקלאַ־ווען פאַר קרבנות צו די אָבגעטער. די קאַטוילישע קירכע האָט זאָנסט גאָר ניט געטאָן, אום אָפּצושאַפען שקלאַווערייַ אין אַלגעמיינען. פארקעהרט זיא האָט נאָך אַליין געברויכט שקלאַווען און לייבקנעכט אויף איהרע מאָיאָנטקעס. נאר די פורכט, אז מען וועט מקריב זיין קריסטען ביי געצענדינערשע צערעמאָניעס — און אַזוי איז עס טאַקע

אויף געווען — האָט געצוואונגען דיא קאַטוילישע קירכע אָנצונעהמען מיטעל געגען דעם, אַז קריסטען זאָלען ניט פערקויפט ווערן פאַר שקלאַווען אין געצענדינערשע און מאָהאַמעדאַנישע לענדער.

נאר וואס וויטער קריסטענטהום האָט דערגרייכט אין אויראָפּאַ ביז צו דיא גרענעצען פון אזיען, האָט אויך דער בלוט־בלבול אַלץ וויטער געוואַנדערט. מען האָט אָנגעפאַנגען צו דערציילען שרעקענס־געשיכטען, אַז ערגעץ ארום דיא גרענעצען פון קריסטענטהום לעבען פעלקער, וואס פערגיסען בלוט פון קינדער צו עהרע פון זייערע געטער. איין פאָלק האָט געוואָרפען דיא בלוטיגע בעשולדיגונג אויף אַן אַנדערן אדער איבערהויפּט אויף פרעמדע ניט־קריסטליכע פעלקער, ביז זיא איז געבליבען אַלס קללה אויף דיא אידען, וועלכע זיינען געבליבען דיא איינציגע ניט־קריסטען אין וועסט־אויראָפּאַ. דיא גלחים האָבען נאָך געהאָלפען וואַרפען דיזען שרעקליכען בלבול אויף דיא פערוואָגעלטע אידען, אום זיי צו צווינגען אָנצונעהמען דעם קריסטליכען גלויבען אדער זיי איינפאַך אויסצוראָטען. דיא אידען האָט מען איבערהויפּט בעטראַכטעט אַלס פון גאָט פערשאָלטענע, וויל מען האָט אויף זיי ארויפגעוואָרפען דעם בלבול, דאָס זיי האָבען געקרייציגט יעזוס קריסטוס. דאַרום איז עס זעהר לייכט געווען ארויפצוואַרפען אויף זיי פיעלע אַנדערע שרעקליכע בלבולים. אין פינסטערן מיטעלאַלטער האָט מען, וויא בעוואוסט, בעשולדיגט דיא אידען אין כישוף־מאַכעריי, אין פערגיפטען ברונימער, טייכען א. ז. וו. ניט איין מאָל זיינען מאַסען אידען אויסגעשלאַכטעט געוואָרען צוליעב דיזע פאַלשע בעשולדיגונגען.

דיא ערגסטע און שרעקליכסטע פון דיזע אבערגלויבישע בע־שולדיגונגען איז נאַטירליך געווען עלילת דם. דער פאַקט, אַז זיא היינגט נאָך ביז היינט צו טאָג איבער דיא קעפּ פון אידען אין ניד־ריגע קולטור־לענדער, בעווייזט נאר נאָך אמאָל וויא שטאַרק איינגעוואָר־צעלטעס עס בלייבען מנהגים, וואס זיינען פערבונדען מיט'ן קולט. דעם קולטור־געשיכטליכען גרונד פון אויפאָפּפערונג פון קינדער איבערהויפּט און פון בכורים בעזאָנדערס ווייסען מיר שוין. דיא אורזאַכע איז גאַנץ קלאָר און שטימט פאָלקאָמען מיט דיא רעליגיאָנען, וועלכע

זיינען ענטשטאַנען דורך דעם גלויבען אין נשמות און גייסטער, וויא מיר האָבען דאָס שוין געזעהען. אבער ניט נאר איז נאָך ניט אָפּגעשטאָרבען דיא גערעכענים אָן דיא אמאָליגע קינדער קרבנות, זאָנדערן עס זיינען נאָך פערבליבען געוויסע ערלייזונגס-צערעמאָניעס. ווען מען האָט שוין לאַנג אפילו פערגעסען ווארום אזעלכע ערלייזונגס-צערעמאָניעס זיינען ענטשטאַנען. קיין וואונדער דארום, דאָס נאָך אין אונזער צייט געפינען זיך פיעלע מענשען, וואס גלויבען, אַז אַנדערע זיינען נאָך מקריב קינדער וועגען רעליגיעזע צוועקען.

דיא בלוטיגע בעשולדיגונג איז ניט געווען פערשפּרייטעט בלויז ביי דיא קריסטליכע פעלקער און איז ניט געפאלען בלויז אויף אידען. אין אזיען האָבען אויך געוויסע פעלקער געוואָרפען דיא זעלבע בעשולדיגונג אויף אַנדערע, בעזאָנדערס אויף פ ר ע מ ד ע פעלקער. אין כינא ווארפט מען נאָך יעצט דיזע בעשולדיגונג גראַדע אויף דיא ק ר י ס ט ל י כ ע מיסיאָנערען מיט זייערע נאכפאָלגער. ניט איין מאָל האָט עס געטראָפען, אז דיא כינעזער זיינען בעפאלען דיא בעקעהרטע קריסטען, בעשולדיגענדיג זיי אין געברויכען קינדער-בלוט ביי רעליגיעזע צערעמאָניעס. אויף דיא קריסטען קוקט מען יעצט אין כינא אזוי וויא מען האָט געקוקט אויף דיא אידען אין פינסטערן מיטעלאַלטער. דער רעזולטאַט דערפון זיינען דיא זעלבע בלבולים. אין אייניגע ערטער האָבען דיא כינעזער בעשולדיגט דיא קריסטען אויך אין פערגיפטען דיא ברונימער און טייכען, אין ארויסרופען קינדער-קראַנקהייטען, עפּידעמיעס, א. ז. וו.

סמנים פון אמאָליגע מענשליכע קרבנות זיינען אויך פערבליבען אין אבערגלויבענס וועגען היגעריכטעטע פערברעכערס. אין אזעלכע פעלע, ווען מען האט ניט געקענט קריגען אָדער קויפען שקלאַווען, האט מען אָנגעפאַנגען צו אָפּפערן פ ע ר ב ר ע כ ע ר צו דיא געטער. ביסלעכוויז איז דאָס געוואָרען א מנהג. דערמיט האט מען מיט איין קלאַפּ אויסגעפיהרט צוויי זאכען: מען איז פּטור געוואָרען פון דיא פערברעכער און מען האט צופרידענגעשטעלט דיא געטער, וועלכע האָבען נאָך אַלץ פערלאַנגט בלוט נאָך דעם אַלטען גלויבען. מען האט דארום אויך אָנגעפאַנגען צו בעטראַכטען א הינריכטונג, וויא אַן אויפּאָפּפערונג צו דיא געטער. דיא פערברעכער האט מען צוליעב דעם

בעהאנדעלט אזוי וויא פערגעטערטע מענשען ביז צו דער הינ־ריכטונג. מען האָט זיי געשפּייזט ביז אַ רעליגיעזע צערעמאָניע, ווען מען האָט געהאַלטען פאַר נייטיג צו זעטיגען דיא געטער מיט מענש־ליכע בלוט. מיר ווייסען שוין, אַז דיא מעקסיקאַנער און אַנדערע פעלקער פלעגען פערגעטערן זייערע קרבנות. דיא הינגעריכטעטע פערברעכער האָט מען אויך געהאַלטען פאַר „אָפּגעגעבענע צו דיא געטער". מען האָט זיי יעדענפאַלס אָפּגעגעבען כבוד און בעפרידיגט אַלע זייערע וואונשען פאַר'ן טויט.

דארום איז עס נאָך פערבליבען דער מנהג צו מאַכען אַ סעודה פאַר אַ פערראורטהייקטען צום טויט איידער מען פיהרט איהם צום עשאַפאָט. יעדענפאַלס גיט מען איהם עסען און טרינקען, וואס און פיעל ער וויל. מען ערפילט איבערהויפּט זיינע וואונשען, וויא ווייט דאָס איז מעגליך. אויסער דעם בעהאַלטען נאָך אַבערגלויבישע מענשען דיא זאַכען פון אַ הינגעריכטעטען אַלס קמיעות, וואס האָבען אַ געוויסע צויבערקראַפט. אין פריהערע צייטען פלעגען דיא הענקערס מאַכען פיינע געשעפטען מיט דיא שטריק, אויף וועלכע מען פלעגט אויפהייענגען פערברעכערס. מען האָט געגלויבט, אַז שטיקלעך פון אַזעלכע שטריק זיינען סגולות געגען אונגליקען און קראַנקהייטען. אָט אַזוי פערבלייבען עס דיא אַבערגלויבענס פון דיא עלטעסטע צייטען ווייל זיי זיינען געווען אַ טהייל פון קולט.

וואס ווייטער מענשען האָבען זיך ענטוויקעלט און וואָס מעהר זייערע געפיהלען זיינען עדעלער געוואָרן, האָבען זיי געזוכט אַלץ לייכטערע ערלייזונגען. אַנשטאָט מענשען האָט מען גענומען אָפּפערן חיות. דאָס זיינען געווען כפּרות. נאכהער האָט מען אָנגעפאַנגען צו ערלייזען דיזע כפּרות דורך אויסקויפונגען מיט געלט אדער איינפאַך דורך געוויסע סימבאָלען און צערעמאָניעס מיט בעשטימטע געבעט. אזוי איז עס צוגעגאַנגען ביי אַלע קולטור־פעל־קער. דיא לעצטע פאָרמע פון ערלייזונגען איז פערבליבען אין געבעט, דאָס הייסט אין ווערטער. מען האָט אַלץ מעהר אָנגעפאַנגען צו גלויבען אין דער קראַפט פון געוויסע תּפילות אדער איינפאַך פון עטליכע ווערטער אין אַ בעשטימטער אָרדנונג פאַר אַ בעשטימטען

צוועק. דאס איז אזוי ווייט געגאנגען, אז מען האָט ניט נאָר גע־רעכענט, דאָס מיט געוויסע אָפּשווערונגען קען מען אַלעס אויספיהרען ביי די געטער, ווען מען ווייס נאָר דעם „ריכטיגען סוד" וויא און ווען די ווערטער פון די אָפּשווערונגען צו געברויכען, זאָנדערן מען האָט איינפאַך פערגעטערט איינינע ווערטער און איבערהויפּט דאָס וואָרט. דעם סוד פון דיזע ווערטער און אָפּשווערונגען האָבען נאטירליך געוואוסט די מכשפים־פריעסטער. דארום האָבען זיי געקראָגען אַלץ א גרעסערע מאַכט אויף די גלויביגע.

וואס פאַר א ראָלע תפילות שפּיעלען אפילו אין די ענטוויק־קעלטעסטע און העכסטע רעליגיאָנען פון די ציוויליזירטע פעלקער, ווייס יעדערער, און דארום וועלען מיר זיך דאָ אויף דעם ניט אָפּשטעלען. פאַר אונז איז נור וויכטיג צו וויסען, אז זיי זיינען די לעצטע און לייכטעסטע פאָרמע פון ערלייזונגען. די געשיכטע פון רעליגיאָנען בעווייזט עס אונבעשטרייטבאַר.

מען דאַרף אָבער ניט דיינקען, אז אין דער צייט, ווען מען האָט נאָך מקריב געווען מענשען, האָט מען גאָר ניט געברויכט געוויסע תפילות און געזאַנג צו עהרע פון די געטער. מען האָט אויך דאַן געברויכט געוויסע אָפּשווערונגען צו צווינגען די בייזע געטער נאָכ־צוגעבען דעם וואונש פון די מענשען אדער ארויסצורופען די גוטע געטער צו הילפע. נאָר מיט דער צייט האָט מען אַלץ מעהר געוויכט געלייגט אויף תפילות, ביז זיי האָבען כמעט אין גאַנצען פערנומען דעם פּלאַץ פון אַלע אַנדערע אָפּפער צו שטילען דעם צאָרן פון די געטער אדער צו ערלייזען זיך פון די שטראָפען פאַר די זינד. אין דעם איז עס בעשטאַנען די ענדערונג פון קולט.

די ווילדעסטע פעלקער גלויבען אויך אין דער קראַפט פון געוויסע ווערטער צו פעריאָגען די ניט־גוטע, די רוחות, די שדים, די טייוואָלים אדער וויא מען זאָל זיי ניט רופען. אָפּשווערונגען, אָפּשפּרעכונגען און קללות זיינען שטענדיג געווען גערעכענט פאַר קרעפטיגע מיטעל אין כישוף־מאַכעריי. די גוטע גייסטער האָט מען גענומען בעעהרען מיט לויבגעזאַנג, אום זיי נאָך בעסער צו מאַכען. מען האָט זיי געבעטען מיט פיינע ווערטער, מיט גוטע רייד.

דאס איז געווען דער אָנפאנג פון תפילות. נאר תפילות זיינען צוערשט נאר געווען א צוגאָב צו דיא קרבנות אזוי וויא רעליגיעזע טעניץ, קלאפערייי אין פויקען און געזאנג. דיא ערשטע תפילות זיינען געווען ענג פערבונדען מיט טעניץ און געזאנג. דער קרבן איז געווען דיא הויפטזאך, אלעס איבעריגעס איז געווען א נעבענזאך. נאר ביסלעכ־ווייז האָבען זיך דיא ראָלען פון קרבנות און תפילות געענדערט ביי'ם גאָטעסדיענסט. א לאנגע צייט זיינען זיי פערבליבען צוזאמענגעבונדען און געוויסערמאסען בלייבט עס נאך אזוי ביז יעצט; אבער וואס מעהר מענשען האָבען זיך ענטוויקעלט, אלץ מעהר האָט מען אָנגע־פאנגען צו דיינקען, אז דיא געטער זיינען מעהר צופריעדען מיט תפילות וויא מיט בלוטיגע קרבנות. דאָס איז אזוי ווייט געגאנגען, אז מען האָט ניט נאר געברויכט אלץ מעהר און עפטער תפילות, זאָנדערן מען האָט גאניץ איינפאך פערגעטערט דאָס וואָרט, וויא מיר וועלען עס זעהן אין נעכסטען קאפיטעל.

אכצעהנטער קאַפּיטעל.

דיא פערגעטערונג פון ווערטער און צאָהלען.

עכאָ־מיטה. — דאָס געטליכע וואָרט. — דיא ווירקונג פון ווערטער. — דיא קראַפט פון קללות. — צויבערווערטער אָהן אַ זינען. — נעמען בעטראַכטעט אַלס אַ טהייל פון קערפּערס. — טעפּי. — דיא פורכט צו דערמאָנען נעמען פון טויטע. — געהיימניספאָלע נעמען פון געטער. — דיא מאַכט פון געטער דורך נעמען. — דיא ווידערהאָלונג פון ווערטער ביי געבעט. — דיא ווירקונג פון תפילות.—ווערטער פון געטער דורך אָראַקעל און פּראָפעטען.— טאַבו.—ווערטער וועגען געטער. — דיא פערבינדונג פון שפּראַכען מיט מיטהען. — דיא פערעהרונג פון צאָהלען. — דרייפאַכע געטער ביי פערשיעדענע פעלקער. — דיא דרייאייניגקייט אין דער קבלה. — דיא פערהייליגונג פין דיא צאָהלען 4, 7 און 12 און זייער אַסטראָנאָמישע בעדייטונג.

דיא איינגעבאָרענע פון דעם אינזעל מ א נ ג א י א אויף דעם גרויסען אָקעאַן האָבען אַזאַ אינטערעסאַנטען מיטה (פאַבעלהאַפטע געשיכטע) וועגען מעשה בראשית: ווען דער שעפּפער פון אַלע זאַכען, דערציילען זיי, האָט בעפוילען, אַז דיא יבשה זאָל זיך ארויסהייבען פון אונטער דיא וואַסערן, איז ער זיך ארומגעגאַנגען צו בעטראַכטען זיין אַרבייט. „עס איז גוט“, האָט ער צו זיך געזאָגט. „גוט“, האָט געענטפערט אַן עכאָ פון אַ באַרג דערביי. „וואָס!“? האָט אויסגעשריען דער בורא, „איז דען אימעצער שוין דאָ? בין איך דען ניט דער ערשטער“? „איך בין דער ערשטער“, האָט געענטפערט דער אָפּקלאַנג.

דארום גלויבען דיזע ווילדע, אז פריהער פאר אלץ האט עק־ זיסטירט דער קלאנג, דיא שטימע. זיי זיינען ניט דיא איינציגע אזוי צו גלויבען. פיעלע ווילדע פעלקער האבען בעטראכטעט דעם קלאנג פאר אן אנפאנג פון לעבען און יעדענפאלס פאר איינעם פון דיא ערשטע צייכענס פון לעבען. דערפון שטאמען עס זייערע מיטהען וועגען טייכען, בוימער א. ז. וו. אלס בעלעבטע זאכען. יעדע זאך וואס האט ארויסגעלאזען א קלאנג, א גערויש איז שוין דורך דעם אליין בעטראכטעט געווען פאר א לעבעדיגע בעשעפענעס.

מיט דיזען גלויבען האבען ווילדע אויסגעדריקט אויף זייער איינפאכע ארט דאס זעלבע, וואס מען האט אין שפעטערע צייטען, ווען דיא גייסטיגע ענטוויקלונג האט שוין דערגרייכט צו א פיעל העכערע שטופע, צוגעשריבען דעם געטליכען ווארט. דאס ווארט איז ערקלערט געווארען אלס דער אנפאנג און דער סוף פון אלעס, אלס גאט אליין. אין דעם עוואנגעליום (ברית חדשה) פון הייליגען יוחנן ווערט ערקלערט: „אנפאנגס איז געווען דאס ווארט, און דאס ווארט איז געווען מיט גאט, און דאס ווארט איז געווען גאט“. עהנליכע בעהויפטונגען געפינען מיר אין אלע ענטוויקעלטע רעליגיאנען. דער הייליגער יוחנן האט יעדענפאלס אליין ניט ערפונדען דעם גלויבען, א גאט און ווארט איז איינס און דאס זעלבע. ער האט עס נאר אויסגעדריקט אין קורצע און קרעפטיגע ווערטער. און זיין צייט האט מען געהאלטען, אז דיא מאכט פון א שם המפורש איז אונבעגרענצט, אז מיט געוויסע צויבער־ווערטער און בעשטימטע געבעט קען מען אלעס אויספיהרען ביי דיא געטער.

ווען מען בערעכענט גוט, זיינען טאקע ווערטער אלעס אין אונזער גייסטיגען לעבען. אהן ווערטער קענען מיר ניט אויסדריקען קלאר אונזערע געדאנקען צו אנדערע. געדאנק און ווארט זיינען אזוי ענג פערבונדען, וויא שיין און ווארעמקייט פון דיא זונענשטראהלען. עס איז אונז אפילו שווער נאכצודיינקען וועגען עפעס אהן ווערטער. ווען מיר הערען א ווארט רופט עס אין אונז ארויס א בילד פון א זאך, א געפיהל אדער א געדאנקען. דיא ווירקונג פון ווערטער אויף א פערזאמלונג פון מענשען איז נאך גרעסער וויא אויף א'ן איינצעלנע פערזאן.

מיט איין וואָרט קען מען אמאָל עלעקטריזירען א מאסע און ווירקליך אויפטהאָן וואונדער.

„א וואָרט ברייננט אונז ניט בלויז א נייעם געדאַנקען—שרייבט דאַניעל ברינטאָן אין זיין בוך „רעליגיאָנען פון ערשטע פעלקער“—זאָנדערן רופט נאך ארויס אַנדערע געדאַנקען. עס איז א זריעה וואָס וואַקסט, לאָזט ארויס צווייגען, בליהט און ברייננט פרוכטען. דורך דיא פעהיגקייט פון ריידען ווערט מעגליך א געזעלשאַפטליכער לעבען. אויב עס איז איבערהויפּט דאָ א וועג, דורך וועלכען דיא גייסטער פון הימעל און לופט, דיא געטליכע שליחים קענען אָנריהרען און בעלערנען אונזערע נשמות, איז עס בעזאָנדערס דורך א געשפּראָכענעם וואָרט.

„יעדע רעליגיאָן פון דער וועלט איז א בעוויז דאַפיר. אין קיין אַנדער פּונקט זיינען זיי ניט אזוי איינשטימיג איינע מיט דיא אַנדערע וויא אין דיזען. פון דיא איינפאַכסטע ביז דיא ענטוויקעלטסטע הילכען זיי אָפּ דיא ווערטער פון דעם עוואַנגעליסט, וועלכער האָט געשריבען: „אָנפאַנגס איז געוועזען דאָס וואָרט, און דאָס וואָרט איז געוועזען מיט גאָט, און דאָס וואָרט איז געוועזען גאָט“. ווען מיר זאָלען גיין אזוי ווייט צוריק וויא דיא צייט פון דיא ערשטע פאָרמען פון דער אַלטער עגיפּטישער רעליגיאָן, וועלען מיר געפינען דיא לעהרע אז דער מענש וואָס וועט אויסלערנען און קענען אויסריידען דיא געטליכע ווערטער, וועלכע זיינען ענטפּלעקט געוואָרן דורך דעם גאָט טהאָטה (דיזער נאָמען בעדייטעט: געדאַנקען, וואָרט), וועט דורך דעם ווערן א גאָט און זיין איינס און דאָס זעלבע מיט גאָט“.

אַלע פעלקער האָבען צוגעשריבען געוויסע ווערטער א צויבערקראַפט. אין מצרים האָט מען געגלויבט, אז דיא מעכטיגסטע געטער קען מען צווינגען צו פאָלגען א מענשען דורך געוויסע ווערטער. ספּעציעל האָט מען געגלויבט, אז מיט ווערטער קען מען ארויסיאָגען אדער צוזאמענרופען בייזע גייסטער אדער שדים. ביי פיעלע פעלקער קען מען ווערן א פּריעסטער, ווען מען לערנט נאר אויס דעם נוסח וויא צו פערטרייבען רוחות. אין קיין זאך גלויבען דיא אינדוסען ניט אזוי שטאַרק וויא אין דער צויבערקראַפט פון זייערע מ א נ ט ר א

(געוויסע געבעט אדער צויבערווערטער). זיי גלויבען אז דורך דיזע ווערטער קען מען ענדערן דיא נאטור און קריגען א׳ן אויבערמאכט איבער דיא געטער.

דיא אויסטראַליער האָבען אויך געוויסע געבעט און ווערטער ארויסצורופען רעגענס, אָפּצוהאלטען פערפלייצונגען און צו מאַכען פערשיעדענע וואונדער. זיי גלויבען, אז דער מעכטינסטער טייוועל קען ניט ווידערשטיין דיא מאַכט פון א „ריכטיגען וואָרט". אייניגע אויסטראַליער שטאַמען גלויבען, אז ביי נאכט וואַנדערט ארום א בייזער גייסט אין דער פאָרמע פון א קאַרליק מיט א ריזיגע קאָפּ און פרעסט אויף יעדען מענשען וואס ער בעגעגענט. נאר ווען א מענש שרייט אוים דעם וואָרט „בונבאָלאָנג", לויפט דער רוח אוועק און ריהרט ניט אָן דעם מענש. עס איז איבעריג צו בעמערקען, אז „בונבאָלאָנג" שפּיעלט דיא זעלבע ראָלע ביי דיא אויסטראַליער וואָס „שמע ישראל" ביי אידען אדער אנדערע אָפּשרעקונגס-ווערטער ביי אנדערע מאָנאָטעאיסטען.

אם מייסטען האָט מען געגלויבט אין דער קראַפט פון קללות. געוויסע קללות האָבען זאָגאר געקענט טרעפען דיא געטער זעלבסט. דיא רוחות האָבען געציטערט פאר פערשילטונגס-ווערטער. פיעלע ווילדע פעלקער גלויבען, אז מיט א קללה קען מען אזוי זיכער טויטען וויא מיט א מעסער. דיא אויסטראַליער גלויבען, אז א קללה פון א גרויסען מכשף קען טויטען א מענשען אויף א ווייטקייט פון א הונדערט מייל. דיא אינדיאַנער גלויבען, אז ווען זייערער א מכשף ווערט „בעגייסטערט", פערשילט דאן אימעצען און הייסט איהם שטארבען, וועט זיך שוין יענער ניט רעטען. ער וועט אנידערפאלען טויט אויפ׳ן אָרט אָדער וועט זיך מאַטערן עטליכע טעג ביז ער וועט שטאַרבען.

דיא מאַכט פון דיא געטער האָט זיך אויך אויסגעדריקט דורך ווערטער. נאָך דער ביבלישער שילדערונג איז ליכט געוואָרן דורך גאָט׳ס ווערטער „יהי אור!" אין דיא לעגענדען פון אנדערע פעלקער געפינען מיר, אז דיא ערד איז בעשאפען געוואָרן דורך ווערטער פון זייערע געטער.

מערקווירדיג איז דערביי דאָס דיא צויבערקראַפט, וואָס מען

האָט צוגעשריבען און וואס מען שרייבט צו נאָך אין אונזער צייט אפילו ביי דיא ציוויליזירטעסטע פעלקער צו געוויסע ווערטער, איז גאַניץ אונאבהענגיג פון זייער בעדייטונג. ניט דער זאַך אָדער דעם געדאנקען וואָס ווערט בעצייכענט פון א וואָרט ווערט צוגעשריבען דיא קראפט, נאָר איינפאך דעם קלאנג פון דעם וואָרט. פאר דיא מעכטיגסטע צויבער־ווערטער ווערן גערעכענט גראדע אזעלכע, וואס האָבען קיין שום בעדייטונג אָדער וואס זייער זינען איז מיט דער צייט פערלאָרען געגאנגען. אין אלע נוסחאות פון אָפּשווערונגס־ווערטער און קללות, מיט וועלכע מכשפים בענוצען זיך, ווערן געברויכט אזעלכע אלטע ווערטער, וואס דיא מכשפים זעלבסט פערשטייען שוין ניט זייער בעדייטונג. דיזע ווערטער זיינען אָנגעהאלטען געוואָרן אין קולט זייט ווער ווייסט וויא לאנגע צייטען.

אָפט ווערן אָפּשווערונגס־ווערטער און געשרייען פון מכשפים ספּעציעל צוזאמענגעשטעלט פון קלאנגען, וואס האָבען גאָר קיין זי־נען ניט. פיעלע בעוואוסטע קאבאליסטען און וואָהרזאָגערס האָבען ערקלערט אין זייערע שריפטען, אז גראדע געוויסע ווערטער אָהן א זינען האָבען דעם גרעסטען איינפלוס אויף שדים. פיעלע ווילדע פעלקער געברויכען ביי זייערע רעליגיעזע צערעמאָניעס לאנגע פזמונים פון אזעלכע ווערטער, וואס האָבען גאָר קיין בעדייטונג ניט. זייערע רעליגיעזע געזאנג בעשטייען מייסטענס פאר א ווידערהאָלונג פון געוויסע קלאנגען אָהן א זינען. הפנים מען האָט ענומען גלויבען, אז דיא ווערטער וואָס מענשען פערשטייען ניט נאָר ווערען ניט פער־שטאנען פון דיא געטער, זאָנדערן זיינען א טהייל פון דער געטליכער שפּראך. צו דיזען גלויבען איז מען אָבער געקומען דאָן, ווען דיא אוראלטע צויבערווערטער, וועלכע האָבען זיכער געהאט א גאנץ איינפאכע בעדייטונג, האָבען שוין אין גאנצען פערלאָרען דיזע בעדיי־טונג. אזוי וויא זיי זיינען פערבליבען אין קולט צוזאמען מיט אוראלטע צערעמאָניעס, האָט מען זיי אָנגעפאנגען צו האלטען פאר „געטליכע ווערטער" אדער פאר ווערטער פון א געטליכע שפּראך.

דער הייליגסטער פון אלע ווערטער איז ביי אלע ווילדע פעלקער גערעכענט געווען א נאמען. א ווילדער בעטראכטעט ניט זיין נאָמען

אלס א צייכען צו אונטערשיידען איהם פון אַנדערע, זאָנדערן אלס א טהייל פון זיין „איך". דיא עסקימאָסען פילאָזאָפירען, אז א מענש בעשטעהט פון דריי טהיילען: קערפּער, נשמה און נאָמען. פון דיזע דריי טהיילען בלייבט נאר דער נאָמען אונשטערבליך. אין אַלגעמיינען איז א נאמען פון א מענשען פערבונדען געוועזן מיט דעם גייסט פון דער זאך וואָס דער וואָרט האָט בעצייכענט. יעדע־רער פלעגט דארום בעזאָנדערס פערעהרען דעם גייסט פון זיין נאָמען. אייניגע אינדיאַנער שטאַמען פלעגען בעצייכענען פּערזאָנען מיט דיא זעלבע נעמען מיט א וואָרט, וואָס האָט בעדייטעט: „ער איז א צווייטער איך זעלבסט".

אזוי וויא א נאָמען איז גערעכענט געווען פאר א טהייל פון דעם נאָמען־טרעגער, זאָ איז שוין געווען נאַטירליך צו קומען צום שלוס, אז יעדע קללה אויף דעם נאמען האָט אויך געמוזט ווירקען אויף דער בעטרעפענדער פּערזאָן. מען האָט זאָגאר געגלויבט, אז מען קען אפילו שטאַרבען דורך געוויסע כישוף אויף דעם נאמען. צוליעב דעם זאָגען געוועהנליך ווילדע ניט אוים זייער ריכטיגען נאמען. דיא אינדיאַנער פלעגען זעלטען ארויסגעבען זייערע ווירקליכע נעמען, נאר פלעגען זיך רופען מיט צונעמענעסען. אין אויסטראַליען איז ביי אייניגע שטאַמען איינגעפיהרט, אז יונגע לייט זאָלען זיך אָפּזאָגען פון זייערע פריהערע נעמען, ווען זיי ווערען דערוואקסענע מענער. אַן אויסטראַליער פרוי האַלט אַן איהר מיידעל־נאמען, אבער קיינער אויסער איהר מאַן האָט ניט דאָס רעכט איהר צו רופען מיט איהר אמת'ן נאמען. דיא דאַיאַקען פון אינזעל באָרנעאָ ענדערן שטענדיג זייערע נעמען נאך א קראַנקהייט. זיי גלויבען, אז דער טייוועל וואָס האָט געשיקט דיא קראַנקהייט, וועט שוין ניט דערקענען זיין אָפּפער נאָך א נאָמען־ענדערונג.

ביי דיא פּאָלינעזיער איז דורך דיא בעהעלטענעס אדער פערדריי־הענעס פון נעמען ענטשטאַנען דער קוריעזער מנהג, וואס ווערט גערופען טעפּי. ער איז בעשטאַנען אין דעם, דאָס אַלע ווערטער, פון וועלכע דער נאָמען פון דיא פיהרערס איז געווען צוזאַמענגעשטעלט און וועלכע האָבען געהאט אַן עהנליכען קלאַנג, זיינען מעהר ניט געברויכט געוואָרן

אין דער שפּראַך. עטליכע צעהנדליג פון דיא געוועהנליכסטע ווערטער פלעגען אַזוי מיט איין מאָל פערשווינדען און נייע פלעגען ערפונדען ווערן צו דער גרעסטער צומישענעס פון דיא קריסטליכע מיסיאָנערן און אַנדערע אויראָפּעער, וואס פלעגען קומען אין אַ נעהענטערן פער־קעהר מיט דיא איינגעבאָרענע. דיא איינגעבאָרענע פון קאַמטשאַט־קאַ האָבען מורא אָנצורופען אַ בער אדער אַ וואָלף, ווייל זיי גלויבען אַז דיזע חיות פערשטייען דיא מענשליכע שפּראַך און ווע‏לען זיך געפינען בעליידיגט דורך אַזאַ פאַני־בראַטסטווע. אין אלטען רוים זיינען געוועזען געוויסע פריעסטער (דיא זאָ־גענאַנטע flamen dialis), וועלכע פלעגען זיך היטען אויסצורײדען דיא נעמען פון אַ הונט אדער פון אַ בער, אום ניט צו ווערן פעראונרייניגט דורך דעם. און נאָך ביז היינטיגען טאָג שפּייט אויס אַ מוסולמאַן, ווען עס קומט איהם אויס צו געברויכען דעם וואָרט „חזיר“, אום זיין מויל זאָל ניט פער־אונרייניגט ווערן דורך דעם נאָמען פון דיזער אונריינער חיה.

ביי אידען איז, וויא מיר ווייסען עס, ביז היינט צו טאָג פערבלי־בען דער אבערגלויבען צו געבען איינעם אַ צווייטען נאָמען אלס אַ סגולה געגען אַ קראַנקהייט.

נאָך מעהר האָט מען מורא געהאַט צו דערמאָנען דיא נעמען פון דיא טויטע. דיזע פורכט איז איינגעוואָרצעלט געווען ביי דיא איינגעבאָרענע פון אַמעריקא, אַפריקא, אויסטראַליען און פּאָלינעזיען. דיא אורזאַכע דערפון איז געווען דער גלויבען, אַז אַ נאָמען איז אַ טהייל פון דעם פערשטאָרבענעם׳ס גייסט און אַז מיט ארויסריידען דעם נאָמען שטערט מען דיא רוהע פון דעם פערשטאָרבענעם אין זיין קבר, זאָ דאָס ער וועט זיך נאָך דורך דעם בעווייזען פאַר דיא צוהערער.

יעצט וועט דער לעזער אַליין פערשטיין, אַז ווען מען האָט אַזוי מורא געהאַט צו רופען מענשען און זאָגאַר חיות מיט זייערע נעמען, וויא האָט מען שוין בעדאַרפט ציטערן אויסצורײדען דיא נעמען פון דיא גייסטער און געטער! דער אמת׳ער נאָמען פון אַ גאָט, אַ נאָמען וואס איז צוערשט געווען אַ גאַנץ געוועהנליכער וואָרט, וויא דיא לינגוויסטיק בעווייזט עס, איז מיט דער צייט בעטראַכטעט געוואָרן אלס דער גאָט זעלבסט. לענאָרמאַן, אַ בעוואוסטער נאַכ־

פאָרשער איבער דיא כאַלדעאישע רעליגיאָן און מאַגיקער (מכשפים) שרייבט וועגען דעם: „אין אַלע רעליגיאָנען פון דיא אַמאָליגע אַזי־אַטישע פעלקער איז דער „געהיימניספאָלער נאָמען" בעטראַכטעט געוועזן אַלס אַ ראַיעלע און געטליכע בעשעפעניס, וואס האט געהאט אַ פערזענליכע עקזיסטענץ און אַ ספּעציעלע מאַכט איבער דיא נאַטור און דיא גייסטער־וועלט". אין מצרים האָט מען געגלויבט, אַז דיא הויפט מאַכט פון אַ גאָט געפינט זיך אין זיין נאָמען. אָן עגיפּטישער כישוף־נוסח, וואס מען האט געפונען אַריינגעשטעקט אין דעם מויל פון אַ געצקע, לויטעט אַזוי: „איך בין דער אויסערוועהלטער פון מיליאָנען יאָהרען. ווען מיין נאָמען וואָלט אויסגעשפּראָכען ווערן אויף דיא ברעגעס פון אַ טייך, וואָלט דער טייך פערצעהרט געוואָרן; וואָלט מען איהם אויסגעשפּראָכען אויף דער ערד, וואָלט אַ פייער זיך אַרויסגעריסען פון דעם גרונט".

אַזוי וויא מען האָט געגלויבט, אַז דער וואס האָט געוואוסט דעם ריכטיגען נאָמען פון אַ גאָט, האָט דערמיט געקענט האָבען אַ מאַכט אויף דעם גאָט, האָבען זיך מכשפים זעהר שטאַרק בענוצט דערמיט נאָך פון דיא עלטעסטע צייטען. דיא נעמען פון געוויסע געטער זיינען געהיימגעהאַלטען געוועזן פאַר דיא וויכטיגסטע און זיכערסטע צויבערמיטעל. דיזער גלויבען פערבלייבט נאָך אין קראַפט ביז היינט צו טאָג. בעזאָנדערס פעסט האָט מען געגלויבט, אַז מען קען צווינגען אַ שד צו ערשיינען, ווען מען זאָל נאָר איהם רופען מיט זיין ריכטיגען נאָמען.

דיא פּריעסטער און מכשפים האָבען דאַרום געהאַלטען דיא ריכטיגע נעמען פון דיא געטער אין שטרענגסטען סעקרעט. ניט נאָר האָבען זיי דערמיט געוועלט אָנהאַלטען זייערע אייגענע מאַכט איבער דיא גלויביגע, זאָנדערן זיי האָבען אַליין מורא געהאַט, אַז אַנדערע זאָלען זיך ניט בענוצען מיט דיזע נעמען, אום אָנצומאַכען גרויסע צרות. מען האָט אַזוי גוט געהאַלטען אין סעקרעט דיא אמת׳ע נעמען פון דיא געטער, אַז מיט דער צייט האָט מען זיי אין גאַנצען פערלאָרען. דיא אידען און אַראַבער האָבען אַזוי אויך פערלאָרען דיא ווירקליכע נעמען פון זייערע געטער. דער אידישער „שם המפורש", מיט וועלכען מען

האט געקענט אויפטאָן וואונדער, איז טאקע געוואָרען אַן אַלגעמיינע גע־היימנים. דיא אראבען האָבען אנשטאָט דעם אמת'ן נאָמען פון זייער גאָט גענומען געברויכען דעם וואָרט אללאה, וואָס עס בעדייטעט: „דער איינציג־מעכטיגער". דעם אמת'ן נאָמען ווייס מען שוין ניט. דיא אידען ריידען אויס דיא געהיימניספאָלע פיער בוכשטאבען „יהוה" אדני, וואָס עס בעדייטעט: מיין הער.

נאָך דיא בעשרייבונגען פון בעוואוסטע רייזענדע געברויכען אויך ווילדע פעלקער פערשיעדענע צונעמעניסען אנשטאָט דיא אמת'ע נעמען פון זייערע געטער. דיא איינגעבאָרענע לעבען דעם זאמבעזי־טייך אין זיד־אפריקא האָבען א גאָט, וואס זיין אמת'ער נאָמען איז „ניאמבע", נאָר אנשטאָט דעם געברויכען זיי דעם נאָמען „מאָלעמאָ", וואס עס בעדייטעט: „דער אויבערשטער". דער הויפּטגאָט פון פיעלע אויסטראליער שטאמען הייסט „טוראמולון". דיזער וואָרט בעדייטעט איינפאך: „דער איינפיסיגער". זיין נאָמען ווערט אבער ניט אויס־געזאָגט צו פרויען און צו בחורים, איידער זיי ווערן אנערקענט דורך געוויסע צערעמאָניעס פאר מענער.

מיר דארפען אבער ניט זוכען ביישפּיעלע און בעווייזע אין דער פערגאנגענהייט און ביי ווילדע פעלקער. מיר האָבען זיי אונטער דער האנט ניט נאָר אין אזעלכע געבעט וויא „געלויבט זאָל זיין דיין נאָמען", זאָנדערן אפילו אין דעם דריטען געבאָט פון עשרת הדברות, וועלכע ווערן גערעכענט פאר דיא עלטעסטע אידישע געזעץ. דער געבאָט „לא תשא את שם יהוה אלהיך לשוא (זאָלסט ניט דער־מאָנען דעם נאָמען פון יהוה דיין גאָט אומזיסט)" קען נאָר האָבען דעם זעלבען זינען, וויא אין אלע אנדערע ערשטע רעליגיאָנען, וועלכע האָבען פערבאָטען צו דערמאָנען דיא נעמען פון זייערע געטער.

מען האָט נאָך אזוי ווייט געגלויבט אין דיא ראיעלע עקזיסטענץ פון נעמען, דאס דער גאָט וואס האָט געטראָגען פיעלע נעמען איז גערעכענט געוועזען פאר א שטארקערן מיט אזוי פיעל מעלות וויא פיעל נעמען מען האָט איהם צוגעשריבען. ביי דיא אלטע עגיפּטער האָבען דיא הויפּטגעטער געטראָגען א סך נעמען. דיא געטין פון דער ערד איזיס, דיא ווייב פון דעם זונען־גאָט אָזיריס און דיא מוטער

פון דעם משיח אדער ערלייזער האָרוס, איז גערופען געוואָרן מיט אזוי פיעל נעמען, דאָס דיא גריכען האָבען איהר בעצייכענט מיט דעם וואָרט „מיריאָנאָם“, וואס עס בעדייטעט: „צעהן־טויזענד־נעמיגע“. אין בבל האָט מען דעם גאָט עאַ צוגעשריבען דיא נעמען פון פופ־ציג גרויסע געטער. דורך דעם האָט ער זיי איינגעשלונגען און צוגענומען זייערע מעלות. דאָס זעלבע איז געווען ביי אנדערע פעל־קער: ווען א גאָט האָט פערלאָרען זיין נאמען, האָט ער דערמיט פערלאָרען זיין עקזיסטענץ.

ווען א פיהרער האָט אָנגענומען דעם נאמען פון א גאָט, איז ער צוליעב דעם אליין פערגעטערט געוואָרען. מען האָט געגלויבט, אז דיא געטליכע קראַפט איז פערבאָרגען אין דעם נאמען און ווערט איבערגעגעבען דעם מענשען וואס טראָגט דיזען נאמען. דאָס גיט אונז אן ערקלערונג, ווארום הערשער זיינען אזוי לייכט פערגעטערט געוואָרען אין אלטע צייטען נאָך ביי זייער לעבען, וויא מיר ווייסען עס שוין פון דיא קאפיטלעך איבער דיא ענטוויקלונג פון שטאאטען. אין דער זעלבער צייט ערקלערט עס אונז אויך דעם פערבליבענעם מנהג ביי ציוויליזירטע פעלקער צו טראָגען נעמען פון געטער און היילינגע.

אין אלגעמיינען האָבען ווערטער אליין א גרעסערען איינפלוס אויף מענשען, ספּעציעל ביי רעליגיעזע צערעמאָניעס, וואס מעהר מען ווידערהאָלט זיי. אזא ווידערהאָלונג איז אן אנערקענטער מיטעל צו היפּנאָטיזירען. דארום האָט מען אויך אין תפילות צו געטער שטענדיג ווידערהאָלט געוויסע ווערטער און דיא תפילות זעלבסט פיעלע מאָל איבערגעחזר׳ט. דער רעליגיעזער געפיהל ווערט יעדענפאלס שטענדיג שטארקער און שארפער דורך דעם פּראָצעס פון זאָגען גע־בעט. וואס מעהר מען האָט געבעטען, האָט מען זיך געפיהלט אלץ נעהענטער צו דיא געטער, צו וועמען מען האָט אדרעסירט דיא געבעט.

דיא ערשטע געבעט פון מענשען האָבען נאַטירליכערווייזע אויסגעדריקט זייער וואונש צו האָבען גענוג שפּייז, צו זיין געזונד, צו האָבען גליק אין מלחמה, מיט איין וואָרט, הצלחה אין וועלטליכע זאכען. דיא געבעט האָבען געוועהנליך ענטשפּראָכען דעם גייסטיגען

צושטאנד פון דיא אָנבעטערס; נאר מען געפינט אויך אויסנאהמען ביי ווילדע פעלקער. אין מאנכע תפילות דריקען זיי אויס דעם וואונש צו בלייבען מאָראליש ריין און צו לעבען צוזאמען מיט גאָט. דיא פאָרמען פון געבעט האָבען זיך שליסליך ווייניג געענדערט. דיא קראַפט וואס מען האָט צוגעשריבען צו געוויסע צויבערווערטער פון דיא עלטעסטע צייטען אָן איז צוגערעכענט געוואָרען צו געבעט, וועלכע האָבען ענטהאַלטען דיזע ווערטער, און שפּעטער צו תפילות איבער־הויפּט. מען האָט דארום אַלץ מעהר געגלויבט, אַז מיט תפילות קען מען אַלעס אויספיהרען ביי געטער, און דיזער גלויבען איז, וויא עס איז שוין געזאָגט געווען אין פאָריגען קאַפּיטעל, פערבליבען אפילו אין דיא העכסטע רעליגיאָנען. געבעט איז געוואָרען דיא אַלגעמיינסטע און וויכטיגסטע פאָרמע פון ערלייזונגען פאַר אַלע זינד. אַלע רע־ליגיעזע צערעמאָניעס האָבען גאָר קיין טעם ניט אָהן בעשטימטע תפילות. „בעט שטענדיג" איז געוואָרען דער העכסטער רעליגיעזער געבאָט.

נון, ווען דיא ווערטער פון מענשען צו גאָט אין דער פאָרמע פון אויסגעשרייען און תפילות האָבען אזא קראַפט, הײנט וויא גרויס איז שוין דיא קראַפט פון דיא ווערטער, וואס ווערן צוגעשריבען צו דיא געטער זעלבסט אדער וואס זיינען אויסגעשפּראָכען געוואָרען פון דיא אָראַקעל אדער פּראָפעטען! דיזע ווערטער ווערן דיא שטרענג־סטע געזעץ פאַר מענשען. וואס עלטער זיי זיינען, אַלץ מעהר ווערן זיי פערהייליגט.

מען דאַרף ניט דיינקען, אַז פּראָפעטען זיינען נאר געווען ביי אידען אדער אין דיא צייטען פון דיא ענטוויקעלטע מאָנאָטעאיסטי־שע רעליגיאָנען, וויא עס ווערט געשילדערט אין דיא היילינע ביכער פון דיא בראַמינען, בודדיסטען, כינעזער, אידען, קריסטען און מאָהאָ־מעדאַנער. אפילו אין דיא ערשטע געצענדינערשע רעליגיאָנען געפינט מען פאָרשריפטען פון דיא געטער דורך זייערע פערטרעטער, וועל־כע זיינען געווען צוגלייך פריעסטער און מכשפים. וויא מיר וועלען עס שפּעטער זעהען, זיינען מכשפים גערעכענט געווען פאַר „בעגייס־טערטע" מענשען, וואס ריידען אין נאמען פון דיא געטער. זיי

האָבען עס מייסטענס פערפאַסט דיא אָפּשפּרעכונגען און אַלערליי קללות און תפילות און זיי האָבען אויך געגעבען אַ געטליכע הסכמה אויף דיא אָנגענומענע מנהגים, צערעמאָניעס און געזעץ.

דיא ערשטע פאָרשריפטען זיינען געווען פערבאָטען. זיי האָבען געהאַט דיא פאָרמע פון „לא״, דו זאָלסט ניט טאָן דיזעס אדער יענעס. אין דער קולטור געשיכטע בעצייכענט מען דיזע אַלע פערבאָטען מיט דעם פּאָלינעזיער וואָרט טאַבו, וואס שטאַמט פון דעם וואָרט טאַפּאַ (געבען אַ נאמען). יעדע זאַך וואס איז ערקלערט געוואָרען פאר הייליג אָדער פאַר אַ פערברעכען געגען דיא געטער איז געווען טאבו. פון דיא קאפּיטלעך איבער שפּייז און אייגענטהום וויסען מיר שוין וועגען דעם. דער גאנצער לעבען פון ווילדע פעלקער ווערט רעגולירט דורך דיא טאבוס אדער חרם׳כ, וועלכע זיינען געווען זעהר פערשיעדען. דיא טאבוס בעציהען זיך אויף שפּייז, אויף קליידער, אויף חתונות, פעסטען, מלחמות, פערקעהר צווישען מענשען אין אַלגעמיינען. אַלעס איז מעהר אדער וויניגער בעשרענקט געוואָרן דורך דיזע חרם׳ס אין נאמען פון דיא געטער. פאר איבערטרעטען דיזע אורשפּרונגליכע געזעץ אין אַ רעליגיעזער פאָרמע האַט מען ניט נאר געהאַט צו ערווארטען דעם צאָרן פון דיא געטער, מען איז אויך איינפאַך בעשטראָפט געוואָרן מיט דעם טויט נאָך אַ בעשלוס פון דעם שטאַם.

דער גלויבען פון דיא איינגעבאָרענע פון קאמטשאטקא איז געווען אַ זעהר איינפאכער. וועגען זייער הויפּטגאָט קוטקא האָבען זיי דערציילט פיעלע מיטהען אדער פאבעלהאפטע געשיכטען. זיי האָבען נאר ערוואַרטעט שלעכטעס פון איהם, וויא אויך פון אַלע אנדערע גייסטער. זיי האָבען איהם פיעל עפּטער געשאָלטען וויא געלויבט אדער געבענשט. פון דעסטוועגען האָבען זיי געהאַט אַ גאנצען צערעמאָניעל און אַ פּעקעל מיט טאבוס, אום ניט ארויפצוציהען אויף זיך דעם צאָרן פון דיא געטער. זיי האָבען געגלויבט, אַז מען טאָר ניט קאָכען פלייש און פיש אין איין טעפּעל, זאָנסט וועט מען קריעגען געשווירען; אַז מען טאָר ניט נאכפאָלגען דיא שפּורען פון אַ בער, זאָנסט וועט מען קריגען אַ הויטקראַנקהייט; אַז

מען טאָר ניט אָפּקראַצען דעם שנעע פון דיא שטיוועל מיט א מע־סער, זאָנסט וועט זיין א גוואַלדיגער שטורם, א. ז. וו.

וועגען דיא איינגעבאָרענע פון דיא אַנדאַמאַנער אינזלען האָט מען בעהויפּטעט, אַז זיי האָבען קיין שום רעליגיאָן ניט, אַזוי וויא דיא יאַגהאַנען פון פייערלאַנד, וועגען וועלכע עס איז שוין דיא רייד געוועזן אין א פריגען קאפּיטעל. דיא אַנדאַמאַנער האָבען טאַקע ניט קיין בעשטימטע פאָרמע פון גאָטעסדיענסט. זייער שפּראַך בעזיצט אפילו ניט א וואָרט, וואָס זאָל בעצייכנען „געבעט". אבער זיי גלויבען דאָך אין גייסטער און האָבען אויך פערשיעדענע טאַבוס, וויא צום ביישפּיעל, אַז מען דאַרף קאָכען פיש אָדער א שילד־קרעט (טשערעפּאַכע) אויף א פייער פון א בעשטימטען סאָרט האָלץ; אַז א חזיר טאָר מען ניט קאָכען, נאָר בראָטען, א. ז. וו.

מיט אַזעלכע ביישפּיעלען פון טאַבו קען מען אָנפילען גאַנצע ביכער.

וואָס אַנבעלאַנגט צו דיא געשיכטען וועגען געטער אָדער, מיט איין וואָרט, מיטהאָלאָגיע, זאָ האָבען איינינע געלעהרטע נאָכ־פאָרשער גאַנץ איינפאַך ערקלערט, אַז „דאָס וואָרט איז דער האַנד־ווערקער פון געטער". דער גריכישער וואָרט „מיטה" בעדייטעט טאַקע „א וואָרט". שפּעטער האָט מען אָנגעפאַנגען צו בעצייכענען מיט דעם וואָרט „מיטה" שילדערונגען וועגען געטער, וועגען זייערע אויפטואונגען און מאַכט. אין אַלגעמיינען איז א מיטה א וואָרט וועגען געטער.

דיא ערשטע מיטהען זיינען זיכער בעגרינדעט געוועזן אויף חלומות, אילוזיאָנען און בעגריפע וועגען גייסטער און געטער. וואס דיא ערשטע מענשען האָבען געפיהלט און געדענקט וועגען זייער אייגענעם לעבען און וועגען דיא נאַטור אַרום זיי, האָבען זיי עס אויסגעדריקט אין געשיכטען וועגען נשמות, גייסטער און געטער. מיר ווייסען שוין, אַז אין זייערע מוחות זיינען צוזאַמענגעמישט געוועזן ראַיעלע זאַכען מיט איינבילדונגען און חלומות. זיי האָבען זיך ניט געשטעלט קשיות, זיי האָבען ניט געפרעגט: „איז עס מעגליך?"—וואס עס האט זיך זיי פאָרגעשטעלט אין זייער פאַנטאַזיע, איז געוועזן בעגלויבט. מיר קענען יעצט ניט פערשטיין, וויא אַזוי מענשען האָבען געקענט גלויבען אין

אזעלכע אונזיננינע און משונה׳דינע געשיכטען, וועלכע מיר געפינען אין ביכער איבער מיטהאָלאָגיע; אבער מיר דארפען בערעכענען, אז ווילדע זיינען וויא קינדער און גלויבען אין אַלעס וואָס מען דערציילט זיי. דיא מיטהען זיינען דארום אַ שפּיעגעל פון דיא גייסטיגע און מאָראַלישע ענטוויקלונג פון פעלקער.

מען האָט נאָך ניט געפונען אזא ווילדען שטאַם, וואָס זאָל גאר קיינע מיטהען ניט האָבען. אפילו דיא שטאַמען, וואס האָבען נאָך קיין בעשטימטען גאָטעסדיענסט, בעזיצען אַ סך וואונדערגעשיכ־טען. דיא בושמענען פון זיד־אפריקא ווערן גערעכענט צווישען דיא נידעריגסטע און פערשלאָגענסטע ווילדע. זיי האָבען ניט קיינע טעמפּ־לען, קיינע מזבחות, קיין צערעמאָניאל וויא צו דיענען דיא געטער, און דאָך האָבען מיסיאָנערען צוזאַמענגעקליבען ביי זיי טויזענדע מעשיות וועגען זייערע געטער און וועגען דיא בעציהונגען פון דיזע געטער צו מענשען און חיות. דיא אויבענדערמאָנטע איינגעבאָרענע פון דיא אנדאמאַנער אינזלען, וועלכע האָבען נאָך ניט קיין בעשטימטען קולט, דערצעהלען פון דעסטוועגען וואונדער־געשיכטען וועגען זייער גאָט פּ ו ל ו נ ג א, דעם „זעלבסט־געשאַפענעם און אונשטערבליכען“, וועגען דעם אורשפּרונג פון פייער, וועגען דיא האנדלונגען פון גייסטער, א. ז. וו.

דאס צייגט, אז מיטהען זיינען פערפאַסט געוואָרען פריהער, וויא מען האָט נאָך אָנגעפאנגען צו דיענען געטער דורך געוויסע צע־רעמאָניעס. מען קען זאָגען, אז וויא נאָר מענשען האָבען זיך גע־קענט צוזאמענריידען און האָבען זיך גענומען פאָרשטעלען גייסטער, האָבען זיי צוגלייך אָנגעפאנגען צו פאַנטאזירען וועגען דיא האנדלונ־גען פון דיא גייסטער און צו פערפאַסען באָבע־מעשיות.

עס פערשטעהט זיך, אז שפּראַכען זיינען ענג פערבונדען מיט מיטהען—אָהן אַ שפּראַך וואָלט מען דאָך ניט געקענט דערציילען מעשיות. וואס איינפאַכער און אָרימער אַ שפּראַך איז, אַלץ איינ־פאַכער און אָרימער זיינען דיא מיטהען. נאר אָפט זיינען מיטהען ענטשטאַנען אויסשליסליך דורך אַן עהנליכקייט פון ווערטער. פיעלע בעריהמטע שפּראַך־קענערס האָבען אָנגעצייגט אויף דיזען אינטערע־סאַנטען פונקט. זיי האָבען געבראַכט מאַסען ביישפּיעלע, וויא דיא

עהנליכקייט אין דעם קלאנג פון ווערטער מיט א פערשיעדענע בע־דייטונג זיינען צוזאמענגעפלאָנטערט געוואָרן דורך מיטהען.

מיר וועלען דאָ נאר ברייגגען א פּאָר ביישפּיעלען פון ברינטאָן'ס בוך "רעליגיאָנען פון דיא ערשטע פעלקער".

אין דער שפּראך פון דיא אייגעבאָרענע פון דיא אנדאמאנער אינזלען האָט דער וואָרט „גארוב" צוויי בעדייטונגען: דיא נאכט און א מין ווערימל. דיא דאָפּעלטע בעדייטונג פון דעם וואָרט „גארוב" איז נאטירליך ענטשטאנען דורך א צופאל, וויא איבערהויפּט האָמאָנימען אין אלע שפּראכען. אין אונזער נאכפאָרשונג איבער שפּראכען האָבען מיר שוין אָנגעצייגט, אז פיעלע שפּראכען זיינען בעזאָנדערס רייך געווען אין האָמאָנימען און סינאָנימען. אבער דיא אנדאמאנער פי־לאָזאָפען האָבען גענומען דיינקען, אז דאָס איז ניט אומזיסט, אז צווישען דיאביידע בעדייטונגען מוז עפּעס זיין א שייכות. דער רעזולטאט דערפון איז א מיטה, אז א פּרוי האָט אמאָל צוטראָטען א גארוב-ווערימל, דארום האָט גאָט פולונגא אראָפּגעשיקט אויף דער ערד דיא גארוב-נאכט, אום צו בעשטראָפען דיא מענשען. דיזער מיטה צייגט צוגלייך, אז אויך ביי אזעלכע ווילדע האָט מען שוין געזעבענט, דאָס דיא פרוי איז שולדיג אין דעם מענשען'ס צרות אויף דער ערד.

א געוויסער אינדיאנער שטאם פון קאנאדא האָט א מיטה, אז דער פוקס איז געווען דיא ערשטע חיה וואָס האָט פערלאנגט ליכט און וואָס האָט עס געקראָגען דורך א צויבערקאפּט. ווען מען האָט גענומען נאכפאָרשען, וויא אזוי דיזער משונה'דיגער מיטה איז ענט־שטאנען, האָט מען אויסגעפונען, אז דיזע אינדיאנער יאָגען זיך נאך א סאָרט פוקס, וואָס לאָזט ארויס א געשריי וועלכער קלינגט „קהאיה", און אז דער וואָרט צו בעצייכנען ליכט איז „יעק-קהאיה". דיא עהנליכקייט פון דיא קלאנגען האָט דאָ געפיהרט צו א זעהר זאָנדערבארען מיטה.

אבער ניט נאר ווערטער זיינען פערגעטערט געוואָרען אדער זיינען געזעבענט געוואָרן פאר א צויבער-קראפט, פאר אן אויסדריק פון גאָט'ס ווילען, א. ז. וו., זאָנדערן אויך צאָהלען. אלע פעלקער וואָס קענען נאר צעהלען מעהר וויא דריי און פיער, האָבען גע־ויסע

„הייליגע צאָהלען". אין דיא מיטהען ווערען דיזע צאָהלען גערעכענט פאַר צויבערליכע. דיא ערשטע און געוועהנליכסט הייליגע צאָהלען זיינען דריי און פיער.

ווען מען פאָרשט נאָך דיא רעליגיאָנען פון אלע פערצייטיגע און היינטיגע פעלקער, ווערט מען ניט ווילענדג ערשטוינט, דאָס דיא צאָהל דריי ווערט איבעראל ספּעציעל פערבונדען מיט א געוויסע געטליכע דריי־אייניגקייט. פעלקער, וואָס האָבען קיין מאָל זיך ניט צוזאַמענגעטראָפען, וויא דיא אינדיאַנער שטאַמען, דיא עגיפּטער, דיא סעלטען, גערמאַנער, סלאַווען א. ז. וו., האָבען אלע געהאַט א גלויבען אין דער דריי־פאַכער נאַטור פון גאָט. טויזענדער מיטהען פון פערשיעדענע פעלקער זיינען צוזאַמענגעקליבען געוואָרן פון געלעהרטע וועגען דיזע מערקווירדיגע רעליגיעז־פילאָזאָפישע בעטראַכטונג. וואס פאַר א נעמען דיא געטער פון דער דרייאייניגקייט זאָלען ניט טראָגען— זאָלען מיר זיי רופען בראהמא, ווישנו און סיווא, וויא דיא אינדיער; וואזשראפּאני, מאַנזשורסי און אוואלאָקיטעס־ווארא, וויא איינינע בודיסטישע סעקטען; אָראָמאזד, מיט־רא און אהרימאן, וויא דיא אלטע פּערסען; אָדין, טהאָר און פרעי, וויא דיא סקאַנדינאַוויען; טאילאק, פאן און מאָלאק, וויא דיא דרואידען (סעלטען); אפּאָמטי, טשורונטי און אינטיקוואאָקי, וויא דיא פּערואַנער; טאנגאלאָא, מאורי און טיקי, וויא דיא פּאָלינעזיער, א. ז. וו.—האָבען זיי אלע מעהר אדער וויניגער קלאָר אויסגעדריקט דעם זעלבען אינהאַלט, דעם זעלבען גלויבען.

עהנליכע אורזאַכען האָבען דאָ ווידער געפיהרט צו עהנליכע רעזולטאַטען. וואס פאַר אורזאַכען דאס זיינען, איז דייטליך פון דיא ערקלערונגען, וועלכע דיא גלויביגע אין דריי־אייניגקייט האָבען אליין געגעבען.

אום ניט צו פערקריכען צו ווייט אין דיזען זעהר וויכטיגען ענין, וועלען מיר דאָ ברייגגען אין קורצען דיא ערקלערונגען פון דיא בראַמינען און עגיפּטער, ווייל זיי דאַרפען גערעכענט ווערן פאַר דיא עלטעסטע אין דער וועלט. אַנדערע אזיאַטישע און אייראָפּעאישע פעלקער האָבען זייער גלויבען אין דער דריי־אייניגקייט געקענט איבערנעהמען ביי דיא עגיפּטער און אינדיער (אזוי איז עס ווירקליך געווען דער פאַל

מיט אייניגע פעלקער), אויב זיי זיינען אליין ניט דערגאנגען דערצו, וויא דיא פערואנער, מעקסיקאנער און פאלינעזיער.

אין זייערע הייליגע ביכער ערקלערען דיא בראמינען, אז דיא געטליכע טרימורטי (פון דיא סאנסקריטישע ווערטער טרי — דריי, מורטי—פארמע) איז אין דערזעלבער צייט איינס און דריי, בראמא, ווישנו און סיווא צוזאמען. בראמא שטעלט פאר דיא שאפענדע קראפט און איז דארום דער פאטער, ווישנו שטעלט פאר דיא בעשיצענדע קראפט און ווערט גערעכענט פאר דעם זוהן, און סיווא שטעלט פאר דיא פערניכטענדע און אויך צוריקשאפענדע קראפט און ווערט גערעכענט פאר דעם הייליגען גייסט. דערמיט האבען דיא בראמינען ערקלערט דיא גרעסטע געהיימניס פון דער נאטור, נעמליך: דיא געבורט, דיא עקזיסטענץ און דעם טויט. דאס זעלבע איז אויך מעהר אדער ווייניגער קלאר אויסגעדריקט אין אלע אנדערע געטליכע דריי־אייניגקייטען.

ווען מענשען האבען נאר אנגעפאנגען טיעפער צו בעטראכטען דיא נאטירליכע ערשיינונגען, האבען זיי געמוזט בעמערקען, אז עס איז דא עפעס א קראפט וואס שאפט, א קראפט וואס דערהאלט דיא עקזיסטענץ פון דער געשאפענער זאך און א קראפט וואס זוכט דיא געשאפענע זאך צו צושטערען און רופט ענדליך ארויס דעם טויט. מען האט זיך פארגעשטעלט, אז דיא „אייביגע עסענציע“, „דער אנפאנג פון אלע אנפאנגען“ איז אימער איינס, נאר עס צייגט זיך ארויס אויף דיזע דריי ארטען. דער אויסווערטיגער צייכען פון דיזער אייביגער געהיימניס איז ביי דיא בראמינען א ווארט פון דיא דריי בוכשטאבען A U M, וואס ווערט געוויינליך אויסגעשפראכען אם. דיזען געהיימניספאלען ווארט טאר מען ניט אויסשפרעכען ריכטיג גראדע וויא ביי אידען „יהוה“.

דער פאקט, אז סיווא ווערט אין דער זעלבער צייט גערעכענט פאר דעם צערשטערער און אויפלעבער קומט איינפאך דערפון, וואס דיא שטערבענדע לאזען איבער לעבעדיגע, וואס מיט דעם טויט ווערט דאך אלעס ניט געענדיגט, וואס דיא וועלט געהט דאך ניט אונטער. סיווא׳ס אויסווערטיגער צייכען איז אויך א טויב. זיין נאטור ווערט גע־

רעבענט פאַר דעם גייסט, וואס ענדערט דיא פאָרמען פון אַלע זאכען. דאָרום איז אַ טויב אויך געווען ביי פיעלע פעלקער דער צייכען פון הייליגען גייסט.

אין איינעם פון דיא הייליגע ביכער פון דיא בראַמינען ווערט דערציילט, אַז אַ געוויסער אַטענסין האָט זיך געווענדעט צו בראַמאַ, ווישנו און סיוואַ בזה הלשון: „אָ איהר דרייגעטער! ווייסט, אַז איך אַנערקען נאר איין גאָט. זאָגט מיר דאָרום, וועלכער פון אייך איז דער אמת'ער גאָט, אַז איך זאָל נאר איהם אַליין קענען פערעהרען". דאַן האָט ער געקראָגען אַזא אַנטוואָרט: „זיי וויסען, דו גלויביגער, אַז עס איז ניטאָ קיין ראַיעלער אונטערשיעד צווישען אונז, אַזוי שיינט עס דיר נאר. עס ערשיינט אין דריי פאָרמען, אבער עס איז איינס".

אין מצרים, וואו מען האָט אויך פערעהרט אַ דרייפאַכען גאָט און איהם פאָרגעשטעלט דורך דיא צייכענס פון אַ פליגעל, אַ קייקעל און אַ שלאַנג, האָט דער אָראַקעל פון דעם זונען-גאָט סעראַפיס אין דעם בעריהמטען טעמפעל פון מעמפיס אַזוי ערקלערט דיא געטליכע דרייאייניגקייט: „צוערשט גאָט, נאָכהער דאָס וואָרט און צוזאַמען מיט זיי דער הייליגער גייסט. אַלע זיינען זיי פון דער זעלבער נאַטור און מאַכען איין גאַנצעס מיט אַן אייביגע מאַכט".

ביי דיא אַלטע פערסען איז אָראָמאַזד גערעכענט געווען פאַר דעם פאָטער, מיטהראַ—פאַר „גאָט'ס זוהן", דעם „ערלייזער", „געזאַלבטען" און אַרימאַן—פאַר דעם צער'שטערער.

דער אַלגעמיינער סימבאָל אדער צייכען פון דער געטליכער דרייאייניגקייט איז געווען אַ פיגורע מיט דריי קעפּ. אַזעלכע פיגורען האָט מען געפונען אין פיעלע ערטער, אפילו ביי דיא ווילדע איינגעבאָרענע אין סיביר. זיי טראָגען דעם נאָמען „דרייפאַכער גאָט". איינע פון דיזע געצעקעס זעהט אויס וויא דיא פיגורע 93. מען האָט דיזע געצקע געפונען ביי אויסגראַבונגען אויף אַן אינזעל לעבען באָמבעי (אינדיען) וואו עס איז אַמאָל געשטאַנען אַ זעהר אַלטער טעמפעל.

פיגורע 93.—אַ טרימורטי אָדער דרייאייניגקייט־גאָט פון אינדיען.

אַנדערע הייליגע צייכענס פון דער דרייאייניגקייט זיי־נען געווען און פערבלייבען נאָך ביז יעצט: אַ דריי־עק, פלאַנצען מיט דריי בלעטלעך, אַ טריפאָד (דרייפוס), פי־גורען מיט דריי פיס, א.ז.וו. אין מצרים האָט מען פאָרגע־שטעלט דיא געטליכע דריי־אייניגקייט דורך אַ געצקע פון אָזירים מיט אַ דרייעק איבער'ן קאָפּ. דיא פּיראַמי־דען און אָבעליסקען צייגען אויך אָן אויף אַ פערעהרונג פון דיא צאָהל דריי. דיא כהנים פון מצרים האָבען גע־רופען דעם דרייעק־סימבאָל פון אָזירים „דיא איינס־אין־דריי געהיימנים". דיא בראַמינען פערהיי־ליגען אַ צווייגעלע מיט דריי בלעטלעך אַלס אַ סימבאָל פון זייער טרימורטי. דער דרייפוס איז געווען אַ הייליגער צייכען אין דיא גריכישע טעמפּלען.

ווענען דיא דרייאייניגקייט־געטער און דיא צייכענס און צערעמאָ־ניעס, וועלכע זיינען דערמיט פערבונדען ביי אלע פעלקער, איז דאָ זעהר פיעל צו ריידען. אבער מיר קענען זיך דאָ ניט אָפּגעבען מיט איינצעל־הייטען. דיא אויבענגעבראַכטע ערקלערונגען אוןביישפּיעלען צייגען אונז גאַנץ קלאָר, ווארום דיא צאָהל דריי איז איבעראַל פערהייליגט געוואָרן.

נאר אַז מיר האַלטען שוין דערביי, וועלען מיר אויך בעמערקען, דאָס דיא אידען האָבען ניט נאר געהאַט סימבאָלען פון דרייאייניגקייט, ווען זיי זיינען געווען געצענדיענער, זאָנדערן אין דער קבלה זיינען פערבליבען אָנווייזונגען דערויף. אין זוהר (פ' האזינו דף רפ"ח ע"ב)

שטעהט אויסדריקליך: „האי עתיקא בתלת רושין וכלילן רישא (דער אלטער איז מיט דריי קעפּ, וועלכע זיינען בלויז איין קאָפּ)". אין אנדערע ערטער פון זוהר קענען מען געפינען עטליכע שטעלען וועגען דיא דרייאייניגקייט־געהיימנים, וויא צום ביישפּיעל פאָלגענדע: קומט און זעהט דעם סוד פון דעם וואָרט אלהים: עס זיינען דא דריי גראַדען, יעדער גראַד איז איינער פאר זיך און דאָך זיינען זיי אלע איינס, פערבונדען צוזאמען אין איינס און קענען ניט אָפּ־געטהיילט ווערן איינער פון אנדערן.

ביז יעצט איז נאָך ביי אידען פערבליבען א סמן דערפון אין דעם געברויך פון הדסים ביי לולב־בענטשען, ווייל דיא הדסים וואקסען אין דריי בלעטלעך. דיא גאנצע צערעמאָניע מיט'ן לולב־בענשען איז א געצענדינערשע.

דיא פערהייליגונג פון דער צאָהל פיער שטאמט איינפאך פון דיא פיער עקען וועלט און יסודות. אין זיינע בעוועגונגען אויף דער ערד האט זיך דער מענש שטענדיג גערעכענט נאָך דעם געבוי פון זיין קערפּער: רעכטס, לינקס, פאָרענט און הינטען. בעטראַכטענדיג דיא שיינבארע בעוועגונגען פון דער זון, האָט ער זיי אויך צוטהייקט אין פיער זייטען. דיא ערד האָבען זיך מענשען שטענדיג פאָרגעשטעלט אלס א פלאַכע זאך מיט פיער אָפּטהיילונגען. דעם הימעל האָט מען שפּעטער אויך צוטהיילט אין פיער חלקים. מען האָט געגלויבט, אז ער האלט זיך אויף פיער זיילען. דיזע איינבילדונגען ווערן געשילדערט אין טויזענ־דער מיטהען און געפינען אן אויסדריק אין פערשיעדענע צערעמאָניעס. פיערעקען, צלמים און דיא צאָהל פיער אין אלגעמיינען זיינען דארום געווען סימבאָלען פון דער וועלט און פון דעם גאָט, וועלכער האָט דיא וועלט געשאפען.

נאָך דיא צאָהלען דריי און פיער איז זיעבען וואהרשיינליך אם מייסטענס פערהייליגט געוואָרן פון פיעלע קולטור־פעלקער. זיעבען איז גערעכענט געוואָרן פאר א געהיימניספאָלע צאָהל, בעזאָנדערס אין אסטראָלאָגיע (שטערנזעהעריי). אין מצרים און ביי אלע קולטור־פעלקער אין אזיען איז דיא צוויבערקראפט פון דער צאָהל זיעבען פערבונדען געווען מיט דיא זיעבען פלאַנעטען, פון וועלכע מען

האָט דאן נעוואוסט, נעמליך: דיא זון, דיא לבנה, סאטורן, יופיטער, מארס, ווענוס און מערקוריוס. יעדער טאָג פון דער וואָך האָט געקראָגען אַ נאמען נאָך אַ פלאַנעטע. דיא אלטע עגיפּטער האָבען הפנים דיא ערשטע דאָס געטאָן. דיא צאָהל זיעבען האָבען זיי געהאלטען פאר אַ געטליכע געהיימניס און הייליג־טהום. דיא עגיפּטישע כהנים פלעגען זינגען דיא זיבּעז וואָקאלען אלס אַ שיר צו זייער גאָט סעראַפּיס. דיא גערמאַנישע נעמען פון דיא וואָכענטעג צייגען נאָך דייטליך אָן אויף דיא פערעהרונג פון דיא זיעבען פּלאַנעטען. זאָנטאָג איז געווען הייליג צו דיא זון; מאָנטאַג צו דעם מאָנד, דיענסטאַג—צו טויסאַ (אויף ענגליש הייסט דינסטאָג Tuesday) אדער מארס, מיטוואָך—צו אָדין אדער וואָדען (אויף ענגליש הייסט מיטוואָך Wednesday) און צו מערקוריאוס, דאָנערש־טאָג (אויף ענגליש Thursday)—צו טהאָר און יופּיטער, פרייטאָג—צו פרייאַ און ווענוס, און זאמסטאָג (אויף ענגליש Saturday) צו סאטורן.

עס פערשטעהט זיך, אז דיא צאָהל זיעבען האָט נאָר געקענט אזוי פערהייליגט ווערן ביי פעלקער, וועלכע זיינען שוין געווען גענוג פאָרטגעשריטען צו אונטערשיידען פּלאַנעטען. ביי אַזעלכע פעלקער האָט דיא צאָהל זיעבען אָנגעפאַנגען צו שפּיעלען אַלץ אַ גרעסערע ראָלע אין דיא מיטהען און אין רעליגיעזע צערעמאָניעס. מיר וועלען דאָ נאָר בריינגען עטליכע פון דיא צאָהלרייכע ביישפּיעלען:

דער טהורם פון בבל האָט געהאַט זיעבען שטאָק, יעדער פון וועלכע איז געווען געבויט לכבוד אַ פּלאַנעטע. דיא בראַמינען האָבען זיעבען פּראָפעטישע רינגען. אין לאַקאָניאַ (א טהייל פון גריכענלאַנד) זיינען געווען זיעבען זיילען צו עהרע פון דיא זיעבען פּלאַנעטען. דיא אסיריער האָבען פאָרגעשטעלט דעם „לעבענס־בוים“ (עץ הדעת) מיט זיעבען צווייגען. דער אינדישער גאָט אגני ווערט פאָרגעשטעלט מיט זיעבען הענט, און דער פערד פון דעם גאָט סורא איז פאָרגעשטעלט געווען מיט זיעבען קעפּ. באַל־דעער האָבען גערעכענט זיעבע הויפּט־מלאכים אזוי וויא דיא אידען. דיא עגיפּטישע כהנים האָבט יעבען מאָל בעשפּריצט מיט

בלוט דיא מזבחות. דיא מנורה פון בית המקדש אין ירושלים האָט געהאַט זיבען צווייגען. דער הייל פון דעם פּערסישען „גאָט'ס זוהן" מיטהרא האָט געהאַט זיבען טירען. דיא שטאָט טהעבעס האָט געהאַט זיבען טויערן, און אויף יעדען פון זיי איז געווען דער נאָמען פון א פּלאַנעטע. דיא לירע פון דעם גאָט אפּאָלאָ האָט געהאַט זיבען סטרונעס. דיא אידען און אַנדערע פעלקער רעכענען זיבען הימלען.

אין דער ביבעל בעגעגענען מיר זעהר אָפט דיא צאָהל זיבען: יעקב האָט געדיענט זיבען יאהר; פּרעה האָט געהאַט א חלום מיט זיבען קיה; בלעם האָט געבויט זיבען מזבחות און אויף יעדען פון זיי מקריב געווען זיבען אָקסען און זיבען בעק; שמשון איז געבונדען געוואָרן מיט זיבען שטריק, זיין חתונה האָט געדויערט זיבען טעג; לעבען יריחו זיינען געגאַנגען זיבען כהנים, וועלבע האָבען געטראָגען זיבען שופרות; א. ז. וו.

דיא צאָהל צוועלף איז אויך פערהייליגט געווען אין דיא רעליגיאָנען פון דיא פערציייטיגע קולטור־פעלקער. דיא אורזאַכע איז ווידער געווען אן אסטראָלאָגישע. דיא צאָהל צוועלף איז נעמליך געווען א געהעמניספאָלער צייכען פון דיא 12 מאָנאַטען און בעזאָנדערס פון דיא מזלות. אייניגע פעלקער האָבען דארום געדעכענט צוועלף גרויסע געטער. דער עגיפּטישער זונען־גאָט אָזירים האָט געהאַט צוועלף בעגלייטערס. הערקולעס, דער גריכישער העלד, וועלכער האָט פאָרגעשטעלט דיא זון, האָט אויפגעטאָן צוועלף ארבייט. דער גאָט מארס האָט געהאַט צוועלף שילדען. דיא בני ישראל זיינען צוטהיילט געוואָרן אין צוועלף שבטים. דיא יאַפּאַנעזער גלויבען, אז גאָט זיצט אויף צוועלף הייליגע קישענס. א. ז. וו., א. ז. וו.

אייניגע אַנדערע צאָהלען זיינען נאָך פערהייליגט געוואָרן, וויא צום ביישפּיעל: פערציג; אבער אזוי וויא זייער פערהייליגונג איז ניט געווען אַלגעמיין, וועלען מיר דאָ וועגען זיי ניט ריידען.

ניינצעהנטער קאַפּיטעל.

פעטישען און סימבאָלען.

דער גרונד פון פעטישיזמוס. — נעגערן און זייערע פעטישען. — פעטי־שען אַלס פערמיטלער צווישען מענשען און גייסטער. — פעטישיזמוס, פּאָליטע־איזמוס און מאָנאָטעאיזמוס. — דיא גרענעצען פון איבערנאַטירליכעס.—בלינדער גלויבען. — מיסטיקער און ספּיריטואַליסטען. — דיא ווירקונג פון זאַכען און פון זייערע בילדער אויף געדאַנקען. — פערגעטערונג פון הימלישע קערפּערס. — פערגעטערונג פון בוימער. — מיטהען וועגען עץ־החיים. — שטאַנגען און קרייצען אַלס אַ סימבאָל פון עץ־החיים. — בוימער־טעמפּלען. — פערגעטערונג פון שטיינער. — שטיינער אַלס אַ סימבאָל פון עוויגקייט. — פערגעטערונג פון בערג. — פערגעטערונג פון פויגלעך. — אייער אַלס אַ סימבאָל פון לעבען. — פערגעטערונג פון שלאַנגען. — מיטהען וועגען דעם שלאַנג פון גן־עדן. — דיא פערגעטערונג פון פיש. — פיש אַלס אַ סימבאָל פון פרוכטבאַרקייט. — פיש לכבוד וועגוס יעדען פרייטאַג.—דיא פערגעטערונג פון דיא פיער יסודות.

וועון מענשען האָבען געקענט פערגעטערן קלאַנגען, ווערטער און צאָהלען, דארפען מיר זיך גאָר ניט וואונדערן, דאָס זיי האָבען זיך געבוקט צו פערשיעדענע געצקעס און פערגעטערט חיות, פלאַנ־צען און שטיינער. עס איז זיכער ניטאָ אַזאַ נאַטורזאַך אויף אונזער ערד, וואָס איז ניט פערהייליגט אדער פערגעטערט געוואָרן פון מענ־שען. איין פאָלק האָט מעהר פערגעטערט אַן אָקס, אַן אַנדערער א פויגעל, א דריטער אַ שלאַנג, א פערטער א פיש, א פינפטער א וואָרם, אַ זעקסטער אַ שטיין, א. ז. וו., אבער דער אינהאַלט פון

דיזער זאַכען־פערגעטערונג, וועלכע טראָגט דעם אַלגעמיינען נאַמען פ ע ט י ש י ז מ ו ס, איז איבעראַל דער זעלבער.

דער גרונד פון פעטישיזמוס איז דער זעלבער וואס פון יעדען רעליגיעזען גלויבען: עס איז דער אורשפּרונגליכער גלויבען אין נשמות און גייסטער א ו י ס ג ע ד ר י ק ט א י ן א ו י ס ו ו ע ר ט י ג ע ז א כ ע ן, אין פ אָ ר מ ע ן וואס מען קען ז ע ה ע ן. ווען מענשען האָבען נאר אָנגעפאַנגען נאַכצודיינקען וועגען די גייסטער־וועלט, האָבען זיי אויך געמוזט קומען צום שלום, אַז די גייסטער קענען זיך פערבינדען מיט אַנדערע זאַכען אויסער זייערע קערפּערס. מיר האָבען שוין גע־זעהען אין דעם קאַפּיטעל איבער דער ענטשטעהונג פון דעם גלויבען אין גייסטער, אַז ווילדע בעטראַכטען אַלעס ארום זיך אַזוי בעלעבט וויא זיי אַליין. זאַכען האָבען דאַרום, נאָך זייערע בעגריפע, גייסטער. נון, פאַר אַ גייסט איז דאָך ניט שווער צו וואַנדערן און זיך אריינ־צוכאַפּען וואו ער וויל נאָר. אין חלומות און אין אילוזיאָנען אָדער טרוימען אויף דער וואָהר זעהען דאָך מענשען וואונדערבאַרע זאַכען און פאַנטאַסטישע בילדער. גייסטער בעווייזען זיך דאָן אין פערשיע־דענע פאָרמען. דאָס אַליין האָט שוין בעדאַרפט פיהרען צו אַ גלוי־בען, אַז גייסטער קענען זיך אריינכאַפּען אין אַלערליי זאַכען און איבערוואַנדערן פון איין זאַך אין אַ'ן אַנדערע. ביסלעכווייז האָט עס אויך געפיהרט צו דעם בעוואוסטען גלויבען אין גלגולים, אין דער וואַנדערונג פון נשמות.

די בעדייטונג פון דעם וואָרט פ ע ט י ש ציינט אָן, אַז דער גלויבען אין גייסטער האָט ארויסגערופען אַ פערעהרונג פון זאַכען. דער וואָרט שטאַמט פון וועסט־אַפריקאַ. פּאָרטוגעזישע רייזענדע און הענדלער האָבען איהם צוערשט אָנגעפאַנגען צו געברויכען. נאַכהער האָט מען איהם אָנגענומען אין אַלע שפּראַכען. מיט דיזען וואָרט האָבען די נעגערן פון וועסט־אַפריקאַ בעצייכענט יעדע זאַך, וועלכע זיי האָבען פערעהרט פאַר איהר פערבינדונג מיט אַ גייסט. די אוירעָפּעער האָבען ניט פערשטאַנען, וואס די נעגערן מיינען, ווען זיי טראָגען זיך ארום מיט זייערע פעטישען, וויא פיעלע אַבערגלויביגע אוירעָפּעער מיט טאַליסמאַנען און קמיעות. זיי האָבען אָנגענומען

אז דיא נעגערן בוקען זיך איינפאך צו דיא זאכען זעלבסט, וואס זיי (דיא נעגערן) האבען גערופען פעטישען. דערפון איז ענטשטאנען דיא פאלשע מיינונג וועגען פעטישיזמוס אין אלגעמיינען און וועגען דעם גלויבען פון דיא נעגערן בעזאנדערס. דער אמת איז, אז דיא נעגערן פערגעטערן אייגענטליך ניט אין זייערע פעטישען דיא מאַטעריעלע זאכען, פון וועלכע דיא פעטישען ווערן געמאכט, זאנדערן דיא גייסטער, וועלכע געפינען זיך דארט נאך זייער גלויבען.

איין אייראפעאישער רייזענדער האט אמאל געזעהען, וויא א נעגער האט פארגעשלאגען שפייז צו א בוים. ווען דער רייזענדער האט איהם געזאגט, אז א בוים קען דאך ניט עסען, האט דער נעגער געענטפערט: „א, בוים ניט א פעטיש, גייסט א פעטיש, לעבט אין בוים, ניט צו זעהען". גרינדליכע נאכפארשער פון דיא גלויבענס פון דיא נעגערן אין וועסט-אפריקא האבען בעוויעזען, אז דיזע נעגערן האבען אויך אלגעמיינע שטאם-געטער און בעזיצען אויך געוויסע בעגריפע וועגען א גאט וואס האט געשאפען דיא וועלט. א פעטיש בעטראכטען זיי אייגענטליך וויא א קמיע. זיי גלויבען, אז ווען זיי וועלען פערעהרען דעם גייסט, וועלכער ליעגט פערבארגען אין דעם פעטיש, וועט עס זיי בריינגען גליק. ווען א פעטיש ערפילט ניט וואס מען ערווארטעט פון איהם,ווארפט מען איהם אוועק אהן שום צערעמאניעס. דיא נעגערן צוברעכען אדער פערברענען א פעטיש, וואס העלפט זיי ניט. גלייך נאכדעם שאפען זיי זיך אן אנדערן. דיזע פעטישען זיינען איינפאך דיא שפיעלצייג פון צופאל. וואס מעהר איינעם גליקט, שרייבט ער עס צו דער מאכט פון זיין פעטיש. אזעלכע „גליקבריינגענדע" פעטישען האבען א הויכען פרייז און מען פיהרט מיט זיי א גאנצען האנדעל.

אזוי בעגייען זיך מיט זייערע פעטישען אלע אנדערע פעלקער אויף דער זעלבער קולטור-שטופע. דיא פעטישען פון דיא פאפואנער אויף דעם אינזעל ניי-גווינעא זיינען הילצערנע ליאלקעס אנגעטאן אין קאלירטע שמאַטעס. דיא פאפואנער גלויבען, אז דיא גייסטער צייגען ארויס זייער ווילען און מאכט דורך דיזע ליאלקעס. ווען אז א פעטיש בריינגט אבער קיין גליק, ווערט ער אוועקגעווארפען אדער צובראכען וויא א נוצלאזע

זאך. דיא נעגערן, פאפואנער און אנדערע ווילדע פעלקער שלאָגען און שמייסען אָפט זייערע „פאַלשע“ פעטישען מיט גרויס צאָרן.

דאָס צייגט גאַנץ קלאָר, אז דער מאַטעריאַל זעלבסט פון דעם פעטיש האָט קיין שום ווערדע ניט וויא באַלד מען הערט אויף צו גלויבען, אז אין איהם שטעקט א גייסט. עס איז א גרויסע פראגע, אויב מענשען האָבען ווען עס איז פערגעטערט א זאך איינפאך אלס א זאך. איידער מענשען זיינען געקומען צו א בעגריף וועגען רוחניות איבערהויפט, האָבען זיי דאָך געוויס ניט געקענט פערגעטערן איר־גענד וועלכע זאך. פעטישען אדער איבערהויפט געצקעס האָבען מענשען ערשט געקענט מאַכען, ווען זיי האָבען שוין געגלויבט אין נשמות און גייסטער אדער אין אַלגעמיינען אין עפּעס אידערנאַטירליכעס. עס קען דאָך גאָר ניט געמאָלט זיין, אז אירגענד וועלכע נאַטירליכע זאך, מעג עס אפילו זיין דיא זון זעלבסט וואס איז איבעראַל אַם מייסטען פערגעטערט געוואָרן, זאָל ארויסרופען א גלויבען, אז אין איהר שטעקט עפּעס א גייסט. מיר האָבען שוין געזעהען, אז דער בעגריף וועגען רוחניות איז ענטשטאַנען דורך דיא גייסטיגע ארבייט אין דעם מענשען זעלבסט. דיזער בעגריף איז בּיסלעכוויז איבער־געטראָגען געוואָרען אויף אויסווערטיגע זאַכען דורך דיא ווירקונג פון אַלגעמיינע נאַטורקרעפטע. ערשט דאַן האָט מען גענומען גלויבען, אז גייסטער קענען זיך אויך געפינען אין זאַכען אויסערהאַלב מענשען, ערשט דאַן האָט געקענט ענטשטעהען דער פעטישיזמוס.

בעזאָנדערס איז דער פעטישיזמוס אָנגעהאַלטען געוואָרן דורך דעם גלויבען, אז דורך געוויסע צערעמאָניעס קען מען ווירקען אויף דיא גייסטער, אז זיי זאָלען טאָן אלעס וואס מענשען פערלאַנגען פון זיי. מיר ווייסען שוין, אז ווען מענשען וואָלטען ניט געגלויבט אין דער מעגליכקייט גוט צו מאַכען דיא גייסטער און געטער דורך געוויסע מיטעל, פון וועלכע יעדער קולט בעשטעהט, וואָלטען רעליגיאָנען איבערהויפּט גאָר ניט עקזיסטירט. דיא וויכטיגקייט פון אַלע פעטי־שען איז אייגענטליך ניט בעשטאַנען אזוי אין דעם, וואס מען האָט געגלויבט אז זיי ענטהאַלטען א גייסט, וויא אין דעם, אז מען האָט געגלויבט, דאָס דורך זיי קען מען קומען אין א נעהענטערע פער־

בינדונג מיט דיא גוטע גייסטער און אויספיהרען דאן אלע פערלאנגען. פעטישען זיינען אלזא געווען און ווערן גערעכענט פערמיטלער צווישען מענשען און גייסטער. דאס זעלבע איז מיט אלע געצקעס, היילִיגע חפצים, קמיעות, טאליסמאנען א. ז. וו. ניט דיא שטיקעל ביינדעל, שטיינדעל, פאפיר אדער אירגענד וועלכע אנדערע זאך, וואס ווערט געברויכט פאר א קמיע איז דער עיקר, זאנדערן דיא איינבילדונג, אז דיזע זאכען קענען ברייגגען מזל, דאס הייסט: ווירקען אויף דיא געטער זיי זאלען גוטעס טאן דעם מענשען. דיא יעניגע וואס בענוצען זיך מיט פעטישען אדער קמיעות פערשטעהען פיליכט ניט אזוי קלאר דיא ריכטיגע בעדייטונג פון דיזע זאכען; אבער זיי פיהלען עס זיכער. זיי גיבען זיך געוועהנליך ניט אפ א גענויע רעכנונג, ווארום זיי גלויבען אין דער ווירקונג פון קמיעות אויף זייער שיקזאל; אבער ווען מען זאל זיי נאכפרעגען וועגען דעם אדער ווען זיי זאלען אליין נאכדיינקען, וועלען זיי געוויס זאגען, אז דאס איז בלויז א מיטעל צו פועל'ן עפעס ביי גאט אדער ביי דיא מלאכים און הייליגע. זיי זיינען דאך ניט דומער וויא דער נעגער פון וועסט־אפריקא וועלכער האט געענטפערט דעם אייראפעאישען רייזענדען, אז ניט דער בוים איז דער פעטיש, זאנדערן דער גייסט וואס לעבט אין בוים.

ווען מיר פערשטעהען דיא ריכטיגע בעדייטונג פון א פעטיש אין דיא אויגען פון גלויביגע, וועלען מיר שוין אליין איינזעהען, אז צווישען פעטישיזמוס און געצענדינעריי איז אייגענטליך קיין אונטערשיעד ניטא אפילו אין דער פארמע. דאס הייסט מיט אנדערע ווערטער, אז פעטישיזמוס פערבלייבט ביי פעלקער, וואס גלויבען אין פיעלע געטער אדער אפילו אין איין גאט. געוועהנליך נעהמט מען אן, אז דיא רעליגיעזע ענטוויקלונג פון מענשען איז אנגעגאנגען אזוי: צוערשט האבען זיי פערגעטערט אלע זאכען—דאס איז געווען דיא צייט פון פעטישיזמוס; נאכהער האט מען סארטירט דיא פערגעטערטע זאכען און מען האט אויסגעקליבען א מעהר אדער וויינציגער גרויסע צאהל אל־געמיינע געטער—דאס איז געווען דיא צייט פון פיעלגעטעריי אדער פאליטעאיזמוס; צולעצט האט מען אנגעפאנגען צו גלויבען אין איין

גאָט—דאָס איז דיא צייט פון מאַנאָטעאַיזמוס, צו וועלכען נאר דיא העכסטע קולטור־פעלקער זיינען דערגאַנגען.

דאָס איז אבער ניט ריכטיג. מיר האָבען שוין געזעהען, אז ווילדע פעלקער, וועלכע ווערן גערעכענט פאר גראָבע פעטישיסטען, גלויבען ניט נאר אין גרויסע געטער, זאָנדערן אפילו אין אן אויבערגאָט, אין א „גרויסען גייסט" וויא דיא אינדיאַנער און אין א בורא פון דער וועלט. פון דער אנדער האנד ווייסען מיר, אז מיליאָנען מאָנאָטעאיסטען גלויבען אויך אין פערשיעדענע געצקעס, אין קמיעות, אין ביינער פון הייליגע, אין אָפּשפּרעכונגען, וואָהרזאָגעריי, כישוף, א. ז. וו. דיא מאהאָמעדאַנער זיינען שטרענגע מאָנאָטעאיסטען; זיי האָבען אפילו פערוואָרפען דיא דריי־איינינקייט, פון דעסטוועגען בוקען זיי זיך צו דעם הייליגען שטיין „קאאבא" אין מעקא. צו דיזען שטיין האָבען זיך דיא אראבען געבוקט, ווען זיי זיינען נאך געווען געצענדיענער. דער יעניגער, וואס גלויבט אז ווען ער וועט זיך אָנריהרען אָן א ביין פון א הייליגען, וועט ער אויסגעהיילט ווערן פון זיין קראַנקהייט, האַנדעלט גראַדע אזוי וויא דער ווילדער נעגער, וואס מיינט אז זיין פעטיש וועט איהם העלפען. דער יעניגער וואָס פּאקט איין א ביבעל איז זיין קאסטען, אז ער זאָל האָבען א גליקליכע רייזע, טהוט אויך דאָס זעלבע וואס דער נעגער מיט זיינע פעטישען, וועלכע זיינען אָפט איינפאַכע שמאַטעס. דיא פּאָליטעאיסטען און מאָנאָטעאיסטען, וואס שרייבען צו אַן איבערנאַטירליכע קראַפט צו זייערע געצקעס, הייליגע ווערטער און סימבאָלען, אונטערשיידען זיך אין גרונד גאַנץ ווייניג פון דיא פּאפּואַנער מיט זייערע ליאַלקעס־פעטישען.

ניין, דיא ענטוויקלונג פון רעליגיאָנען איז ניט אָנגעגאַנגען פון פעטישיזמוס צום פּאָליטעאיזמוס און נאַכהער פון פּאָליטעאיזמוס צום מאָנאָטעאיזמוס. מיר ווידערהאָלען, עס איז ניטאָ קיין גרינדליכער אונטערשיעד צווישען פעטישיזמוס און געצענדינעריי אין אַלע פאָרמען. רעליגיאָנען האָבען זיך אין אמת'ן ענטוויקעלט אזוי וויא עס איז ערקלערט אין דיא פאָריגע קאַפּיטלעך. אַלע רעליגיאָנען שטאַמען פון דעם גלויבען אין נשמות און גייסטער. דיזער גלויבען פערבלייבט יעצט אזוי פעסט וויא אין אַלע פריהערע צייטען. ענטוויקעלט האָבען

זיך נאָר אונזערע בעגריפע וועגען דיא נאַטור ארום אונז. דערפון איז אויך ענטשטאַנען אַן ענדערונג אין אונזערע בעגריפע וועגען נשמות, גייסטער און גאָטהייט אין אַלגעמיינען. מיר לאָזען שוין ניט שפייז אויף דיא קברים פון דיא טויטע, וויא אונזערע ווילדע פאָרפאַטערס האָבען עס געטאָן; אָבער מיר בעערדיגען דיא טויטע אזוי און ניט אַנדערס, ווייל מיר גלויבען, אַז דערמיט פערזיכערן מיר זיך געגען דעם צאָרן פון דיא נשמות, אַז דערמיט פערשאַפען מיר זיי רוהע. דער קולט פון אַזעלכע ענטוויקעלטע פעלקער, וויא דיא כינעזער, בעשטעהט נאָך יעצט אין דער פערעהרונג פון זייערע אבות. אין אַלגעמיינען האָבען נאָך אַלע מאָנאָטעאיסטען מורא פאר נשמות און גלויבען געהאָלפען צו ווערן דורך זכות אבות. אידען און אַנדערע מאָנאָטעאיסטישע פעלקער גייען נאָך ביז היינט צו טאָג אין געוויסע צייטען בעטען אויף דיא קברים פון זייערע עלטערן און פערוואַנדטע, וויא אויך פון בעוואוסטע צדיקים און היילינגע, אום דורך דעם געהאָלפען צו ווערן.

אויך גלויבען אַלע מאָנאָטעאיסטען אין מלאכים פון פערשיעדענע גראַדען, אין היילינגע, אין אַלערליי שדים און רוחות. דער גלויבען אין איין גאָט שטערט גאָר ניט צו פערעהרען מלאכים, אבות, צדיקים, אזוי וויא דער גלויבען אין פיעלע געטער האָט ניט געשטערט צו פערעהרען בעזאָנדערס איין הויפט-גאָט, וועלכער איז געוועהנליך געוועזען דער גאָט פון דער זון אָדער פון דעם גאַנצען הימעל.

שטענדיג, אין אַלע צייטען און ביי אַלע פעלקער, אפילו דיא ווילדעסטע, האָט מען נאָר פערעהרט און פערגעטערט דאָס אונערקלערבארע, דאס געהיימניספאָלע, דעם אָנפאַנג פון אַלע אָנפאַנגע, וואס מען האָט בעטראַכטעט אלס איבערנאַטירליכעס, אַלס דיא וועלט פון גייסטער און געטער. וואס מעהר מען האט קענען געלערענט דיא נאַטור, וואס מעהר מען האָט נאָכגעפאָרשט דיא נאַטירליכע ערשיינונגען; מיט איין וואָרט, וואס העכער עס האָט זיך געהויבען דער גייסט אין דעם מענשען זעלבסט, אַלץ קלענער איז געוואָרן דיא גייסטער-וועלט אויסערהאלב דעם מענשען. דיא גרענעצען פון דאס געהיימניספאָלע

און אונערקלערבארע זיינען אלץ דערוויטערט געווארן ביז'ן **זיעבעטען** הימעל. זא לאנג מען האט ניט געוואוסט דיא אורזאכען פון דונער, ליקוי חמה, ליקוי לבנה, ערדציטערניסען, א. ז. וו., האט מען פעסט געגלויבט, אז דיזע נאטירליכע ערשיינונגען ווערן ארויסגערופען דורך בעזונדערע געטער. דיא כינעזער האבען נאך יעצט א גרויסען יום טוב ביי יעדער ליקוי חמה. זיי פיהרען דורך דיא גרוי־אלטע צערעמאניע פון „רעטען דיא זון" דורך קלאפעריי אין פויקען און געשרייען. דיזע צערעמאניע איז ענטשטאנען דורך דעם זעהר פערשפרייטעטען גלויבען, אז א פאבעלהאפטע חיה מיט פליגלען, וואס טראגט אין דיא מיטהען דעם נאמען דראגאן, וויל פעריאגען אדער איינשלינגען דיא זון. דער דראגאן פאלט אויף איהר אן און פערשטעלט דאן איהר שיין. אום צו העלפען דיא זון אין איהר שווערען קאמפף מיט דעם דראגאן, גייען דיא כינעזער ארויס אין דיא גאסען ביי יעדער ליקוי חמה און מאכען א גוואלדיגען גערויש, אז דער דראגאן זאל זיך איבערשרעקען און אפ־טראגען. נאכהער, ווען דיא ליקוי חמה איז פאריבער, פרייהען זיך דיא כינעזער, דאס זיי האבען גערעטעט דיא זון.

דיא מיטהען פון אלע פעלקער זיינען פול מיט אזעלכע פאנטאס־טישע ערקלערונגען פון נאטירליכע ערשיינונגען. דער מענש האט קיין מאל ניט געזאגט איינפאך: „איך ווייס ניט", ווען ער האט געטראכט וועגען א נאטירליכע ערשיינונג, וואס איהרע ריכטיגע אורזאכען איז מען ערשט דערגאנגען נאך דיא ריין־וויסענשאפטליכע נאכפארשונגען פון גרויסע געלעהרטע. ער האט, פערקעהרט, געזוכט אליין זיך **איינריידען**, אז ער **ווייס** ווארום דאס איז אזוי און ניט אנדערס. וואס זיין אייגענע פאנטאזיע האט איהם אונטערגעזאגט אדער וואס אנדערע מיט נאך א גרעסערע פאנטאזיע האבען איהם דערצעהלט, האט ער אנגענומען פאר א כשרה מטבעה. דער מענש איז שוין אזוי געשאפען, אז ער פאדערט ערקלערונגען וועגען זאכען, וואס ווירקען אויף זיינע חושים און רופען אין איהם ארויס בעשטימטע איינדריקע. מענשען האבען זיך אימער געפרעגט „ווארום?" און האבען געזוכט צו געבען אנטווארטען, וואס זאלען זיי וויא עס איז **בערוהיגען**.

דיא לייכטגלויבינקייט פון מענשען איז אלץ גרעסער, וואס וויינינגער זייער פערשטאנד איז ענטוויקעלט, וואס וויינינגער זיי קענען זיך איבערלייגען און קריטיקירען. מיר וואונדערן זיך יעצט, וויא האָבען גאָר מענשען געקענט גלויבען אין אזעלכע דומע און לעכערליכע זאכען, וועלכע ווערן געשילדערט אין מיטהען; אבער מיר דארפען ניט פערגעסען, אז אין דיא צייטען, ווען דיזע מיטהען זיינען פערפאסט געוואָרן, האָט מען איבערהויפּט ניט געצווייפעלט אין קיין זאך, וואס האָט נאר געהאט אירגענד וועלכע איינגעבילדעטע פערבינדונג מיט דער גייסטער־וועלט. אלעס איז געווען מעגליך, אונמעגליכעס האָט גאָר ניט עקזיסטירט. דיא ערשטע ערקלערונג, וואס איז איינעם אריינגעפאלען אין קאָפּ, איז בעגלויבט געוואָרן און איבערגעגעבען געוואָרן פון דור צו דור ביז זיא איז געוואָרען א טהייל פון רעליגיעזען גלויבען.

צווייפעל, וועלכער איז דער פאָטער פון קריטיק און פון פרייען גייסט, האָט זיך ערשט גענומען אריינגנב'ענען אין דיא מוחות, ווען דיא קולטור האָט שוין דערגרייכט צו א הויכע שטופע. ווילדע מענשען צווייפלען ניט, זיי גלויבען. זייער גלויבען איז אָהן גרענעצען אזוי וויא זייער אונוויסענהייט. פאר אלץ האָבען זיי א לייכטע און איינפאכע ערקלערונג, אז דאָס איז דיא ארבייט פון גייסטער, און זייער פאנטאזיע בענוצען זיי נאר צו פערבינדען דורך באָבע מעשיות געוויסע נאטירליכע ערשיינונגען מיט געוויסע גייסטער און געטער.

מיר קומען דאָ אלזאָ וויעדער צו דעם אָנפאנג פון יעדער רעליגיאָן, דעם גלויבען אין נשמות און גייסטער אדער אובערהויפּט אין רוחניות. פעטישיזמוס איז געווען און בלייבט דער אויסדרוק פון דיזען גלויבען, וואס פאר א פאָרמען ער זאָל ניט טראָגען. וואָס פאר בעגריפע מענשען האָבען געהאט וועגען גייסטער, אזעלכע פעטישען האָבען זיי געהאט. דיא גראָבע געצקע פון סתם א גייסט ביי א נעגער איז אומגעוואנדעלט געוואָרן ביי דעם מעהר ענטוויקעלטען אזיאט אין א שענערע געצקע פון א בעשטימטען גייסט, וועלכער האָט שוין געקראָגען דיא בעדייטונג פון א גאָט. דיא פערעהרונג פון גייסטער איז יעדענפאלס פערבליבען.

וויא נאר מענשען האבען זיך געקענט ערקלערן א **נאטירליכע** ערשיינונג אויף א *נאטירליכען* וועג, האט מען גלייך פערוואָרפען דיא אריינמישונג פון גייסטער אדער פון ספעציעלע געטער. אזוי איז עס שוין אין אונזער נאטור: מיר גלויבען געוועהנליך ניט אין זאכען, וואס מיר קענען בענעהמען מיט אונזער פערשטאנד און וואס מיר בעטראכטען דארום פאר נאטירליכע, זאנדערן מיר גלויבען אין זאכען וואס מיר קענען ניט בענעהמען מיט אונזער פערשטאנד און וואס מיר ערקלערן זיי דארום פאר איבערנאטירליכע. גראדע ווײלע א זאך לייגט זיך ניט אויפ'ן שכל, זיינען מיר *גענייגט* צו גלויבען אין איהר. ווען איינער פערשטעהט דיא אורזאכען פון דונער און בליץ און וועט זעהען, וויא מען מאכט זיי אין א צימער דורך א'ן עלעק־טרישע מאשין, וועט ער שוין זיכער אויפהערען צו גלויבען אז, צום ביישפיעל, אליהו הנביא פאָהרט ארום איבערן הימעל אין זיין פייער־דיגען רייטוואָגען און דערפון ווערן עס דונערן און בליצען. *טערטוליאן*, איינער פון דיא ערשטע און בעריהמטעסטע קריסטליכע לעהרערס (ער איז געשטאָרבען 200 יאהר נאך קריסטוסעס געבורט), האָט גאנץ ריכטיג ערקלערט, *אז ער גלויבט נאר דארום, ווייל עס איז אונמעגליך און אונזיננינג*.

עס זיינען שטענדיג געווען און עס זיינען נאך יעצט דאָ פיעל מענשען, וואס זיינען געבאָרען געוואָרן מיט א נייגונג צו *מיסטיציזמוס*, דאָס הייסט צו פערבאָרגענעס און געהיימניספאָלעס. זייער גייסט גלייכט צו שוועבען אין דיא סודות פון דער נאטור. אין יעדער ערשיינונג זוכען זיי א סוד, א געהיימניס. זיי כאפען זיך אָן געוויינ־ליך אָן אזעלכע ערקלערונגען וואס זיינען מעהר פאנטאסטיש און אונגלויבליך. צוקלאפט זייערע איינבילדונגען דורך א גאנץ נאטירליכע אויפקלערונג, דורך וויסענשאפטליכע בעווייזע, ווילען זיי זיין זעהר אונ־צופריעדען און ווילען דאָך זוכען עפּעס געהיימניספאָלעס. אזעלכע מענשען זיינען עס מייסטענס געווען פערפאסערס פון מיטהען און רעליגיעזע לעהרערס. זיי האָבען עס מייסטענס געגרינדעט רעליגיעזע סעקטען. אין אונזערע צייטען זיינען זיי געוועהנליך *ספּיריטואליס־טען*, וואס רופען ארויס גייסטער פון יענער וועלט און זיינען איבערהויפּט

פערנומען מיט פערבאָרגענע זאכען. אונטער דיא ספּירימואַליסטען געפינען זיך זאָגאר בעוואוסטע שרייבערם און געלעהרטע, פּראָפּעסאָרען פון נאַטורוויסענשאפטען, אזעלכע, צום ביישפּיעל, וויא דער בעריהמ־טער פראַנצויזישער אַסטראָנאָם קאמיל פלאמאריאָן.

נון, ספּיריטואַליזמוס איז ניט מעהר זויא א נייע פאָרמע פון דעם אַלטען גלויבען אין גייסטער, פון פעטישיזמוס און כישוף־מאַכעריי.

קורץ, פעטישיזמוס, פּאָליטעאיזמוס און מאָנאָטעאיזמוס זיינען אין דער ווירקליכקייט זעהר ענג פערבונדען. דער אונטערשיעד איז נאר אין דער מדרגה, אָבער ניט אין דעם אינהאַלט. דיא גרעסערע גייסטער אדער געטער זיינען ענטשטאַנען דורך דיא גרעסערע גייסטיגע ענטוויקלונג פון קולטור־פעלקער.

לאָמיר יעצט בעטראַכטען, דורך וועלכע פעטישען דער גייסטער־קולט האָט זיך מייסטענס אויסגעדריקט. מיר האָבען שוין געזאָגט, אז עס איז ניטאָ אזא זאך, וואס איז ניט פערהייליגט און פערגעט־טערט געוואָרען. בעשרייבונגען פון רעליגיעזע צערעמאָניעס ביי אַלע פעלקער אויף דער ערד בעווייזען עס אונבעשטרייטבאר. נאר עס זיינען געווען זאכען, וואס אַלע פעלקער אָהן אויסנאַהמע האָבען געמאַכט פאר פעטישען. דיא אורזאכען דערפון ליעגען אין דער נאַטור פון מענ־שען. דיזע אורזאכען זיינען אויך פּסיכאָלאָגישע אזוי וויא דיא אורזאכען וואס האָבען ארויסגערופען דעם אַלגעמיינען גלויבען אין גייסטער.

ווען מיר פאָרשען נאך אונזערע איינדריקע און געדאנקען וועגען דיא אויסערע וועלט, געפינען מיר אז דיא מייסטע פון זיי ענטשטעהען דורך אונזער פעהיגקייט צו זעהען, דורך דעם חוש־הריאה. דיזער חוש רופט עס אין אונז ארויס בעגריפע וועגען פארבען, שיין, פאָרמען, מאָסען, רוים און בעוועגונג. דיזע בעגריפע רופען שוין ווייטער ארויס אין אונזער מארך העכערע געדאנקען, זאָ דאָס אונזער גייסט איז שטענדיג אָנגעטריבען און אויפגערעגט פון זיי. ניט נאר דיא זאך זעלבסט, זאָנדערן אפילו איהר שוואכסטער בילד ערוועקט אין אונז פערשיעדענע געדאנקען. עס איז דארום גאנץ נאַטירליך, דאָס מענשען זוכען אויך צו שאפען זיך געוויסע צייכענס און בילדער, אום דורך דעם ארויס־

צורופען געוויסע געדאנקען און אויך אויסדריקען געפיהלע און וואונשען. צו אבסטראקטע געדאנקען זיינען מענשען געקומען ביסלעכווייז, וויא דיא לינגוויסטיק און דער גייסטיגער צושטאנד פון ווילדע פעלקער צייגען עס אונז אונבעשטרייטבאר. אבסטראקטע ווערטער וויא שענהייט, קלוגהייט, גוטסקייט א. ז. וו. גיבט עס ניט אין דיא שפראכען פון פיעלע ווילדע פעלקער. וויא ארעם אין ווערטער דיא שפראכען פון ווילדע זיינען, ווייסען מיר שוין פון אונזער נאכפארשונג איבער דער ענטוויקלונג פון שפראכען.

נאר דאס וואס ווילדע קענען נאך ניט אויסדריקען מיט ווערטער, דריקען זיי אפט אויס מיט צייכענס און מיט בילדער, וויא גראב און משונה'דיג דיזע צייכענס און בילדער זאלען אונז ניט שיינען. אונז איז אויך פיעל לייכטער צו בעגרייפען אבסטראקטע זאכען דורך בילדער און סימבאלען. דיזע צייכענס האבען אויך שטענדיג געדיענט צו מאכען מענשען נאכדענקען וועגען דיא זאכען אדער אידעען, וועלכע זיי שטעלען פאר מעהר אדער וויינער. ער איז דארום זעלבסט פערשטענדליך, אז וויא נאר מענשען האבען געקראגען עפעס א בעגריף וועגען רוחניות, האבען זיי אויך געזוכט צו פערבינדען דיא גייסטער מיט ראיעלע זאכען און אויסצודריקען זייערע בעגריפע דורך געוויסע צייכענס. דאס האט נאטירליכערווייזע געפיהרט צו פעטישען און איבערהויפט צו אלע געצקעס און סימבאלען אין רעליגיאנען. מיר ווייסען שוין, אז ווילדע בעטראכטען אלע זאכען וויא בעלעבטע און גלויבען, אז אלעס האט א גייסט, א נשמה. דיזער גלויבען האט אויך נאטירליכערווייזע געמוזט פיהרען צו א פערבינדונג פון זייערע איינבילדונגען און געדאנקען וועגען גייסטער מיט דיא זאכען ארום זיי.

דיא זאכען וואס זיינען ביי אלע פעלקער בעזאנדערס פערבונדען געוועזען מיט דער גייסטער־וועלט זיינען נאטירליך געוועזען אזעלכע, וואס מאכען דעם גרעסטען איינדרוק אויף דעם חוש הריאה און רופען אויף ארויס טיעפע געדאנקען. עס פערשטעהט זיך, אז אזעלכע זאכען זיינען צוערשט דיא יעניגע, וואס מיר זעהען אין הימעל, ספעציעל דיא זון, דיא לבנה און שטערן. זיי פיהרען אונז ניט ווילענדיג צו מיסטיציזמוס, צו געדאנקען וועגען געהיימניספאלעס און פערבארגענעס. עס איז דארום ניט

געווען און עס איז ניטאָ אזא פאָלק, וואָס זאָל ניט פערגעטערן דיא זון און אין אַלגעמיינען דעם הימעל. דיא מייסטע מיטהען זיינען וועגען דיא זון און דיא שטערן. מיר האָבען שוין אָנגעצייגט, וואָס פאר א ראָלע דער אויפגיין און אונטערגיין פון דער זון האָט געהאט אויף דיא ענטשטעהונג פון דעם גלויבען אין גייסטער, און מיר וועלען דארום וועגען דעם יעצט מעהר ניט ריידען. דיא זון איז איבערהויפּט געווען דער צענטראַל־פּונקט פון יעדען געצענדינערשען גלויבען, און איהרע ווירקונגען אויף דער גאַנצער ערד זיינען אויסגעדריקט געוואָרען דורך מיטהען, מיט וועלכע אַלע ענטוויקעלטע רעליגיאָנען זיינען פול, וויא מיר וועלען עס זעהן אין דעם קאַפּיטעל איבער מיטהאָלאָגיע. דיזע מיטהען האָבען צוזאַמענגעפלאָכטען דיא העכסטע אבסטראַקטע גע־דאַנקען פון מענשען מיט הימלישע קערפּערס, דאָס הייסט מיט ראַיעלע זאַכען. איינס האָט דאָ געווירקט אויף דאָס אנדערע: דיא ערשיי־נונגען פון דיא הימלישע קערפּערס האבען געמאַכט דיינקען דעם מענשען וועגען דיא נאַטור איבערהויפּט, און דיא געדאַנקען, וועלכע זיי האָבען ארויסגערופען, האָבען זיך אָפּגערופען אויף מענשען דורך דעם גלויבען אין גייסטער. מען האָט זיי שליסליך צוגעשריבען דיא גרעסטע געטליכע מאַכט. דער לאַטיינישער וואָרט „דעאָ" (גאָט) שטאַמט פון א וואָרט וואָס בעדייטעט: הימעל.

נאָך דיא הימלישע קערפּערס זיינען מייסטענס פערגעטערט גע־וואָרען ביי אַלע פעלקער בוימער, און שטיינער.

בוימער זיינען פערבונדען מיט דיא ערשטע רעליגיעזע בעגריפע פון מענשען. דאָס איז גאַנץ איינפאַך. דיא ערשטע מענשען האָבען זיך ניט נאָר מייסטענס געשפּייזט מיט דיא פרוכטען פון בוימער, זאָנ־דערן האָבען איינפאַך געלעבט אויף בוימער. דאָס וואַקסען פון בוימער, זייער ענדערונג אונטער דעם איינפלוס פון דער זון—דאָס האָט געפיהרט צו פערגלייכען זיי מיט מענשען און חיות. אין דיא געדאַנקען פון ווילדע וועהרן בוימער געוועבענט פאר בעשיצענדע גייסטער, און דארום איז אויך פון דיא עלטעסטע צייטען איינגעפיהרט געווען זיי אָפּצוגעבען כבוד. פיעלע ווילדע פעלקער מיידען אויס צו שעדיגען א בוים, ווען זיי דארפען עס ניט זעהר נייטיג. איינינע פון זיי בינדען ארום א בוים אויף דעם

אָרט, וואו זיי האָקען איהם אַרונטער, אום ער זאָל וויינינגער שמערצען האָבען. אַנדערע האַקען גאָר ניט געוויסע סאָרטען בוימער, ווייל זיי בעטראַכטען דיזע בוימער פאַר דיא בעשיצער פון זייער שטאַם. דריטע בעפוצען געוויסע בוימער און הייננען ארויף אָפּפער אויף דיא צווייגען. מייסטענס זיינען אַלטע דעמבען־בוימער אזוי פערעהרט געוואָרן.

בוימער פערהאַלטען אויך פייכטקייט און שטעלען צו א שאָטען. דיא טהוי אויף דיא בוימער האָט ארויפגעבראַכט אויף דיא גדאַנקען א פערגלייך מיט רעגען. דער שאָטען פון דיא בוימער איז פערבונדען געוואָרן מיט דער דונקעלהייט פון א וואָלקענדיגען און רעגענדיגען טאָג. מען האָט דאַרום אָנגעהויבען צו גלויבען, אַז בוימער רופען אַרויס אָדער מאַכען רעגען און ערפרישען דערמיט דיא פעלדער און אַלע פלאַנצען. א בוים איז אויף אַזאַ אַרט ביסלעכוויז געוואָרן א צייכען אָדער א סימבאָל פון לעבען. דיא אינדיאַנער האָבען געגלויבט, אַז בוימער קענען אפילו מאַכען טראָגעדיג קינדערלאָזע פרויען. דיא מעקסיקאַנער פלעגען אויך רופען א בוים „טאָטאַ“, וואָס עס בעדייטעט „אונזער פאָטער“. זיי האָבען בעטראַכטעט א בוים אַלס א גאָט פון וואַסערן און פון גרינסען. פיעלע אינדיאַנער שטאַמען האָבען אויסגע־קליבען געוויסע סאָרטען בוימער אַלס טאָטעמען אָדער בעשיצענדע פעטישען און צייכענס. אין דיא לעגענדען פון אַלטע גריכען, פערסען און אַנדערע פעלקער איז דיא אָפּשטאַמונג פון פיעלע בעריהמטע פאַמיליען גערעכענט געוועזען פון בוימער. פיעלע אינדיאַנער שטאַמען און אַנדערע פעלקער אויף דער זעלבער קולטור־שטופע האָבען געהאַט מיטהען, אַז דער ערשטער מענש איז ארויס פון דער אונטער־וועלט דורך קלעטערן אויף א בוים, אַז א בוים שפּאַרט אונטער דעם הימעל, א. ז. וו. דיא יורוקאַרען פון באָליוויא (זיד־אַמעריקא) דערציילען, אַז ווען זייער גאָט טירי האָט געוועלט בעזעצען דיא ערד מיט מענשען, האָט ער צושפּאָלטען א בוים און פון דער עפענונג זיינען דאַן אַרויס פערשיעדענע שטאַמען.

דיא אויסטראַליער זאָגען, אַז דער גערויש פון בלעטער, ווען א ווינט בלאָזט, איז דיא שפּראַך פון דיא גייסטער פון טויטע, וועלכע ריידען צווישען זיך אדער וואָרענען דיא לעבעדיגע וועגען א געפאַהר.

זיי גלויבען אז דיא מכשפים קענען ארויסרופען רוחות און ווייסען וואס עס טהוט זיך אין דער גייסטער־וועלט, ווייל זיי פערשטעהען דיא געהיימניספאָלע שפּראַך פון בוימער. פיעלע שטאַמען אין אנדערע ערד־טהיילען גלויבען אויך אזוי.

אזעלכע בעגריפע וועגען בוימער האָבען שוין לייכט געקענט פיהרען צו געשיכטען וועגען א עץ־הדעת אדער עץ־החיים. און אזוי איז עס טאַקע. מיטהען וועגען אן „בוים פון ערקענטניס" געפינען מיר ביי אלע פערצייטיגע פעלקער גראַדע וויא ביי אידען. אפילו דער שלאַנג פעהלט ניט דערביי. עס איז העכסט וואהרשיינליך, אז דיא אידען האָבען איבערגענומען דיזען מיטה ביי דיא באַבילאָנער אדער באַלדעער. ביי ערד־אויסגראַבונגען האָט מען געפונען אין בבל אויסגעקריצטע צייכנונגען פון א „היילינגען בוים". אָפט איז דער בוים פאָרגעשטעלט אין א קרייץ־פאָרמע, אָפט שטעהט לעבען בוים א מלאך מיט פליגלען און האלט א פרוכט פון דעם פערהייליגטען צעדער־בוים. מען רעכענט, אז דיזע פרוכט איז געווען א סימבאָל פון פרוכטבאַרקייט. אין אייניגע טהיילען פון אינדיען, וואו עס זיינען נאָך אין דיא גרויז־אַלטע צייטען געוועזן טעמפּלען, האָט מען געפונען סקולפּטורען וועגען א געשיכטע וויא פון אדם און חוה. דיא פיגורע 94 שטעלט פאָר איינע פון אזעלכע סקולפּטורען, וועלכע ריידען פאַר זיך זעלבסט.

אין כינא, מאדאגאסקאר, מעקסיקאָ און אפילו ביי דיא אייגגעבאָרענע פון דיא טאַאיטי־אינזלען אויף דעם גרויסען אָקעאַן האָט מען געפונען עהנליכע געשיכטען, וויא מענשען זיינען בעשטראָפט געוואָרן, ווייל זיי האָבען פערזוכט פון דעם פערבאָטענעם עץ־הדעת.

ווען מען איז מעהר ענטוויקעלט געוואָרען און מען האָט אויפגעהערט צו פערגעטערן ראַיעלע בוימער, איז נאָך פון דעסטוועגען דער אַלטער גלויבען פערבליבען אין א סימבאָלישער פאָרמע. מען האָט גענומען געברויכען צייכענס פון בוימער און מען האָט זיי פערהייליגט אלס פאָרשטעלונגען פון דער לעבענסקראַפט, פון רעגענס, וואסערן א. ז. וו. דיזע סימבאָלען זיינען מייסטענס געוועזן שטאַנגען אדער קרייצען. וואס מעהר מען איז ערווייטערט געוואָרן פון דעם

אמאָלינגען גלויבען אין פעטישען און מען האָט פערלאָרען דיא אורשפּרונגליכע בעדייטונג פון בוימער־קולט, האָט מען צוגעשריבען אלץ א געהיימניספאָלערע בעדייטונג צו דיזע סימבאָלען. היילינגע שטאַנגען זיינען אָנפאַנגס געווען דער געברויכליכסטער סימבאָל פון דעם עץ־הדעת.

דיזע שטאַנגען פלעגט מען אריינזעצען אין מיטען פון דער־פער. וואַנדערנדע שטאַמען פלעגען מיטשלעפּען זייער היילינגען שטאַנג אין א קאַסטען אדער אין א׳ן איינוויקלונג און פלעגען איהם אויפשטעלען אין א בעזונדערן געצעלט. ביי פיעלע שטאַמען האָט מען דערצו געברויכט קרייצען. דיא היילינגע קרייצען וואס מען געפינט אויף דיא אלטע מאָנומענטען אין מעקסיקאָ און צענטראַל־אַמעריקא ציינגען קלאָר, אַז זיי זיינען סימבאָלען פון דעם עץ־החיים.

פיגורע 94.—אַ פאַרצייטיגער בילד פון דער מעשה מיט׳ן עץ־החיים און שלאַנג.

בוימער זיינען אויך געווען דיא ערשטע טעמפּלען. דער גריכישער וואָרט טעמפּעל בעדייטעט א היילינגע אלעע אָדער א פּלאַץ בעזעצט מיט בוימער פאַר דעם גאָטעסדיענסט. דער רוימישער היסטאָריקער טאַציטוס דערצעהלט, אַז דיא גערמאַנען האָבען ניט געבויעט טעמפּלען, נאָר פלעגען פראַווען זייער גאָטעסדיענסט אין געדיכטע וועלדער אונטער היילינגע בוימער. ביי אידען זיינען אויך געווען אַזעלכע בוימער־טעמפּלען. אין דער ביבעל ווערן זיי מייסטענס גערופען אשרה. דיזע אשרה איז געווען פערבונדען מיט דעם זעהר מיאוס׳ן און פערשפּרייטעטען פאַללוס־געצענדיענסט, וועגען וועלכען עס וועט שפּעטער זיין דיא רייד. ווען מיר וואָלטען ניט געהאַט דיא אָנווייזונגען פון דיא נביאים וועגען דיזע עבודה זרה, וואָלט דער פערבאָט

דערפון אין דברים (ט״ז, ב״א) אליין געווען א בעוויז אז דאס איז געווען פערבונדען מיט א געוויסע פערגעטערונג פון בוימער. דער פערבאָט לויטעט: לא תטע לך אשרה כל־עץ אצל מזבח יהוה אלהיך (דו זאָלסט ניט פלאנצען א וועלדעל פון אירגענד וועלכע בוימער לעבען מזבח פון דיין גאָט). דארום טאָר מען עס אויך יעצט ניט פלאנצען בוימער ארום סינאַגאָגען.

שטיינער און בערג זיינען וואהרשיינליך ניט וויינינער פערגעטערט געוואָרן וויא בוימער. אונז איז שווער צו פערשטיין, וויא אזוי מענשען האָבען גאָר ווען עס איז געקענט זיך בוקען צו אזעלכע אונגעלומפּערטע, אונבעוועגליכע זאכען, וויא שטיינער; אבער ווען מיר נעהמען אין אנבעטראכט דיא הארטקייט, שטענדיגקייט פון אלע מינעראלען און אויך דעם גלאנץ און דיא זאָנדערבארע פאָרמען פון פיעלע שטיינער, קענען מיר איינזעהען, ווארום מען האָט אויסגעקליבען שטיינער אלס סימבאָלען פון עוויגקייט און פון דער מוטער־ערד. דער הייליגער „קאאבא״ פון דיא מאהאמעדאנער איז ניט מעהר וויא א שטיק שווארצער שטיין, וואס האָט געדיענט אלס „גאָט׳ס הויז״ ביי דיא אראבען, ווען זיי זיינען נאָך געווען געצענדיענער. דער בית אל פון דיא ביבלישע אידען איז אייגענטליך געווען א שטיק שטיין, וואו גאָט האָט זיך געפונען נאָך א גאנץ אלטען גלויבען. דער הייליגער צייכען פון דער געטין דיאנא אין דעם טעמפּעל פון דער שטאָט עפעזוס איז אויך געווען א שטיק שטיין. ארנאָביוס, א קריסט־ליכער שרייבער פון דריטען יאָהרהונדערט, דערציילט, אז דיא „גרויסע מוטער״, א פאָרשטעלונג פון דער ערד, וועלכע איז געבראכט געוואָרן פון פריגיא (קליין־אזיען) נאָך רוים, איז נאָר געווען „א קליינער שווארצער שטיין״, וואס איז אפילו ניט געווען ארומגעשליפען.

דיא איינגעבאָרענע פון דיא טאאיטי־אינזלען האָבען געגלויבט, אז פּאַפּא (דאס הייסט א גרויסער שטיין אָדער בארג) איז דער נאָמען פון דער ווייב פון דעם ערשטען מענש. זייער חוה איז אלזאָ גע־רעכענט געווען פאר א שטיין און דארום האָט מען איהר פערגעטערט אין דער פאָרמע פון שטיינער. דיא זולוסען פערהייליגען שטיינער, ווייל זיי גלויבען, אז פון א צושפּאָלטענעם שטיין זיינען ארויס דיא

ערשטע מענשען אויף דער ערד. זייערע שכנים דיא **באסוטען** גלויבען דאָס זעלבע וועגען א קיילעבדיגען גראַניט־שטיין אין זייער לאַנד. זייער גאָטעסדיענסט צו דיזען שטיין בעשטייט צו טאַנצען ארום איהם און אין שפּייען אויף איהם. דיא אינדיאַנער פון קאָלאָמ־ביא האָבען געגלויבט, אז מענשען זיינען אמאָל געוועזן שטיינער און אז זיי וועלען אמאָל ווידער ווערן שטיינער. דיא אינדיאַנער פון גוואַטעמאַלא פלעגען אריינלייגען א קליינעם פּאָלירטען שטיין אין דעם מויל פון דיא שטערבענדע, אז דיא נשמה זאָל אין איהם אריינגיין און זאָל אויף דיזער וויזע האָבען א שטענדיגען רוהע־אָרט. נאָך ביז היינט צו טאָג גלויבען אייניגע שטאַמען אין אינדיען, אז גייסטער פון זייערע עלטערן געפינען זיך אין שטיינער. פיעלע פּאָלינעזיער שטאַמען גלויבען, אז שדים האַלטען זיך אויף אין שטיינער. אין אלגעמיינען זיינען שטיינער איבעראַל גערעכענט געווען פאַר גוטע פעטישען און קמיעות. „מזל־שטיינער" ווערן נאָך ביז היינט צו טאָג געברויכט אפילו אין ציוויליזירטע לענדער.

דער פּאַל פון מעטעאָרען אדער הימעל־שטיינער האָט אויך געפיהרט צו א פערהייליגונג פון שטיינער. פיעלע פעלקער האָבען געגלויבט, אז דער דונער־גאָט שליידערט זיי אראָפּ צוזאַמען מיט בליצען. קרעמען־שטיינער, וועלכע לאָזען ארויס פונקען ביי א קלאַפּ מיט פיריטען (א מינעראַל וואס בעשטעהט פון א בעהעפטונג פון אייזען און שוועבעל), זיינען גערעכענט געוואָרן פאַר אראָפּגעקומענע פון הימעל. דיא **נאהוא** פון מעקסיקאָ האָבען געהאַט א מיטה, אז א קרעמען־שטיין איז אראָפּגעפאַלען פון הימעל אויף דער ערד. ווען דיזער שטיין האָט זיך צובראָכען אויף שטיקער, איז פון יעדער שטיקעל געוואָרן א לעבעדיגע בעשעפענים.

נאָך אַן אורזאַכע פון דער פערהייליגונג פון שטיינער איז גע־ווען זייער געברויך אלס מצבות. אין דעם קאַפּיטעל איבער דער ענטוויקלונג פון בוי־קונסט האָבען מיר אָנגעוויזען אויף דיא פערשיע־דענע שטיינערנע מאָנומענטען וואס מען האָט געשטעלט לכבוד דיא טויטע. אין דעם קולט פון נשמות־פערעהרונג האָט מען געברויכט שטיינער צוליעב זייער פעסטקייט און לאַנגען דויערן. דיזע מצבות

האָבען עס ביסלעכווייז געפיהרט דערצו, אז מען האָט גענומען בע־טראכטען שטיינער אלס דעם אָרט, וואו דיא נשמות האלטען זיך אויף. פון אזא גלויבען ביז צו א פערגעטערונג פון שטיינער, בעזאָנ־דערס פון געוויסע מאָנומענטען, איז שוין נאטירליך געווען נאר איין שריט. אפילו געוועהנליכע הויפענס שטיינער, וועלכע זיינען געווען דיא ערשטע מאָנומענטען אויף קברים, זיינען שוין בעטראַכטעט געוואָרן אלס בעזעעלטע, אלס א מין טעמפעל פון גייסטער אדער געטער, און מען האָט זיך דארום איינפאך געבוקט צו זיי. ביי אייניגע פאָ־לינעזיער שטאמען קען מען נאך יעצט זעהען, וויא מען בוקט זיך צו שטיינער. ווען זייערער א פיהרער שטארבט, לעגט מען אוועק אויף זיין קבר א קאָראלענע פלאטע 3 פוס לאנג. נאכהער בעפוצט מען דיזען שטיין מיט בלומען און קראנצען, מען דערלאנגט איהם שפייז און מען בעט איהם אזוי וויא א גאָט. דיא אורזאכע דערפון איז וואס דיא פאָלינעזיער גלויבען, אז דיא נשמה פון דעם געשטאָרבע־נעם פיהרער האָט זיך איבערגעקליבען אין דעם שטיין.

מאנכע מינעראלען, בעזאָנדערס עדעלשטיינער, זיינען אויך פער־עהרט געוואָרן צוליעב זייער גלאנץ, פארבען, דורכזיכטיגקייט א. ז. וו. מען האָט געגלויבט, אז זיי האָבען א בעזאָנדערן איינפלוס אויף דיא געדאנקען און מזל פון מענשען. דיא מעקסיקאנער האָבען געגלויבט, אז א געוויסער סאָרט גרינע שטיינער האָט איין איינפלוס אויף דעם וועטער. דארום האָבען זיי געמאכט פון דיזע שטיינער דיא פיגורען פון זייער געטין פון רעגען.

שטיינער זיינען אויך געברויכט געווען אזוי וויא בוימער אין דעם מערקווירדיגען קולט, וועלכער איז בעשטאנען אין א פערעהרונג פון געשלעכטליכע אָרגאנען און וועלכער איז אזוי פערשפרייטעט געווען ביי קולטור פעלקער. נאר וועגען דיזען זאָ־גענאנטען פאללוס־קולט וועלען מיר מוזען ריידען אין דעם קאַפּיטעל איבער מיטהאָלאָגיע.

געוויסע בערג און איבערהויפט פעלזער זיינען אויך פערגע־טערט געוואָרן. יעדער שטאם האָט זיך געהאט זיין הייליגען פלאץ. בעזאָנדערס האָט מען פערגעטערט הויכע בערג. דיא פאָרמען פון

דיא בערג און דער אָפּקלאַנג האָבען געשפּיעלט אַ זעהר גרויסע ראָלע אין דעם אויסקלייבען פון הייליגע ערטער. אַלע פעלקער האָבען גע־גלויבט, אַז דיא געטער געפינען זיך אויף הויכע בערג וואָס דערגרייכען ביז צו דיא וואָלקענס. יעדעס פאָלק האָט זיך געהאַט זיין אָלימפּוס־באַרג מיט אַ גאַנצע מחנה געטער און אונטער־געטער אַזוי וויא דיא גריכען. וואָס שטאַרקער און איינפלוסרייכער אַ פאָלק איז געוואָרן, אַלץ מעהר זיינען פערעהרט געוואָרן זיין „הימלישער באַרג" און זיינע אַנדערע הייליגע פּלעצער. צו אַזעלכע פּלעצער פלעגט מען נאָך אין דיא עלטעסטע צייטען קומען בעטען פון וויטע לענדער. דאָס זיינען אַלץ געווען גרויסע פעטישען, נאַר מיט דער צייט זיינען זיי אַזוי פערבונדען געוואָרן מיט פערשיעדענע צערעמאָניעס, מיסטעריעס (סודות) און סימבאָלען, דאָס זייער אמת׳ען כאַראַקטער האָט מען שוין ניט גע־קענט בעמערקען פון ערשטען בליק.

ווען מענשען האָבען זיך געקענט בוקען צו בוימער און אַפילו צו שטיינער, דאַרפען מיר זיך שוין גאָר ניט וואונדערן, וואָס זיי האָבען פערעהרט און פערגעטערט אַלערליי חיות. שוין אָבגעזעהען דערפון וואָס ווילדע מענשען גלויבען, אַז חיות האָבען אויך נשמות, מוזען זיי צוגעבען, אַז געוויסע חיות שטעהען אין פיעלע הינזיכטען העכער פאַר זיי. אַ סך חיות זיינען שטאַרקער און פלינקער פאַר מענשען, אַנדערע האָבען געוויסע מעלות, וואָס דער מענש בעזיצט ניט. אַלע פעלקער האָבען דאַרום געגלויבט, אַז חיות זיינען נעהענטער צו דיא געטער וויא מענשען, און דאַרום האָט מען זיך געבוקט צו זיי. מייסטענס האָט מען פערעהרט פויגלעך. מען האָט געגלויבט, אַז זיי זיינען נאָהענט צו דיא געטער אין הימעל. פויגלעך זיינען דאַרום געוואָרן סימבאָלען פון געטליכע שענהייט און אַלוועזענהייט.

דיא דאַיאַקען פון באָרנעאָ גלויבען, אַז זיי שטאַמען פון דעם גאָט פון פויגלעך. פיעלע אינדיאַנער שטאַמען האָבען געברויכט פערשיעדענע פויגלעך אַלס זייערע טאָטעמען אַדער שטאַמען־צייכענס. דיא מיטהען פון דיא פאָלינעזיער דערציילען, אַז אין אַמאָליגע צייטען פלעגען זייערע געטער ריידען צו מענשען דורך דיא זינג־פויגלעך. איבעראַל האָט מען גערעכענט, אַז דער וואָס קען פערשטיין דיא

פויגעל־שפּראַך, קען אויך ריידען מיט דיא געטער און אויפטאָן וואונדער.

דער הויפּטגאָט פון געוויסע אויסטראַליער שטאַממען הייסט נאָראַלי. ער איז דער אונשטערבליכער בורא, וואס האָט זיך אַליין געשאַפען זיי שטעלען זיך איהם פאָר אין דער פאָרמע פון א פויגעל, געוועהנליך אַן אָדלער אדער א וואָראָנע. א סך אינ־דיאַנער שטאַממען אין נאָרד־אַמעריקאַ האָבען געגלויבט, אַז דיא וועלט איז בעשאַפען געוואָרן פון א וואָראָנע, וועלכע האָט אויך פאַרגעשטעלט דיא דונקע'ע דונער־וואָלקענס. דיא „דונער־פויגעל" שפּיעלט א גרויסע ראָלע אין פיעלע מיטהען.

פון דיא אַמאָליגע פערגעטערטע פויגלען זיינען נאָך ביז היינט צו טאָג פערבליבען עטליכע אין דיא רעליגיאָנען פון ציוויליזירטע פעלקער, בעזאָנדערס דיא טויב אַלס א שליח און סימבאָל פון פריעדען.

אייער זיינען דארום אויך פערעהרט געוואָרן אַלס סימאָלען פון לעבען און פרוכטבאַרקייט. אין דיא געהיימניספאָלע רעליגיעזע צערעמאָניעס פון אַלטע צייטען, וויא אויך אין דיא מיסטעריעס לכבוד באַקכוס אָדער דיאָניסיוס האָט מען געברויכט אייער אַלס סימבאָלען פון לעבענס־זריעה און אויפלעבען. דערפון איז עס פער־בליבען דער מנהג צו געברויכען דיא זאָ־גענאַנטע פסח־אייער.

דיא דראַווידען פון אינדיען גלויבען, אַז זייער געטין נאָסטו, וועלכע האָט געשאַפען דיא וועלט, איז אַליין ארויס פון א זעלבסט־געשאַפענע איי און האָט געלעבט אויף דיא בלומען־בלעטלעך פון א וואסער־ליליע אָדער לאָטוס, איידער זיא האָט געשאַפען דיא יבשה. פיעלע אנדערע פעלקער האָבען מעהר אָדער וועניגער עהנליכע מיטהען וועגען אייער.

דיא פערעהרונג פון פויגלעך האָט מיט דער צייט געפיהרט צו דעם אָבערגלויבען, אַז דורך דעם פליהען פון פויגלעך קען מען דערגיין דעם מזל פון מענשען. וויא בעוואוסט, איז וואָהרזאָגעריי נאָך דעם פליהען פון פויגלעך געברויכט געוועז ביי פיעלע קולטור־פעלקער.

פיעלע אנדערע חיות זיינען ניט וויינינער פערעהרט געוואָרן וויא פויגלעך. מיר קענען זיך אָבער ניט אָפּגעבען מיט איינצעלהייטען. דאָס וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן וועגען פויגלעך קען דיענען אלס א ביישפּיעל פון דער פערעהרונג פון לעבעדיגע בעשעפּעניסען. מיר ווילען נאָר זאָגען עטליכע ווערטער וועגען דיא פערעהרונג פון שלאַנגען און פיש, ווייל מיט דיזער פערעהרונג זיינען אויך פערבונדען ביבלישע לעגענדען. בעזאָנדערס מערקווירדיג איז דיא אלגעמיינע פערעהרונג פון שלאַנגען. מען קען זאָגען, אז אלע פעלקער האָבען זיך געבוקט צו שלאַנגען. אויסנאַהמען זיינען נאָר אזעלכע פעלקער, וואָס וואָהנען אין לענדער אָהן שלאַנגען. וואָרום דער שלאַנגען־קולט איז אזוי פערשפּרייטעט, איז שווער צו ערקלערן. פיעלע נאַכפאָרשער דיינקען, אז דאָס קומט דערפון וואס דיא ערשטע מענשען האָבען געוואָהנט אין טראָפּישע לענדער מיט פיעלע גיפטיגע שלאַנגען. דיא בעוועגונגען פון שלאַנגען און בעזאָנדערס דיא ענדערונגען פון זייער הויט האָבען ארויסגערופען א גלויבען, אז זיי בעזיצען דיא געטליכע פעהיגקייט צו בלייבען יונג און צו לעבען אייביג. יעדענפאַלס איז א שלאַנג געוועזען א סימבאָל פון עוויגקייט, בעזאָנדערס אין דער פאָרמע פון א רינג, מיט דעם עק אין מויל. דער פאַקט, אז שלאַנגען בייטען זייער הויט יעדען יאָהר, איז פערגליכען געוואָרן מיט דער זון, וועלכע שטאַרבט אָפּ און לעבט אויף יעדען יאָהר. מיר געפינען יעדענפאַלס דיא פערעהרונג פון שלאַנ־גען זעהר ענג פערבונדען מיט דער פערגעטערונג פון דער זון. א שלאַנג מיט אַן עק אין מויל איז געוועזען א סימבאָל פון דער זון און פון עוויגקייט ניט נאָר ביי דיא פיניקיער, פערסען, עגיפּטער, אינדוסען און אנדערע פעלקער פון דער אלטער וועלט, זאָנדערן אויך ביי דיא מעקסיקאַנער. מען האָט געפונען אין אלטע טעמפּלען פיגורען פון שלאַנגען מיט א שטראַהלען־קרייז ארום זייערע קעפּ אדער ארומ־געדרייהט ארום קרייצען, וועלכע זיינען אויך געוועזען סימבאָלען פון דער זון, וויא מיר וועלען עס זעהען. אזוי וויא שלאַנגען זיינען געוואָרן א סימבאָל פון עוויגקייט און פון דער זונען־קראַפט האָט מען זיי אויך צוגעשריבען א געטליכע ווייזהייט. זיי זיינען דאַרום מיט דער צייט אויך געוואָרן סימבאָלען פון קלוגהייט און פערפיהרונג.

דיא מעשה וועגען אדם און חוה, אין וועלכער א שלאַנג שפּיעלט דיא ראָלע פון א קלוגען פערפיהרער, איז ניט גראדע א אידישע. זיא איז אייגענטליך ניט מעהר וויא א ווידערהאָלונג פון אינדישע, כאַלדעאישע, פּערסישע מיטהען וועגען דיא שעפּפונג פון דער וועלט און וועגען א גן עדן. דיא מעקסיקאַנער האָבען אויך פאָרגעשטעלט דיא ערשטע פרוי אין דער בעגלייטונג פון א זכר־שלאַנג, וועלכער שיינט צו ריידען צו איהר. דיא איובענגעבראַכטע פיגורע נומ. 94 ערקלערט גאַנץ קלאָר דיא ראָלע פון דעם שלאַנג אויף דעם עץ־החיים. פיעלע פערגעטערונגען און סימבאָלען זיינען צוזאַמענגעמישט געוואָרן אין איין מיטה וועגען דיא ערשטע מענשען־פּאָר.

אז אידען האָבען אויך פערגעטערט שלאַנגען, צייגט דיא ביבלישע געשיכטע מיט דעם קופּערנעם שלאַנג. דיא אָפּיטען, א קריסטליכע סעקטע פון צווייטען יאהרהונדערט, האבען פערעהרט דעם נחוש אַלס א צייכען פון יעזוס קריסטוס און פון געטליכען וואָרט. זיי האָבען געגלויבט, אז דער שלאַנג פון ביבלישען גן־עדן איז געווען יעזוס קריסטוס.

פיש זיינען אויך געווען א סימבאָל פון לעבען און זיינען פערבונדען געווען מיט דעם זונען־קולט ניט נאר ביי דיא פעלקער פון דער אַלטער וועלט, זאָנדערן אויך ביי דיא מעקסיקאַנער. דיא פערעהרונג פון פיש איז ענטשטאַנען דורך דעם גלויבען, אז וואַסער איז דער אָנפאַנג און דער קוואַל פון לעבען. ווישנו, דער צווייטער גאָט פון דער בראַמינען־דרייאייניגקייט, וועלכער איז פערגעטערט אַלס דיא זון, ווערט אויך פאָרגעשטעלט אַלס א פיש. אין דיא מיטהען פון דיא בראַמינען ווערט דערציילט, אז ווישנו איז געוואָרן א פיש, אום צו רעטען דיא מענשען פון א מבול. עהנליכע מיטהען וועגען פיש געפינט מען ביי אַנדערע פעלקער. פיש זיינען פערהייליגט געווען ביי דיא באַביל‌אָניער, אַסיריער, פיניקיער און אויך ביי דיא ערשטע קריסטען. אין תלמוד ווערט משיח גערופען א פיש. דיא ערשטע סימבאָלען פון יעזוס קריסטוס זיינען געווען פיש.

אין דעם קולט צו דער געטין ווענוס זיינען אויך געברויכט געווען פיש. מען האָט זיי אָנגענומען פאַר א סימבאָל פון פרוכט־

בארקייט, ווייל זיי פערמעהרען זיך זעהר פיעל. וויא בעוואוסט האלטען דיא קאטאָליקען פאר א מצוה צו עסען פיש אם פרייטאג. דיזער מנהג שטאמט נאך פון דיא געצענדינערשע צייטען, דען פרייטאג איז געווען דער טאָג פון דער געטין ווענוס, וויא מיר ווייסען עס שוין פון דעם פאריגען קאפיטעל. צו עהרע פון דיזער געטין האָט מען פרייטאג געגעסען פיש אין אלטען רוים און אזוי איז עס פערבליבען אין דער רוימישער קירכע ביז היינטיגען טאָג. אויף דיא עלטעסטע מטבעות געפינט מען פיגורען פון פיש, ווייל מען האָט זיי גערעכענט פאר סימבאָלען פון פרוכטבארקייט און פון דער זון.

אזוי וויא מען האט געהאלטען פיש פאר א סימבאָל פון פרוכטבארקייט, האָט מען נאך אויך גענומען גלויבען אין זייער פעהיגקייט אויפצורעגען דיא תאוה צו געשלעכטליכען פערקעהר. ביז היינטיגען טאָג איז נאך פערבליבען דיזער אבערגלויבען. דער גרויסער גריכישער פילאָזאָף פיטהאגאר און זיינע נאכפאָלגער, וועלכע זיי־נען געווען שטרענגע אסקעטען (פרושים), האָבען דארום קיין פיש ניט געגעסען. דער געברויך פון פיש ביי אידען פרייטאג צו נאכט איז אויך פערבונדען מיט דיזען אבערגלויבען וועגען דיא תאוה־אויפרעגונג.

פיעלע פעלקער גלויבען נאך יעצט, אז דיא וועלט בעשטייט אויף פיער עלעמענטען אדער יסודות: פייער, וואסער, לופט און ערד. דיזער גלויבען אין אמאָל געווען אלגעמיין. דאָס איז געווען דיא פי־לאָזאָפיע פון דיא פארצייטיגע מענשען, ווען זיי האָבען געזוכט זיך צו ערקלערן מיט'ן שכל דיא נאטירליכע פאסירונגען. דאָס האָט אויך געפיהרט צו א פערגעטערונג פון דער צאָהל פיער. מען קען זאָגען, אז וויא נאר מענשען זיינען איבערגעשטיגען דיא נידעריגסטע ווילדע שטופע, האָבען זיי שוין געקראָגען עפּעס א בעגריף וועגען דיא פיער יסודות. מען געפינט יעדענפאלס אָנווייזונגען אויף דיא פער־עהרונג פון דיא פיער יסודות אפילו איז דיא מיטהען פון ווילדע פעלקער. וואס ווייטער דיא אלגעמיינע ענטוויקלונג איז אָנגעגאנגען, אלץ קלאָרער האָט מען פערשטאנען דיא וויכטיגקייט פון דיא פיער יסודות און אלץ מעהר האָט מען זיי דארום פערגעטערט.

צוערשט האָט מען פערגעטערט פייער. אין דעם קאפּיטעל איבער דער ענטשטעהונג און אָנהאַלטונג פון פייער איז שוין אָנגעוויזען געוואָרן, אַז אָהן דעם וואָלטען מענשען קיין מאָל ניט אַרויס פון דעם טהיערישען צושטאַנד, אין וועלכען זיי האָבען זיך פריהער געמוזט געפינען. דאָס איז געווען דער ערשטער שריט צו קולטור און ציוויליזאַציאָן. איבעראַל האָט מען דארום פערהייליגט דעם פייער און איהם בעטראַכטעט פאַר אַ בעשיצענדען גייסט. פייער איז אויך ענג פערבונדען געוואָרן דורך זיין נאַטור מיט דעם בעגריף פון רוחניות, מיט דער גייסטער־וועלט. אין די א ריג־וועדאַ, די א עלטעסטע הייליגע ביכער פון די א בראַמינען, ווערט די א קנאַקעריי פון טרוקענע צווייגעלעך אין אַ פלאַם־פייער בעטראַכטעם אַלס די א שפּראַך פון געטער גראַדע אַזוי ווי א די א איינגעבאָרענע פון אינזעל באָרנעאָ בעטראַכטען עס ביז היינט צו טאָג. דער מנהג דורכצופיהרען אַ קינד „דורך פייער“ (פייער־טויפע) איז פערשפּרייטעט געווען ביי פיעלע פעלקער אין אַזיען און אויך ביי די א מעקסיקאַנער.

ביי אַ גרויסע צאָהל פעלקער איז פייער גערעכענט געווען פאַר דעם הויפּט־גאָט. בעזאָנדערס האָבען זיך אין דיזער הינזיכט אויסגעצייכענט די א אַלטע פערסען. וועגען די א פייער־פערגעטערונג פון די א פערסען האָבען מיר שוין געהאַט די א געלעגענהייט צו ריידען. אין אַלגעמיינען איז פייער פערגעטערט געוואָרן אַלס דער פּרינציפּ פון לעבען, דען פייער שטעלט דאָך אויך צו וואַרעמקייט און שיין, אָהן וועלכע לעבען איז ניט מעגליך. מיר האָבען שוין בעמערקט, אַז די א ערשטע רעליגיאָנען זיינען געווען רעליגיאָנען פון לעבען און ניט פון טויט. דארום האָט מען מייסטענס פערגעטערט זאַכען, וואָס שאַפען אדער דערהאַלטען דעם לעבען ווי א די א זון, פייער און אויך די א פעהיגקייט פון פלאַנצען און חיות צו פערמעהרען זיך דורך געשלעכטליכען פערקעהר.

לופט אַליין איז אייגענטליך ניט פערעהרט געוואָרן. ווילדע מענשען ווייסען ניט פון לופט, זאָנדערן פון איהרע ווירקונגען, דאָס הייסט: פון ווינטען און שטורמען. די א ראָלע פון ווינטען אין דער ענטשטעהונג פון דעם גלויבען אין גייסטער איז שוין ערקלערט גע־

וואָרן. געוועהנליך האָט מען זיך פאָרגעשטעלט, אַז עס איז ערגעץ דאָ אַ הויז פון ווינטען, וועלכע בלאָזען פון פיער עקען וועלט. מאַנכע פון זיי ברייננגען רעגען און זיינען דאַרום גוטע גייסטער אדער געטער; אַנדערע ברייננגען פערוויסטונג און זיינען דאַרום בייזע גייסטער. אין דיא מיטהען פון אַלע פעלקער פון דער אַלטער וויא אויך פון דער נייער וועלט געפינט מען עהנליכע ערקלערונגען וועגען דיא פער־שפרייטונג פון ווינטען: נעמליך, אַז דער הויפט־גאָט פון ווינטען האָט זיי צוטהיילט צווישען זיינע פיער זיהן אין דיא פיער עקען וועלט.

וואַסער איז אימער פערבונדען געוועזען מיט דעם וואַקסען פון פלאַנצען. דיא ראָלע פון וואַסער אין דעם לעבען פון אַלע חיות און פלאַנצען האָט זיך געוואָרפען אין דיא אויגען אפילו פון דיא ווילדעסטע מענשען. אין דיא עלטעסטע מיטהען געפינען מיר דאַרום שילדערונגען, אַז דיא ערד מיט אַלעס אויף איהר האָט זיך אויפ־געהויבען פון אונטערן ים. מען האָט דאַרום פערגעטערט רעגען, טהוי, טייכען, א. ז. וו. אין רעליגיעזע צערעמאָניעס האט מען אויסגעדריקט דיזע פערגעטערונג פון וואַסער דורך פיעלע סימבאָלען. דער הויפט־סימבאָל איז געוועזען אַ וואַזע מיט וואַסער, דיא „געטליכע כלי“. אין פערו פלעגט מען בעערדיגען מענשען צוזאַמען מיט פולע קרוגען וואַסער. דאָס איז גערעכענט געוועזען פאַר אַ צייכען פון לעבען אויף יענער וועלט. אין אַלגעמיינען איז וואַסער גערעכענט געוועזען פאַר אַ סימבאָל פון לעבען, וויא פייער.

וואַסער איז געברויכט געוועזען נאָך אין דיא עלטעסטע צייטען צו „רייניגען זיך פון זינד“. טבילה אדער טויפונג דורך שפריצען מיט וואַסער אדער דורך איינטונקען אין וואַסער איז איינע פון דיא עלטעסטע הייליגע צערעמאָניעס. אין פערשיעדענע פאָרמען פערבלייבט נאָך טבילה ביז היינט צו טאָג אַלס אַ הייליגע צערע־מאָניע ביי אַלע ציוויליזירטע פעלקער. וואַסער פלעגט מען אויך גיסען אויף דער ערד אדער אויף דיא מזבחות אַלס אַן אָפּפער צו דיא געטער. אין דיא טעמפּלען האָט מען געהאַלטען „הייליגע וואַסער“ אַזוי וויא אַ „הייליגען פייער“. מען האָט געגלויבט אַז מיט אַזאַ וואַסער קען מען אָפּוואַשען אַלע זינד און קריעגען חן אין דיא אויגען

פון דיא געטער. פיעלע טייכען זיינען ספעציעל פערגעטערט געוואָרן דורך דעם גלויבען, אז זייערע וואסערן קענען אָפרייניגען פון אלע זינד. דיא בעריהמטעסטע פון דיא הייליגע טייכען זיינען גאַנגעס אין אינדיען און דער ירדן. מיליאָנען אינדוסען ציהען זיך צום גאַנגעס, אום זיך אָפצוטונקען דאָרטען און אראָפּצושווענקען פון זיך דיא זינד.

ביי דיא אַלטע גריכען און רוימער איז איינגעפיהרט געוועזן א זעהר הייליגע צערעמאָניע, וועלכע האָט געטראָגען דעם נאָמען lustrum. זיא איז געפּראַוועט געוואָרן אַלע פינף יאָהר מיט פייער, וואסער, לופט, ערד און א לאָרבער־צווייג. דיא גריכען פלעגען דערביי ברייני־גען א חזיר פאר א קרבן; דיא רוימער פלעגען מקריב זיין א חזיר, א שעפּס און א׳ן אָקס. דערמיט האָט מען אָפּגערייניגט אדער ער־לייזט דיא זינד פון גאַ־צען קהל.

דער אידישער „געהען צו תשליך" איז איינע פון דיא פערבלי־בענע אַלטע צערעמאָניעס צו רייניגען זינד דורך וואסער. געהען אין מקוה און זיך טובל׳ען איז א׳ן אנדער צערעמאָניע פון דעם זעלבען סאָרט.

דיא ערד איז געוועהנליך פערגעטערט געוואָרן אַלס דיא „מוטער", וואס עס איז זעלבסט פערשטענדליך. אין דיא מיטהען ווערט גע־שילדערט, וויא פון איהר שויס זיינען ארויס אַלע זאכען און וויא אַלע לעבעדיגע בעשעפּעניסען מוזען זיך אהין צוריק קעהרען. דאָרט איז דארום דער אָרט פון אַלע נשמות און גייסטער. הונדערטע מיטהען דערצעהלען, וויא דער ערשטער מענש האָט זיך ארויפגע־באַפּט פון אונטער דער ערד, אום צו האָבען ליכט; אבער דערפאַר האָט ער פערלאָרען דיא פריידען און גליקזעליגקייט פון דער אונטע־שטער וועלט. דיזער אַלגעמיינער מיטה וועגען דיא ערשטע מענשען ענדיגט זיך אויף מייסטענס מיט דער זעלבער נבואה, אז עס וועט קומען א צייט, ווען דיא ערד וועט זיך איבערקעהרען מיט׳ן דעק ארויף, זאָ דאָס דיא מענשען וועלען דאַן האָבען דיא פריידען פוןביידע וועלטען. דער גן־עדן וועט דאַן זיין אויף דער ערד זעלבסט.

דיא מערקווירדיגע עהנליכקייט פון דיזע מיטהען און פון דיא פערגעטערונגען, אויף וועלכע עס איז אין קורצען אָנגעצייגט געווען, און פון פערשיעדענע אַנדערע, אויף וועלכע עס ווערט אָנגעצייגט אין ספּעציעלע ביכער איבער רעליגיעזע צערעמאָניעס—דאָס אַלעס בעווייזט אונבעשטרייטבאַר, אַז זיי שטאַמען, וויא מיר האָבען עס שוין געזאָגט, פון איין קוועלע, נעמליך פון דעם מ ע נ ש ע ן'ס ג י י ס ט. אויף דער זעלבער קולטור־־שטופע האָבען מענשען אימער געדענקט אויף דער זעלבער אַרט און האָבען געהאַט דיא זעלבע גלויבענס און פיה־רונגען, וואו זיי האָבען זיך ניט געפונען און וויא וויט זיי זיינען ניט געוועזן אָפּגעטהיילט איינע פון דיא אַנדערע דורך אָקעאַנען.

דאָס זעלבע וועלען מיר אויך זעהען, ווען מיר וועלען בעטראַכ־טען אין נעכסטען קאַפּיטעל דיא ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון כישוף־מאַבעריי און פון א פּריעסטער־קלאַס.

צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

מכשפים און כהנים.

פערעהרונג פון פרויען אין מאַטריאַרכאַלישע צייטען. — פּאַטריאַרכען־פריעסטער. — ענטשטעהונג פון אַ פריעסטער־קלאַס אין פיה־פיטערנדען צו־שטאַנד. — אָנפאַנג פון כישוף־מאַכעריי.—בעגייסטערטער צושטאַנד און מכשפים ביי ווילדע.— שאַמאַנען און זייער קולט. — בעגייסטערונגס־מיטעל צום כישוף. — היסטערישע קראַנקהייטען און טייוועלשע אָנשיקענעס. — וואָהרזאָגעריי. — לאָרבער אַלס סימבאָל פון בעגייסטערונג.— דיא מאַכט פון כהנים. — פערפאָל־גונגען פון כישוף־מאַכערס. — אויסראָטונג פון מכשפות און דיא אורזאַכען דערפון. — כהנים און קאַסטען אין קולטור־לענדער.

עס איז שווער צו זאָגען, ווען עס איז ענטשטאַנען אַ ספּעציעלער קלאַס פון מכשפים אָדער אין אַלגעמיינען פון פערמיטלער צווישען מענשען און דיא גייסטער־וועלט. עס פערשטעהט זיך, אַז גאָר אין אָנפאַנג ווען מענשען האָבען געקראָגען אַ בעגריף וועגען גייסטער און גענומען פערעהרען דורך געוויסע צערעמאָניעס דיא נשמות פון זייערע עלטערן, האָט יעדערער געוועהנליך אַליין געפּראַוועט דיזע צערעמאָניעס, וועל־כע זיינען געוועזען זעהר איינפאַכע און זיינען מייסטענס בעשטאַנען אין איבערלאָזען אַ טהייל שפּייז פאַר דיא טויטע.

גרינדליכע נאַכפאָרשונגען פון דיא עלטעסטע מיטהען און לעגענ־דען צייגען, אַז מען האָט מייסטענס פערעהרט געטינען און העלדינען. דאָס שטימט פאָלקאָמען מיט דעם פאַקט, אַז דיא ערשטע פאַמיליען־

אָרגאַניזאַציאָנען זיינען געווען מאַטריאַרכאַלישע, וויא מיר ווייסען עס שוין פון דיא קאַפּיטלעך איבער פאַמיליען. יעדע עלטערע פרוי האָט געוועהנליך געפּראַוועט רעליגיעזע צערעמאָניעס לעבען דעם פייערפּלאַץ וואו זיא האָט געהערשט אלס ווירטהין. דער קולט איז געווען איינע פון איהרע פפליכטען. מען האָט דאַן נאַטירליך מייסטענס פערעהרט דיא נשמות פון דיא פרויען־מוטערס, בעזאָנדערס אַזעלכע וואָס האָבען זיך מיט עפּעס אויסגעצייכענט ביי זייער לעבען און האָבען געלאָזען אַן אנדיינקען אָן זיך. דיא פערעהרונג פון אַזעלכע פרויען האָט ביסלעכוויז געמוזט פיהרען צו אַ פערעהרונג פון געטינען, וויא עס איז אויך דער פאַל געווען.

דיא מענער האָבען דאַן געפּראַוועט רעליגיעזע צערעמאָניעס נאר ביי זייערע געמיינשאַפטליכע סעודות. דייע צערעמאָניעס זיינען וויעדער צוערשט בעשטאַנען אין איבערלאָזען שפּייז פאר דיא נשמות און גייסטער. מען האָט געגעסען און אין זינען געהאַט דיא טויטע. אַזעלכע סעודות זיינען געמאַכט געוואָרן נאך אַ גליקליכען געיעג אָדער נאך דעם טויט פון אַן אָנפיהרער. דיא ווילדע יעגערס, וועלכע האָבען גאָר ניט געזאָרגט וועגען דעם מאָרגעדיגען טאָג, וויא מיר ווייסען עס שוין, האָבען זיך אויך גאַנץ וועניג דיא קעפּ געבראָכען וועגען אַן עפּטערע פערעהרונג פון נשמות און גייסטער. אין יענע צייטען איז דארום קיין שטענדיגער קולט ניט געווען. פאָלגליך אין אויך ניט געווען אַ קלאַס מענשען, וואס זאָל זיך מעהר אָדער וויינינגער בעשעפטיגען בלויז מיט רעליגיעזע צערעמאָניעס אדער אין אַלגעמיינען מיט דעם קולט. דאָס הייסט אַלזאָ, אַז אין דעם מאַטריאַרכאַלישען צושטאַנד האָט נאך גאָר ניט געקענט עקזיסטירען אַ פּריעסטער קלאַס, אָבוואָהל אייניגע פרויען און מענער האָבען שוין געקענט זיך אויסצייכענען מיט אַן אָנהייב פון כישוף־מאַכעריי.

ווען אבער עס האָט זיך אָנגעפאַנגען צו ענטוויקלען דער פּאַטריאַרכאַט צוזאַמען מיט פיהפיטערונג, האָט דער פאָטער פערנומען דעם פּלאַץ פון דער מוטער אויך ביי רעליגיעזע צערעמאָניעס. דיא פּאַטריאַרכען זיינען אַזוי געוואָרן פּריעסטער אין זייערע פאַמיליען און נייע געטער האָבען אַרויסגעשטויסען דיא אַלטע געטינען. אין דיזער

צייט האָט זיך שוין ביסלעכווייז ענטוויקעלט דער נשמות־קולט און מען האָט אויך געהאַט מעהר צערעמאָניעס. צו דיא אַלטע צערע־מאָניעס זיינען אַלץ צוגעקומען נייע, זאַ דאָס דער קולט איז אַלץ גרעסער און קאָמפּליצירטער געוואָרן. דיא פּיהפּיטערערס האָבען אויך מעהר צייט געהאַט נאָכצודיינקען װעגען דיא נאַטור און איהרע קרעפטע. זאָרגענדיג מעהר װעגען זייער חיונה און צוקונפט אויף דער וועלט, האָבען זיי אויך נאַטירליך אַלץ מעהר געמוזט זוכען מיטעל וויא צו לעבען בשלום מיט דיא גייסטער, וויא צו האָבען דיא גוטע גייסטער אויף זייער זייט און בייצוקומען דיא בייזע גייסטער. מען האָט שוין דארום אַלץ עפּטער געבראַכט אָפּפער צו דיא געטער און זיי אָפּגעגעבען כבוד אויף פערשיעדענע ארטען. ביסלעכווייז איז דער קולט געוואָרן דורך דעם אַזוי קאָמפּליצירט, אַז ניט יעדערער האָט שוין געקענט אַלעס ריכטיג וויסען און אויספיהרען. מען האָט שוין אַלזאָ געמוזט אָנקומען צו דיא עלטערע און פעהיגערע, וועלכע זיינען אויך געוועהנליך געווען דיא אָנפיהרערס. דאָס האָט שוין זעלבסט־פערשטענדליך ארויסגערופען מיט דער צייט א קלאַס מענשען, וועל־כע האָבען זיך אָנגעפאַנגען ספּעציעל צו בעשעפטיגען מיט׳ן קולט און זיינען געוואָרן דיא פּריעסטער, דיא כהנים.

מען קען אַלזאָ זאָגען, אַז דער פּיהפּיטערנדער צושטאַנד, וועלכער האָט געפיהרט צו אַזעלכע טיעפע און גרויסע ענדערונגען אין דער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציאָן, וויא עס איז ערקלערט געווען אין צווייטען באַנד פון דיזער קולטור־געשיכטע, האָט אויך ארויסגערופען א ריזיגע ענדערונג אין דעם קולט און אין דער רעליגיאָן איבערהויפּט דורך דעם אויפקומען פון א **פּריעסטער־קלאַס**.

דיא ערשטע פּריעסטער זיינען געוועזן מכשפים. דיא רעליגיאָנען פון ווילדע פעלקער בעווייזען עס אונבעשטרייטבאַר. אָבער כישוף־מאַכעריי איז ענטשטאַנען צוגלייך מיט דעם גלויבען אין גייסטער. מיר וויסען, אַז ווילדע מענשען שרייבען צו אַלעס גוטעס און בייזעס צו גייסטער. עס איז דארום גאַנץ נאַטירליך, אַז זיי זאָלען אויך זוכען מיטעל אום דיא גוטע גייסטער זאָלען זיי העלפען און דיא בייזע גייסטער זאָלען צו זיי קיין שליטה ניט האָבען. יעדער קולט צייגט, אַז מען האָט

געזוכט און געפונען א גאנצע מאסע מיטעל, וועלכע זיינען אלע בע־גרינדעט געווען אויף דעם גלויבען אין גייסטער. דיא ערשטע בישוף־מיטעל האט מען וואהרשיינליך אנגעווענדעט אלס סגולות געגען קראנק־הייטען. מיר האבען שוין אנגעוויזען, אז ווילדע בעטראכטען יעדע קראנקהייט אלס אן אנשיקעניש פון א בייזען גייסט אדער אלס א שטראף פאר ניט אפהיטען דעם קולט נאך דיא אנגענומענע צערע־מאניעס. מיר ווייסען אויך, אז ביז היינט צו טאג גלויבען פיעלע אפילו אין דיא ציוויליזירטעסטע לענדער, דאס קראנקהייטען קומען דורך עבירות און דורך דעם טייוועל. דיא אבערגלויבענס וועגען א „שלעכטע אויג", וועגען אפשפרעכונגען, וועגען קמעיות און אלערליי וואונדער־מיטעל— בעווייזען עס אונבעשטרייטבאר.

מען האט דארום געגלויבט און מען גלויבט נאך יעצט, אז אויס־היילען פון א קראנקהייט הייסט ארויסיאגען דעם בייזען גייסט, דעם רוח, וועלכער האט זיך אריינגעכאפט אין דעם קראנקען'ס קערפער. נאר וויא אזוי קען מען עס אויספיהרען? דיא לאגיקע פון דיא ווילדע מענשען איז דא געווען א גאנץ איינפאכע און נאטירליכע. אזוי וויא מענשען זעלבסט האבען דאך קיין מאכט ניט איבער גייסטער, מוז מען זוכען דיא הילפע פון אזא גייסט אדער פון אזעלכע גייסטער, וועלכע זאלען קענען ביי קומען דעם בייזען גייסט וואס האט אנגעמאכט דיא קראנקהייט.

מען האט צוערשט גענומען געברויכען אפשרעקונגס־מיטעל. מען האט נאטירליך גערעכענט אז דאס וואס קען ארויפיאגען א שרעק אויף מענשען, קען אויך האבען א ווירקונג אויף דיא גייסטער. דערפון שטאמען עס דיא געשרייען, קללות, אויגען־קלאפענעס, משוגענע הויות, קלאפעריי אין פויקען, ווילדע שפרינגענעס און טעניץ, א. ז. וו., וועלכע ווערן נאך יעצט געברויכט פון מכשפים. אין דער זעלבער צייט האט מען אויך גערופען צו הילפע דיא נשמות פון דיא געשטארבענע עלטערן און אורעלטערן, וואס עס האט ווידער געפיהרט צו א גאנצע רייהע צערעמאניעס און קונצען, וועלכע זיינען אויסגעפיהרט געווארן צוזאמען מיט געבעט און מיט בריינגען פערשיעדענע קרבנות. צוגלייך האט מען פרובירט פערשיעדענע אנדערע זאכען, בעזאנדערס קרייטעכער,

טאָמער וועט עס העלפען, און דאָס איז געוועזן דער אָנפאַנג פון מעדיצין. עס איז זיכער ניטאָ אַזאַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס איז ניט אויספּרובירט געוואָרן צו קוריקען פון קראַנקהייטען.

ווען איינער איז געזונד געוואָרן נאָך דעם געברויך פון אַ געוויסען כישוף־מיטעל, האָט מען דיזען מיטעל נאַטירליך ווייטער אָנגעווענדעט. ווען איינער איז דאָך געשטאָרבען, האָט מען ניט פערוואָרפען דיא כישוף־מיטעל, נאָר מען האָט געזוכט תירוצים, וואָרום דיזע מיטעל האָבען גראַדע ניט געהאָלפען אין דיזען פאַל. דער גלויבען אין גייסטער האָט אָנגעהאַלטען ביז אונזער צייט אַלע סגולות און קונצען פון מכשפים. אונגלויבליכעס און אונמעגליכעס—דאָס האָט גאָר ניט עקזיסטירט פאַר ווילדע מענשען, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דיא אַריינמישונג פון גייסטער. דיא הויפּטזאַך איז נאָר בעשטאַנען אין דעם, וויא אַזוי צו דערגיין און צו געברויכען דיא „ריכטיגע מיטעל“ צו קענען פעריאָגען דיא בייזע רוחות דורך דיא ווירקונג פון דיא גוטע.

ווער האָט עס אבער געקענט אַם בעסטען וויסען? עס פערשטעהט זיך, אַז נאָר אַזעלכע מענשען, וועלכע האבען געליטען פון נערוועןקראַנקהייטען אדער האָבען געקענט אַרויסרופען אין זיך קאָנוואולסיעס, שפּאַזמען, וואָס ווילדע בעטראַכטען פאַר אַ „בעגייסטערטען צושטאַנד“. אַזעלכע מענשען האָבען זיך אַליין מעהר אָפּגעגעבען מיט דעם קולט און מיט אָפּשוועררונגען. וואָס מעהר זיי האָבען געקענט אַרויפיאָגען אַ שרעק אויף דיא אַרומיגע, אַלץ מעהר האָט מען זיי געגלויבט, אַלץ מעהר האָט מען פאַר זיי מורא געהאַט.

מיט דער צייט איז כישוף־מאַכעריי געוואָרן אַ גאַנצע לעהרע. מען האָט פריהער געמוזט לערנען און אויספּרובירען אַלע אָנגענומענע מיטעל און קונצען; אבער אין אָנפאַנג האָבען זיך דערמיט בעשעפטיגט נערוועזע איז קרענקליכע פרויען און מענער. אַזוי איז עס דער פאַל ביי פיעלע ווילדע פעלקער. דיא יעגערס און ערשטע פיהפיטערערס האָבען געמוזט פיעל זוכען, אום צו פערזאָרגען זיך מיט שפּייז. זיי האָבען קיין צייט געהאַט זיך אָפּצוגעבען מיט דעם גייסטער־קולט און האָבען עס איבערגעלאָזען צו דיא שוואַכע מיטגליעדער, וועלכע האָבען דערפאַר געקראָגען שפּייז און געשאַנקען. דאָס זיינען געוועזן

דיא ערשטע פריעסטער־מכשפים. זיי האָבען עס בעדארפט אָפּהיטען אלע צערעמאָניעס לכבוד דיא נשמות און גייסטער, אום דערפאַר צו קענען אויסבעטען ביי זיי הילפע און הצלחה. משוגעים, עפּילעפּ־טיקער, האלבע אידיאָטען און אלערליי נערוועז־קראַנקע ווערן בעטראַכטעט פון ווילדע פאַר מענשען, וואס אין זיי האָבען זיך אריינגעכאַפּט אנדערע גייסטער און וואָס קענען דארום וויסען דיא פערלאַנגען פון דיא גייסטער. א גרויסער טהייל פון צודולטע מענשען זיינען געוועזן און פערבלייבען מכשפים. נאר ביסלעכווייז איז עס געוואָרן אזא פּאָרטהיילהאַפטע און וויכטיגע פּראָפעסיאָן, דאָס פיעלע קלוגע און פעהיגע האָבען זיך בענוצט דערמיט, אום צו בעהערשען אנדערע.

מיר קענען זיך דאָ ניט אריינלאָזען איז איינצעלהייטען · וועגען דיזען ענין. פאַר אונז איז גענוג צו וויסען, וויא כישוף־מאַכעריי און א בעזאָנדערער קלאַס פון מכשפים זיינען ענטשטאַנען. דאָס איבע־ריגע איז זעלבסטפערשטענדליך נאך דעם, וואס עס איז ערקלערט געוואָרן אין דיא פאָריגע קאַפּיטלעך. כישוף־מאַכעריי איז שליסליך געוועזן און פערבלייבט אַן אָנוועגדונג פון דעם גייסטער־קולט צו מעהר אדער וועניגער פּראַקטישע צוועקען, ספּעציעל צו פעריאָגען דיא רוחות, וואס מאַכען אָן קראַנקהייטען נאך דעם גלויבען פון אלע פעלקער אויף דער ערד. אפילו אין דיא ציוויליזירטעסטע לענדער פון אונזער צייט פערבלייבט נאך דיזער גלויבען, וויא מיר האָבען עס שוין עטליכע מאָל אָנגעצייגט. נאַטירליך, מען ווענדעט זיך יעצט צו דאָקטוירים, ווען מען איז קראַנק; אבער וויא גרויס איז דיא צאָהל פון אזעלכע, וואָס זאָגען זיך אין גאַנצען אָפּ פון אלע אבערגלויבישע סגולות, פון טאָטערס, באַבסקע רפואות, וואונדער־היילערס, א. ז. וו.? דער גלויבען אין איבערנאַטירליכע רפואות איז נאך טיעף איינגעוואָרצעלט אין דיא אונוויסענדע מאַסען.

דיא מכשפים פון אלע ווילדע פעלקער, וואס פאַר פערשיעדענע נעמען זיי זאָלען ניט טראָגען, האַנדלען אלע נאך איין מוסטער. אין אלגעמיינען זיינען אפילו זייערע מיטעל דיא זעלבע. דיא מכשפים, וואָס דיא נעגערן פון וועסט־אפריקא רופען גאַנגאַ, זיינען צוגלייך דאָקטוירים און פריעסטער. אויף דער פיגורע נומער 95 זיינען פאָר־

פיגורע 95. — גאַנגאַ (מכשפים און פּריעסטער) פון וועסט־אַפריקאַ.

געשטעלט צווי פון דיזע גאנגא מיט אלע צייכענס פון זייער פראָפעסיאָן. דיא אינדיאנער רופען זייערע מכשפים מיט א וואָרט, וואס בעדייטעט היילער אדער דאָקטאָר. דיזער נאמען צייגט, אז מען בענוצט זיי ספעציעל ארויסצוטרייבען דיא בייזע גייסטער וואס מאכען אָן קראנקהייטען. דיא בעריהמטעסטע פון דיא מכשפים־פריעסטער זיינען דיא זאָ־גענאנטע שאמאנען ביי דיא האלב־ווילדע פעלקער אין נאָרד פון אזיען און אייראָפּא. דיא רעליגיאָן פון דיזע געצענדינערשע פעלקער טראָגט אויך דארום דעם נאמען שאמאניזמוס.

דיזע שאמאנען קענען דיענען אלס מוסטער פאר אלע מכשפים און מיר וועלען דארום זאָגען א פּאָר ווערטער וועגען זיי.

דיא שאמאנען בעטראכטען זיך זעלבסט פאר „בעגייסטערטע“. זיי גלויבען אז זיי זיינען פראָפעטען און היילערס, ווייל זיי זיינען אין דירעקטע פערבינדונגען מיט דיא גייסטער. זיי גלויבען, אז זיי קענען פערטרייבען בייזע גייסטער, וואס מאכען אָן אלערליי אונגליקען דיא מענשען. זייערע אנהענגער גלויבען נאך מעהר אין זייער מאכט איבער דער גייסטער־וועלט דורך אלערליי אָפּשרעקונגען, אפּשווערונגען און קונצען. דיא שאמאנען בענוצען זיך מיט פערשיעדענע פעטישען, וועלכע זיי טראָגען מיט זיך, ווען זיי גייען קורירען קראנקע. דיזע פעטישען זיינען שטיינדלעך,ביינדלעך, שמאטעס און אויך געצקעס, וועלכע זעהען מייסטענס אויס וויא געוועהנליכע ליאלקעס. דיזע פעטישען נעהמט דער שאמאן גלייך ארויס פון זיין זעקעל, וועלכער איז א מין אפּטייק, ווען ער דארף ארויסיאָגען דעם רוח פון א קראנקען. אבער דאָס וויכטיגסטע דערביי איז, אז ער אליין זאָל „בעגייסטערט“ ווערן. אנדערס איז זיין גאנצע אפּטייק גאָר נישט ווערט.

דורך לאנגע פּראקטיקע האָבען דיא שאמאנען זעהר פיעל מיטעל צו דיזען צוועק. דיא געברויכליכסטע זיינען בעזויפענדע געטראנקען, דאָס רויכערן פון טאבאק און אנדערע בערוישענדע גראָזען, דאָס קייען פון געוויסע גראָזען, משוגענע טענץ און געשרייען, קלאַפּעריי אין פּויקען. דער שאמאן פּויקט און טאנצט אזוי לאנג, ביז ער פערלירט זיין פערשטאנד און פאלט אנידער אָהן כוחות. דיא

בעסטע מיטעל בעגייסטערט צו ווערן זיינען געוועהנליך אזעלכע, וואס קענען היפנאָטיזירען מענשען. דיא מכשפים פון אלע פעלקער האבען ביסלעכווייז זעלבסטשטענדיג אויסגעפונען דיזע מיטעל. דער שאמאן פאנגט געוועהנליך אן מיט א ווילדען טאנץ, אויב ער טרינקט פריי־הער א בערוישענדען געטראנק אדער ניט. ער הויבט זיך אן משנה'דיג צו קרימען און צו שאָקלען, קלאפענדיג אין זיין הייליגען פייקעל. וואס ווייטער ווערט זיין טאנץ אלץ ווילדער. ער שפרינגט און טאנצט אזוי לאנג ביז ער פאלט אניעדער וויא א קלאָץ. דאן איז ער פערטיג צו קומען אין א נעהענטערע פערבינדונג מיט דיא גייסטער, דאן איז ער בעגייסטערט. אפט ווארפט ער זיך וויא א'ן עפילעפ־טיקער און שרייט אויס ווערטער, וועלכע ער געדיינקט גאר ניט, ווען ער קומט צו זיך. דיא צושעהערס וועלכע גלויבען, אז א געטליכער גייסט איז אריין אין זיין קערפער און רעט דורך זיין מויל, סטארען זיך צו געדיינקען דיזע ווערטער, וועלכע זיי גיבען נאכהער איבער דעם שאמאן, ווען ער קומט וויעדער אין זיין געוועהנליכען צושטאנד. נאך דיזע ווערטער בעשטימט דער שאמאן דיא אנטוואָרט פון דיא גייסטער.

נאר עס טרעפט אויך, אז דער שאמאן פאלט אין אונמאכט און ליעגט וויא א טויטער. דאס ווערט אנגענומען פאר א בעווייז, אז דעם שאמאן'ס גייסט האט זיך ארויסגעכאפט און איז אוועקגע־פלויגען ערגעץ אין א ווילדערנעס אדער אין דער אונטער־וועלט, אום צו קריעגען דיא געוואונשטע ערקלערונג פון דיא גייסטער. דער קערפער פון דעם שאמאן ווערט אין אזא פאל מערקווירדיג אונעמפפינדליך צו ווייטאגען. מען ברענט זיין קערפער, מען שטעכט איהם מיט מעסערס א. ז. וו., אום צו צייגען, אז זיין גייסט האט ווירקליך ארויסגעוואנדערט.

ווען דער שאמאן דערגייט אזוי אדער דורך אנדערע כישוף־מיטעל, וואס פאר א קראנקהייט דער בייזער גייסט האט אנגעמאכט, געברויכט ער אויך נאטירליכע הייל־מיטעל, וועלכע מען האט אויס־געפונען נאך פערשיעדענע פראבעס. דיזע רפואות זיינען מייסטענס קרייטעכער, שמירונגען, בלוט־לאָזען, באנקעס, א. ז. וו. נאר דערביי דארף דער שאמאן אויך דורכמאכען דיא צערעמאָניע פון פעריאגען

דעם רוח. דער שאמאן הייבט אָן צו דריקען א געוויסען גליעד פון דעם קראנקען און איהם צו שמאָקצען, אום איינצושלינגען דעם רוח. נאכהער גייט ער צו צום טיר און שפייט אוים דעם איינגעשלונגענעם רוח און פעריאָגט איהם מיט קללות אין א ווילדערנעם אדער אהין, פון וואנען ער איז געקומען. אמאָל געברויכט ער נאר קללות און אָפּשפּרעכונגען צו פעריאָגען דעם בייזען גייסט.

דיא לאפּלאנדער און פיעלע פעלקער פון נאָרד־אזיען גלויבען נאָך, אז דיא קראנקע נשמה מוז אין גאנצען פערלאָזען דעם קערפּער. זייערע שאמאנען ברייגען דארום פון דער גייסטער־וועלט א נייע נשמה, וועלכע זיי הויבען אריין אין דעם קראנקען. דארום איז ביי זיי איינגעפיהרט צו געבען א נייען נאמען נאָך א קראנקהייט, ווען מען ווערט געזונט. וויא מיר ווייסען עס פון דעם קאפּיטעל איבער דיא פערגעטליכונג פון ווערטער און צאהלען, איז דיזער מנהג צו געבען א נייעם נאמען נאָך א קראנקהייט געווען איינגעפיהרט ביי אלע פעלקער. דיא זעלבע גלויבענס האָבען געפיהרט צו דיא זעלבע סגולות.

ביי פיעלע פעלקער איז נאָך איינגעפיהרט געוואָרן, אז דער מכשף דארף צייגען דעם גייסט, וואָס ער האָט ארויסגעיאָגט פון דעם קראנקען. נאטירליך, זיי פערשטעהען, אז א גייסט קען מען ניט זעהען; נאר זיי גלויבען, אז ער קען זיך אריינבאפּען אין א פעטיש. דיא מכשפים צייגען דארום א געוויסען פעטיש, ווען זיי שמאָקצען אוים דעם בייזען גייסט פון דעם קראנקען. דערצו האַלט דער מכשף אין זיין זעקעל א גאנצען פעקעל מיט פעטישען, נאר ער מאכט עס אזוי קונציג, דאָס מען זאָל ניט זעהען וויא ער נעהמט ארויס דעם פעטיש פון זיין זעקעל. ער נעהמט געוויינליך ארויס פון זיין מויל א שטיינדעל, א פליעג, א. ז. וו. און צייגט עס דעם עולם, וועלכער גלויבט, אז דער בייזער גייסט איז דאָרט פערהאלטען אדער איינגעשפּארט געוואָרן פון דעם מכשף.

פיעלע רייזענדע בעשרייבען מערקווירדיגע פעלע פון משוגענע בעגייסטערונגען אונטער ווילדע פעלקער. ווילדע האָבען אזעלכע נערוועזע אטאקעס, וואס זיי שרייבען צו נאטירליך צו בייזע רוחות. זאָגאר שטארקע מענשען קריעגען מיט אמאָל קאָנוואולסיעס און ווארפען

זיך וויא עפּילעפּטיקער. זיי טאַנצען דאָ ווילד, שרייען מיט אַלע כוחות, לאָזען אַרוים שוים פון מויל און מאַטערן זיך אוים אַזוי לאַנג ביז זיי פאַלען אַניעדער אין אונמאַכט. אין דיזען צושטאַנד זיינען זיי געפעהרליך, דען זיי וואַרפען זיך אויף יעדען און שלאָגען און מאָרדען וועמען זיי טרעפען נאַר. מען מיידעט זיי דאַרום אוים און מען ציטערט צוצו־קומען צו זיי. איינינע מיסיאָנערן האָבען בעריכטעט, אַז נעגערן האָבען געקראָגען אַזעלכע אַטאַקעס אדער שפּאַזמען באַלד נאָך דעם וויא זיי האָבען זיך בעקעהרט צום קריסטענטהום. ביי דיא מאַלאַיער פעל־קער איז דאָ אַ ספּעציעלער וואָרט דאַפיר. זיי רופען עס „אַמאָק“. דאָס איז אַ מין רעליגיעזער משוגעת, וועלכער טרעפט גאָר ניט זעלטען. מיט אַמאָל הייבט איינער אָן צו לויפען און פערוואונדעט און טויטעט וועמען ער טרעפט נאַר. ער גלויבט אַז אין אַזאַ „בעגייסטערטען צושטאַנד“ מעג ער טאָן וואָס ער וויל. אַזעלכע אָנפעלע פון רעלי־גיעזען משוגעת טרעפען אויך זעהר אָפט ביי אינדיאַנער, אויסטראַליער און נעגערן. מען האָט נאָך ניט געגעבען אַ בעשטימטע וויסענשאַפטליכע ערקלערונג וועגען דיזע נערוועזע קראַנקהייטען; אבער איבעראַל האָבען ווילדע זיי אָנגענומען פאַר דיא אַרבייט פון גייסטער, פאַר אַ געטליכע בעגייסטערונג. אין דער וויסענשאַפט טראָגען דיזע היסטערישע אַטאַ־קעס דעם נאַמען „טייוועלשע אָנשיקענעס“, ווייל אַזוי האָט מען זיי בעטראַכטעט אין קריסטליכע לענדער אין מיטעלאַלטער, ווען דיזע נערוועז־אַטאַקעס זיינען אויך פאָרגעקומען גאַנץ אָפט. אין יענע פינסטערע צייטען האָט עס ניט זעלטען געטראָפען, אַז גאַנצע שטעט־לעך און זאָגאַר געגענדען זיינען אָנגעכאַפּט געוואָרן פון טייוועלשע אָנשיקענעסען, וועלכע פלעגען זיך פערשפּרייטען וויא אָנשטעקענדע קראַנקהייטען. אַלע האָבען זיך געפונען אין אַ מין היפּנאָטישען צו־שטאַנד. דאָס איז געווען אַ נערוועז־עפּידעמיע. אין דער צייט פון דיא קרייץ־ציגע זיינען אַזעלכע אָנשיקענעסען געווען זעהר אָפט, ווייל דיא אַלגעמיינע אויפרעגונג איז געווען זעהר גרוים. דער רעליגיעזער פאַנאַטיזמוס האָט דערגרייכט צו דער העכסטער שטופע, און גאַנצע פעלקער זיינען איינפאַך פעררוקט געוואָרן. מאַסען מענשען זיינען אין מיטעלאַלטער געפּייניגט און פערברענט געוואָרן פון דיא גלחים

פאַר דיזע „טייוועלשע אָנשיקענעסען". עס איז גענוג געווען אָנצואווייזען אויף איינעם, אַז ער האָט פערבינדונגען מיט'ן טייוועל, אום זיין לעבען זאָל זיין אין געפאַהר. בעזאָנדערס האָט מען פערפאָלגט אמת'ע אדער זאָ־גענאַנטע מכשפות. מען פלעגט זיי עפענטליך פערברענען ביז אַרום דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. אין מיטעל־אַלטער האָט מען בוכשטעבליך אויסגעפיהרט דעם ביבלישען בעפעהל „מכשפה לא תחיה". פיעלע פון דיזע פערברענטע פרויען זיינען איינפאַך געווען היסטערישע און רעליגיעז־וואַהנזיניגע, וועלכע האָבען זיך איינגעבילדעט, אַז אַ געטליכער גייסט אָדער אַ טייוועל האָט זיך אריינגעכאַפּט אין זיי.

„טייוועלשע אָנשיקעניסען" אָדער איבערהויפּט פעלע פון רעליגיעזע משוגעת און פון עפּידעמישע גייסטיגע קראַנקהייטען טרעפען אויך אין אונזער צייט. אין ספּעציעלע ביכער איבער גייסטיגע קראַנקהייטען זיינען פערצייכענט מאַסען ווירקליך וואונדערבאַרע רעליגיעזע משוגעת'ן און טייוועלשע אָנשיקעניסען. מיר קענען זיך דאָ, נאַטירליך, ניט אָפּשטעלען אויף דעם. אונזער צוועק איז דאָ נאָר צו צייגען, וואַרום מען האָט איבעראַל געגלויבט אין מכשפים און איבערהויפּט אין בעגייסטערטע מענשען. דאָס געזאָגטע איז גענוג דאַפיר. אייניגע געלעהרטע דיינקען זאָגאַר, אַז דיא טייוועלשע אָנשיקעניסען האָבען עס געפיהרט צו אַ גלויבען אין גייסטער.

פון דיא פריהערע שאַמאַנען האָבען זיך אין אינדיען ענטוויקעלט דיא היסטערישע פאַנאַטיקער, וועלכע זיינען בעקאַנט אונטער דעם נאָמען יאָגי אָדער פאַקירען און וועלכע בעווייזען ווירקליך וואונדערבאַרע קונצען. פיעלע פון זיי פּייניגען זיך אויף דיא שרעקליכסטע אַרט. עס איז אַ וואונדער, וויא אַזוי זיי האַלטען אויס דיזע זעלבסט־פּייניגונגען.

דיא מכשפים האָבען זיך אָבער ניט בעשעפטיגט בלויז מיט היילען קראַנקע. זיי האָבען אויך אָנגעפאַנגען צו געברויכען זייער איינגעבילדעטע מאַכט איבער דיא גייסטער אום ארויסצורופען רעגענס, אָפּצוהאַלטען פערפלייצונגען, שטורמען, ערדציטערניסען און איבערהויפּט

צו בעשיצען זייערע שטאמען פון אלעם בייזעס. צו גלייבער צייט האָבען זיי אָנגעפאנגען פאָרויס צו זאָגען דיא צוקונפט דורך פערשיעדענע מיטעל, פיעלע פון וועלבע עס זיינען נאָך פערבליבען ביז'ן היינטיגען טאָג אפילו ביי דיא ציוויליזירטעסטע פעלקער. עס איז געוועזען גאנץ נאַטירליך צו גלויבען, אז דיא מענשען וואָס קענען ארויסרופען אָדער פערטריבען גייסטער, זאָלען אויך קענען דערגעהן דורך זיי אַלערליי געהיימניסע און זאָגען נביאות. דאָס איז געוועזען דער אָנפאנג פון אלע אָראַקעל און וואָהרזאָגעריי. עס מאכט ניט אויס, אויב מען האט געברויכט דערצו פויגלעך, דיא אינגעווייט פון דיא קרבנות, דיא בעוועגונגען פון שלאַנגען, שטערן, פערשידענע פעטישען, א. ז. וו. דער צוועק און דיא רעזולטאַטען זיינען געוועזען דיא זעלבע איבעראל און אין אלע צייטען.

וועגען דיא אָראַקעל האָבען מיר שוין גערעדט אין דעם קאפּיטעל איבער געריכטען. מען האָט געברויכט אָראַקעל צו פערשיעדענע צוועקען. אין אַלע וויכטיגע אנגעלעגענהייטען האָט מען זיי אָנגעפרעגט און געהאַנדעלט נאָך זייערע אונדייטליכע און צווייטייטיגע אנטוואָרטען. אפילו אין גריכענלאַנד און אין רוים האָבען זיי געשפּיעלט אַ וויכטיגע ראָלע. מאַסען מענשען פלעגען בעלאַגערן דעם דעלפיער טעמפּעל, וואו אַ פריעסטין, דיא שיין דערמאָנטע פּיטהיא, פלעגט געבען אנטוואָרטען, זיצענדיג אויף אַ דרייפוס איבער דיא עפענונג אין אַ בארג. זיא פלעגט זיך פריהער „בעגייסטערן“ דורך פאַסטען, געבעט, קייען לאָרבער־בלעטער א. ז. וו., אום דערמיט צו פערטרייבען אדער צו פערטויבען איהר אייגענעם גייסט און זיין צוגעגרייט אויפצונעהמען אין זיך דעם געטליכען גייסט. צוליעב דעם געברויך וואס דיא פּיטהיא און אנדערע וואָהרזאָגערס האָבען געמאַכט פון לאָרבער־בלעטער, האָט מען שפּעטער בעטראַכטעט לאָרבער פאַר אַ סימבאָל פון „בעגייסטערונג“. דיא גרעסטע עהרע פאַר אַ גריכישען פּאָעט איז געוועזען צו קריעגען אַ לאָרבער־קראַנץ, דען דערמיט האָט מען אָנערקענט זיין טאַלענט און בעגייסטערונג. און אזוי איז עס פערבליבען ביי אַלע אויראָפּעאישע פעלקער, וועלבע האָבען איבערגענומען **דיא גריכיש־רוימישע ציוויליזאַציאָן.**

דורך דיזע איינגערעטע מאכט פאָרויסצוזאָגען דיא צוקונפט און דורך דעם גאָטעסדיענסט, וואס דיא מכשפים האָבען אַלֶין מעהר אַריינגענומען אין זייערע הענט, זיינען זיי עס ביסלעכווייז געוואָרען כהנים. אויב זיי האָבען זיך נאך בעשעפטיגט מיט קורירען קראַנקהייטען, איז עס יעדענפאַלס נאר געוועזען אַ נעבענזאַך. דיא הויפטאַרבייט פון דיא כהנים איז געוואָרען אויסצופיהרען דיא צערעמאָניעס, וועלכע זיינען געוועזען פערבונדען מיט דעם קולט פון גאַנצען שטאַם. יעדער פּאַטריאַרך האָט אָפּגעגעבען כבוד דיא גייסטער פון זיינע עלטערן נאך דיא אנגענומענע צערעמאָניעס; אבער דיא פערעהרונג פון דיא גייסטער, וועלכע זיינען גערעכענט געוועזען פאַר דיא בעשיצער פון גאַנצען שטאַם און שפּעטער פאַר דיא אַלגעמיינע גייסטער אדער געטער, איז שוין אויסגעפיהרט געוואָרען דורך דיא אָנפיהרערס אדער אנערקענטע פּריעסטער אין דער אַנוועזענהייט פון געמיינדעס. ווען מען האָט אָנגעהייבען צו בויען טעמפּלען צו דיא געטער, האָבען נאַטירליך דיא פּריעסטער דאָרט אָנגעהייבען צו פּראַווען דיא געמיינדע-צערעמאָניעס. זיי זיינען דורך דעם נאך מעהר געאַכטעט און געפירכטעס געוואָרען. מיר ווייסען, אַז ניט נאר ביי ווילדע פעלקער, זאָנדערן אויך ביי פעלקער אויף אַ גאַנץ הויכער קולטור-שטופּע איז רעליגיאָן אם ענגסטען פערבונדען מיט מאָראַל, געזעלשאַפטליכע פיהרונגען, געזעץ א. ז. וו. דיא פּריעסטער, וועלכע זיינען געוואָרען דיא פערמיטלער צווישען דיא געטער און מענשען און האָבען דאַרום בעשטימט וואס דיא געטער ווינשען, האָבען דורך דעם געקראָגען אַ גרויסע פּאָליטישע מאַכט, וויא מיר האָבען עס שוין געזעהען אין דיא קאַפּיטלעך איבער דער ענטוויקלונג פון שטאַאטען. מען קען זאָגען, אַז אַלע קולטור-פעלקער האָבען דורכגעמאַכט דיא צייט פון טהעאָקראַטיע, ווען דיא הערשער זיינען געוועזען פּריעסטער, וויא ביי אידען אין דער צייט פון דיא שופטים.

יעדענפאַלס האָבען זיך דיא כהנים, אין נאמען פון דיא גייסטער און געטער, אַריינגעמישט אין אַלע מענשליכע אַנגעלעגענהייטען. פון זיין געבורט ביז זיין טויט איז יעדערער געוועזען אַבהענגיג פון דיא כהנים, וועלכע האָבען אַלעס רעגולירט לויט נאך דעם קולטור-צושטאַנד. דעם

ניי־געבאָרענעם האָבען זיי געבענשט אין דעם נאמען פון דיא גייסטער און פערהיט דורך אָפּשווערונגען געגען רוחות. ווען א בחור איז אָנגענומען געוואָרן אין דער געזעלשאַפט פון דערוואַקסענע מענער אָדער קריע־גערם, האָט מען זיך שוין אויך ניט געקענט בעגיין אָהן א פּריעסט. וויא מיר ווייסען עס שוין, איז דער איבערגאַנג פון א בחור אין א מאַן אויסגעפיהרט געוואָרן מיט פערשיעדענע צערעמאָניעס. דער צוועק פון דיזע צערעמאָניעס איז געוועזן צו קריעגען דיא בעשיצונג פון דיא גייסטער. דעם בחור פלעגט מען געבען א נייעם נאמען נאַכדעם ער האָט געפאַסט א געוויסע צייט און דורכגעמאַכט פערשיעדענע קראַפט־פּראָבעס. אויף זיין קערפּער פלעגט מען אויסקריצען אדער אויס־שניידען דעם טאָטעם אדער דעם שטאַם־צייכען. ביי פיעלע פעלקער איז דיזע צערעמאָניע בעשטאַנען אין בעשניידונג אדער מלה, וועלכע דער פּריעסט פלעגט אויספיהרען. חתונות זיינען אויך ביז־לעכטוויז געוואָרן א מיטעל פון דיא פּריעסטער צו האַלטען דיא גלויביגע אין צוים. דיא פּריעסטער אַלץ מעהר האָבען איינגעפיהרט צו געבען א גענליכע הסכמה אויף דיא נאַטירליכע פערבינדונגען פון מאַן און פרוי.

דיא מכשפים, וואָס האָבען זיך בעשעפטיגט בלויז מיט קורירען קראַנקהייטען דורך פּעריאָגען רוחות אויף דעם אַלטען שטייגער, האָבען אַלץ מעהר פערלאָרען זייער פריהערן איינפלוס אין געזעלשאַפטליכע אנגעלעגענהייטען. מען האָט פאַר זיי מורא געהאַט, אַבער מען האָט זיי אויך פעראַכטעט. דיא פּריעסטער האָבען זיך אַלץ מעהר אָפּגע־טהיילט פון דיא איינפאַכע מכשפים. וויא געזאָגט, האָבען זיך דיא פּריעסטער אַלץ מעהר אָפּגעגעבען צום אַלגעמיינעם קולט און האָבען איבערגעלאָזען דיא פּראָסטע אַרבייט צו קלענערע פּריעסטער און צו מכשפים אָדער מכשפות. וויא נאָר דיזע אָפּטהיילונג איז פאָרגעקומען האָט מען ניט נאָר אָנגעהויבען צו פעראַכטען דיא מכשפים, זאָנדערן אויך זיי צו פערפאָלגען, אָבוואָהל מען האָט ניט אויפגעהערט צו ווענ־דען זיך צו זייער הילפע ביי קראַנקהייטען.

דיא פערפאָלגונגען זיינען געקומען דורך דיא שווינדעל, וואָס מען האָט נאַטירליך געמאַכט מיט כישוף נאָך אין דיא עלטעסטע צייטען. עס פערשטעהט זיך, אז שטענדיג האָבען זיך געפונען מענשען,

וואס האָבען זיך געוועלט בענוצען מיט כישוף צו זייערע אייגענע צוועקען און צו פערניכטען זייערע פיינדע. מען האָט געברויכט מכשפים צו אלע צוועקען. דיא מכשפים זעלבסט האָבען, זעלבסטפערשטענד־ליך, אָנגעווענדעט זייער איינגעבילדעטע מאכט איבער דיא גייסטער, אום זיך אָפצורעכענען מיט זייערע געגנער און פיינד. מען האָט דאָ־רום גענומען צושרייבען קראנקהייטען און אנדערע צרות און אונגליקען צו דעם בייזען ווילען פון דיא מכשפים זעלבסט. ווילדע פעלקער גלויבען, אז קראנקהייטען קומען דורך דיא צויבערקראפט פון בייזע מכשפים. מען בעשולדיגט אויך דיא מכשפים, אז זיי מאכען אָן טריקענעסען, שטורמען, א. ז. וו. ניט זעלטען טרעפט עס, אז מען טויטעט מכשפים, אויף וועלכע מען ווארפט ארויף אזעלכע בעשול־דיגונגען. נאָר מייסטענס געברויכט מען אנדערע מכשפים אום אָפצוציהען דעם אונגליק. ספעציעל האָט מען פערפאָלגט און אויס־געלאָזען דעם צאָרן צו מכשפות. מען פלעגט זיי אומברייננגען נאָך אין דיא עלטעסטע צייטען. דער ביבלישער בעפעהל „מכשפה לא תחיה" איז אויסגעפיהרט געוואָרען ביי אלע קולטור־פעלקער. דיא פרוי, וואָס מען האלט פאר א מכשפה, איז נאָך אין לעבענסגעפאהר אפילו אין ציוויליזירטע לענדער.

דיא אורזאכען פון דיא ספעציעלע פערפאָלגונג פון מכשפות איז געקומען דורך דעם, וואָס זיי האָבען שוין קיין שייכות ניט געהאט מיט'ן קולט, וויא דיא מכשפים. זייט דיא פאטריארכען האָבען פער־נומען דעם פלאץ פון דיא פרויען ביי דיא צערעמאָניעס צו עהרע פון דיא פאמיליען־גייסטער, האָבען שוין דיא פרויען גאנץ ווייניג וואס געהאט צו טאָן מיט'ן קולט. נאָר אין געוויסע טעמפלען צו עהרע פון אלטע געטינען זיינען פרויען, מייסטענס בתולות, אָנגעווענדעט געווען צום גאָטעסדיענסט. זיי זיינען אייגענטליך געווען קרבנות צו דיא געטינען. זייער אויפאָפפערונג איז בעשטאנען אין דעם, דאָס אָדער זיי האָבען גאָר קיין פערקעהר ניט געהאט מיט מענער אָדער זיי האָבען זיך געמוזט אָפגעבען צו יעדען מאן ביי געוויסע צערעמאָניעס. וועגען דיא פראָסטיטוציאָנס־טעמפלען פון בבל און פון אנדערע לענדער ווייסען מיר שוין פון דיא קאפיטלען איבער דיא ענטוויקלונג פון פאמיליע.

נאָר דיא עלטערע פרויען, וואָס האָבען פאַרטגעזעצט דיא אַלטע כישוף־מאַכעריי אַלס אַ לעבענס־מיטעל, זיינען פערבליבען איינפאַכע מכשפות אָהן דיא פערהייליגונג וואָס דיא מענער האָבען געקראָגען דורך דעם גאָטעסדיענסט, און דארום האָט מען זיי אָנגעפאַנגען צו בעטראַכטען אַלס פערבונדענע נאָר מיט בייזע גייסטער אָדער שדים. דער רעזול־טאַט דערפון איז געווען דער אַלגעמיינער אַבערגלויבען, אַז מיט זייער כישוף און פריינדשאַפט מיט דיא שדים מאַכען זיי אָן דיא גרעסטע צרות, ווען זיי ווילען עס נאָר. דיזער אַבערגלויבען איז נאָך פערבליבען ביז היינט צו טאָג. דיא ערגסטע צייט האָבען מכשפות געהאַט אין קריסטליכע לענדער אין מיטעלאַלטער. מען האָט זיי דאַן געפייניגט און געברענט איינפאַך צוליעב דעם, ווייל מען האָט געגלויבט, אַז זיי זיינען פערבונדען מיט'ן טייוועל.

דיא לאַגע פון דיא פריעסטער־מכשפים איז אַלץ העכער געוואָרען, וואס העכער עס האָט געשטיגען דיא אַלגעמיינע קולטור. מען האָט געקראָגען אַ העכערן בעגריף פון געטער און מען האָט אויך מעהר געאַכטעט און בעסער בעלוינט דיא מענשען, וואס האָבען זיך אָפּגעגעבען צום גאָטעסדיענסט, וועלכער איז אויך אַלץ מעהר פערבונדען געוואָרען מיט געהיימניסע און געוויסע קענטניסע, וועלכע מען האָט געמוזט שטודירען. פריעסטער האָבען אויך געמוזט קענען לעזען און שרייבען. ניט יעדערער האָט שוין געקענט ווערן אַ פריעסט, ווען ער האָט עס נאָר געוועלט. עס זיינען אויך בּיסלעכוויין ענטשטאַנען העכערע און נידעריגערע פריעסטער—אַ גאַנצער שטאַב פון גייסטליכע. דיא נידעריגערע האָבען זיך נאָך בעשעפטיגט בלויז מיט כישוף־מאַכעריי, בעזאָנדערס מיט פאָרויסזאָגען דיא צוקונפט דורך פערשיעדענע סמנים, אַבער דיא העכערע האָבען זיך שוין בעשעפטיגט נאָר מיט דעם קולט און מיט שטאַאַטס־אַנגעלעגענהייטען. זיי זיינען דארום אַלץ רייכער און מעכטיגער געוואָרען. אין דיא קולטור־לענדער, וואו זיי האָבען דערגרייכט דיא העכסטע מאַכט, האָבען זיי געזוכט צו פערעוויגען זייער הערשאַפט דורך דיא איינטהיילונג פון פאָלק אין קאַסטען. זיי האָבען געלערנט, אַז דיא געטער אַליין האָבען אַזוי סאָרטירט דיא מענשען און אַז יעדערער מוז געהערן צו דעם שטאַנד, אין וועלכען

ער איז געבאָרען געוואָרן. זיי האָבען נאַטירליך פערנומען דעם העכסטען ראַנג. דיא בראַמינען, וועלכע האָבען איינגעפיהרט דיא שטרענגסטע קאַסטען־פערטהיילונג אין דער וועלט, האָבען גערעכענט, אַז זיי שטאַמען פון בראַמאַ׳ס קאָפּ. דאָס האָט בעדייטעט, אַז זיי זיינען געשאַפען געוואָרן צו זיין דיא פיהרערס פון פאָלק, און אַזוי איז עס אויך געווען. קאַסטען זיינען קלאַסען בירושה. דיא קאַסטען־פערטהיילונג איז אייגענטליך געווען נאָך דיא שטאַנדען אָדער קלאַסען, וואָס האָבען זיך געבילדעט מיט דער ענטוויקלונג פון שטאַאַטען, נעמליך: פריעסטער, קריעגערס, האַנדעלסלייטע און האַנדווערקער. נאָר דער צוועק פון דער איינפיהרונג פון קאַסטען איז געווען צו געבען אַ געטליכע הסכמה אויף דיא קלאַסען־פערטהיילונג, אום דיא נידעריגערע קלאַסען זאָלען ניט פּראָטעסטירען און ניט מאַכען אויפשטענדע און אויך אום דיא בעשעפטיגונגען זאָלען איבערגיין בירושה פון דיא עלטערן צו דיא קינדער. דיא העכערע קלאַסען האָבען דורך דעם פערזיכערט דיא צוקונפט פון זייערע קינדער אויף דור דורות און דער פריעסטער־קלאַס האָט רוהיג געקענט אָנהאַלטען זיין אויבערהערשאַפט.

אפילו אין דיא לענדער, וואו דיא פריעסטער איז ניט געלונגען איינצופיהרען אַזאַ שטרענגע קאַסטען־פערטהיילונג וויא אין אינדיען אָדער אין מצרים, האָבען זיי דאָך זיך בעטראַכטעט אַלס אַ העכערע קאַסטע און האָבען שטרענג אָפּגעהיט זייערע פריווילעגיעס. וואָס פאַר אַ ראָלע דער פריעסטער־קלאַס האָט געשפּיעלט אין דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג, האָבען מיר שוין ערקלערט אין דיא קאַפּיטלעך איבער שטאַאַטען און געריכטען. דאַרום וועלען מיר זיך מעהר ניט אָפּשטעלען אויף דיזען פונקט. אין דיזען קאַפּיטעל האָבען מיר נאָר געזוכט צו ערקלערן, וויא אַזוי עס זיינען אויפגעקומען מכשפים און פריעסטער. דאָס אויבענגעזאָגטע איז גענוג פאַר אונזער צוועק. מיר וועלען יעצט איבערגיין צו אַ בעטראַכטונג פון דיא לעהרען און סודות פון דיא פריעסטער אין דיא פאַרצייטיגע קולטור־לענדער און דערמיט וועלען מיר ענדיגען אונזער נאָכפאָרשונג וועגען רעליגיאָנען.

איין און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

מיטהאָלאָגיע.

מיטהען און פאָרשטעלונגס־קראַפט. — פלאָנטערס און ווידערשפּריכע אין מיטהען. — מיטהאָלאָגישע סיסטעמען. — דיא זון אלס צענטראַל־פּונקט פון מיטהאָלאָגיע. — מיטהען וועגען דיא מאָרגענרעטהע אלס דיא בתולה־מוטער פון דער זון. -- מיטהען וועגען איזיס. — דיא דריי־איינינקייט פון דעם זונען־מיטה. — דער געבורטסטאָג פון דער זון און פון זונען־געטער. — דיא קרייציגונג, טויט און אויפלעבונג פון דער זון און פון זונען־געטער. — דער זונען־מיטה און דיא שפּאַנישע גלחים אין מעקסיקאָ. — דיא ריכטיגע בעדייטונג פון פּאַללוס־קולט. — לינגאַ און יאָני. — פּאַללוס־פּראָצעסיאָנען לכבוד באַקכוס. — פעראייניגונג פון זונען־ און פּאַללוס־קולט מיט זייערע סימבאָלען. — פּאַללוס־קולט ביי אידען. — פערגעטערער פון לינגאַ און יאָני אין אינדיען. — קרייצען אין דעם פּאַללוס־קולט. — דער אידישער תו־קרייץ. — קרייצען אין מצרים. — דער לינגאַ־יאָני קרייץ. — אַ בראַמינישע פאָרשטעלונג פון אַ זעלבסטגעשאַפענעם גאָט מיט זיינע הויפּט־סימבאָלען. — נאַטירליכער פּאַללוס־קולט.— שלום.

מיר האָבען שוין געהאַט דיא געלעגענהייט אָנצואווייזען אין דעם קאַפּיטעל איבער דער פערגעטליכונג פון ווערטער און צאָהלען, אַז אַפילו ביי דיא ווילדעסטע פעלקער, וואס האָבען נאָך קיין בעשטימטען גאָטעסדיענסט, האָט מען צוזאַמענגעקליבען פיעלע מיטהען. עס קען איבערהויפּט קיין צווייפעל ניט זיין, אַז וויא נאר מענשען האָבען זיך געקענט צוזאַמענריידען און געקראָגען געוויסע בעגריפע וועגען רוחניות, האָבען זיי אויך גענומען פערפאַסען געשיכטען וועגען נשמות

און גייסטער. אין דיזע פאַנטאַסטישע געשיכטען האָבען זיי אויסגע־דריקט ניט נאָר זייער בלינדען גלויבען אין איבערנאַטירליכעס, זאָנדערן אויך זייער בעגריף וועגען דיא נאַטור ארום זיי. יעדער מיטה איז צופעליג געוועזען רעליגיאָן און פילאָזאָפיע. וואס מעהר מענשען האָבען זיך ענטוויקעלט, זיינען זייערע מיטהען געוואָרן ניט נאָר פיינער און עדעלער, זאָנדערן אויך פערשיעדענער און צאָהלרייכער. א העכערע פאָרשטעלונגס־קראַפט האָט אַלץ געשאַפען שענערע און קינסטליכערע בילדער וועגען נשמות, גייסטער און געטער.

אזעלכע ווילדע, וויא דיא באָטאָקודען, בעגנוגענען זיך דערמיט וואס זיי לאָזען איבער צו דיא נשמות זייערע אָרימע געצעלטען, וואו זיי בעגראָבען זייערע טויטע. ווייטער קימערן זיי זיך גאַנץ ווייניג וועגען דעם טויטען און זיין נשמה. דיא נעגערן פון וועסט־אפריקא בויען שוין ספּעציעלע הייזלעך פאר זייערע גייסטער, זאָ דאָס עס זיינען דאָ גאַנצע „דערפער פון טויטע", וואו מען פראַוועט פון צייט צו צייט רעליגיעזע צערעמאָניעס און מען האַלט אויף ירידען. דאָס אליין צייגט, אז זייערע פאָרשטעלונגען וועגען נשמות זיינען שוין פיעל העכער, וויא ביי דיא באָטאָקודען. זיי האָבען אויך א בעגריף וועגען א לעבען אויף יענער וועלט. דיא אַלטע עגיפּטער האָבען שוין מערקווירדיג געזאָרגט וועגען נשמות. זיי האָבען זיך פאָרגעשטעלט, אז דיא נשמות אַקערן און זייהען, פאַנגען פיש און יאָגען זיך נאָך חיות, פאָהרען ארום אויף א הייליגע שיפעל איבער דעם נילוס און איבער'ן הימעל־געוועלב, א. ז. וו. וואס פאר ענדערונגען און וואַנ־דערונגען מאַכען ניט דורך דיא נשמות אין דיא פאַנטאַזיעס פון דיא מצריים און בראַמינען! וואס פאר א מאַסע געשיכטען עס זיינען פערפאַסט געוואָרן בלויז נאָר וועגען דעם אַליין ביי אַלע קולטור־פעלקער! א נשמה האָט אין פערלויף פון אונצעהליגע יאהרען געקענט אריבער־וואַנדערן פון דעם קלענסטען ווערימעל אין אַלערליי חיות ביז צו א קעניג און נאָכהער זיך אָפּטראָגען ערגעץ אין הימעל. דאָס האָט געגעבען שטאָף צו א גאַנצע רייהע פאַנטאַסטישע און זאָגאר ראָמאַנטישע געשיכטען, פיעלע פון וועלכע עס זיינען נאָך פערבליבען אין דיא העכסטע רעליגיאָנען פון אונזער צייט.

וועגען דיא געטער האָט מען פערפאַסט אַלערליי געשיכטען. נאר אָפט האָבען זיי זיך ווידערשפּראָכען, אָפט האָט זיך איין מיטה בעצויגען אויף געטער מיט פערשיעדענע נעמען און מעלות, אָפט האָט מען אויך צוגעשריבען אַלץ פערשיעדענערע מעלות צו איין גאָט. וואס ווייטער איז אַלץ ענטשטאַנען אַ גרעסערער פּלאָנטער וועגען דיא מאַכט און ממשלה פון דיא געטער. איין גאָט האָט געטראָגען פערשיעדענע נעמען, אַן אַנדערער איז גאָר אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון זיין טראָן, אַ דריטער איז אין איין אָרט מעהר פערעהרט געוואָרן, א. ז. וו. ווען מען שטודירט דיא מיטהאָלאָגיע פון דיא אַלטע עגיפּ־טער, פּערסען, אינדוסען, גריכען א. ז. וו., ווערט מען צוערשט צומישט און צודולט פון דיא פּלאָנטערס און ווידערשפּריכע, וועלכע מען טרעפט אויף יעדען שריט. מען מוז דאַרום דיא פערשיעדענע געטער קלאַסיפיצירען אין אַ געוויסע סיסטעם, אום אַ טאָלק צו דערגיין.

דיא צומישענעס איז ענטשטאַנען דורך דעם, וואס מען האָט ניט פערשטאַנען דיא נאַטירליכע ערשיינונגען און זייערע ווירקונגען. לאָמיר, צום ביישפּיעל, בעטראַכטען דיא ווירקונגען פון דער זון. זיא שטעלט צו ליכט, וואַרעמקייט, לעבט אַלעס אויף, מאַכט פרוכטבאַר דיא ערד. מען האָט איהר דאַרום פערגעטערט אַלס דעם גאָט פון ליכט, וואַרעמקייט און פרוכטבאַרקייט. אין דער זעלבער צייט האָט מען אויך פערעהרט ספּעציעלע געטער פון ליכט, פייער, פרוכטבאַרקייט. דיא שטערן און דיא לבנה ברייגנען אויך ליכט, פייער שטעלט צו וואַרעמקייט, רעגען ברייגנט פרוכטבאַרקייט. דיא ערד זעלבסט שפּיעלט דאָך אויך אַ ראָלע אין דער פרוכטבאַרקייט, דען ניט דיא זון און ניט דיא רעגענס קענען מאַכען וואַקסען פלאַנצען אויף היילע שטיינער, אין וויסטעניסען. דיא זון, דיא ערד, דער ים, טהוי, רעגענס, טייכען, בוי־מער זיינען דאַרום פערעהרט געוואָרען אַלס געטער פון פרוכטבאַרקייט. איין זאַך אדער, ריכטיגער, איין נאַטירליכע ערשיינונג האָט אַלזאָ גע־האַט פערשיעדענע געטער, דאָס זעלבע איז אויך געוועזן אין אַנדערע פעלע. דיא ווירקונג פון יעדען גאָט בעזונדער איז ניט קלאָר געוועזן.

דיא מאַסען האָבען אַלעס פערגעטערט, האָבען זיך געבוקט צו

אַלע געטער, וואָס פאַר נעמען זיי האָבען ניט געטראָגען און וואָס פאַר ווידערשפּרעכענדע מעלות מען האָט זיי ניט צוגעשריבען. אָבער דיא פּריעסטער האָבען ניט געקענט אַזוי בלינד גלויבען, זיי האָבען געמוזט נאַכדענקען וועגען דיא קראַפט פון יעדען גאָט און איבערהויפּט וועגען דיא נאַטירליכע קרעפטע. זיי האָבען דאַרום אַלץ מעהר גענומען זוכען איינהייט אין דיזען פּלאָנטער מיט פערשיעדענע געטער. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען—אַ מיטהאָלאָגישע סיסטעם מיט הויפּטגעטער און פערשיעדענע אונטערהעלפערס. ביסלעכווייז האָבען דיא פּריעסטער אַלץ מעהר אָנגעפאַנגען צו בעטראַכטען דיא אַלטע גייסטער פון נאַטור־זאַכען אַלס אַבסטראַקטע געדאַנקען וועגען נאַטור־קרעפטע. זיי האָבען שוין, צום ביישפּיעל, ניט פערעהרט דיא זון אַלס אַ פייערדיגען קרייז, אַלס אַ קערפּער, זאָנדערן אַלס אַ קראַפט. אַ קרייז מיט שטראַהלען אַרום איז שוין פאַר דיא פּריעסטער ניט געווען אַ פעטיש, זאָנדערן אַ צייכען אָדער סימבאָל פון דער זונען־קראַפט. שליסליך האָבען פּריעסטער פון דיא אַלטע קולטור־פעלקער נאָר פערעהרט דיא געהיימניספאָלע נאַטורקרעפטע דורך געוויסע צערעמאָניעס און סימבאָלען, וועלכע זיי האָבען ספּעציעל בעדאַרפט האָבען פאַר'ן פראָסטען פאָלק.

דיא כהנים פון מצרים און פון אַנדערע פאַרצייטיגע לענדער האָבען ביסלעכווייז ענטוויקעלט איין רעליגיאָן פאַר זיך און אַן אַנדערע פאַר'ן פאָלק. זייער אייגענע רעליגיאָן איז בעשטאַנען אין אַ פילאָזאָפישע בעטראַכטונג פון דער נאַטור און אין מיסטעריעס אָדער סודות, וועלכע זיינען פאָרגעשטעלט געווען דורך געצקעס און סימבאָלען. דאָס פאָלק האָט זיך געבוקט צו דיזע געצקעס און צייכענס וויא צו פעטישען. דעם ריכטיגען אינהאַלט פון דיא צערעמאָניעס און דיא ריכטיגע בעדייטונג פון דיא סימבאָלען האָבען נאָר געוואוסט דיא פּריעסטער. דער עולם האָט דערפון ניט געטאָרט וויסען.

קורץ, אין אַלע קולטור־לענדער האָט מען ביסלעכווייז סאָרטירט דיא פערשיעדענע געטער און געשאַפען הויפּטגעטער און מיטהאָלאָגישע סיסטעמען, וועלכע זיינען אייגענטליך געווען פילאָזאָפיען וועגען דיא נאַטור.

דיזע סיסטעמען שיינען צו זיין פערשיעדען; אבער ווען מען פאָרשט זיי נאָך גרינדליך, זעהט מען, אז זיי זיינען זעהר עהנליך. וויעדער און אָבער טרעפען מיר דיא געטער פון דער זון, פון דער ערד, פון דער לבנה, א. ז. וו. אויסגעשטעלט אין א געוויסע רייהע, מייסטענס פאָרענווייז, אלס פאָטער און זוהן אָדער אלס מאַן און פרוי. מיר קענען זיך ניט ארייינלאָזען אין איינצעלהייטען איבער אלע מיטהאָלאָגישע סיסטעמען. דער נייגיריגער לעזער קען געפינען איינצעלהייטען אין ספּעציעלע ביכער איבער מיטהאָלאָגיע. מיר וועלען זיך דאָ נאָר אָפּשטעלען אויף דעם צענטראל-פּונקט פון אלע מיטהאָלאָגישע סיסטעמען און, מען קען אויך זאָגען, פון א״ע ענטוויקעלטע רעליגיאָנען.

דיזער צענטראל-פּונקט איז דער צענטער פון אונזער וועלט: דיא זון. ארום דעם זונען-גאָט ווערן גרופּירט אלע איבעריגע געטער, וואס פאַר נעמען און בעדייטונגען זיי זאָלען ניט האָבען. אנדערס האָט עס גאָר ניט געקענט זיין. וויא נאר דיא פּריעסטער האָבען גענומען נאכדענקען וועגען דיא העכסטע און גרעסטע קראַפט, האָבען זיי געמוזט קומען צום שלוס, אז דאָס איז דיא זון. עס מאכט ניט אויס וויא מען האָט גרופּירט דיא זון מיט אנדערע געטער און געטינען—דער אינהאלט איז פערבליבען דער זעלבער, דיא זון איז פערבליבען דער הויפּט-גאָט.

דורך דיא שיינבארע בעוועגונגען פון דער זון איז ביי אלע קולטור-פעלקער ענטשטאַנען א מיטה, וועלכער ווערט גערופען דער זונען-מיטה און וועלכער איז א פּאָעטישע און פאנטאַסטישע פאָרשטעלונג פון איהרע אויפטואונגען. מיר ווייסען יעצט גאַנץ גוט, אז דיא זון שטעהט אויף איין אָרט און אז דיא ערד מיט אלע אנדערע פּלאַנעטען דרייהען זיך ארום איהר. אבער אין אונזער שפּראַך זיינען נאָך פערבליבען דיא אלטע אויסדריקע, וויא „דיא זון געהט אויף“, „דיא זון געהט אונטער“, „דיא זון בעהאלט זיך הינטער דיא וואָלקענס“ א. ז. וו. אפילו אין דער אסטראָנאָמיע געברויכט מען אזעלכע פאלשע אויסדריקע, ווייל מען איז צו זיי צוגעוואָהנט. אין פאַרצייטיגע יאָהרען האָט מען זיך פאָרגעשטעלט דיא זון אין א שטענדיגען קאמפּף מיט שטורמען, וואָלקענס און איבערהויפּט מיט דער פינסטערניס און

קעלט. איהר ערשיינען אויפ'ן הימעל איז אויפגענומען געוואָרן מיט פריידע אלס אָנקינדיגונג פון לעבען, איהר פערשווינדען האָט מען אויפגענומען מיט טרויער אלס אָנקינדיגונג פון טויט. אין די שירים פון דיא היילינע ביכער פון אינדיען ווערט אויף פערשיעדענע אָרטען בעזונגען דיא פּראַכט און קראַפט פון דער זון. זיא טראָגט דאָרטען צוואַנציג פערשיעדענע נעמען, וועלכע בעצייכנען איהרע מעלות וויא ס ו ר י א (גלענצענדער), מ י ט ר א (פריינד), א ר י א מ א ן (גרויס-מוטהיגער), פּ ו ש נ א (ערנעהרער), ט וו א ש ט א ר (בורא), ד י וו א ס-פּ א ט י (הערר פון הימעל), א. ז. וו.

„איינע פון דיא ערשטע זאַכען, וועלכע מוזען ווירקען אויף דעם גייסט פון מענשען און פאַר וועלכע מען האָט באַלד בעדאַרפט זוכען א צ י י כ ע ן אָדער א נ אָ מ ע ן, איז זיכער דיא זון, שרייבט פּראָפעסאָר מאַקס מיללער אין זיינע בעריהמטע נאַכפאָרשונגען איבער רעליגיאָנען. עס איז פאַר אונז שווער צו בענעהמען דיא געפיהלע פון דיא ערשטע איינוואָהנער אויף דער ערד, ווען זיי האָבען געקוקט אויף דער זון; אדער צו פערשטיין, וואס זיי האָבען געמיינט מיט א מאָרגען-געבעט אדער מיט א מאָרגען-קרבן... שטעלט זיך פאָר א מענשען אין דיא גאָר ערשטע צייטען, ווען דיא זון וועקט איהם פון זיין שלאָף. איז דען דער זונען-אויפגאַנג ניט געוועזן פאַר איהם דער ערשטער וואונדער, דער אָנפאַנג פון יעדען נאַכדיינקען, פון יעדע פילאָזאָפיע? אין דיא שי-רים פון דיא ווערא (היילינע בראַמינען ביכער) פרעגט דער פּאָעט, אויב דיא זון וועט ווידער אויפגיין, וויא אזוי זיא קען קלעטערן איבערן הימעל, וואַרום זיא פאַלט ניט אַרונטער, וואַרום זיא מאַכט קיין שטויב ניט אויף איהר וועג? און ווען דיא מאָרגען-שטראַהלען הייבען איהם אויף און רופען איהם צו א נייעם לעבען, ווען ער זעהט דיא זון, וויא ער זאָגט, א ו י ס צ י ה ע נ ד י ג א י ה ר ע ג אָ ל ד ע נ ע ה ע נ ט צו בענטשען דיא וועלט און צו רעטען איהר פון שרעק און פינסטערניס, דאַן שרייט ער אויס: „שטעהט אויף! אונזער לעבען, אונזער גייסט איז צוריק געקומען! דיא פינסטערניס איז אוועק, דיא שיין קומט אָן“!

פּראָפעסאָר מאַקס מיללער האָט פערצייכענט פיעלע שטעלען פון דיא היילינע בראַמינען ביכער, אין וועלכע דיא זון ווערט פאָרגע-

שטעלט אלס „דער בעשיצער פון יעדער זאך וואס בעוועגט זיך אדער וואס רוהט, פון אלעס וואס עקזיסטירט“, אלס „דער גאָט צווישען אלע געטער, דער געטליכער פיהרער פון אלע געטער, דער הערשער פון מענשען און פון אלע חיות“, א. ז. וו. דאָרט ווערט אויך ערקלערט אז די זון זעהט אלעס, אז קיין זאך קען זיך פון איהר ניט בעהאלטען, אז זי ווייס אלע געדאנקען פון די מענשען. די שטערן אנטלויפען פאָר די אלעס־זעהענדע זון ווי גנבים. די זון ווערט דאָרט אויך געבעטען צו פערטרייבען בייזע חלומות.

פיעלע אנדערע געלעהרטע, וועלכע האָבען גרינדליך נאָכגעפאָרשט די מיטהאָלאָגיען פון פערשיעדענע פעלקער, זיינען געקומען צום שלוס, אז די כאראקטערען פון אלע זכר און נקבה געטער ביי די פאָר־צייטיגע קולטור־פעלקער שמעלצען זיך צוזאמען ביז עס בלייבט צוויי אָדער איינער. די גאנצע מענגע פון געטער און געטינען אין גריכענלאנד און רוים שטעלען נאר פאָר אויף פערשיעדענע ארטען און מיט פערשיעדענע נעמען די קרעפטע פון דער נאטור און ספּעציעל פון דער זון.

די טעגליכע און יעהרליכע בעוועגונג פון דער ערד ארום דער זון זיינען געשילדערט געוואָרען מיט פּאָעטישע בילדער און נאָכהער מיט סימבאָלען. דאָס האָט געגעבען שטאָף צו פיעלע מערקווירדיגע מיטהען. די זון אין פריהלינג און זומער איז פאָרגעשטעלט געוועזען אלס דער ערלייזער פון מענשען. די זון אין ווינטער, ווען זי פערליערט איהר שעפּפענדע קראפט, איז פאָרגעשטעלט געוואָרען אלס א געפּייניגטער און געקרייציגטער גאָט. די מאָרגענ־רעטהע איז פאָרגעשטעלט געוואָרען אלס די מוטער פון דער זון. אין די שירים פון ריג־וועדא (די עלטעסטע בראמינען־ביכער) ווערט די מאָרגענרעטהע, וועלכע איז פערגעטערט געוואָרען אונטער דעם נאָמען אדיטי, גערופען „די מוטער פון די שיינענדע גע־טער“. דאָרט ווערט אויסדריקליך געזאָגט, אז זי האָט געבאָרען די זון. אין שפּעטערע הייליגע ביכער פון די בראמינען, נעמליך אין ווישנו־פוראנא, ווערט דעוואקי, די בתולה־מוטער פון דעם אינדישען גאָט־ערלייזער קרישנא, גערופען אדיטי, דאָס

הייסט: דיא מאָרגענרעטהע. אין דעם הייליגען בראַמינען־בוך מאַ־האַבהאַראַטאַ ווערט קרישנאַ גערופען „זוהן פון אדיטי“. אינדראַ, דיא זון, דער גרעסטער גאָט פון דיא אַלטע אינדוסען, וועלכער איז אין אייניגע ערטער פון אינדיען פערעהרט געוואָרען אַלס דער גע־קרייציגטער גאָט, ווערט אין דיא וועדאַ־שירים פאָרגעשטעלט אַלס דער זוהן פון דער מאָרגענרעטע.

עס איז פעסטגעשטעלט פון געלעהרטע נאַכפאָרשער, אַז דיא וועדאַ־געטער אַגני, אינדראַ, מיטראַ, א. ז. וו. שטעלען אַלע פאָר אָדער פערזאָניפיצירען דיא זון.

אין מצרים איז איזיס, דיא בתולה־מוטער פון דעם עגיפּטישען משיח האָרוס, אויך נאָר געווען אַ נאָמען פון דער מאָרגענרעטהע. זיא איז פאָרגעשטעלט געוועזען אַלס אַ דונקעלע פרוי (דער דונ־קעלער קאָליר האָט בעצייכענט דיא שיין, ווען עס הייבט אָן צו טאָגען) מיט אַ קינד (האָרוס) לעבען איהר ברוסט. נעיטהה איז גערעכענט געוועזען פאַר דיא העכסטע געטין אין מצרים. זיא האָט געהערשט צוזאַמען מיט דעם זכר־גאָט אַמאָן אין דעם העכסטען הימעל. מען האָט איהר אויך גערופען „מוטער פון געטער“, „מוטער פון דער זון“. זיא איז פערעהרט געוואָרען אַלס דער ווייבליכער אָנפאַנג פון אַלע זאַכען, אַמאָן — אַלס דער מענליכער אָנפאַנג. דיא טעמפּלען צו איהר עהרע זיינען געוועזען ריזיגע. אויף איינעם פון דיזע טעמפּלען האָט מען געפונען פאָלגענדע אויפשריפט: „איך בין אַלעס וואָס עס איז געוועזען, וואָס עס איז, וואָס עס וועט זיין. קיין שטערבליכער האָט נאָך ניט אויפגעהויבען דעם שלייער וואָס בעהאַלט מיך. מיין פרוכט איז דיא זון“.

איזיס איז אויך בעטראַכטעט געוואָרען אַלס דיא געטין פון דער ערד. אין פיעלע מיטהען ווערט דיא שוואַרצע ערד אָנגענומען אַלס דיא מוטער פון דער זון. נאָר מייסטענס ווערט דיא ערד פאָרגע־שטעלט אַלס דיא פרוי פון הימעל. נאָך דיא עגיפּטישע מיטהאָלאָגיע ווערט דיא ערד בעשאָטענט פון הימעל. דיא פרוכט פון דיזער פערבינדונג איז אָזירים, דיא זון. אַלס מוטער פון דער זון, ווערט דיא ערד אויך פאָרגעשטעלט ווי אַ בתולה. איבערהויפּט

אַלע זונען־מוטערס, וואָס פאַר פערשיעדענע נעמען זיי האָבען ניט געטראָגען אפילו ביי איין פאָלק, ווערן שטענדיג געהאַלטען פאַר בתולות. זייערע קינדער זיינען ארויסגעקומען דורך דיא ווירקונג פון היילינגען גייסט, מיט וועלכען מען האָט בעצייכענט דיא גאַנצע נאַטור. דערמיט האָט מען אין אַ מענשליכע פאָרמע פאָרגעשטעלט דיא זעלבסט־שעפּפענדע נאַטור. נאָך דיא פאַרצייטיגע פּאָעטישע שילדערונגען געהט דיא זון ארויס פון דעם שויס פון דער מאָרגענ־רעטה, וועלכע בלייבט אונשולדיג וויא אַ בתולה, דען קיין זכר האָט מיט איהר קיין געשלעכטליכען פערקעהר ניט געהאַט. זיא שאַפט אַליין, פון זיך זעלבסט. אַלע זונען־געטער—אינדישע, עגיפּטישע, פּער־סישע, כאַלדעאישע, מעקסיקאַנישע, גריכיש־רוימישע, א. ז. וו.—ווערן יעדענפאַלס גערעכענט פאַר געבאָרענע פון בתולות. ווען מען פאָרשט נאָך דיא בעדייטונג פון דיא נעמען פון דיזע אַלע געטליכע בתולות, געפינט מען אויס, אַז זיי בעציהען זיך מעהר אָדער ווייניגער אויף דיא מאָרגענרעטהע.

קורץ, עס קען קיין שום צווייפעל ניט זיין, דאָס דיא מאָרגענ־רעטהע איז גערעכענט געווען פאַר דיא בתולה־מוטער פון דער זון אָדער איבערהויפּט פון גאָט. צוערשט זיינען אַזעלכע אויסדריקע וויא „דיא מאָרגענרעטהע האָט געבאָרען דיא זון“, „דיא זון איז ארויס פון דעם שויס פון דער מאָרגענרעטהע“, א. ז. וו. געווען נאָר פּאָעטישע. מען האָט איינפאַך אויסגעדריקט מיט פיינע ווערטער דאָס וואָס דיא אויגען האָבען געזעהען. נאָר שפּעטער האָט מען דיזע אויסדריקע פערזאָניפיצירט, דאָס הייסט אומגעוואַנדעלט אין מענשליכע פאָר־מען, און מען האָט עס אָנגענומען פאַר אַ טיעפען סוד פון דער נאַטור. מען האָט דיזע נאַטירליכע ערשיינונג אַליין מעהר גענומען בעטראַכטען אַלס אַ פאָרשטעלונג פון דער זעלבסטשאַפענדער קראַפט פון דער נאַטור. דער איינפאַכסטער נאָמען פאַר דיזען בעגריף איז געווען בתולה־מוטער. עס פערשטעהט זיך, אַז מען האָט דאָך ניט געקענט אָנ־נעהמען, דאָס דיא זון ווערט געבאָרען פון דער מאָרגענרעטהע אָדער דורך אַ בעהעפטונג פון דער ערד מיט'ן הימעל, גראַדע אַזוי וויא מענשען ווערן געבאָרען.

ווען מיר נעהמען אין אנבעטראכט דיזע פאַרצייטיגע אויסדריקע און פאָרשטעלונגען, וועלען מיר שוין לייכט פערשטיין די א אַנדערע איינצעל־הייטען פון דעם מערקווירדיגען זונען־מיטה. דער אַלגעמיין פערשפרייטע־טער גלויבען אין אַ גאָט־פאָטער, אין אַ געטין־מוטער און אין אַ גאָט־זוהן ווערט אונז דאַן פערשטענדליך. דער גאָט־פאָטער האָט פאָרגעשטעלט דעם הימעל, דיא געטין־מוטער—דיא מאָרגענרעטהע אדער דיא ערד, דער גאָט־זוהן—דיא זון. ווען מען האָט גערעכענט דיא מאָרגענרעטהע פאַר דיא מוטער פון דער זון, איז דער פאָטער שוין פאָרגעשטעלט גע־ווען אלס דער הייליגער גייסט. אָפט האָט מען דעם זעלבען גאָט גערופען מיט פערשיעדענע נעמען, אָפט האָט מען צוזאַמענגעמישט דיא איינבילדונגען וועגען זייער נאַטור, זאָ דאָס דערפון איז אין אַלע מיטה־אָלאָגיען ענטשטאַנען אַ גרויסער פּלאָנטער. מיר ווייסען שוין, אז דיא עגיפּטישע געטין איזיס האָט געטראָגען מאַסען נעמען. זיא איז פאָר־געשטעלט געווען אַלס דיא מוטער פון דעם זונען־גאָט אין דער פאָרמע פון דער מאָרגענרעטהע. זיא איז גערעכענט געווען פאַר דיא געטין פון דער ערד, פון דער לבנה, פאַר דיא „קעניגין פון הימעל" א. ז. וו. דיא לבנה איז אויך פערגעטערט געוואָרן אונטער פערשיעדענע נעמען—אַסטאַרטע (עשתרות), איסטאַר, אַשערא, דיאַנא, יונאָ, א. ז. וו.—און איז גערופען געווארן „קעניגין", „העכסטע פרינצעסין", „קעניגין פון הימעל", א. ז. וו.

דיא זעלבע צומישענעס איז אויך געווען וועגען אַנדערע געטער און געטינען; אבער שליסליך בלייבט דאָך דיא דריי־איינינקייט פון פאָטער, מוטער און זוהן דער הויפּט־פונקט פון דיא פאַרצייטיגע מיטהאָ־לאָגיע.

דיא ווייטערע ענטוויקלונג פון דעם זונען־מיטה בעציהט זיך שוין אויף דעם וואס דיא זון טהוט אויף ווען זיא קומט ארויס פון דעם בוזים פון דער מאָרגענרעטהע, דיא בתולה־מוטער, און וואַנדערט זיעגרייך איבער דעם הימעל. דאָ דאַרפען מיר ווידער צוערשט בעטראַכטען דיא נאַטירליכע ערשיינונגען. דער זון'ס וועג אויף'ן הימעל איז ניט גלייך יעדען טאָג. זיא געהט אויף און געהט אונטער לעבען אַן אַנדער שטערן־גרופּע. דיזע שטערן־גרופען האָט מען אין פערלויף פון דער צייט

גוט בעטראכט און זיי גטגעבען געוויסע נעמען לויט נאך געוויסע איינבילדונגען וועגען זייערע פאָרמען. יעדערער ווייס, אז דאָס זיינען דיא 12 מזלות, וועלכע זיינען גערעכענט געווען פאַר בעגלייטערס פון דער זון. דורך דיזע מזלות וואנדערט דיא זון יעדען יאָהר, אויפלעבענדיג אין זומער און אָפּשטאַרבענדיג אין ווינטער, דאָס הייסט קריגענדיג איהר שעפּפענדע קראַפט אין דיא זומער־מאָנאַטען און פערלירענדיג דיזע קראַפט אין דיא ווינטער־מאָנאַטען. מיר ווייסען יעצט אז ווען אין דער נאָרדליכער העלפט פון דער ערד איז ווינטער, איז אין דער זידליכער העלפט זומער, און פאַרקעהרט; אבער דיא גאָר פערצייטיגע מענשען האָבען דערפון ניט געוואוסט. יעדענפאַלס האָבען זיי זיך פאָרגעשטעלט אז דיא זון שטאַרבט אָפּ אין ווינטער און ווערט ווידער געבאָרען ארום ענדע פון דעם מאָנאַט דעצעמבער, ווען דיא טעג הייבען ווידער אָן גרעסער צו ווערן.

דער 25־טער דעצעמבער איז גערעכענט געווען פאַר דעם געבורטסטאג פון אַלע זונען־געטער: בודא, מיטהרא, אָזירים, האָרוס, באַקכוס, אדאָנים, תמוז, הערקולעס, א. ז. וו. אַלע קולטור־פעלקער פון דער אַלטער וועלט, וויא אויך דיא מעקסיקאנער און פערואנער, האָבען נאך צוועלף ביי נאכט דעם 24־טען דעצעמבער, ווען עס ענדיגט זיך דער ווינטער סאָלסטים (שטילשטאַנד פון דער זון) און דיא טעג הייבען אָן צו ווערן גרעסער, געפייערט דיא געבורט פון דעם זונען־גאָט, וואס פאַר נעמען ער האָט ניט געטראָגען. מען האָט זיך געפרייהט וואס דיא „קעניגין פון הימעל“, „דיא הימלישע בתולה“ האָט געבאָרען איהר קינד, דיא זון.

נאך דיא רעכנונגען פון דיא כהנים פון מצרים איז דיא שוואנגערצייט פון איזיס, דיא בתולה־מוטער פון דעם זונען־גאָט האָרוס, געווען צו ענדע מערץ און איהר קינדבעט איז געווען צו ענדע פון דעצעמבער. דיא געבורט פון האָרוס איז געווען איינע פון דיא גרעסטע מיסטעריעס פון דער עגיפּטישער רעליגיאָן. בילדער, וועלכע האָבען פאָרגעשטעלט זיין געבורט, זיינען געווען אויסגעמאָלען אדער אויסגעקריצט אויף דיא ווענט פון טעמפּלען. זיין בילד פלעגט ארויסגעבראַכט

ווערן מיט גרויסע צערעמאָניעס פון דעם הייליגסטען טהייל טעמפעל אין זיין געבורטס־טאָג דעם 25־טען דעצעמבער.

דער גרעסטער יום טוב פון דיא אַלטע פּערסען איז געווען לכבוד דיא געבורט פון זייער זונען־גאָט און משיח מיטהרא דעם 25־טען דעצעמבער.

אזוי וויא דער גלויבען אין דעם ערלייזער מיטהרא איז אויך געווען פערשפּרייטעט ביי דיא סעלטען אין פראַנקרייך און ענגלאַנד, איז דער 25־טער דעצעמבער דאָרט געווען א יום טוב נאָך אין דיא עלטעסטע צייטען.

דיא גריכען האָבען דעם 25־טען דעצעמבער געפייערט דעם געבורט פון הערקולעס און באַקכוס, וועלכע זיי האָבען אויך גערופען: גאָט'ס זוהן און משיח. אין דיא בעריהמטע מיסטעריעס לכבוד באַקכוס פלעגט מען איהם דיזען טאָג צייגען דעם עולם אלס א ניי־געבאָרענעס קינד.

אין אַלטען רוים איז דעם 25 דעצעמבער געווען א גרויסער יום טוב, וועלכער האָט געטראָגען דעם נאָמען Natalis Solis Invicti (דיא געבורט פון דער אונבעזיעגבארער זון). אַלע געשעפטען זיינען דאַן געשלאָסען געווען, קריעגס־ערקלערונגען און הינריכטונגען פון פערברעכער זיינען אָפּגעלייגט געוואָרן, מען האָט זיך געפרייהט און געשיקט פּרעזענטען, אפילו שקלאַווען האָבען דעם טאָג גערוהט און געקראָגען דיא פרייהייט זיך לוסטיג צו מאַכען.

אין אינדיען און אין כינא איז דיא לעצטע וואָך פון דעצעמבער א גרויסער יום טוב אזוי וויא אין קריסטליכע לענדער. דאָס איז דאָרטען א זעהר אַלטע רעליגיעזע צערעמאָניע. אין אינדיען דעקאָרירט מען דיא הייזער מיט בלומען און מען שיקט פּרעזענטען צו פערוואַנדטע און פריינד. אין כינא זיינען דאַן מאַגאַזינען און גע־ריכטען צוגעמאַכט.

אלס א סימבאָל פון דיזער געבורט פון דער זון האָט מען געוועהנליך געברויכט בוימער, וואָס בלייבען גרין דעם גאַנצען יאהר. דאָס איז צוגלייך געווען א סימבאָל פון דער אייביג־שעפּפענדער קראַפט פון דער נאַטור. דערפון איז עס אין קריסטליכע לענדער פערבליבען דער מנהג צו געברויכען וויהנאַכטס־בוימער אדער יאָלקעס.

עס איז אויך מערקווירדיג, דאָס דיא צייט פון דער זונען־געבורט פאַלט גראַדע אויס אין דעם מזל פון דער בתולה. דיא כאַלדעאישע פּריעסטער אָדער מאַגיקער (מכשפים), וועלכע האָבען זיך בעזאָנדערס בעשעפטיגט מיט אַסטראָלאָגיע, האָבען דאַרום פאַרגעשטעלט אין זייערע בילדער פון דיא מזלות דיא געבורט פון דער זון אַלס אַ איננעל וואס ווערט געזויגען פון אַ בתולה.

אָבער נאָך מערקווירדיגער איז דער טהייל פון דעם זונען־מיטה, אין וועלכען דיא זון ווערט פאַרגעשטעלט אַלס אַן אָפּפער אום צו ערלייזען דיא מענשהייט. מען האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז דיא זון ווערט געטויטעט אויף אַ קרייץ אין הימעל דורך דיא מאַכט פון פינסטערניס און ווינטער. אין דיא שירים פון ריג־ וועדאַ ווערט דיא זון בעשריבען, וויא זיא ציהט אויס איהרע אַרעמס אין הימעל צו בענטשען דיא וועלט און צו ערלייזען איהר פון פינסטערניס. דיא הערליכע און ערקוויקענדע זון פון זומער פערלירט אָבער ביסלעכווייז איהר קראַפט. איהר גאַנצע אַרבייט איז אומזיסט; אַלעס פערוועלקט אין ווינטער. דיא פינסטערניס מיט איהר קעלט קריעגט דיא אויבער־ מאַכט אין ווינטער. דיא זון קען זיך גאָר ניט העלפען געגען דעם. זיא קעמפּפט, רייסט זיך דורך, שיינט אַ ביסעל אין דיא ווינטער־טעג, אָבער זיא האָט שוין ניט דיא קראַפט צו ערוואַרמען און צו ברייגגען לעבען אויף דער ערד. אַזוי איז עס איהר פינסטערער מזל. מען האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז מען פּייניגט איהר, אַז מען יאָגט איהר אַלץ אַרונטער אין אַן אָבגרונד, אום איהר צו טויטען, ווייל זיא האָט זיך געאָפּפּערט פאַר דיא מענשהייט ווען זיא איז געוועזען קרעפטיג.

דער אַלגעמיינער סימבאָל פון דער זון׳ס פּייניגונג און טויט אין ווינטער איז געוועזען אַ קרייץ. אַלע זונען־געטער ווערן פאָרגע־ שטעלט וויא געטויטעטע דורך אַ פייל, שפּיז אדער אַ דאָרן פון ווינטער. פינסטערניס און ווינטער זיינען פאַרגעשטעלט געוועזען אַלס דער שטן, דער גייסט פון פערניכטונג. נאָך דיא עגיפּטישע מיטהאָ־ לאָגיע ווערט דער זונען־גאָט און ערלייזער האָרוס געטויטעט פון סעט, דעם גאָט פון צערשטערונג, דעם טייוועל. אָזיריס איז אויך געקרייציגט געוואָרן אין הימעל. האָרוס איז פאָרגעשטעלט געוועזן

מיט אויסגעצויגענע הענט אין הימעל גראדע וויא קרישנא, אינדרא און אנדערע אינדישע זונען־געטער. דיא קרייציגונג האָט איינפאך בעצייכענט דיא פערלאָרענע מאכט פון דער ווינטער־זון צו מאכען וואקסען בוימער, דען וויא מיר וועלען עס באלד זעהען, זיינען קרייצען אויך א פערקירצטער און פעראיינפאכטער בילד פון בוימער.

דיזע קרייציגונג פון דער זון איז עס בעוויינט געוואָרן פון דיא פארצייטיגע פעלקער אין רעכטען מיטען ווינטער אין דער צייט, ווען דיא טעג זיינען דיא קירצעסטע און דיא זון דערגרייכט איהר ווייטעס־טען פונקט צום זידען פון עקוואטאָר און געפינט זיך אין דעם מזל גדי. אין דיזער צייט שיינט עס, אז דיא זון שטעהט דריי טעג אויף איין אָרט ביז זיא ווערט ווידער געבאָרען און לעבט אויף, אום דורכצומאכען איהר הערליכע זומער־רייזע און צו ערקוויקען דיא מענשען און אלעס אויף דער ערד.

דיא דריי טעג פון דעם ווינטער סאָלטיס זיינען געווען טרויער־טעג פאר דיא פארצייטיגע פעלקער. מען האָט געקלאָגט אויף דעם בי־טערן מזל פון דער זון. דער זונען־גאָט פון דיא כאלדעער און אויך פון דיא אידען איז געווען תמוז. מען האָט איהם בעוויינט, וויא אדאָניס און אנדערע זונען־געטער, וועלכע זיינען אויך געקרייציגט גע־וואָרן אין הימעל. נאך דיא נאכפאָרשונגען פון געלעהרטע איז דער העברעאישער תמוז דער זעלבער זונען־גאָט וואס דער פיניקיער אדאָניס. דער געוויין פון דיא פרויען וועגען תמוז, וואס יחזקאל שילדערט אלס א שרעקליכע עבודה־זרה (הנשים ישבות מבכות את התמוז, ח, י״ד), איז נאך פערבונדען געווען מיט דעם ווירקליך אבשייליכען פאללוס־קולט, וויא מיר וועלען עס באלד זעהען.

דער טרויער האָט זיך געענדיגט אויף דעם דריטען טאָג, דעם 25 דעצעמבער. דאָס איז געווען דער געבורטסטאָג פון דער זון. מען האָט זיך געפרייהט, וואס דיא זון האָט געענדיגט איהרע מאטערניסען און איז געבאָרען געוואָרן צו בעשיינען דיא וועלט, וויא עס איז שוין אויבען בעשריבען געוואָרן.

נאר ביז פריהלינג האָט נאך דיא נייע־געבאָרענע זון קיין קראפט ניט אויפצולעבען דיא ערד. דער ווינטער, וועלכער איז פאָרגעשטעלט

געוואָרן אין דיא מיטהען און סימבאָלישע בילדער אלס א ווילדער חזיר, פערפאָלגט איהר נאך. זיא וואקסט נאר, דאס קינד קלייבט קרעפטען צו פעריאָגען אין גאנצען דעם בייזען ווינטער און הייבט זיך אליין אין הימעל. ענדליך לאזט זיא פיהלען איהר שעפּפענדע קראפט. דאס איז דער אָנפאנג פון פריהלינג, ענדע מערץ, ווען דיא טעג גלייכען זיך אויס מיט דיא נעכט. דער 25 מערץ, דער אָנ־פאנג פון פריהלינג, איז דארום געווען דער יום טוב פון דער ווידער־אויפלעבונג פון דער זון ביי אלע קולטור־פעלקער. דאס איז געווען דער פריהלינגס־פעסט, דער חג הפסח, וועלבער איז געפייערט געוואָרן אין אלע געצענדינערשע לענדער פון דיא גרויעסטע אלטע צייטען אָן.

א ראָד מיט א קרייץ אין מיטען האָט בעצייכענט דעם גאנצען שיינבארען וועג פון דער זון אין אלע פיער עקען וועלט. דער גאנצער זונען מיטה מיט דער קרייציגונג, געבורט, אויפלעבונג און ערלייזונג איז דאָ אויסגעדריקט געוואָרן אין איין איינפאכען סימבאָל.

דיא פערשפּרייטונג פון דעם זעלבען זונען־מיטה מיט דעם זעלבען קרייץ־סימבאָל ביי דיא מעקסיקאנער, פערואנער און אנדערע מעהר פאָרטגעשריטענע פעלקער אין אמעריקא בעווייזט נאר נאך אמאָל, אז דיא זעלבע אורזאכען פיהרען צו זעלבע גלויבענס, וואו דיא מענשען זאָלען זיך ניט געפינען. וועגען דיא פארצייטיגע פעלקער פון דער אלטער וועלט קען מען נאך זאָגען, אז איין פאָלק האָט איבערגענומען דעם זונען־מיטה ביי אן אנדערן, אבוואהל מען האָט גרינדליכע בעווייזע, דאס דיזע זונען־פערגעטערונג איז ענטשטאנען זעלבסטשטענדיג אין איינינע לענדער; אבער וויא אזוי האָבען דיא קול־טור־פעלקער פון דער נייער וועלט געקענט איבערנעהמען דיא זעלבע געשיכטע ביי דיא מצריים אדער אירגענד וועלכען אנדערן פאָלק פון דער אלטער וועלט? דיא ערשטע שפּאנישע גלחים אין מעקסיקאָ און פערו זיינען טאַקע ניט ווייניג ערשטוינט און צומישט געוואָרן, ווען זיי האָבען געפונען קרייצען און א גלויבען אין א געקרייציגטען ערלייזער. דער זונען־גאָט פון דיא מעקסיקאנער האָט געהייסען קוועצאלקאָאטל. נאך דעם גלויבען פון דיא מעקסיקאנער איז קוועצאלקאָאטל געבאָרען געוואָרן פון א בתולה, איז געקרייציגט געוואָרן

אויף א בוים מיט אויסגעצויגענע הענד און איז אויפגעשטאנען תחית המתים. דעם טויט פון קוועצאלקאאטל האבען דיא מעקסיקאנער בעטראכטעט אלס אן ערלייזונג פון דיא זינד פון מענשען. זיי האבען איהם דארום אויך גערופען ערלייזער. צו זיין עהרע פלעגען זיי עס קרייציגען א מענשען ביי א געוויסען פעסט און איהם דערשטעכען מיט א פייל. דיא פריעסטער פון קוועצאלקאאטל פלעגען ברייננגען דיזען קרבן. אין מעקסיקא און אין יוקאטאן האט מען געפונען קרייצען מיט א מענשליכע פיגורע צוגענעגעלט צו זיי, גראדע וויא דיא זונען־געטער אין דער אלטער וועלט.

ווען דיא שפאנישע גלחים האבען דערהערט דיא געשיכטע וועגען דעם געקרייציגטען ערלייזער קוועצאלקאאטל, האבען זיי דיזען גלויבען ערקלערט פאר א טייוועלשע אנשיקעניס. אייניגע פון זיי האבען זיך איינגעבילדעט, אז דער פערפאלענער הייליגער טהאמאס איז על פי נס פערטראגען געווארן נאך מעקסיקא און האט דארט געפּרעדיגט קריסטענטהום, נאר דיא איינגעבארענע האבען עס פערדרייהט אויף זייער ארט. יעדענפאלס האבען דיא גלחים פערניכטעט אלע ביכער, בילדער, סקולפּטורען וועגען דעם מעקסיקאנער ערלייזער, וויא אויך אלע מעקסיקאנער קרייצען, וועלכע זיי האבען נאר געקענט געפינען. דיא ערשטע קריסטען אין דער אלטער וועלט האבען אויך אזוי גע־האנדעלט, וואו נאר זיי האבען עס געקענט. דיא פערגעטערונג פון דיא געקרייציגטע זונען־געטער מיט דיא פעסטען און סימבאלען פון דיא פארצייטיגע פעלקער האבען זיי ערקלערט פאר נאכמאכונגען פון דעם טייוועל, אום צו צומישען און אראפּצופיהרען פון ריכטיגען וועג דיא גלויביגע אין יעזוס קריסטוס. זיי האבען דארום צושטערט פיעלע געצקעס און סימבאלען פון דיזען פארצייטיגען גלויבען.

זעהר ענג פערבונדען מיט דעם זונען־קולט איז דער פאללוס־קולט, וועגען וועלכען מיר האבען פערשפּראכען צו ריידען אין פאריגען קאפּיטעל. אום צו פערשטיין דיזען זאנדערבארען און אין אונזערע אויגען העכסט עקעלהאפטען קולט, דארפען מיר צוערשט נעהמען אין אנבעטראכט, אז דיא ערשטע גלויבענס זיינען געוועזען רע־ליגיאנען פון לעבען און ניט פון טויט, וויא דאס איז שוין

ערקלערט געווען. דיא אַלגעמיין פערשפּרייטעטע פערגעטערונג פון דער זון, וועלכע האָט געפיהרט מיט דער צייט צו דעם אויבען־ערקלער־טען זונען־מיטה און צו אַ גאַנצע מאַסע צערעמאָניעס מיט פערשיעדענע סימבאָלען (אויף אייניגע פון דיזע סימבאָלען איז שוין אָנגעוויזען גע־וואָרן אין דעם קאַפּיטעל איבער פעטישיזמוס) — דיזע פערגעטערונג איז אָנפאַנגס ענטשטאַנען דורך דעם, וואָס דיא זון לעבט אויף דיא ערד מיט איהרע שטראַהלען. עס איז גאַנץ נאַטירליך געווען צו האַלטען דיא זון פאַר דיא אורזאַכע פון דער לעבענסקראַפט, וועלכע איז געווען און פערבליבט דיא גרעסטע און וויכטיגסטע געהיימניס אָדער מיסטעריע פון דער נאַטור. וואָס האָט דען מעהר געקענט אויפרעגען דעם מענשען אין אַלע צייטען און אונטער אַלע קלימאַטען, ערוועקען אין איהם מעהר פערשיעדענע געדאַנקען וועגען דיא וואונדער און סודות פון דער נאַטור, וויא דיזע פערבאָרגענע לעבענסקראַפט, וועלכע עקזיסטירט אין דער קלענסטער גרעזעלע און חיה'לע אזוי גוט וויא אין מענשען זעלבסט? וויא מיר וויסען עס שוין, האָבען דיא ערשטע מענשען בעטראַכטעט אַלע זאַכען פאַר בעלעבטע און בעגייסטערטע. אַלעס אַרום זיי האָט געלעבט און ערוועקט אין זיי געדאַנקען פון לעבען. זיי האָבען דארום מעהר פון אַלעס פערגעטערט דעם פּרינציפּ פון לעבען, דיא געהיימניספאָלע לעבענסקראַפט, דעם אַלערהעכסטען סוד פון דער נאַטור. נאָר אַזוי וויא אין אַלע צייטען האָבען מענשען בעדאַרפט האָבען עפּעס אַן אויסווערטיגען צייכען, אַ פעטיש אָדער סימבאָל פון זייער גלויבען, האָט מען אין דיזען פאַל אויסגע־קליבען דיא נעכסטע אינסטרומענטען אָדער אָרגאַנען פון דעם לעבענס־פּרינציפּ, נעמליך: דיא געשלעכטליכע גליעדער פון מענשען. דאָס איז געווען דער גרונד און אָנפאַנג פון דעם זאָ־גענאַנטען פאַל־לוס־קולט, וועלכער איז נאָך ביז היינט צו טאָג פערשפּרייטעט בעזאָנדערס אין אינדיען און וועלכער ערשטוינט אונז אַזוי.

פאַללוס איז דער פיניקיש־גריכישער נאָמען פון אַ פיגורע פון דעם זכר־אָרגאַן. שפּעטער האָט מען דיזען וואָרט געברויכט צו בע־צייכענען אַלע צערעמאָניעס און סימבאָלען ביי דער פערעהרונג פוןביידע געשלעכטליכע אָרגאַנען, אַ פערעהרונג, וועלכע איז גערעכענט

געוועזן פאר דיא העכסטע רעליגיעזע מיסטעריע ביי פערציייטיגע פעלקער און יעצט אין אינדיען. אין דער פארמע פון ל י נ ג א (צייכען פון מענליכען ארגאן) און י א נ י (צייכען פון ווייבליכען ארגאן) פערגעטערן יעצט פיעלע אינדישע סעקטען דיא שעפפענדע קראפט פון דער נאטור אזוי וויא אמאל דיא אידען, פיניקיער, מצריים, פערסען, כאלדעער, גריכען, רוימער און אלע קולטור־פעלקער.

דיזער קולט איז אין אמת׳ען גאר ניט געוועזן אזוי גראב און עקעלהאפט, וויא דאס שיינט אונז. לינגא און יאני זיינען געוועזן און בלייבען סימבאלען פון דער לעבענסקראפט. מען האט זיך גאר ניט געשעמט צו טראגען פיגורען פון דיזע ארגאנען ביי רעליגיעזע פראצעסיאנען און אפילו אויף דיא העלזער אלס פוץ־זאכען און קמיעות אזוי וויא קרייצען. פאללוס אדער לינגא איז אויך געווארן א סימבאל פון דער זון, יאני—פון דער ערד. דער פערגלייך איז פערשטענדליך און נאטירליך, דען דיא ערד ווערט ערוועקט צום לעבען דורך דיא זון און ווערט אין מיטהען פארגעשטעלט אלס דיא ווייבליכע נאטור.

דיא בעריהמטעסטע פראצעסיאנען אין פערבינדונג מיט דעם פאללוס־קולט זיינען געוועזן אין אלעקסאנדריא און רוים לכבוד דעם זונען־גאט באקכוס אדער דיאניסיאוס. דאס איז געוועזן א טהייל פון דיא באקכוס־מיסטעריעס. אין דער צייט פון פטאלאמעאוס פילאדעלפוס האט מען ביי אזא פראצעסיאן אין אלעקסאנדריא געטראגען א גאלדענע פיגורע פון א פאללוס 360 פוס לאנג. לעבען דעם טעמפעל פון ווענוס אין היעראפאלים זיינען געשטאנען צוויי זיילען אין דער פארמע פון פאללוס 180 פוס הויך. אויף דיזע זיילען פלעגט א פריעסט ארויפגיין איין מאל יעדען יאהר און זאגען תפילות 7 טעג. דיא מענער און פרויען אין דיא פאללוס־צערעמאניעס פלעגען טראגען פיגורען פון דיא געשלעכטליכע ארגאנען אויף זייערע העלזער. זיי זיינען אויך געוועזן בעפוצט מיט בלומען. פאללוסען פלעגט מען אויך אנהענגען אויף סטאטועז און שטעלען לעבען טעמפלען. דיזע פראצעסיאנען זיינען געוועהנליך געוועזן זעהר לוסטיגע און האבען געפיהרט צו שרעקליכע אויסגעלאסענהייט, בעזאנדערס אין רוים. נאך דיזע פרא־

צעסיאָנען פלעגען פרויען און מענער בעעהרען באַקכוסען מיט בעסטיאַ־לישע תאוה.

דיא פיניקיער פלעגען פראַווען דיא פאַללוס־צערעמאָניעס לכבוד זייער זונען־גאָט אדאָנים (אדני) אדער תמוז, דיא מצריים—לכבוד אָזירים, דיא פריגיער—לכבוד אַטטיס (אויך אַ זונען־גאָט און משיח).

ביי ערד־אויסגראָבונגען האָט מען געפונען פיעלע סימבאָלען און פיגורען פון דעם פאַללוס־קולט. דיא פיגורע 96 איז אַ קאָפּיע פון אַן אויסגעקריצטען בילד אויף אַן אַגאַט־שטיין, וועלכער איז געפונען געוואָרן ביי אַן אויסגראָבונג און וועלכער געפינט זיך יעצט אין דעם קאַלווערט מוזעאום אין אַוויניאָן, זיד־פראַנקרייך. דיא אויסקריצונג איז געמאַכט געוואָרן אין גרויאַלטע צייטען און שטעלט פאָר צוזאַמען עטליכע סימבאָלען פון דעם זונען־קולט און פאַללוס־קולט. אויבען איז דיא זון און דיא לבנה; דער פריעסט דיענט צום זונען־גאָט לעבען אַ מזבח, אויף וועלכען עס שטעהט אַ פאַללוס אונטער אַ דרייעק, סימבאָל פון דריי־איינינקייט; צווישען איז דער סימבאָל יאָני, און הינטער דעם אַל־טאַר איז אַ פּאַלמע, וועלכע איז אויך גע־ווען אַ פאַללישער סימבאָל.



פיגורע 96. — אַן אַלטער בילד פון דער זונען־פערעהרונג און פון פאַללוס־קולט.

אויף דיזען קולט זיינען דאָ פיעלע אָנווייזונגען אין דער ביבעל. אשרה און בעל פעור זיינען אייגענטליך געווען דאָס זעלבע, וואָס דיא אינדישע לינגא און יאָני. אשרה איז געשטאַנען אויף דעם קיילעבדיגען מזבח פון בעל פעור. אשרה איז, וויא מיר ווייסען עס שוין, געווען אַ בוים, אַ סימבאָל פון לעבענסבוים. אַ בוים איז איבערהויפּט גערעכענט געווען פאַר אַ לינגא־סימבאָל, בעזאָנדערס אַ פּאַלמע. ווען דיא אידען זיינען פערשלעפּט געוואָרן אין בבל, האָבען זיי דאָרטען נאָך מעהר איבערגענומען דעם פאַללוס־קולט. אויף דיזע עבודה־זרה קלאָגט עס בעזאָנדערס יחזקאל. דיא ערגסטע פון דיא

זינדען וואס דיזער נביא רעכענט אויס, איז וואס דיא אידען טראָגען זמורה צו זייערע עפּענונגען (והנם שלחים את הזמורה אל אפּם יחזקאל, ח, י״ז). זמורה בעדייטעט א שטעקען, וועלכער איז געווען א פאַללוס־צייכען אזוי וויא א זייל פון שטיינער און יעדע גלייכע ציר־לינדרישע זאַך. געוויסע געלעהרטע בעהויפּטען, אז דיא מעשה מיט יעקב (בראשית, כ״ח, י״ח), וויא ער האָט אויפגעשטעלט א זייל פון שטיינער, ארויפגעגאָסען אייל אויפ׳ן שפּיץ און נאכהער עס א נאמען געגעבען בית־אל, איז א׳ן אָנדייטונג אויף דעם פאַללוס־קולט. זיילען פון שטיינער זיינען געווען דער געברויכליכסטער סימבאָל פון פאַללוס. מען האָט אויף זייערע שפּיצען געגאָסען אייל אלס אָפּפער צו דעם זונען־גאָט און זיי גערופען בעטי־לי. פיעלע אמאָליגע זיילען פון שטיינער, וועלכע צייגען דייטליך אָן דורך זייערע פאָרמען אויף דעם פאַללוס־קולט, זיינען נאך ביז יעצט פערבליבען אין איינינע ער־טער. אמאָל פלעגט מען זיי אויפשטעלען אויף דיא וועגען און יעדער פארבייגעהער פלעגט זיי אָפּגעבען כבוד דורך צוואוארפען א שטיין צום הויפען אדער דורך זאלבען דעם זייל מיט אייל. פיעלע ביבלישע נעמען צייגען אויך אָן אויף דיא פערגעטערונג פון פאַללוס, נאר מיר קענען זיך דאָ ניט ארייַנלאָזען אין אזעלכע איינצעלהייטען.

אלס אָנדענקען פון דעם אמאָליגען פאַללוס־קולט ביי אוירא־פּעאישע פעלקער איז פערבליבען דער מאַי־בוים אדער דער מאַי־שטאַנג, ארום וועלכען מיידלעך טאַנצען.

דער פאַללוס־קולט איז נאָך, וויא שוין בעמערקט, פערשפּרייטעט אין אינדיען אזוי וויא אין אַלטע צייטען ביי אַנדערע פעלקער. דיא סעקטען, וואָס בוקען זיך בעזאָנדערס צו סיווא, דעם גאָט פון צער־שטערונג און אויפלעבונג אָדער ווידער־געבורט, און וואס טראָגען דארום דעם נאָמען סאַיוואַ, פערעהרען דעם לינגא־סימבאָל. זיי טראָגען דיזען סימבאָל אויף זייער קערפּער, שניידען איהם אויס אויף זייערע הענט, שטערן, ברוסט, א. ז. וו. אין זייערע צערעמאָניעס גע־ברויכען זיי אויך אלס צייכען פון לינגא דיא זאמען־שטעקעלעך פון בלומען, זיילען פון שטיינער און איבערהויפּט אויפרעכטע צילינדרי־שע זאכען. אין דעם הייליגען בוך סיווא־פּוראנא ווערן אויסגע־

רעכענט 12 הויפטצייכענס פון לינגא פאר דיא פערעהרערס פון סי־ווא. עס זיינען נאָך פערבליבען מיליאָנען אזעלכע לינגא־פערעהרערס.

פיגורע 97.--א סטאטוע פון דער אינדישער געטין דעווי מיט א לינגא אין דער האַנט.

ניט ווייניגער איז דיא צאָהל פון דיא ספעציעלע פערעהרערס פון יאָני. זיי טראָגען דעם נאָמען ס א ק ט א און פערעהרען דיא ווייבער פון דיא געטער, בעזאָנדערס פון סי־ווא. דיא געטין סאקטי אָדער ד ע ו ו י איז פאָרגעשטעלט דורך א נאקעטע פרוי. דער אלגעמיינער צייכען פון דיזער סעקטע איז דיא יאָני. ד ע ו ו י איז א מין לילית, זיא ווערט גערופען דיא שרעקליכע. איינע פון דיא סטאטוען פון דער געטין דעווי מיט א לינגא אין דער האנד איז פאָרגעשטעלט דורך דיא פיגורע 97. פרויען און מענער נעהמען אנטהייל אין דיא משונה'דיגע צערעמאָניעס לכבוד דיזער געטין. דיא צערעמאָניעס האָ־בען מייסטענס דעם צוועק צו קומען אין אן אויפגערעגטען אָדער „בעגייסטערטען“ צושטאנד און זיי ענדיגען זיך מיט ווילדע אויסגעלאסענהייט און בעסטיאלישע סצענען.

דער קרייץ, אלס סימבאָל פון בוימער און פון דער זון, איז אויך פערבונדען געווארען מיט דעם פאללוס־קולט. קרייצען זיינען געוואָרען א זעהר געהיימניספאָלער סימבאָל פון אויפלעבונג און וויע־דערגעבורט. דורך דיא צוזאמענשמעלצונג פון דעם זונען־קולט און פאללוס־קולט, וועלכע האָבען געהאט א געמיינשאפטליכען גרונד, נעמליך: דיא פערגעטערונג פון דער שעפּפענדער נאטור, פון לע־בענסקראפט, וויא מיר האָבען דאס שוין געזעהען, זיינען אויך זיי־ערע אויסווערטיגע צייכענס און צערעמאָניעס צומישט געוואָרען. דיא פיגורע 96 צייגט אויך אָן אויף דעם. דיא פאָרמען פון קרייצען זיינען נאטירליך געווען פערשיעדענע. איינע פון דיא עלטעסטע פאָרמען פון קרייצען איז דער אידישער ת ו אדער אונגעפעהר

וויא דער בוכשטאב T דאָס איז אָנפאנגס געווען א זעהר איינפאכער בילד פון דעם לעבענס־בוים און שפּעטער א סימבאָל פון דריי־אייניגקייט. דיזען תו־קרייץ האָט עס יחזקאל געמאכט אויף דיא שטערנס פון דיא גאָטספאָרכטיגע אידען אין ירושלים (עבר בתוך העיר בתוך ירושלים והיתוית ת ו על מצחות האנשים. יחזקאל ט, ד). אין כינא איז דער תו־קרייץ א סימבאָל פון דער גאנצער נאטור. מיט דער צייט איז דער T אויך געווארן א סימבאָל פון פאללוס, ווייל ער איז א פעראיינפאכטע פאָרשטעלונג פון דעם מענליכען אָרגאן. ער האָט דאן אָנגענומען דיא עכט־פאלישע פאָרמע וויא אויף דער פיגורע 98.

פיגורע 99.—א לינגא אין דער פאָרמע פון א טריאַדע.

ביי צערעמאָניעס און מיסטעריעס האָט מען דיזע פאללוס־סימבאָלען, גענאנט טריאַדען (דריי־אייניגקייטען), פאַרגעשטעלט דורך צווייגען, שטעקלעך, שפּיזען, פאלמען־בוימער מיט אייער, עפּעל, ציטראָנען, פלוימען און אנדערע קיילעכדיגע פרוכטען.

אזעלכע טריאדען האָט מען געפונען ביי אויסגראָבונגען אין מצרים, בבל אשור, סיריען, א. ז. וו.

דער קרייץ איז זעהר פערעהרט געווען פון דיא מצריים אין אלע פאָרמען. פיעלע עגיפּטישע געטער האלטען קרייצען אין זייערע הענט. אין דיא מוזעאומען, בעזאָנדערס אין בריטישען, קען מען זעהען איינינגע פון זיי. מען האָט אויך געפונען א סטאטוע, וועלכע שטעלט פאָר וויא דער עגיפּטישער משיח האָרוס זיצט אויף דעם שויס פון זיין מוטער איזיס און האלט א קרייץ אין זיין האנד. מען פלעגט אין מצרים אויך מאכען דעם צייכען פון קרייץ אויף זיך, בעזאָנדערס ביי געוויסע הייליגע צערעמאָניעס און מיסטעריעס, און שטעמפּלען מיט א קרייץ דיא הייליגע קוכענס, וועלכע מען פלעגט מאכען אין דער פאָרמע פון לינגא און יאָני און אָפּפערן צו דער „קעניגין פון הימעל“. אזעלכע הייליגע געבעק זיינען געברויכט געווען ביי פיעלע פעלקער נאָך אין דיא עלטעסטע צייטען, דארונטער אויך ביי מעקסיקאנער און אידען. וועגען דיזע עבודה זרה קלאָגט עס

ירמיה (ז, י"ח) דען ער קען קיין אנדער זאך ניט מיינען מיט דיא ווערטער: הבנים מלקטים עצים והאבות מבערים את האש והנשים לשות בצק לעשות כ ו נ י ם ל מ ל כ ת השמים (דיא קינדער קלייבען האלץ און דיא פאטערס מאכען פייער און דיא פרויען קנע־טען דיא טייג צו באקען ק ו כ ע נ ס צ ו ד ע ר ק ע נ י ג י ן פ ו ן ה י מ ע ל).

נאר דיא געוויינליכסטע און הייליגסטע פארמע פון קרייץ אין מצרים איז געווען וויא אויף דער פיגורע 99, וועלכע איז א קאפיע פון א בילד אין אן אלטען עגיפטישען טעמפעל. דאס איז א פאר־שטעלונג וויא צוויי געטער פערעהרען דעם פאללום האלטענדיג קריי־צען אין דיא הענט. דיזע קרייצען זיינען איינפאך פ ע ר א י י נ י־ג ו נ ג פ ו ן ל י נ ג א מיט י א נ י. דאס איז דער פולער סימ־באל פון דעם פאללום־קולט. דער תו (T) אדער טריאדע איז פער־בונדען מיט דעם סימבאל יאני פון דער געטליכער מוטער. צוזאמען איז עס א צייכען פון דער אייביגער לע־בענסקראפט, פון דער טיעפסטער און העכסטער נאטור־געהיימנים. דער עגיפטי־שער נאמען פאר דיזען קרייץ איז א נ ך, דער לאטיינישער — crux ansata (קרייץ מיט א רינג אדער הענטעל). אזירים איז פארגעשטעלט געווען מיט אזא קרייץ.



פיגורע 99.—א בילד פון פאל־לוס־קולט אין מצרים.

דער זעלבער אנך אדער לינגא־יאני קרייץ איז פערצייכענט אויף דער פיגורע 100, וועלכע דריקט אויס פארטרעפליך דיא מיט־האלאגישע פארשטעלונגען פון דיא בראמינען. דיזע פיגורע איז געצייכענט געווארן פון א געלערנטען בראמין פאר א געלערנטען ענגלענדער, אום איהם בעקאנט צו מאכען מיט דיא מיסטעריעס פון דעם בראמינישען גלויבען. זיא שטעלט פאר דעם העכסטען גאט ב ר א מ א וועלכער האט זיך אליין געשאפען און אין דיזער צייט אנגענומען דיא פארמע פון א מאן און פרוי. דיא ל י נ ק ע העלפט פון דער פיגורע איז א ווייבליכע, דיא ר ע כ ט ע — א מענליכע. ביידע העלפט ווערן פעראייניגט דורך דעם אנך אדער crux ansata

(אויף אייניגע געצקעס ווערן ב י י ד ע אָרגאנען פאָרגעשטעלט אָהן שום חקירות, אָהן שאנד). אויף'ן שטערן איז אויסגעקריצט דער יאָני־סימבאָל איבער א האלבע לבנה. אויף'ן קאָפּ איז א פיש, וועל־כער איז א סימבאָל פון פרוכטבארקייט, וויא מיר ווייסען עס שוין. דיא פערבויגענע פינגער פון דער מענליכער האנט זיינען דער געברויכליכסטער צייכען פון דער טריאדע אָדער „דריי אין איינס געהיימנים". דיא ווייבליכע האנט האלט א בלי־הענדע פלאנץ אלס א סימבאָל פון ווידער־געבורט. דער שלאנג פעהלט אויך ניט אלס א סימ־באָל פון עוויגקייט און וויין־הייט. די גאנצע פיגורע שטעהט אויף א לאָטוס־בלום, וועלכע איז גערעכענט געווען אלס א צייכען פון הערמאפראָדיט (זכר און נקבה אין איין קערפער).



פיגורע 100.—זעלבסטגעשאפענער בראַמאַ מיט זיינע הויפט־סימבאָלען.

דער פאללוס ־ קולט איז אויך פראקטיצירט געווארען פון דיא אָנבעטערס אין טעמפ־לען אויף א נאטירליכע ארט. וועגען דעם האָבען מיר שוין גערעדט אין דיא קאפיט־לעך איבער פאמיליען. דאָרטען האָבען מיר אָנגעציינט אויף דיא געזעלשאפטליכע אורזאכען פון דיא casas das tintas (הייזער פון געפארבטע) און פון דיא טעמפלען פאר בתולות אין בבל און אנדערע ערטער. דיא רעליגיעזע אורזאכע דערפון ווארפט זיך אליין אין דיא אויגען. דאָס איז איינפאך געווען אָן אָפּפער צור

עהרע פון דעם זונען־גאָט אָדער איבערהויפּט פון דעם גאָט פון לע־בענסקראפט. דיזע פּראָסטיטוציאָן אין טעמפּלען איז געווען פער־בונדען מיט אנדערע פאללוס־צערעמאָניעס. זיא איז געווען א טהייל פון פאללוס־קולט, און קיינער האָט זיך ניט גע־שעמט דערמיט. אין אינדיען און אין אייניגע אנדערע ערטער וואו דער פאללוס־קולט איז נאָך פערבליבען, ווערט אויך פּראקטי־צירט דיזע פּראָסטיטוציאָן לשם שמים. אפילו אין טירקיי איז נאָך דאָ א קלאס פרויען, וואָס גיבען אָפּ זייערע לייבער צום פאללוס־קולט און וואָס גיבען אָפּ זייערע פערדיענסטען פון דיזע פּראָסטי־טוציאָן צו דיא טעמפּלען. דיא אסירישע ווענוס האָט געהייסען מ י ל י ט א. ווען א מאן פלעגט א וואָרף טאָן אין דעם שויס פון א פרוי א זילבערנע מטבעה, וואָס עס האָט געהייסען, אז זיא מוז זיך אָפּגעבען צו איהם, פלעגט ער דערביי אויסרופען: „איך בעט דיא געטין מיליטא זאָל זיין גינסטיג צו דיר“.

אין דער ביבעל זיינען דאָ פיעלע פערשטעלטע אָנווייזונגען אויף דיזע עבודה־זרה. דיא דייטליכסטע אָנווייזונג אויף דיזען מנהג איז אין שמואל א (ב, כ"ב), וואו עס ווערט דערצעהלט, אז דיא זיהן פון עלי זיינען געלעגען מיט פרויען וואָס האָבען זיך פערזאמעלט לעבען דיא טיר פון טעמפעל־געצעלט (אשר ישכבן את הנשים הצבאות פתח אהל מועד).

אויף דעם שפּיץ פון טעמפּעל צום זונען־גאָט בעלוס איז גע־ווען א צימער, וואו עס איז געשטאנען א בעט לעבען א גאָלדענע געצקע. דאָס זעלבע איז אויך געווען אין אייניגע עגיפּטישע טעמפּ־לען. יעדע נאכט פלעגט אהין געבראכט ווערן א פרוי, אז דער היי־ליגער גייסט זאָל צו איהר קומען.

דיא מעשה מיט דער שבועה, וואָס אברהם האָט פערלאנגט פון זיין עלטעסטען דיענער און פון זיין זוהן יצחק דורך אונטערליי־גען דיא האנט „תחת ירכי“ (בראשית, כ"ד, ב" און מ"ז, כ"ט) איז אויך א צייכען פון דעם פאללוס־קולט. עס איז קלאָר, אז דיזער אָרט „תחת ירכי“ איז גערעכענט געווען פאר דעם פּאסענדסטען צו גע־בען א הייליגע שבועה.

מיר וואָלטען נאָך געקענט אָנווייזען אויף פיעלע אנדערע סימ־באָלען און צערעמאָניעס אין פערבינדונג מיט דעם פאללוס־קולט, וויא צום ביישפיעל: דיא אלגעמיינע פערהייליגונג פון „פריה ורביה“, דער בעפעהל פון דברים (כג, ב): „לא יבא פ צ ו ע ־ ד כ ה ו כ ר ו ת שפכה בקהל יהוה“, דיא איינבילדונג פון דיא פריעסטער פון אינדיען און אשור וועגען א בעזונדערן גיהנם פאר קינדערלאָזע פרויען, א. ז. וו., אָבער דאָס אויבענגעזאָגטע בעווייזט גאנץ גענוג, וויא ווייט און טיעף דיזער גלויבען איז איינגעוואָרצעלט געווען ביי אלע קולטור־פעלקער אפילו אין דיא היסטאָרישע צייטען.

עס איז שווער צו בעשטימען, אויב דער זונען־קולט איז ענט־שטאנען פריהער פאר דעם פאללוס־קולט. וואהרשיינליך זיינען זיי ענשטאנען גלייכצייטיג, דען איבעראל געפינען מיר זיי צוזאמענ־געמישט אין מיטהען, צערעמאָניעס, מיסטעריעס און סימבאָלען, וויא מיר האָבען דאָס געזעהען. יעדענפאלס זיינען זיי ביידע א פער־עהרונג פון דער שעפפענדער נאטור און האָבען געדיענט אלס פונ־דאמענט פון מיטהאָלאָגיע ביי אלע קולטור־פעלקער.

מיר קענען דערמיט ענדיגען אונזער נאכפאָרשונג וועגען רע־ליגיאָנען און אויך שליסען אונזער קולטור־געשיכטע.

מיר זיינען יעדענפאלס אריינגעטראָטען וויט־ווייט אין היס־טאָרישע צייטען. אין עטליכע קאפיטלעך זיינען מיר צוגעקומען צו דיא גלויבענס פון דיא ציוויליזירטעסטע פעלקער, בעזאָנדערס אין אונזער נאכפאָרשונג איבער ערלייזונגען און כפרות און אין דיא לעצטע קאפיטלעך. עס איז איבעריג צו פערנעהמען צייט און פלאץ מיט מאכען פערגלייכע צווישען, צום ביישפיעל, דעם זונען־קולט און אייניגע זאָ־גענאנטע מאָנאָטעאיסטישע רעליגיאָנען. דער לעזער קען אליין מאכען אזעלכע פערגלייכע. פיעלע פון דיזע פערגלייכע ווארפען זיך איינפאך אין דיא אויגען.

אונזער צוועק איז געווען צו צייגען, וויא רעליגיאָנען האָבען זיך אין אלגעמיין ענטוויקעלט. דיזען צוועק האָבען מיר דערגרייכט. אלעס איבעריגעס איז וויא א נייע ווענטעל אויף דעם זעלבען פונ־דאמענט. דער אלגעמיינער כאראקטער פון דער רעליגיאָנס־געביידע

ווערט ניט געענדערט דורך דעם, וואָס מען שילדערט נאָך עטליכע מיטהען, נאָך עטליכע צערעמאָניעס, נאָך עטליכע רעליגיעזע לעהרעס. פערקעהרט, מען קען זאָגען, אז איהר אויסזעהען ווערט פערדונקעלט און צופלאָנטערט דורך צו פיעל איינצעלהייטען.

מיר ווערען דארום לאָזען אָן א זייט אזעלכע רעליגיעזע לעהרעס וויא דיא בראמינישע, זאָראָאסטרישע, בודדיסטישע א. ז. וו. וועגען יעדע פון זיי עקזיסטירט א גאנצע ליטעראטור. מיר מוזען זיך אויך אין דיזען פאל בעגנוגענען מיט דעם, וואס עס איז שוין געזאָגט געווארן וועגען זיי און וועגען דיא אלגעמיינע ענטוויקלונג פון אלע רעליגיאָנען.

ענדע פון דריטען און לעצטען באנד.

אַלפֿאַבעטישער אָנצייגער

פֿון נעמען און געגענשטענדע אין דיזער קולטורגעשיכטע.

(רוימישע ציפֿער ווייזען אָן אויף דעם באַנד, אַראַבישע — אויף די זייטען).

א.

אַאיש I, 149.
אַבאָרען I, 36.
אַבד־אַבלאַטיף III, 213.
אַביפּאָנען I, 79.
אַבסטראַקטע געדאַנקען II, 4.
אַבערגלויבענס III, 198, (וועגען היגגעריכטעטע) 246.
אַגגלוטינאַציאָן III, 21.
אַגני III, 325.
אַדאָבען I, 191.
אַדאָניס III, 331, 336.
אַדיטי (מאָרגענרעטהע) III, 324.
אָדין III, 244.
אָדיסעאוס III, 207.
אַדריאַן III, 218.
אַוועסטאַ II, 198; III, 50.
אויסטראַליער I, 112, 117, 127, 129, 136, 137, 181 259; II, 28, 71, 86, 87, 144; III, 16, 34, 99, 172, 253, 255, 258, 285, 292.
אייראָפּעאישע ציוויליזאַציאָן II, 323.
אייראָפּעאישע קליידער I, 257.
אייראָפּער II, 322.
אויסרופֿס־ווערטער III, 19.
אויפֿפאַטרידען II, 219.
אויקאַריסטיע II, 300.
אושפּיזין III, 191.
אַזאָאישע צייט I, 14.
אָזירים III, 258, 268, 271, 325, 330, 336 340.
אחדות ־ געפֿיהל II, 156, 206, 212.
אַטטיס III, 336.
אַטטיקא II, 61.
אָטהעם III, 167, 169.
אַטהען I, 168; II, 54, 56, 5[illegible], 61, 216, 219, 221; III, 200
אַטלאַנטיס I, 269.
אַטלאַנטישער אָקעאַן I, 268.
אַטען II, 36, 151.
אַטראָפּיע I, 23.
אַטריום I, 186.
אידעאָגראַפּישע צייכענס III, 113
אידען I, 110, 122, 138, 147, 159, 162, 171, 191, 209, 293; II, 50, 52, 112, 114,

120, 168, 256, 258, 269, 319; III, 47, 68, 130, 179, 190, 197, 201, 202, 205, 228, 239, 256, 258, 271, 278, 288, 294, 295 331, 336, 339, 342.

איזים III, 258, 325, 328.

איגענטהום II, אַלס רעכט) 133, (ביי חיות) 134—140, (ביי דיא ווילדעסטע פעלקער) 142—144, (ביי אויסטראַליער 144 — 146, ביי אינדיאַנער) 150—160, (ביי פּאָלינעזיער) 160 — 164, (אין ניי - זעעלאַנד) 162, אויף פרוכט־בוימער און פּראָדוקטען 162 — 163, 174, (ביי אידען) 206—214, (ביי גריכען) 214—223, (ביי רוי־מער) 223—234; III, (ציוי־כענם) 98.

אייז־פּעריאָד I, 17, 28—30.

אייזערנער פּעריאָד I, 283—297.

אילאָטען II, 218.

איליאַדע II, 218.

איללירער I, 296.

אינדיאַנער I, 121, 127, 138, 144, 165, 176, 228, 234, 240, 259, 274; II, 27, 71, 78—80, 85, 87, 110; III, 16, 17, 101, 194, 216, 225, 236, 253, 255, 285, 289, 291, 307.

אינדיווידואַליזמוס II, 201 — 203, 221.

אינדיען I, 165, 211; II, 26, 72, 80, 85, 88, 198, 256, 317; III, 218—220, 226, 286 289, 337.

אינדרא I, 157; III, 325, 331.

אינקאַס II, 37, 244.

אינקוויזיציאָן II, 305.

איראָקעזען I, 198; II, 27, 33, 43, 152.

אירלאַנד II, 67.

אַכעמענידישע אויפשריפטען און דינאַסטיע III, 52—54,66.

אַלואוויאַלער פּעריאָד I, 30.

אַלטע אידישע אויפשריפטען III, 134—135.

אליהו הנביא'ס כוס III, 190.

אָלימפּיאַ II, 60.

אלכסנדר מוקדן II, 261.

אלמנות־פּערברענונג III, 219.

אַלעאוטישע אינזלען II, 37.

אַלפאַבעט III, (שריפט) 109, (טאַ־בעלע) 129, (פיניקישער) 121, 126 — 130, (אַראַמעאישער) 135, (גריכישער) 137—139, לאטיינישער) 137, (אַראַבישער, גאָטהישער און סלאַווישער) 140

אַלקאַלאָאידען I, 164.

אַלקמען'ס מוטערמאָרד II, 55.

אָם III, 266.

אַמאַזאָנען II, 55—65.

אַמאָן II, 245; III, 325.

אַמאָק III, 310.

אָמאַר II, 51.

אַמבילאַנאַק II, 29.

אַנאַלזטישער מעטהאָד II, 4—10.

אַנדאַמאַנער אינזלען III, 262, 263, 264.

אַנך־קרייץ (crux ansata) III, 340.

אַנטיאָפּא II, 57.
אַנטראָפּאָלאָגיע I, 25; III, 86.
אַנטראָפּאָפּיטהעק I, 19, 22.
אַנקעטיל־דיופּעראָן III, 50.
אָנקעל־רעכט II, 32, 73, 310.
אַסטאַרטע (עשתרות) II, 112; III, 327.
אַסיריאָלאָגיע III, 67.
אַפּאָלאָן II, 54, 55, 58, 297.
אַפּאַסטאַמבאָ II, 306.
אָפּפּערט III, 67.
אָפּשווערונגען III, 248, 303.
אָפּשרעקונגס־געטער פּאַר פּרויען! II, 104—107.
אַפּאַזיאַ III, 5.
אָפּיטען III, 294.
אַפּיקסען III, 22.
אַצטעקען (מעקסיקאַנער) I, 52.
אַקאַמבי II, 37.
אַקער I, 105.
אַקערבוי און פיהפּיטערונג (אָנ־פאַנג) I, 75—80.
אַקערבויער צושטאַנד 86, 91.
אַקקאַדיער (אכד) III, 67.
אַקראָפּאָל II, 56.
אַראַבישע ציפער III, 145.
אַראַבען II, 51, 90.
אַראוקאַנער II, 77.
אָראָמאַזד III, 267.
אָראַקעל II, 297; III, 312.
אַרגאַנאַוטען־רייזע II, 60.
אָרדאַליע II, 299.
אַריסטאָטעלעס I, 170, 215; II, 49, 186, 215, 217.
אַרימאַן III, 267.
אַריסטאָקראַטען ביי מוראַשקעס און מענשען II, 139.
אַריער I, 157; II, 321; III, 46
אַרכעאָלאָגיע I, 8.
אַרנאָביוס III, 288.
אָרעסט'ס פּראָצעס II, 53—55.
אַשאַנטיען II, 25, 75; III, 217
אשרה III, 288, 336.

ב.

באָב I, 98.
באָד־גריבער I, 144.
באָוסטראָפעדאָן III, 139.
באַזילעאוס II, 246, 262.
באָטאָקודען I, 172; III, 142, 319.
באַטאַקען III, 211, 224.
באַלאָנד II, 23.
באָלאַסאָ, I, 115.
טאַנאַרען I, 91.
באַנגאַלען II, 25; III, 211.
באָנזען I, 47.
באַסקען II, 66, 81.
באָפּפּ III, 45.
באָקאַאירען I, 35.
באקכוס II, 120; III, 329, 335
באָקל III, 172.
באַק־שטיינער I, 135.
באָרנו I, 254; II, 25.
באָרנעאָ III, 223.
בבל II, 111.
בוימוואל I, 212.
בוימער־פערגעטערונג III, 284—288.
בוימעל I, 168.
בויער־האָלץ I, 128.
בוכשטאַב־צאהלען III, 144.
בומעראַנג I, 117.
בונגו II, 106.

בונבאָלאַנג III, 253.
בורזשואַזיע II, 273.
בורונף III, 51.
בושמענען I, 54, 89, 103, 129, 196; II, 142; III, 16, 17, 34, 263.
ביבלישע געזעצגעבונג II, 208.
בילדער־שריפטען III, 89—102.
בינענצוכט I, 155.
ביער I, 159.
בית המקדש I, 191—192; III, 201, 271.
בכורים (ערמאָרדונג אויפאָפּפערונג און ערלייזונג) II, 117, 119, 120; III, 239—243.
בלוט II, (פערוואַנדשאַפט) 30, 50, (שאַנדע) 35; III, (אָפּפער) 203—207, 226—228.
בעגויסטערנדע געטרענק III, 165, 202, 308, 310.
בעגויסטערטער צושטאַנד III, 304, 307, 338.
בעגלייטער־קרבנות III, 214, 220
בעדואינען II, 37.
בעוואוסטלאָזע איינדריקע III, 156.
בעל־פּעור III, 336.
בעלעד־על־מראַ (פרויען־לאַנד) II, 25.
בערבערען III, 83.
בעשיצענדע מענשליכע קרבנות III 221.
בראָט־גריבער I, 136.
בראַמאַ III, 266, 340.
בראַמינען I, 49; II, 306; III, 266, 270, 317, 340.
בראָנזענער פעריאָד I, 276—282.
בראָקאַ III, 6.
ברויט I, 138, 140.
ברושטין I, 277.
ברינטאָן III, 156, 252, 264.
בריעף־שטעקענס III, 100.
ברעטאָן III, 56.
בתולות־אויפאָפּפערונגען II, 111.
בתולה־מוטער III, 326.

ג.

גאולת הדם II, 50, 54, 75, 115, 288, 295, 313.
גאָט׳ס שפּייז III, 201.
גאָלד I, 274.
גאָלדענער פליס II, 60.
גאַלישע קולטור I, 299.
גאַלען I, 256.
גאַנגאַ II, 104; III, 306.
גאַנגעס III, 298.
גאָסען II, 36.
גאָפּעל I, 151.
גאַראָסען II, 88; III, 218.
גאָרגאָן II, 59.
גאָרוב־מיטה III, 264.
גאָרילאַ I, 23.
געהעז־דיאַלעקט III, 75.
גואַם II, 37.
גואַנשען III, 48.
גוויאַנאַ II, 79.
גווינעאַ II, 25.
גורל (אין געריכטען) II, 298.
גוטענבערג III, 123.
גייסטיגע קראַנקהייטען III, 163-165, 311.
גייסטער־קולט II, (אייגענטהום און פּאַטטיאַרכאַט) 199, (שטאַאַטען) 241, (געריכטען) 296;

III, 177, 220.
גלאַדיאַטאָרס II, 230.
גלאָז I, 297.
גלויבענס III, (פון דיא ווילדעסטע פעלקער) 152—154, (אין נשמות און גייסטער) 161, 166—174, 195.
גלעטשערם I, 28.
געאָלאָגיע I, 7.
געאָלאָגישע עפּאָכען און פּעריאָדען I, 14—17.
געבורטסטאג פון דער זון III, 331
געדענקמענער II, 294.
געוועהר I, 112—120.
געזעניוס III, 72.
געזעץ II, 238, 282, (פון 12 טאַבליצעס) 225, 292.
געזעצגעבער II, 281.
געטליכער געריכט II, 300.
געטליכער וואָרט III, 251.
געטליכע כלי III, 297.
געטליכער פייער I, 126, 134.
„געטער וואס מען עסט" (אין מעקסיקאָ) III, 232.
געטרענקע (בעזויפענע און בערוישענדע) I, 153—167.
געמיינדעס II, 154, 173 195, 198, 203, 268, 271, 287.
געפעס I, 143—147.
געצייג I, 103—111.
געצעלטען I, 176.
געצענדיענסט III, 197.
גערבעריי I, 198.
געריכטען II, 279—307.
געריפטע II, 303.
גערמאַנען I, 106, 213, 256; II, 66, 242, 250; III, 218.
גערשטען I, 99, 159.
געשריי־צייכענס III, 18.
גראָטפענד III, 51.
גראַפען II, 271.
גראַקכוס II, 228.
גרויסער גייסט III, 194.
גריכיש־רוימישע ציוויליזאַציאָן II, 267, 322.
גריכישע רעפּובליקען II, 260—263.
גריכען I, 158, 160, 164, 168, 170, 192, 212; II, 53 65, 118, 260; III, 92, 204, 218, 329.
גריכענלאַנד'ס אונטערגאַנג II, 223
גרעגאָריוס דער זיעבטער II, 251, 264.

ד.

דאָבריצהאָפער II; 73.
דאַהאָמעי II, 64; III, 217.
דאַיאַקען II, 80; III, 222, 255 291.
דאַכמאַ III, 183.
דאַלאַי־לאַמאַ II, 248.
דאַנאַליציוס III, 57.
דאַרווין I, 18, 19, 26, 220, 249; II, 13; III, 4.
דאַרפור II, 25.
דבורה II, 58.
דוצען־צעהלונג III, 142.
דונער־פויגעל III,
דועלען II, 278, 300—301.
דזשאָנס III, 45.
דיאַנאַ III, 288.
דיאָדאָר פון סיציליען II, 59, 80.
דיאָניסיוס — זעה באַקכוס.

דיבוא II, 72.
דילאוויאלער פעריאד I, 30.
דיפטאנג III, 30.
דיעריאגען II, 106.
דעא III, 284.
דעוואקי III, 324.
דעווי III, 338.
דעלאווארען I, 182; II, 27.
דעלאס II, 230.
דעלפיער אראקעל און טעמפעל II, 61, 297; III, 312.
דעמאטישע שריפט III, 114.
דעמעטרא II, 60.
דענקונגס־קראפט III, 155.
דעספאטען II, 240, 255—259.
דע־רוזשע III, 109.
דערפער פון טויטע III, 319.
דראגאן III, 279.
דראווידען III, 16, 35, 292.
דריי - איינינקייט III, 265 — 269, 327, 336, 339.

ה.

האאיטי II, 27; III, 185.
האאר־אפשערונגען II, 114.
האבער I, 100.
האבערפעלד־טרייבען II, 107.
האוואאי II, 32, 86; III, 188, 215.
האוועלאק III, 39.
האטענטאטען I, 54, 170; II, 37, 84, 117; III, 34.
האללען II, 194—196.
האלשטאטער קולטור I, 296.
האמאנימען III, 79.
האמער I, 146, 160, 275; II, 53; III, 207.
האנד־מיהל I, 109—111.
האנדעל I, 270; II, 188, 215, 314.
האנזא II, 274.
האניג I, 154.
הארוס III, 259, 325, 328, 330 330.
האשיש I, 164.
הובער II, 137.
הויזטהיערע I, 82—85.
הונט I, 80—82, 84.
הייזער I, 183—186.
הייזער־אייגענטהום II, 193.
הייזער פון געפארבטע II, 110 — 113; III, 341.
הייליגע III, (בערג) 291 (גייסט) 327, (פיש) 294, (צאהלען) 265—271, (קובענס) 339.
הייל־מענשען I, 31, 38—40.
היילען פון אייז־פעריאד I, 36.
הייראטס - פארמען דורך געוואלט II, 86—92.
הימאלאיער בערג II, 39.
היפאליטא II, 56, 58.
היפאריאן I, 18.
היפאקראפט I, 170.
היפנאטיזירונג III, 160, 259, 308, 310.
היעראגליפען III, 80, 112, 117.
היעראטישע שריפט III, 114.
הירש־צייט I, 32.
העזיאד II, 60.
העטעריזמוס II, 42.
העמדער I, 256.
הענד־וואשען I, 151.
הערגעוועטע II, 168.
העררען (סטאדע) -געפיהל II, 11

העקסלי I, 24.
העקקעל I, 18.
הערֲאדֲאטוס I, 144, 210, 214, 301; II, 14, 64, 110, 112; III, 9, 228.
הערקולעס II, 58; III, 271, 329.

ו.

וואהנונגען I, 174—194.
וואולקאַנישעווירקונג I, 12.
וואַזאַראַמען II, 22.
וואָל I, 208.
וואַמפּום III, 103.
וואַנדערנדע נשמות III, 194.
וואַסער־פערגעטערונג III, 297.
וואָקאַלישע האַרמאָניע III, 36.
וויגעלע פון דער מענשהייט I, 26, 42.
ווייבער־פריעדען II, 76.
ווייהנאַכט (ניתל) III, 329.
וויין I, 159—163.
ווילדע מוראַשקעס און בינען II, 140.
ווילהעלם דער עראָבערער II, 271.
ווינדעקס II, 293.
ווירע II, 68.
ווירקונגען פון פּאַטריאַרכאַט II, 101—121.
ווישנו III, 266, 294.
ווישנו־פוראַנאַ III, 324.
וועבען I, 202—206.
וועגעטאַריאַנער I, 47.
וועדאַ III, 47, 323.
וועדאַכען II, 142, 309; III, 15—16.
וועלש III, 55.
ווענדעטאַ II, 116.
וועגוס III, 294, 335.

ז.

זאַדרוגאַ II, 197.
זאַלבונג II, 245, 252.
זאָראָאַסטר III, 50.
זשאַרגאָן III, 24, 52.
זוהר (קבלה) III, 268.
זולוסען I, 48, 231; II, 24; III, 17, 288.
זונען־היץ I, 135.
זונען־מיטה III, 322—333.
זונען־פערגעטערונג III 284, 293
זוקו II, 28.
זייד I, 215.
זילבער I, 275.
זמורה III, 337.
זעאום II, 60; III, 173.
זעגלען I, 263.
זעהעסטעד'ס הייזעל I, 35.
זעלבסטאויפאָפּפערונגען III, 225—227.
זעמאַנדאָ II, 29, 198.
זענד III, 50.
זעלענגערעטהע II, 169.

ח.

חוש הריאה III, 282.
חזקה II, (אויף פרויען און שקלאַווען) 103, (אויף מיידלעך) 109, (אויף אייגענטהום) 285, 291, 303.
חיות־פערגעטערונג III, 291—295.
חלומות III, 157—162.
חליצה II, 39.

חתן־נדן II, 44.
חתונה־צערעמאָניעס II, 87.

ט.

טאַאיטי־אינזלען I, 35; III, 227, 288.
טאַבאַק I, 165—167.
טאַבו I, 122; II, 48, 285; III, 186, 261.
טאָגאַ I, 252.
טאַגאַלען III, 35, 222.
טאַטואירונג I, 226, 236.
טאָטעם III, 101.
טאָטערס II, 36.
טאַיקון II, 248.
טאַנאַלאָנגאָ III, 171.
טאַנאַפּאַ III, 105.
טאָנגאַראָאָ III, 216.
טאַסמאַניער I, 249; III, 15.
טאַציטוס II, 65, 127; III, 139, 287.
טבילה III, 297.
טהאָטה III, 114, 252.
טהיער־שפּייז I, 51, 54, 89, 122
טהעאָקראַטיע II, 319; III, 313
טהעזעאוס II, 56, 58.
טהענעאישע געצייג I, 21.
טהערמאָדאָן II, 63.
טואַרעגען II, 25; III, 83.
טובו־רעשאַדע I, 55, 291; II, 70
טויב III, 292.
טויטונג פון זאַכען II, 148.
טויטע האַנד II, 167 — 170; III, 243.
טונגוסען II, 89.
טוראַלמון III, 258.
טוראַנישע שטאַמען III, 67.
טיבעט II, 39.
טיווועלשע אָנשיקענעס III, 310.
טעגליכע גייסטער III, 171.
טעילאָר (אייזעק) III, 110, 111, 119, 122.
טעמפּלען פאר בתולות II, 11.
טעפּי III, 255.
טעפּעריי I, 147.
טעראָנגאָ III, 216.
טערטוליאַן III, 281.
טעריטאָריאַלע אייגענטהום II, 134, 136, 142, 151, 173.
טראָפּישע לענדער (קולטור) I, 93.
טרויער־יאָהר פון אלמנות III, 237.
טרויער קלייד III, 225.
טריאַדען III, 339.
טריבונען II, 272.
טרימורטי III, 266.
טשאָרני פּערעדיעל II, 154.
טשערקעסען II, 73, 90.

י.

יאַגהאַנען (פּייערלענדער) III, 152.
יאָגי III, 311.
יאַוואַ II, 36.
יאַזאָן II, 60.
יאָני III, 335.
יאַפּאַנעזער I, 152; II, 114, 196, 247, 318.
יאַפּאַנעזער שריפט III, 121.
יאַקוטען I, 250.
יהוה III, 173, 258.
יובל II, 209.
יופּיטער II, 246; III, 173, 200.

יוקאַגירען, I, 266.
יוקאַטאַן III, 333.
יורוקאַרען III, 285.
ים־רויבערײ II, 222.
ים־רייזען I, 267—271.
יסודות (פיער) III, 295.
יעגער־צושטאַנד I, 89—90; II, 49, 97, 176; III, 187.
יעזואיטען אין פּאַראַגוואַי II, 164.
יעקב׳ס בית־אל III, 337.
ירושה־רעכט II, 163.

כ.

כאַזיאַ דיאַלעקט III, 32.
כאַלדעער III, 68, 330.
כאַליבען I, 295.
כאָנדען III, 218.
כהנים II, 245, 250; III, 313—317, 321.
כיטאָן I, 254.
כינעזער I, 152, 215, 229, 293; II, 72, 80, 200, 247; III, 190, 237, 279.
כינעזישע שריפטען III, 10[illegible], 119.
כישוף III, 302—309.
כלה־רויב II, 77, 87—92.
כנענים II, 206; III, 69.
כפּרות III, 238.

ל.

לאַאַנגאָ II, 70.
לאָבבאָק (דזשאָהן) I, 33; II, 40, 84.
לאַגבי I, 156.
לאַהאָטאַן II, 156.
לאַוואַ I, 126.
לאָטאָס I, 58.
לאַטײנישער פערבאַנד II, 289.
לאַטיפונדיען II, 227.
לאַיעל I, 38.
לאַנד־אײגענטהום II, 191—203.
לאַסאָ I, 116.
לאַפּלאַנדער III, 309.
לאַפּערוז II, 160.
לאָרבער־קראַנץ III, 312.
לאָרדען II, 270, 275.
לבנה פערעהרונג ביי אידען III, 201.
לודוויג דער הייליגער II, 289.
לוטהער II, 170.
לוסטרום III, 298.
לופּט־ביקסען I, 120.
לוקרעציוס III, 162.
לידזבאַרסקי III, 127.
ליובושאַ II, 65.
ליוויאַ II, 60.
ליווינגסטאָן I, 48; II, 23, 37, 40, 183.
לייוועגט I, 211.
ליימענע געשיר I, 146.
לימבוסען II, 26.
לינגאַ III, 335.
לינגא־יאָני קרייץ III, 340.
לינגוויסטיק I, 9, 99, 245; III, 23, 44, 49, 88, 154.
לינגוויסטישע סיסטעמען III, 89.
ליסטע פון פלעקסירטע שפּראַכען III, 39.
ליעבע־געפיהל ביי ווילדע II, 84.
ליציניער געזעץ II, 228.
ליקורג II, 49, 233.
ליקיער II, 14, 64, 110.
לעאָנידאַס II, 260.

לעוויראַט II, 39, 73.
לעטורנאָ II, 141, 208.
לעמבאַ II, 104.
לענאָרמאַן III, 256.

מ.

מאַאַביטישער (מישע'ס) שטיין III, 131—133.
מאַאים I, 95.
מאַאָרים III, 211, 215.
מאַהאָמעד II, 51.
מאַהאַבהאַראַטאַ III, 325.
מאַטאַבעלען III, 217.
מאַטריאַרכאַט II, 15, 18—45, 310.
מאַטריאַרכאַלישע געטינען III, 301.
מאַיאַס III, 106.
מאַי־בוים III, 337.
מאַלאַגאַשען II, 37, 107.
מאַלאַיער I, 228; II, 28, 88, 107; III, 16, 222, 310.
מאַלאַסענער ים I, 17.
מאַלבערג II, 286.
מאַלעמאַ III, 258.
מאַמאַנט־צייט I, 32.
מאָנאָגאַמיע II, 124—127, 311.
מאָנאָגענעטישע לעהרע I, 26.
מאָנאָטעאיזמוס III,, 277.
מאַנבוטו III, 211.
מאָנגאָלען II, 39, 72, 69.
מאַנו II, 281.
מאָנטעזומאַ III, 217.
מאַנטראַ III, 252.
מאַנציפאַציאָנ II, 291.
מאַסטאַדאָנט I, 17.
מאַספעראָ III, 77.
מאָסען III, 146—148.
מאַסקעס I, 235.
מאַצעדאָניער (מוקדן) II, 223.
מאָרגאַן (טהאָמאַס) II, 27, 32, 85.
מאָרטיליע I, 22; III, 154.
מאָריאָנען II, 28.
מאַרציאָנס II, 82.
מאַרקעזאַס אינזלען III, 215.
מואַנזאַ II, 105.
מוטער ערד II, 55.
מוטער־רעכט I, 92, 133 ; II, 46—68.
מוטערליכע אָנקעלס II, 52—53.
מומיעס I, 81 ; III, 180.
מופאַל III, 173.
מונסאַמי III, 219.
מוראַשקעס־שקלאַווען II, 138.
מזלות III, 271, 328.
מזל־שטיינער III, 289.
מיטהאָלאָגיע I, 9; III, 262 — 264, 279, 284 320—322.
מיטהראַ III, 267, 325, 329.
מיטליידס־געפיהל III, 209, 234.
מייז קאַניבאַלען I, 51.
מילאָנגאַ II, 105.
מיליטאַ III, 342.
מיליטערישער פוץ I, 234.
מילך־שפייז I, 48—50.
מיללער (מאַקס) III, 323.
מילעפיאָרי I, 299.
מיסטיציזמוס III, 281.
מיסטעריעס (רעליגיעזע) III, 321, 335.
מיקאַדאָ II, 247.
מכשפות III, 311, 315.

מכשפים III, 257, 303, 305, 315.
מלה III, 314.
מלכים־געטער II, 243—246.
מלכים־געצקעם II, 248.
מצה I, 138.
מצרים I, 82, 105, 140, 147, 158, 165, 190, 207, 209, 211, 213, 253 263, 285, 292, 298; II, 49, 245; III, 180, 206, 267, 270, 319 325, 339.
מעגאַליטישע געביידעס I, 187.
מעד I, 157.
מעטאַלענער פעריאָד I, 273־203.
מעטעאָרען III, 289.
מעטרישע סיסטעם III, 147.
מעין (העברי) II, 306.
מען II, 281.
מענער־קינדבעטען II, 78—82.
מענשליכע קרבנות III, 214־229
מענשענפרעסעריי I, 52; III, 211—214.
מעקסיקאָ I, 52, 112, 130, 191; II, 27, 149, 156, 160; III, 216, 227, 232, 287, 332.
מעקסיקאַנער היעראָגליפען III, 107.
מעראָווינגען II, 248.
מערקור II, 222.
מתים־פרעסעריי III, 182.

נ.

נאַאירען II, 40.
נאַטירליכע רעכטע II, 237.
נאַכטליכע גייסטער III, 171.
נאָמאַדען I, 78, 160.
נאָסטו III, 292.
נאַציאָנאַלע געטער III, 197.
נאַציאָנאַלע קאָסטיומען I, 251.
נאָראַלי III, 292.
נוטקא III, 216.
נומוליטישער ים I, 16.
ניי־גווינעאַ I, 35.
ניי־זעעלאנד I, 81, 144, 184, 206, 226, 263; II 37, 39, 90, 161.
נייע ווערטער III, 62, 80.
ניי־קאַלעדאָניען III, 17.
נעאָליטישער פעריאָד I, 34, 40.
נעאַנדערטהאַלער מענש I, 33.
נעגערן I, 145, 166, 202, 226, 287; III, 16, 273, 310.
נעגריטאָסען II, 142.
נעיטה III, 325.
נעמען־פערגעטערונג III, 255 — 259.
נעפטונישע ווירקונג I, 13.
נעפפען־רעכט II, 32.
נקודות III, 136.
נר תמיד I, 127.
נשמה III, 169, 206 — 207, (קולט) 177—191.

ס.

סאַבינער II, 91.
סאַגאַאי II, 40.
סאָבע I, 106.
סאָלאָן II, 219, 225.
סאָלסטים III, 328, 331.
סאָמאַ I, 157.
סאַמאָאַ־אינזלען II, 160.
סאַמאָיעדען II, 89.

סאמאריטאנער III, 135.
סאנסקריט III, 45—48, (שריפט) 139.
סאפינדא II, 198.
סאציאלאגיע II, 255.
סאקטא III, 338.
סאראמאטען I, 301.
סארנא I, 95, 158.
סואמי III, 37.
סוניטען II, 51.
סופיקסען III, 22.
סטראבאן II, 40, 62, 66, 110.
סטריגען III, 238.
סיאם II, 20; III, 31, 221.
סיווא III, 226, 266, 337.
סילאבישע צייכענס III, 126.
סימבאלען III, 232, 283, 329, 332, 335, 336 (צייכענס) 116.
סינאנימען III, 79.
סינטאקסיס III, 28.
סינטהעז II, 5.
סיריאק III, 68.
סכות-בנות II, 113.
סלאווען I, 98, 106, 132, 140, 213, 302; II, 58, 91, 113, 117, 196; III, 218, 221.
סעודות I, 89; II, 48; III, (לכבוד נשמות, גייסטער און געטער), 188—191, 200.
סעט III, 330.
סעילאן II, 39.
סעלטען I, 97, 165; II, 67; III, 218, 329.
סעלעקציאן (געשלעכטליכע) I, 220.
סעראפים III, 267.
ספארטאנער II, 48, 91, 116, 218; III, 229.
ספארטאקוס II, 230.
ספיקס III, 159.
ספיריטואליזמוס III, 282.
סצעפטער II, 243.
סקאלפירונג III, 216, 225.
סקאנדינאווען I, 132, 267; II, 268.
סקיטהען I, 144, 158, 165, 170, 301.

ע

עא III, 259.
עדות-פערמיטלער II, 290.
עהקילי-דיאלעקט III, 75.
עטהיאפען II, 110.
עטנאגראפיע I, 8.
עטנאלאגיע I, 267.
עטרוריען I, 192.
עינאס I, 172.
עכא-מיטה III, 250.
עלילת דם III, 243—246.
עלעקטראן I, 275.
עמאנסיפאציאן פון פרויען II, 125—130.
עמבריאלאגיע I, 24.
ענדאגאמיע II, 36.
ענטדעקונג פון פייער I, 125—126.
ענטוויקלונג פון רעליגיאנען III, 229.
עסקימאסען I, 131, 169, 177, 198, 250, 260; II, 80, 151; III, 216, 221, 255.
עץ-הדעת III, 286.
עקסאגאמיע II, 36, 41—44, 73

ערד־פּרעסערײ I 172.
עריגים II, 54.
ערלײזונגען II, 168; III, 232—248.
ערמאָרדונגען פון אַלטע II, 117.
ערם III, 55.
ערשטע פערזײהטע פלאַנצען I, 95—98.
עשתרות — זעה אַסטאַרטע.

פ.

פּאָזאַניאַס I, 117.
פּאַטאַגאָניען I, 196.
פּאַטריאַרכאַט II, 15, 177, 239, 310.
פּאַטריציער II, 224, 266, 272.
פּאָליאַנדריע II, 38, 51.
פּאָליגאַמיע II, 38, 94 123 311.
פּאָליגענעטישע לעהרע I, 27.
פּאָליטעאיזמוס III, 276.
פּאָלינעזיער I, 112, 120, 230, 136, 137, 199, 236, 260; II, 49, 148, 318; III, 215, 225, 255, 289, 291.
פּאַלעאָליטישער פּעריאָד I, 34, 38
פּאַלעאָנטאָלאָגיע I, 8.
פּאָמבע I, 158.
פּאָנכאַ I, 252.
פּאַנסטשיזנע II, 204, 233, 244.
פּאָסעידאָן II, 57, 61.
פּאַפּואַנער III, 185, 274.
פּאַפּירוס I, 207.
פּאַפּסט II, 251.
פּאַרלאַמענטען II, 269—276.
פּאַרסען III, 183.
פּדיון הבן III, 241.
פּוטער I, 169—171.
פּולונגא III, 263.
פּוסטע ווערטער III, 29, 31, 81.
פּועבלאָסען II, 154.
פּוץ I, 220—242.
פּטאָלאָמעאוס פילאַדעלפוס III, 335.
פּיטהאַגאָר III, 295.
פּיטהיאַ II, 297; III, 312.
פּיטהעקאַנטראָפּוס I, 20.
פּייניגונגען אין געריכטען III, 304.
פּיראַמידען I, 188, 191.
פּלאַטאָן II, 186, 216.
פּליניאוס I, 256; II, 227.
פּלעבעער II, 266, 272.
פּלשתים I, 293.
פּסח־איער III, 292.
פּסיכאָלאָגיע III, 155.
פּעלאַזגען II, 61.
פּעלאָפּאָנעזער מלחמה II, 221, 262.
פּענאַלוא II, 86.
פּערו I, 52, 191, 198, 207, 228; II, 27, 149, 157, 160, 244; III, 0, 217, 297, 332
פּערזענליכעס אייגענטהום (ענטשטעהונג, פערניכטונג און ערלײזונג) II, 146, — 149, 167—169.
פּעריאָדישע לאַנד־איבערבייטונגען II, 154.
פּפאַהל (סוואַינע)־געבײדעס I, 35, 175.
פּראָדוקטיווע ארבײט II, 172.
פּראָטאָפּלאַזמע I, 25.
פּראָסע I, 97.
פּראַקריט III, 48.

פריוואט אייגענטהום (ענטשטע־
הונג און ענטוויקלונג) II, 170
—189.
פרימאַס נאָקטים (רעכט פון דער
ערשטער נאַכט) II, 127.
פריעסטער־קלאַס III, 302.
פרעה II, 245, 350 ; III, (פסאַ־
מעטיך) 10.
פרעפיקסען III, 22.
פשרות מיט׳ן קולט III, 235 —
238.

פּ.

פּאַונאַלאָאַ I, 124.
פּאָטער־ליעבע II, 100.
פּאָטער־רעכט I, 93; II, 99--121
פּאַללוס־קולט III, 333—343.
פּאַמיליען־אייגענטהום II, 158,
177.
פּאַמיליען־שטעקענס און שווערדען
II, 117.
פּאָנאָגראַפּישע צייכענס III, 113.
פּאָנעטיק III, 30.
פּאָסטען III, 159, 187, 189,
195.
פּאַקירען III, 311.
פּויגעל־שפּראַך III, 292.
פּויסטרעכט II, 237, 278.
פּיגורען־לעקעכלעך III, 233.
פּידזשי־אינזלען II, 80.
פּיהפּיטערנדער צושטאַנד I, 86 ;
II, 93—95, 99, 176, 179,
187, 191, 255.
פּייל־און־בויגען I, 119.
פּיינדשאַפט צווישען איידימס און
שוויגערמוטערס II, 69—77.
פּייער I, 123—135, 200; III,
פערגעטערונג) 296.
פּיערלענדער I, 196, 235, 249;
II, 143.
פּילץ I, 210.
פּינגער־רעכנונג III, 17, 142.
פּיליפּינער II, 90.
פּיניקער (צרים) I, 160, 191,
212, 267, 277 298; II, 65,
112; III, 326.
פּלאַנץ־שפּייז I, 47, 51, 88, 121
פּלאַקס I, 212.
פּלעכטען I, 145.
פּעאָדאַלע סיסטעם II, 196 233,
318.
פּעטיש־געטראַנק III, 165.
פּעטישיזמוס III, 273—280.
פּעטס I, 167.
פּעל I, 196.
פּעלאַכען I, 291; II, 91.
פּעלקער ־ וואַנדערונגען I, 208,
250 ; II, 256.
פּעסטען III, 188.
פּערגעטערונג פּון חינט I, 83.
פּערהעסליכונג פּון פּערהייראַטעטע
פּרויען II, 114.
פּערוואַנדשאַפּט־סיסטעמען II, 32
—34.
פּערזייהונגען (ערשטע) I, 88.
פּערטהיילונג פּון ארבייט II, 175
פּערכאַפּונגען פּון פּרויען II, 40,
87—92.
פּערקריפּלונגען I, 228.
פּערשפּרייטונג פּון שפּראַכען III,
91—92.
פּראַטריע II, 43.
פּראַנצויזישע רעוואָלוציאָן II,
275.

פראַנקלין II, 71.
פרויען I, ערשטע אַקערבויער) 88, 92; II, (שקלאַווערײַ) 93, (טרייהייט) 101—107, (הייזער) 194.
פריגיער III, 336.
פרייע שטעט II, 264, 274.

צ.

צאָהל־ווערטער פון ווילדע פעלקער III, 16, 142.
צאָהלען II, 292; III, 141—146.
צואה־רעכט II, 210, 220, 266.
צווייטער נאמען III, 255, 256, 309, 314.
צוזאמענגעשטעלטע פּאַטריאַרכאַלישע פאַמיליען II, 128.
צויבער־ווערטער III, 252—254
צושפּייז I, 167—172.
ציגיינער III, 48.
ציגעל I, 191.
צין I, 276.
ציפער III, 143—146.
ציקלאָפּישע געבוידעס I, 190.
צעהנדליגע אָדער דעצימאַלע רעכנונג, III, 143.
צעזאַר (יוליוס) II, 66.
צעכען II, 273.

ק.

קאַאַבאַ (שטיין) III, 277, 288.
קאַבאַ (געטראַנק) I, 157.
קאַבאַליסטען III, 254.
קאַבילען III, 84.
קאַרמוס III, 138.
קאָוואַלעווסקי (מאַקסים) II, 73.
קאַווקאַזער שטאַמען II, 73.
קאַזאַס דאַס טינטאַס — זעה הייזער פון געפאַרבטע.
קאַטאָלישע קירכע II, 169, 264.
קאַיוגאַ II, 27.
קאָכען I, 137, 144, 147.
קאַלאַנגי II, 36.
קאָלאָנען II, 232.
קאָלומבוס I, 268.
קאָליע (רייזענדער), II, 70, 85.
קאָלכידאַ II, 60.
קאָלמיקען II, 72, 89.
קאָמוניזמוס II, 44, 157, 180.
קאַמטשאַטקאַ II, 80, 89; III, 256, 261.
קאַמילאַראָי II, 42.
קאָמפּאַס I, 265.
קאַנאָסאַ II, 251.
קאָנאָפּליע I, 164, 214.
קאָנגאָ II, 26.
קאָנוביאום II, 126, 288.
קאַניבאַליזמוס — זעה מענשען־פרעסערײַ.
קאַנטאַבריער II, 66.
קאַסטען III, 316.
קאַסיטעריד אינזלען I, 277.
קאַפּיטאַליסט II, 132.
קאַפּרען I, 48, 89; II, 72, 80, 84, 90; III, 17.
קאַראָאַדאָסען II, 79.
קאַראָלינען II, 28.
קאַרטהאַגען III, 71.
קאַריער III, 228.
קאַרלאָווינגען II, 248.
קאַרליקעס־פעלקער I, 55.
קאַרנאַ III, 238.
קאָרסיקאַ II, 80, 116.

קאָרע־קליידער I, 199.
קאַשע I, 149.
קאַשעמיר II, 39.
קואוואַד—זעה מענער־קינדבעטען.
קוויפּו III, 104.
קוועצאַלקאָאַטל III, 332.
קוטקאַ III, 261.
קוטשע III, 172.
קולט III, 176, 184, 198—202, 212.
קולטור I, (פּעריאָדען) 73—75, (אין דעם נאָרדליכען און זיד־ליכען האַלב־קוגעל) 197, 250.
קומיט II, 42.
קונעאָפאָרמישע (פּיילענאַרטיגע) שריפטען II, 207; III, 51, 66, 118.
קופּער I 274.
קופּערנער פּעריאָד I, 286.
קוק (קאַפּיטאַן) I, 181, 245; II, 160.
קורגאַנען I, 301.
קינדערמאָרד I 21, 38, 116.
קינדער־קרבנות III, 227, 238—243.
קיפּרוס I, 286.
קלאַסישע בראָנזע I, 281.
קלאַסען און קאַסטען II, 159, 225, 317.
קלאַסענקאַמפּף II, 272—276.
קליידער I, 244—257.
קלימאַט און קולטור I, 94.
קסעאָנפאָנט II, 216.
קסערקסעס II, 260, 283.
קעידרו (Coeurdoux) III, 45.
קעלטען—זעה סעלטען.
קעפּ I, (אונטערשפּאַרונגען) 85, (בעפּוצונגען) 225; III, (גע־יעג) 222—225.
קעפּסוויבער II, 124.
קערפּער־פּארבונג I, 234.
קראָקי II, 42.
קרבנות III, (אין יעגער צו־שטאַנד) 187, 200—207.
קרייציגונג פון דער זון III, 330.
קרייץ־ציגע II, 251.
קרייצען III, 286, 330—333, 338.
קרישנאַ III, 234, 331.
קרעטאַ II, 48, 58.

ר.

ראַטצעל I, 77; II, 86; III, 99, 104, 210, 211, 214 218, 222.
ראָזעטטאַ־שטיין III, 112.
ראָלאַנד II, 287.
ראָנגאָ III, 171.
ראַסען II, 320; III, 86—95.
רוחניות III, 161, 169, 280, 296.
רוימער I, 161, 168, 171, 185, 193, 302; II, 40, 91, 118, 263, 266, 269, 270, 290; III, 92, 218, 329.
רוימישע ציפער III, 143.
רוסלאַנד II, 195, 196, 197, 233
רוסקאַיאַ פּראַוודאַ II, 68.
ריג־וועדאַ III, 296, 330.
רייז I, 96.
רעכט II, 236—238, 278.
רעכטע האַנט I, 151; III, 7.
רעכנונג III, (שנירלער) 102,

(קעסטלער) 105.
רעליגיאָן I, (אין פערבינדונג מיט פערקריפלונגען) 229; II, (אין פערבינדונג מיט חתונה־צערעמאָניעס) 102—106; III, (געפיהל) 151, 154, (פונדאַמענט) 162, (אין פערבינדונג מיט קאַניבאַליזמוס 214—218
רענאַן III, 41, 70, 71.
רענעסאַנס II, 267.
רעפאָרמאַציאָן II, 170.
רעפרעזענטאַטיווע סיסטעם II, 276.
רעקס (rex) II, 246, 263.

ש.

שאַווע III, 45.
שאַלוואואַ II, 156.
שאול ליהוה III, 242.
שאָטען III, 169.
שאַמאַנען III, 307—309.
שאָמבורג II, 81.
שאַמפּאָליאָן III, 112.
שאַנדע־געפיהל I, 247—248, 255
שאַסטראַ III, 219.
שבועה II, 299, 301.
שוואַרצע הייזער I, 185.
שווערדען I, 112.
שטאַאַטען II, 239—276.
שטאַם־צייכענס I, 230.
שטייסלער I, 108.
שטיינער־פערגעטערונג III, 288—290.
שטיינערנע געביידעס I, 190.
שטיינערנער פעריאָד I, 32.
שטעקען־קאַלענדאַר III, 105.
שטראָפען II, 282, 295, 305.
שטריק I, 214.
שיאיטען II, 51.
שיכטען פון דער ערד I, 12—14.
שילער III, 214.
שיפלער I, 259—264.
שכרות I, 156.
שלאַנגען־קולט III, 293.
שליידער־שטיינער I, 114.
שלייכער I, 45.
שם־המפורש III, 251, 257.
שמואל און שאול II, 259.
שמידען I, 289—292; II, 257.
שמעלצונג פון מעטאַלען I, 279.
שעפען II, 294.
שפייז פאר טויטע III, 168, 176, 185—191, 201—207.
שפּראַך III, (פעהיגקייט) 5—9, (אַרטיקולירטע) 4—13, (מאָנאָסילאַבישע) 21, 27, (אַגגלוטינירטע) 21, 33 (פלעקסירטע) 23, 39—43, (כינעזישע) 26—31, (אַנאַמיטיער, בירמאַנער, טיבעטאַנער, סיאַמעזער) 31, (אונגאַרישע) 22, 37, (אוגראָפינישע) 37, (אוראַלאָ־אַלטאַאישע) 36—38, (באַנטו) 34, (יאַפּאַנעזער, מאַלאַיאָ־פּאָלינעזישע) 35, (אינדאָ־אייראָפּעאישע) 38, 41—43, 45—65, (ציגיינער) 48, (איראַנישע) 49, (אַלט־פּערסישע) 50, (ליטווישע) 40, 56, (לעטטישע) 56, (סעלטישע) 55, (אַנאַליטישע) 58, (רוסישע) 61, (ראָמאַנישע) 62, (ענגלישע) 61, 88, (סעמיטישע) 38, 41—43, 64—75, (אַסירישע) 66—68, (אראַמע־

איזשע) 66, העברעאישע 69 —73, (פיניקישע) 70, (פאָר־ניזשע) 71, 83, (אַראַבישע) 73, (הימאַריטישע) 74, (האַמיטי־שע) 38, 76—85, (עגיפּטי־שע) 77—81, (קאָפּטישע) 82, (ליבישע) 83, (עטהיאָפּישע) 84.

שקלאַווערײַ II, 126, 158, 178 —187, 314, (שקלאַווערײַ ביי אידען) 210, (ביי גריכען) 215—218 (אין רוים) 229—232.

שקלאַווען־גייסט II, 183—186.

שראַדער III, 65.

שריפטען III, 96—124, (זעהע: בילדער־שריפטען, היעראָגליפען, אַלפאַבעט).

ת.

תבואה I, 99—101.

תו־קרייץ III, 338.

תחת ירכי III, 342.

תלמוד II, 52; III, 294.

תמוז III, 331, 336.

תעניתים III, 189.

תפלות III, 247—249, 259.

תרגום III, 68.

תשובה II, 305; III, 189.

תשליך III, 298.

קאַטאַלאָג

פון די

אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק

		פרייז
פיליפ קראַנץ,	קולטור געשיכטע, 1טער באַנד, געבונדען....	$ .75
״ ״	״ ״ 2טער ״ ״	.75
״ ״	״ ״ 3טער ״ ״	.75
״ ״	״ ״ 1טער ״ פאַפּיער....	.60
״ ״	״ ״ 2טער ״ ״	.60
״ ״	״ ״ 3טער ״ ״	.60
״ ״	פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, געבונדען......	.75
״ ״	״ ״ פאַפּיער......	.60
״ ״	אַמעריקא פאר קאָלומבוס, געבונדען........	.50
״ ״	יציאת מצרים	.15
״ ״	וואָס הייסט נאַציאָן	.10
״ ״	אַריסטאָטעל ביאָגראַפיע......	.10
״ ״	ברוך שפינאזא ״	.15
״ ״	שבתי צבי ״	.15
״ ״	יאָזעפוס פלאַוויוס ״	.15
״ ״	בר כוכבא ״	.15
״ ״	לעסינג און מענדעלסאָהן ״	.25
״ ״	די פאַמיליע ראָטהשילד ״	.15
״ ״	דון יצחק אברבנאל ״	.15
״ ״	מאָהאַמעד ״	.15
״ ״	מעיערבעער ״	.15

	פרייז
מאררים ראזענפעלד, שריפטען, 1טער באַנד, געבונדען	1.00
〃 〃 〃 2טער 〃 〃	1.00
〃 〃 〃 3טער 〃 〃	1.00
〃 〃 היינריך היינע, ביאָגראפיע	.15
〃 〃 יהודה הלוי 〃	.15
ד. פינסקי, ערצעהלונגען, 1טער באנד	.50
〃 〃 〃 2טער 〃	.50
〃 〃 אייזיק שעפטעל, דראמא	.15
〃 〃 זרבבל	.5
דר. קאספע, מעכאַניקע	.10
〃 〃 כעמיע	.15
〃 〃 אַסטראָנאָמיע	.15
יהואש, געזאַמעלטע ליעדער, געבונדען	1.00
י. גאָרדין, ערצעהלונגען	.50
〃 〃 גאָט, מענש און טייוועל	.25
〃 〃 סאפפהא	.25
〃 〃 אלישע בן אבויה	.15
〃 〃 דער אונבעקאַנטער	.20
〃 〃 די אמת'ע קראַפט	.20
〃 〃 וואלטער, ביאָגראַפיע	.10
מאקסים גאָרקי, ערצעהלונגען	.15
〃 〃 אינטערוויום	.15
ליעוו טאָלסטאָי, איינציגער מיטעל	.5
〃 〃 פאטריאָטיזמוס און רעגירונג	.5
〃 〃 צום ארבייטער פאָלק	.15

	פרייז
דר. ח. זשיטלאָווסקי, דער סאָציאַליזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע	.40
ז. ליבין, געקליבענע סקיצען	.50
מ. באַראַנאָוו, דער מענש און די נאַטור	.10
ה. אלעקסאנדראָוו, טאָלסטאָי, ביאָגראַפיע	.10
ב. פייגענבוים רמב"ם "	.10
מ. וויערניק, רב סעדיה גאון "	.10
" " דער ווילנער גאון "	.10
מ. פרומקין, ר' ישראל בעל שם טוב "	.10
ד. מ. הערמאלין, יצחק בער לעווינזאָהן, ביאָגראַפיע	.15
לעאָפּ. קאמפף, פאר'ן שטורם, דראמא	.20
הענריק איבסען, דיא גייסטער "	.20
„קניאז פאטיאמקין"	.20
דר. ש. פעסקין, סטרייקס	.5

אדרעסירען:

A. M. EVALENKO,

140--142 W. 27th ST.

NEW YORK.

פאלגענדע ווערק ווערען פערפערטיגט צום דרוק:

אַ פאָלשטענדיגע אויסגאבע פון י. ל. פרץ'ס שריפטען

דר. ח. זשיטלאָווסקי'ס שריפטען

ליעסינ'ס געזאַמעלטע ליעדער

יודישע פאָלקס-ליעדער געזאַמעלט פון י. ל. כהן

מילל'ס פרייהייט, איבערזעצט פון דר. י. מעריסאָן

דער מטורף, דראמא אין 4 אקטען, פון יעקב גאָרדין

יעקב גאָרדינ'ס ערצעהלונגען, צווייטער באַנד

ל. טאָלסטאָי'ס די שקלאפעריי פון אונזער צייט

" " דער סוף פון דער הייגטיגער וועלט

" " די אויפשטעלונג פון גיהנם

" " וועגען דער געזעלשאפטליכער בעוועגונג אין רוסלאַנד

" " תחית המתים

היינעס געדיכטע, איבערזעצט פון ד. פינסקי

סאקראטעס, אַ ביאגראַפיע פון דר. ק. פאָרנבערג

געקליעבענע ערצעהלונגען פון גיואי דע מאפאסאן, איבערזעצט פון י. ענטין